STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06911

NETSAH YIDISHKAYT

L. Domankevitsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייזער דאָמאַנקעוויטש

נ צ ח   יי ד י ש ק יי ט

אַרויסגעגעבן פון דער משפחה
מיט דער הילף פון יידיש־סאָציאַלן־פאָנד

Netseh Yidishkayt.

ל. דאמאנקעוויטש

נצח יידישקייט

עסייען

●

צום אָנדענק

Ouvrage publié avec l'aide
de la Commission du Livre
du F.S.J.U. et ayant reçu le
Prix 1980 du Meilleur
manuscrit yiddish.

1980 — תשמ״א　　　　פּאַריז

ל. דאָמאַנקעוויטש — נצח יידישקייט

עסייען — צום אָנדענק

פּאַריז, תשמ״א — 1980

L. DOMANKIEWICZ

Netzeh Yiddishkeit

Pérennité du yiddish

Essais

Paris - 1980

© by Bacha DOMANKIEWICZ

Printed in France

Imprimerie IM.PO.
65, rue du Faubourg-Saint-Denis
75010 PARIS

לייזער דאָמאַנקעוויטש

(1973 — 1896)



אַ וואָרט פריער

צוליב וועלכע סיבות איז יידיש לשון אַלעמאָל געווען אַזוי נאָענט, אַזוי טייער לייזער דאָמאַנקעוויטשן? גאָר פשוט: לויט לייזער דאָמאַנקעוויטש איז יידיש לשון אַלעמאָל אַזוי אייגן דעם פוילישן און רוסישן פּאָלקס־ייד, ווי זיין אייגענע הויט און זיין אייגענע נשמה.

ל. דאָמאַנקעוויטש פלעגט אויפשטיין מיט יידיש, זיין „גוט מאָרגן" איז געווען אַ יידישער, זיין טאָג אַ יידישער, זיין אַרבעט אַ יידישע, זיין פּיעטעט צום יידיש־לשון איז תמיד געווען אין לשער.

אין לייזער דאָמאַנקעוויטשעס יידיש זענען במילא אַריינגע־גאַנגען אַלע העברעאישע אויסדרוקן, וואָס זענען מיט דער צייט אַזוי פאַריידישט געוואָרן, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אָפּצו־טיילן איינס פונעם צווייטן. ביידע לשונות זענען אין זיין מויל געווען געקניפּט און געבונדן. זיינס אַ באַרימט וואָרט איז געווען: „העברעאיש האָבן מיר געהיטן, אָבער יידיש האָט אונז געהיטן". דאָס האָט געהייסן, אַז יידיש, דער אָפּט פאַרזיווגטער יידיש מיט העברעאיש האָט אונז געהיטן פון אַסימילאַציע און ממילא פון פאַרשווינדן צו ווערן צווישן די פעלקער. דאָס האָט אויך געהייסן, אַז אונזער פשוטער טאָגטעגלעכער יידיש, באַווירצט מיט אַ סך העברעאיזמען האָט אונז נאָך שטאַרקער, נעענטער צוגעבונדן צו אונזער שטאַם, אונזער אייגנאַרטיקייט, אונזער ליבע צו יידישע טראַדיציעס, צו אונזערע יום־טובים, צו אונזער ווייטער און נאָענ־טער פאַרגאַנגענהייט, טראָץ אַלע רדיפות און שחיטות.

זיין ליבע צו יידיש איז געווען אין לשער, פלעגט ער טאַקע רעדן און שרייבן יידיש מיט ליבע, מיט האַרץ און מיט דרך ארץ. און גערעדט יידיש האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש בכדי, אַזוי צו זאָגן:

יידיש איז דער טרייער שפּיגל פון אונזער לעבן,
דער עדות פון אונזער וויטאַליטעט,
דער אויסדרוק פון אונזער ענערגיע, באַוועגלעכקייט,
פון אויסדויער, און צופּאַס־כח.

די דאָזיקע געדאַנקען פלעגט ער אַריינפירן אין זיינע פּילקאָ־לירנדיקע שבתדיקע עסייען, זיי אַריינשפּינען, דורך פאַרשידענע פאָרמען, אין אַ סך יום־טובדיקע מאמרים; און די־אָ שבת און יום־טוב מאמרים; האָבן שוין באַוויזן משפּיע צו זיין פיל יידישע לייענער.

לייזער דאָמאַנקעוויטש איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פונעם שטעטל סטריקאָוו, צו האַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס. מיט דער צייט האָט מען אים פאָרגעשלאָגן צו ווערן דער סטאַבילער העברעאישער לערער אינעם דאָזיקן פּיטאָרעסקן שטעטל, סטריקאָוו ביי לאָדזש, און וואָס זיין גרויסע באַרימטע אַלטע שול איז צוליב אירע אינעווייניקסטע געמעלן, אויסגעפירט דורך דעם דעמאָלט וועלט־באַרימטן באָקס־קעמפער, זישע ברייטבאַרט, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען, אַ נישט־וויניקער באַרימטער קונסט־מאָלער אין יענעם פעריאָד און צוליב די דאָזיקע געמעלער האָט די שול פון סטריקאָוו באַקומען אַ שם דבר.

און לייזער דאָמאַנקעוויטשעס שפּאַציר איז אין סטריקאָוו קיינמאָל נישט געווען קיין איינזאַמער. קוים האָט ער זיך באַוויזן אין גאַס, אָדער אויפן שול־פּלאַץ, האָבן זיך געעפנט טירן פון יידישע היימען און עס האָט זיך באַלד פאַרזאַמלט אַ גרופּע יוגנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט לייזער דאָמאַנקעוויטשן בכדי צו הערן זיין שפּרודלדיק וואָרט באַווירצט מיט זיין ספּאָנטאַניש און קלוגן הומאָר.

היינט צו טאָג, איז די אַמאָל באַרימטע סטריקאָווער שול מער נישטאָ. די ווילקירלעכע נאַציס האָבן זי פּראָפאַנירט. זי פאַרוואַנדלט אין אַ שוץ פאַר זייערע פערד. דאַן, ביי זייער מפּלה, האָבן זיי די הייליקע שול דינאַמיטירט בכדי זי אויפצורייסן צו־זאַמען מיט די פאַרבליבענע רעשטלעך פון דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די מיטגלידער פון מיין משפּחה.

באַשאַ דאָמאַנקעוויטש

עזועלין דאַמאַנקעוויטש-קריעף

מיין פאָטער — דער מענטש פון ספר

עס זענען פאַראַן דיסקרעטע דערינערונגען וואָס וואַכן אויף אין מיר זעלטן און עס זענען פאַראַן אַנדערע וואָס באַצווינגען מיך און לאָזן מיך נישט צורו. נישט אַלע זענען נוגע מיר.

פון וואַנען נעמט זיך וואָס לאָדזש, די שטאָט וואָס איך האָב נישט געקענט, לאָדזש דאָס לעגענדאַרע — דאָס פאַרשווונדענע — זאָל מיר זיין אַזוי נאָענט ?

אָבער דאָס קומט פון מיין פאָטער.

אייגנטלעך האָט מיין פאָטער קיינמאָל נישט פאַרלאָזט לאָדזש. ער איז דאָרט געקומען באַגעגענען זיך מיט זיין עלטע־רער שוועסטער העלאַ צימערמאַן, די ענערגישע, די דרייסטע, פון וועלכער ער האָט גערעדט דאָס גאַנצע לעבן זיינס. זי האָט געעפנט אַ געשעפט פון ערשט-קלאַסיקער פרויען-קליידונג און געגרינדעט שפּעטער אַ ליטעראַרישן „סאַלאָן".

ווען מיינע עלטערן פלעגן מיר דערציילן וועגן דאָזיקן סאַ־לאָן האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעדאַכט אַז אַ רירעוודיק פּי־בערהאַפּט לעבן איז דאָרט אָנגעגאַנגען, וואָס איז באַשטאַנען פון זעלטענע באַגעגענישן, פון אינטערעסאַנטע געשפּרעכן וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך נישט-געוויינלעכע פּערזענלעכקייטן. די דאָזיקע איינדרוקן זענען טאַקע באַשטעטיקט געוואָרן דורך

אַנדערע, עדות און דורך מיינע אייגענע דערינערונגען, געהערטע שמועסן ביים טאַטנס טיש. געוויסע פון די דאָזיקע פּערזענלעכ־קייטן האָבן זיך ווידער באַוויזן מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער אין פּאַריז. מ. אשכולי, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, דזשיגאַן און שומאַכער, דער מאָלער לאַנדאַו, משה בראָדערזאָן איציק מאַנגער — ווער עס איז דאָ געקומען ווי אַ גאַסט און ווער עס האָט פּאַרלאָזט לאָדזש באַצייטנס.

אָבער פון דער גאַסטגעבערין, פון איר מאַן און זייער ייִנ־גערן זון, און פון דעם גרעסטן טייל פון די אַלע וואָס פלעגן קו־מען צו זיי, צו די צימערמאַנס, בלייבן נישט מער ווי עטלעכע פאָטאָגראַפיעס און אַ צייכענונג: דער פּאָרטרעט פון הערשעלע זוהר, וואָס די מאָלערין אסתר קאַרפּ האָט געצייכנט נאָך אין לאָדזש זייענדיק. דער דאָזיקער פּאָרטרעט הענגט ביז היינט צו טאָג אין עס־צימער פון מיינע עלטערן. און נאָך עפּעס, פאַר־שטייט זיך, איז געבליבן: דאָס ווערק פון די שרייבער און צווישן זיי — דאָס ווערק פון יצחק קאַצענעלסאָן.

האָט דער טאַטע דערציילט:

הערשעלע זוהר, אַ מיסטיקער וועלכער האָט מער נישט גע־גלייבט אין גאָט, אַן ערלעכער וועלכער האָט געקענט עבירות בלויז פון הערן, האָט זיך איינמאָל צוגעבויגן צו מיין פאָטער און אָנווייזנדיק אים אויף אַן אַקט וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט ביי די צימערמאַנס, פּונקט אַקעגנאיבער דער קאַנאַפּע וווּ זיי זענען געזעסן, האָט ער אים געזאָגט:

„זאָג מיר, לייזער, די תאווה איז אָט אָ דאָס ?”.

אַ צווייט מאָל האָט איינער, אשכולי גלייב איך, באַמערקט ווי מיין פאָטער איז אָן אַ קראַוואַט, האָט ער אים געזאָגט: „דו קענסט אַזוי נישט בלייבן!” און ער האָט אויסגעטאָן זיין קראַ־וואַט און אים אָנגעטאָן אויפן האַלדז פון מיין פאָטער.

אַ מין התלהבות גייט אויף פון די דאָזיקע דערציילונגען, אָן אויפשיין פון אַ רירנדיקער סענסיוויטעט. איך האָב נאָר־וואָס דערמאָנט אַ קאַנאַפּע. דאָס איז ביי די צימערמאַנס געווען

אַ באַרימט מעבל־שטיק, אַט די קאַנאַפּע פון פּאָעטן; יעדעס מאָל ווען מאַנגער פלעגט קומען קיין לאָדזש, איז ער אויף איר גע־שלאָפן. מען האָט זי טאַקע גערופן די מאַנגער־קאַנאַפּע. די קאַ־נאַפּע פון גאַסט־פריינטלעכקייט איז אַוועק מיט אַלעם וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט איר.

דער אַנדערער צוזאַמענקונפט־פּונקט אין לאָדזש איז געווען דער טעאַטער „אררט". מיין מוטער איז דאָרט געווען די קאַסירערין.

מען האָט דאָרט געשפּילט די פּיעסן און סקעטשן פון פאַרשידענע מחברים און דער עיקר פון משה בראָדערזאָנען, ווע־מענס פרוי איז געווען די פאַרטנערין פון דזשיגאַנען. איך גלויב אַז דאָס דאָזיקע קולטור־לעבן וואָס האָט גראַוויטירט אַרום דעם סאַלאָן פון העלאַ צימערמאַן איז נאָך פאַרגעזעצט געוואָרן אַ געוויסע צייט נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט, ווייל דייטשישע פליטים זענען דעמאָלט אָנגעקומען אין לאָדזש: דער מאָלער יאַנקל אַדלער און זיין פריינט דער מאָלער זיגמונד שרע־טער, וועלכער האָט שפּעטער אויפן מאָנפּאַרנאַס אין פּאַריז באַ־קומען גרויס אָנזען. אָבער דאָס איז שוין געווען נאָך דעם ווי מיינע עלטערן זענען געהאַט אַוועקגעפאָרן.

לאָדזש פאַרנעמט אַלץ אַ גרויס אָרט אין דער סענסיביליטעט פון מיין פאָטער. ווי ער האָט דאָס אַליין געשריבן האָט: „די דאָזיקע גרויסע פּראָווינץ־שטאָט אָן אַן אוניווערסיטעט, אָן אן אָפּעראַ, אָן אַ מוניציפּאַלן טעאַטער, אָבער וווּ די חסידישע בעלי־תפילה האָבן שבועות געזונגען זייערע ניגונים מיט דער מעלאָדיע פונעם פינאַל פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע", איז נישט אויפגעהערט צו פאַרפאַלגן; און שפּעטער אין פּאַריז איז אונדזער קליינע וווינונג אויף אַוועני זשאַן זשאָרעס געוועז דאָס אָרט פון באַגעגענען זיך פון די עמיגראַנטן פון לאָדזש. אויך דאָ האָט זיך געפונען אַ קאַנאַפּע, אָבער אויף איר פלעג איך איינשלאָפן בשעת די הענט פון פּאָעטן האָבן זיך באַוועגט איבער מיין קאָפּ.

אין היפּוך צו אַ סך שרייבער פון זיין דור, האָט זיך מיין פאָטער נישט געיחוסט מיטן שטעטל. וועגן קרושניעוויץ, ווו

ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער ווינציק גערעדט. ס'איז זייער טיפּיש געווען פאַר אים, אַז יעדעס מאָל ווען ער איז אַרויסגע־פאָרן אויפן דאָרף אָדער אין דער יידישער קאָלאָניע פון ברינואַ, האָט ער געהאַט קאָפּ־ווייטיק. ער איז געווען אַ שטאָט־מענטש. ער האָט ליב געהאַט דעם אַספאַלט און די ליכטער פון די קאַ־פעען. נישט בלויז וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין סענטימענט פאַר דער נאַטור, נאָר עס האָט אויך אויסגעזען אַז ער איז פאַר־וווּנדערט פון דער ווירקונג וואָס זי האָט אויף אַנדערע. אָט איז אַן אַנעקדאָט אין שייכות דערמיט:

הערש־מענדל, וועלכער איז געווען איינער פון אונדזער סבי־בה, פלעגט קומען צו אונדז אויפן וויק־ענד קיין ברינואַ. מיין פאָטער פלעגט זיך גערן אויפהייבן זעקס אין דער פרי. אָבער איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, אַרויסגייענדיק אין גאָרטן, איז ער געווען איבעראַשט צו טרעפן דאָרטן הערש־מענדלען, וועלכער איז אַזוי אַרום געווען נאָך אַ גרעסערער פרי־אויפשטייער, און צו זען אים באַוווּנדערן דעם זון־אויפגאַנג.

מיין פאָטער פלעגט אויפנעמען לייכט מיין מאַמעס התלהבות, ווען זי האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד אָדער אין אָנבליק פון אַ פּאַנאָראַמע, אָבער ער האָט נישט געטיילט איר באַגייסטערונג. ער האָט קיינמאָל נישט גע־רייזט צוליבן אַנטדעקן פּייזאַזשן, נאָר צוליבן טרעפן מענטשן.

איך גלויב נישט אַז ער זאָל האָבן ליב געהאַט דאָס שטעטל, די שטעטלדיקע באַגרענעצטקייט און די אָרעמקייט. לאָדזש איז פאַר אים געווען דער ערשטער עטאַפּ צו דער וועלט. פּאַריז איז געווען דער צווייטער. די אומזיכערע באַדינגונגען פון דער נאָענ־טער מלחמה און דערנאָך די מלחמה גופא האָבן געשטערט זיין אַנטוויקלונג, פון וועלכער ער איז סוף־כל־סוף דערגאַנגען צו רייפקייט און ער האָט געפונען זיין אויסדרוק און דעם עולם פאַר וועלכן ער האָט זיך אויסגעדריקט.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין זיין פאַל איז דער מענטש

װעלכער האָט זיך אױסגעדריקט דורכן גערעדטן װאָרט אַזױ װױכטיק װי דער מענטש װאָס האָט זיך אױסגעדריקט מיטן געשריבענעם װאָרט. אַט דאָס איז באַזונדערס געװען קלאָר אין די פרײטיק־צו־נאַכטסן, װען בײ אונדז זענען געװען אײנגעלאַדענע געסט און עס האָבן זיך געהערט די שמועסן און דאָס אימפּראָװיזירטע קאָמענטירן פאַרשידענע ענינים.

אײנע פון טאַטנס באַליבטע טעמעס איז געװען דער חסידיזם. ער האָט נישט געהאַט דעם גלױבן, אָבער ער האָט געהאַלטן פון דער חסידישער טראַדיציע, װעגן װעלכער ער האָט זיך אױסגעדריקט, אַז זי האָט אױפגעהאַלטן פאָלקישע אײגנאַרט.

זיצנדיק פרײטיק־צו־נאַכטס אױבן־אָן בײם טיש אין עסצימער רי דע לעסעפּ, האָט ער גערן געשפּילט די ראָלע פונעם פּאַטריאַרך. פאַר די אָנגעצונדענע שבת־ליכט האָט ער געמאַכט קידוש מיטן זילבערנעם בעכער אין דער האַנט. איך גלױב, אַז דורך אַט דעם קידוש האָט ער דער עיקר געװאָלט אָפּגעבן כבוד זײן פאָטער (װעמענס פאַרנאָמען נחום ער האָט אָנגענומען אַלס זײן פען־נאָמען פאַר פאַרשידענע פּובליציסטישע אַרטיקלען: (נחומי) און אױסדריקן אַזױ אַרום זײן סאָלידאַריטעט און צוגעבונדנקײט מיט די פאַרגאַנגענע דורות. אַזױ האָט ער געשאַפן בײ זיך אַ מין סינטעז פון „סאַלאָן" און „הײם" װאָס האָט אָנגעהאַלטן דער עיקר פרײטיק־צו־נאַכטס און בעת די יום־טובים.

עס װעט נישט זײן נױטיק אױפצושטעלן די רשימה פון די אַלע װאָס האָבן באַטראָטן די האַרטע טרעפּ פון דער רי דע לעסעפּ: שרײבער, קינסטלער, פּאַרטײ־מענטשן, פּאַריזער אײנװױנער און דורכרײזנדיקע, קומענדיק פון ישראל, פון די פּאַראײניקטע שטאַטן, פון אױסטראַליע, פון אַרגענטינע, פון דרום־אַפריקע. דער שפּעטערדיקער נאָבעל־פּרײז־טרעגער יצחק באַשעװיס־זינגער, װערנדיק באַגלײט פון עטלעכע שרײבער, איז געקומען צו אים מיט אַ באַזוך אין ברינוא, בשעת די קראַנקהײט האָט אים שױן געהאַט דערװײטערט פון יעדן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַזױ איז נאָך געװען זײן פּרעסטיזש, װאָס מײן מוטער האָט אונטערגעהאַלטן מיט איבערגעגעבנקײט.

בשעת דער מלחמה איז ער געזעסן עטלעכע חדשים אין תפיסה אין ליאָן. בלויז איינער פון זיינע מיט־אַרעסטאַנטן האָט געהאַט אַ וויזיט פון אַ פּאַסטאָר. דער אַרעסטאַנט האָט געבעטן דעם פּאַסטאָר, אַז ער זאָל אים שיקן ברויט. דער פּאַסטאָר האָט אים איבערגעלאָזט די ביבל. אין עטלעכע טעג אַרום, וועלנדיק לייענען די ביבל, האָט מיין פאָטער געבעטן ביים אַרעסטאַנט, אַז ער זאָל זי אים באָרגן. יענער האָט זיך אַנטשולדיקט: ער האָט זי אויפגעגעסן.

מיין פאָטער האָט נישט געגעסן נישט די תורה און נישט דעם תלמוד, אָבער ער האָט זיי אַזוי אַריינגענומען אין זיך, אַז זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון זיין בלוט און פלייש. זיי האָבן גע־מאַכט פון אים אויפן גאַנצן לעבן אַן איש הספר.

פוילן מיין אַמאָליקע היים — לאָדזש מיין שטאָט

1945 אין יידישן לעבן

מיר האָבן נאָרוואָס אָפּגעריסן דאָס לעצטע בלעטל פון קאַלענדאַר 1945 און עס וועט נישט זיין איבעריק צו מאַכן אַ קורצן סך־הכל פון דעם, וואָס דאָס אָפּגעלאָפענע יאָר האָט מיט זיך געבראַנגט פאַר אונזער אַזוי שווער־געפּרוווטן פאָלק.

אין 1945 האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער און מערדערישסטער וועלט־קריג פון אַלע צייטן. עס האָט זיך דערמיט אויך אָפּגעשלאָסן איינס פון די בלוטיקסטע קאַפּיטלען פון אונזער מאַרטירער־געשיכטע. עס האָט זיך פאַרענדיקט די „נאַכט פון לאַנגן מעסער", וואָס די ברוינע בעסטיע האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן פאַרצויגן איבער דער וועלט. אָבער אין דער פינצטערניש פון יענער צו לאַנגער נאַכט איז אומגעקומען דאָס שענסטע און בעסטע פון יידישן פאָלק, עס איז אונז, מיטן אומקום פון פוילישן און בכלל מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, אַראָפּגענומען געוואָרן די קרוין פון אונזער קאָפּ.

און כמעט די גאַנצע ערשטע העלפט פון אָפּגעלאָפענעם יאָר האָט די חיה נאָך אַלץ געצאַפּלט און אַ צעיושעטע זיך נאָך געוואָרפן צו פאַר־פייניקן און דערמאָרדן נאָך צענדליקער טויזנטער פון אונזערע שוועס־טער און ברידער, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין אירע שפּאָנעס. אין מאַי איז ענדלעך די נאַצי־חיה געפאַלן אַ געקוילעטע אונטער די קלעפּ פון אַ גאַנצער וועלט.

פאַר די צוזאַמענגעיאָגטע שקלאַפן פון אַלע לענדער, האָט געשלאָגן די שעה פון באַפרייאונג און פון צוריקקער אין זייערע היים־לענדער; פאַר דער קליינער צאָל איבערגעבליבענע שקלאַפן פון יידישן פאָלק האָט זיך נאָך די פּיין נישט געענדיקט. אויף די טויערן פון זייער היים העגגט נאָך אַן אייזערנער שלאָס. נאָך די מוראַדיקע, פיזישע און מאָראַלישע יסורים מצד דעם שונא, איז צוגעקומען די קרענקונג פון איגנאָרירט ווערן דורך די באַפרייער.

ל. דאָמאַנקעוויטש

פון פוילן, ווו שפּרודלדיקער לעבנס־קוואַל איז פאַר אונז געוואָרן אַש און מדבר, קומט ווייטער דער ווײ־געשריי פון פאַרפייניקטן שארית־הפּלי־טה. אונזערע „האַרציקע" שכנים האָבן נישט גענוג 99 פּראָצענט געשאָכ־טענע, עס ווילט זיך זיי גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דער אַלטער חלום פון אַ „יידן־ריין" פּוילן איז אַזוי רייצנד, אַזוי רעאַליזירבאַר, די צעשראָקענע, אויסגעוואָרצלטע, באַרויבטע „זשידעס" וועלן זיך צעלויפן, ווי נאָר מ׳וועט אַ פּאָכע טאָן מיט דער בייטש, אַזאַ גוטע געלעגנהייט וועלן אונזערע אַלטע „גוטע פריינט" נישט דורכלאָזן.

פון דרום־אַפריקע שרייבט מען אונז וועגן געשטייגערטן אַנטיסעמי־טיזם, בפירושע פּאָגראָם־העצעס, יידן לעבן אין שרעק. אין אַרגענטינע: אַנטי־יידן אומרוען, באַקאַנטע בילדלעך: מען אַטאַקירט יידישע דורכגייער, פּאָליציי אינטערוועניר נישט, אָדער אַרעסטירט גאָר די געשלאָגענע... אין טריפּאָליטאַניע, געוועזענע איטאַליענישע קאָלאָניע, איצט אונטער ענגלישער אָקופּאַציע, קומט פאַר אַ מאַסן־פּאָגראָם, וואָס קאָסט 170 יידישע לעבנס. אין עגיפּטן, צוזאַמען מיט אַלגעמיינע אומרוען קעגן אויסלענדער, ברענט מען יידישע שולן און מען צערייסט ספרי־תורה׳ס.

אומעטום איז דאָ עפּעס צו באַהאַלטן, פון עפּעס אָפּצולענקען די אויפ־מערקזאַמקייט און עפּעס בעסערס ווי דעם שטענדיקן שעיר לעזאזל האָבן נאָך אפילו דעמאָקראַטן נישט אויסגעקלערט... טרויער הערשט אין אַלע יידישע ישובים איבער דער גאַנצער וועלט, אויב אָבער אין אַלע יידישע קיבוצים ווערט דער טרויער באַגלייט מיט יאוש, ווערט דער טרויער אין אונדזער ישוב, אין ארץ־ישראל, דער סטימול, נישט פון פאַרצווייפלונג, נאָר פון פאַרשטאַרקטער ענערגיע.

אין דער צייט, וואָס אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים האָבן די יידישע תושבים מורא, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, פאַר אַ נייער אַריינדרינגונג פון יידישע פּליטים, כדי נישט חלילה, ליידער מיט רעכט, צו גרויס צו זיין אין די אויגן פון די נישט־יידישע שכנים, אין דער זעלבער צייט גייט דער גאַנצער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל אַרויס אין גאַס, אַלט און יונג, צום קאַמף פאַר רעכט אויפצונעמען זייערע פאַר־וואָגלטע שוועסטער און ברידער. „גיט אונז אונזערע אַנטרינענע" — זאָגן זיי — „מיר וועלן זיך מיט זיי טיילן אונזער ביסן פון מויל". דאָס איז

נצח יידישקייט

דאָס ערשטע מאָל אין דער גלות־געשיכטע, ווי עס טרעפט אַזאַ דערשיי־נונג און איז אַ טרייסט אין אונזער אומגליק.

דער גרעסטער יידישער ישוב אין אונזער צעשפּרייטקייט, דער אַמעריקאַנער, קוואַלט זיכער נאָך מיט אַ סך יידיש לעבן און אין דער זעלבער מאָס ווי מיר געווינען זיך צו צו רעזיגנירן פון די קוואַלן, וואָס זענען געקומען פון מזרח, ווענדן מיר זיך צום וויטן מערב, פון דאָרט צו שעפּן מוט און פאַרבינדונג מיטן מיליאָניקן קערן פון אונזער פאָלק. אויך דאָרט שפּינט און וועבט די געהיימע האַנט קעגן אונז, אָן אַנטיסעמיטיזם, וואָס מ׳דאַרף נישט צופיל איבערטרייבן, אָבער בשום אופן נישט גרינג־שעצן, לאָזט זיך וואָס אַמאָל מער פילן.

דאָס סאָוויעטישע יידנטום, געניסנדיק פון אַלע רעכט, זייענדיק באַ־טייליקט אין דער גאַנצער גראַנדיעזער, זיך בויענדיקער ווירטשאַפט, טראָגט איר גורל אין אירע אייגענע הענט. עס איז נאָך צו פרי אָפּצו־שאַצן, צי וועט דער דאָזיקער יידישער קיבוץ, ווערנדיק פאַרשלינגען אין דעם אַלגעמיינעם גרויסן קאָנסטרוקציע־ווערק, פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט זיינע ברידער פון דער גאָרער וועלט, אָדער פאַרקערט, ווי מיר דערוואַרטן עס, צי וועט ליבע און בענקשאַפט צו זייער פאָלק דערפירן צו אַ דער־וואַכונג פון יידישן פאָלקס־לעבן און פאַרפעסטיקן די פעדים, וואָס פאַר־בינדט זיי מיט אַלע יידישע ישובים.

מיט צופרידנקייט דאַרפן מיר פעסטשטעלן אַ גוטע פאַרבעסערונג פון די באַציאונגען צו יידן אין פראַנקרייך. די אַטמאָספערע איז אָן ספק צום אָנהויב פון 1946 אַ פיל בעסערע, ווי פאַר אַ יאָר, און דאָס באַווייזט וויפל עס קען אויפגעטון ווערן מיט גוטן ווילן און ווען די, וואָס ווילן כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער, ווערן געצוווּנגען צום שווייגן.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז געווען פאַר אונז אַ יאָר פול מיט האָפע־נונגען און אַנטוישונגען. אַנטוישונגען מער ווי האָפענונגען. מיר זענען אַ צו אַלט פאָלק, אַז מיר זאָלן פאַלן אונטער דער משא פון אַנטוישונגען, אָבער צו דערפאַרן, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן וויגן פון לייכטע האָפענונגען. אַלס רעזולטאַט פון גרויזאַמסטן און ברוטאַלסטן פון אַלע קריגן, איז גע־בוירן געוואָרן אַ האַרטע וועלט, וואָס די שפּראַך פון יושר איז איר פרעמד. מיר מוזן שטרעבן זיך צו פאַרבינדן מיט יענע כוחות, וואָס זענען נישט פאַראינטערעסירט בלויז צו זען אין אונז אַ בליץ־אָפּלייטער פאַר זייערע אייגענע קאָמפּליקאַציעס.

לאָדזש, מײַן שטאָט

לאָדזש, מיין קליינשטעטלדיקע גרויסע שטאָט, דו ביסט זיכער געווען די איינציקע שטאָט אין דער וועלט, וואָס האָט ביי אַ 600־טויזנטיקער באַפעלקערונג נישט פאַרמאָגט קיין אָפּערע און קיין הויכשולן, אָבער אויך די איינציקע, ווו חסידישע בעלי־תפלות האָבן געזונגען אַקדמות מיטן ניגון פון דער 9־טער סימפאָניע און „לאל עורך דין" מיט אַן אַריע פון דער אָפּעראַ „בוטערפליי" און ווו די „שטיבלעך", בתי־מדרשים און גערטנער זענען געווען אַנדערע מינים „אוניווערזיטעטן", פון גאָרקיס טיפּ, פון וועלכע עס האָבן זיך פאַרשפּרייט איף דער גאָרער וועלט מוזיקער, שריפטשטעלער, קינסטלער און קולטור־טוער.

און ווער עס האָט נאָר איינמאָל געזען די וווּנדערבאַרע לאָדזשער בזורים און מיידלעך אויף דער גאַלעריע פון דער „פילהאַרמאָניע" אין אָוונטן פון גרויסע קאָנצערטן, דער וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס עס הייסט דערהויבענע שטימונג און געלייטערטקייט, דעם וועט אויך שוין שטענדיק קלאָר זיין, אַז פון כל־נדרי ביז אַ פידל־קאָנצערט פון מענדעלזאָן פירט אַ גלייכע ליניע, וואָס דער שונא האָט אַזוי טייוולאָניש פאַרשטאָנען צוזאַמען צו פאַרטיליקן.

אָה, לאָדזש, מיין גרויסע פּראָווינץ־שטאָט! ווונדערבאַרער געמיש פון שוס, קעטע און ראָמאַנטיק. ווי פון אַ געדיכטן נעפּל שיילן זיך אויס און שטייגן פאַר מיר אויף וויזיעס פון ערשט נעכטן פולסירנדיקע און היינט שוין אויף אייביק פאַרשווונדענע געשטאַלטן פון יידן רירעוודיקע, פילדערנדיקע, שוועבנדיקע אין די לאָדזשער גאַסן מיט אָפענע, צעשפּרייטע לאַנגע כאַלאַטן, צעשפּאָלטענע בערד שנעל און נערוועז ווי אַ „באַגלייטונג" צום ריטמישן קלאַפּן פון וועבשטולן.

וואָס מער פאַרהאַוועט די טאַטעס, אַלץ מער ראָמאַנטיש די זין. דער „קאָליע"־גאָרטן באַפעלקערט מיט אַזעלכע זינדעלעך, אַראָפּגעפאַלענע פריבצן „נפילים", געקומענע פון אַן אַנדערער וועלט. ווער עס האָט אויס־

נצח יידישקייט

געטוישט זיין טאַטנס קאַפּיטאַל אויף מאַרקס „קאַפּיטאַל", אָן אַנדערער טייטשט אַריין אין אַ שטיקל פּרק, אַזוי ווי ער האָט ערשט נישט לאַנג גע־טייטשט אַ האַרבן תוספות. אין אַ ווינקל זיצט אַ בחור און שוויצט איבער אַ גראַמאַטיק. עס באַווייזט זיך דער „פילאָזאָף" פון „קאַליע"־גאַרטן, אַלע הויבן אויף די קעפּ: „סאָקראַטעס" גייט. סאָקראַטעס קוקט זיך אָפּ אַ קרבן, ווער עס זאָל זיין דער היינטיקער טאָג־רויב, באַמערקט דאָס בחורל, וואָס חזרט זיך איין די גראַמאַטיק מיט אַ גמרא־ניגון, דערנענטערט זיך זינגענדיק מיטן זעלבן גמרא־ניגון „אַ פויגל פליט און קאָן קאָן נישט קיין גראַ־מאַטיק, אַ פערד הירזשעט און ווייס נישט פון קיין געזעצן, נאָר אַ יידיש בחורל שוויצט איבער „סטול, סטאָלאַ, סטאָלו".

יענעם טאָג פאַרלירט נישט בלויז אַ חסידישער טאַטע זיין חסידישן נאָכפאָלגער, נאָר פון דער וועלט פון „שיס און קעטע" קייקלט זיך אַריבער אַ בחורל אין דער וועלט פון ראָמאַנטיק.

דער אַלטער טאַטע וועט שפּעטער שרייען: „לאָז שוין זיין נישט פרום, וואָלט ער כאָטש געוועזן אַ מענטש מיט לייטן גלייך, איז ער אָבער דאָס אויך נישט".

אָרעמער פאָטער! דער פילאָזאָף פון „קאַליע"־גאַרטן האָט געפאַנגען דיין קינד, ער וועט איצט ווערן אַ פּאָעט אָדער אַ בראָדיאַגע און אפשר ביידע צוזאַמען.

וואָס דאַרף אַ לאָדזשער ייד, כדי צו פאַרלייגן אַ געשעפט? אַ גוטן קאָפּ און אַ פּאָר גראָשן אויף אַ וועקסל. אַ גוטן קאָפּ האָט ער און אַ פּאָר גראָשן אויף אַ וועקסעלע וועט ער ווו עס איז באַקומען. אין אַ קורצער צייט וועט זיין אַ געשעפטל מיט פּאָליצעס קאַמגאַרן, שעוויאָט, פּאָטשעווקעס און אַ טעלעפאָן. עס וועט זיך קאָכן און זידן און מיט אַ ספּעציעלן לאָדזשער זשאַרגאָן וועט מען רעדן פון „כמו", „כמעט" און „באָניטע" (וועגן דעם ווערט פון די וועקסלען).

אין טורנע (טאַרנאָוו, גאַליציע) וווינט אויך אַ ייד מיט אַ גוט קעפּל און אַ פּאָר גראָשן אויף אַ וועקסל האָט ער זיך אויך געשאַפט. איצט זיצט ער, מיט זיין גלאַנציק רבניש קאַפּעליושל אויפן קאָפּ און מיט זיינע געדרייטע פּאהלעד, ביים לאָדזשער פאַבריקאַנט און רימט די „באָניטע" פון זיינע וועקסלעך. דער לאָדזשער פאַבריקאַנט איז אויך נישט „וויטיש". פונדעסט־

ל. דאָמאַנקעוויטש

ווען ווען עס גייט אַ גאַנג. מ׳וועט מושווה ווערן און באַלד וועלן גאַליציאַנער שיקסעס טראָגן געבלימלטע קליידער און פּויערים וועלן באַקומען אויף „ראַטעס״ שעוויאָטענע קאָסטיומען אויף זונטיק.

אַ דאַנק אַ צוויי גוטע יידישע קעפּלעך, אַ לאָדזשער און אַ טורנער, איז באַשאַפן געוואָרן אַ „יש מאין״. קלאַפּן וועב־שטולן, באַוועגן זיך פאַר־בערייען, טראָגן שיקסעס געבלימלטע קליידער. מיט געזעצן פון עקאָנאָמיק זאָלן זיך אַנדערע פאַרנעמען...

לאָדזש

אַן אויטאָביאָגראַפיש קאַפּיטל

געדאַנקען, פאַרמולירונגען אויפן אָוונט לכבוד דעם דערשיינען פון „ווערטער און ווערטן"

אין דער יידישער שרייבער־וועלט האַלט מען מיך פאַר אַ שפּעט־געקומענעם. אין דער אמתן בין איך גיכער אַ צו־פרי־געקומענער און דאָס איז מסתם געווען די סיבה פון מיין לאַנגער פּויזע.

איך האָב אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש און געמאַכט פאַר אַ שרייבער האָט מיך מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער לשון־קודש קענער אַ למדן און תנ״ך־ערודיט, און אַ גרויסער חובב שפת עבר.

איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן ווי אַ זיבן־אַכט־יאָריק יינגעלע, און געשריבן האָב איך העברעאישע חידות (רעטענישן), צומיינסט אויף באַ־שטעלטע נעמען וואָס יידן פון מיין שטעטל, האַלבע משכילים פון גערער שטיבל האָבן ביי מיר באַשטעלט אויף זייערע נעמען. איך האָב געקענט די קונץ פון אָנהייבן די חידות לויט די אותיות פון באַשטעלטן נאָמען, ענ־דיקן מיט גראַמען, אַריינמישנדיק אין טעקסט האַלבע אָדער גאַנצע פּסוקים. מיין פאָטער איז פון זיי געווען זייער צופרידן און האָט זיי פונאַנדערגעשיקט אין אַלע רעדאַקציעס פון העברעאישע קינדער־זשורנאַלן.

דער קינדער־זשורנאַל „הפרחים", וואָס איז, ווי מיר דאַכט זיך, דער־שינען אין ריגאַ האָט זיי אָפּט אָפּגעדרוקט צו דער גרויסער פרייד פון מיין פאָטער און נאָך די אַנדערע „הצפירה"־לייענער פון מיין שטעטל.

מיין פאָטער האָט מיר בכלל געגעבן אַ כמעט העברעאישע דערציאונג. ווי קומט עס? ווי קומט אָט דער שטעטלדיקער ייד וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אויסערלעך אונטערגעשיידט פון אַנדערע יידן אין שטעטל און

מיר איינצוחזרן תנ״ך, דיקדוק און פאַר מיר צו אַבאַנירן העברעאישע קינדער־זשורנאַלן? ווייס איך אַליין נישט גענוי. אָבער בעת איך בין אַמאָל מיטן טאַטן געווען אַלס קינד אין זיין געבוירן־שטעטל אָזאָרקאָוו האָב איך געזען מיין עלטער־זיידן ר׳ מאיר, אַ ייד פון 92 יאָר ליגן אין בעט אַ האַלב־פּאַראַליזירטן, מיין טאַטע האָט אים באַגריסט מיט אַ האַלבן פּסוק און דער עלטער־זיידע האָט געענטפערט מיטן צווייטן האַלבן פּסוק און אַזוי אַרום אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער דערקענט זיין אייניקל.

איך האָב פון דעמאָלט אָן פאַרשטאַנען, אַז תנ״ך און לשון־קודש קומט מיר על פּי יחוס, כאָטש די אבות און די עלטער־אבות פון מיין פאָטער זענען געווען בעלי־מלאכות.

אַנדערש צו מיינע זיידעס פון טאַטנס צד, וואָס זענען געווען בית־המדרש־יידן און מתנגדים איז מיין טאַטע געוואָרן אַן איידעם פון אַ חסי־דישער משפּחה און געווען אַ שטיבל־ייד און אַ חסיד, אָבער זיין מתנגדישע משפּחה האָט אין אים ווייזט אויס געלאָזן מתנגדישע שפּורן, וועלכע האָבן זיך ביי אים טראַנספאָרמירט אין משכּילישע רייבונגען. ער איז בכלל גע־ווען, מיין פאָטער, אַ ייד אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער, אָבער מיט הי־ציקע אויסברוכן און ער איז פון צייט צו צייט געוואָרן דער אָביעקט און דער אַרויסרופער פון שאַרפע מחלוקות אין גערער שטיבל פון מיין גע־בוירן־שטעטל קרושניעוויץ.

עס איז אים אַמאָל איינגעפאַלן, האָט מען מיר שפּעטער דערציילט, נאָך הערצלס טויט, אויסצונוצן זיין פּאָזיציע פון בעל קורא און צו מאַכן אַן אל מלא רחמים, דעם גרינדער און שאַפער פון פּאָליטישן ציוניזם און טורוימער פון „יודענשטאַט״. עס האָט זיך געפונען אין שטיבל אַ ייד אַ חסיד, וואָס האָט געוווסט ווער עס איז מתתיהו זאב בן בנימין און וואָס ער איז געווען און האָט מיין טאַטן פאַרמסרט פאַר זיין פעטער, מיין עלטער־פעטער ר׳ רפאל קאַלסקי, וועלכער איז געווען אַזוי שאַרף חסיד ווי קנאי און אַ גרויסער למדן.

מיין פעטער ר׳ רפאל האָט זיך שטאַרק צעבייזערט און אַ געשריי גע־טאָן צו מיין טאַטן: אַפּיקורס! מיין טאַטע האָט זיך צעקאָכט און האָט אים געענטפערט מיט אַ גמרא: „כל הכועס, כאילו עובד עבודה זרה״. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויס צעמישעניש און קאָכעניש און דאָס „שטיבל״ האָט זיך

צעטיילט אין צווייען. מיין פּאָטער, דער אַפּיקורס, האָט אָנגעפירט מיטן לינקן פליגל און מיין פעטער, דער אַלטער שניי־ווייסער גאון און יתרון האָט אָנגעפירט מיטן רעכטן פליגל.

מיין טאַטע איז מיט זיינע אָנהענגער אַריבער צו דאַוונען אין רב׳ס בית־דין־שטוב. ער האָט דאָרט אַליין געלייענט די תורה און דאָס האָט אָנ־געהאַלטן אין משך פון עטלעכע וואָכן.

דער גאַנצער סכסוך איז געווען אַ גרויסע טראַגעדיע פאַר מיין זיידן ר׳ מיכאל הענעך קאָרן, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען זיין שוואָגער, דעם גרויסן למדן און נישט זיין איידעם, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. קורץ פאַר די ימים נוראים איז ער געווען פאַרמיטלער אין שלום און מיין טאַטע האָט זיך אומגעקערט מיט זיין גוואַרדיע אין גערער שטיבל אַריין, כמעט ווי אַ זיגער. אָבער מיין פעטער האָט נישט אויפגעהערט מיין פאָטער חושד צו זיין אַז ער האָט אַפּיקורסישע געדאַנקען, וואָס איז אגב נישט געווען אינגאַנצן ליגנט.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז דער 1־טער וועלט־מלחמה, ווען יידיש האָט זיך שטאַרק אַריינגעריסן אין דער שטוב און מיינע עלטערן גופא האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן אין יידישע ביכער.

איך האָב נאָך אַלץ מיט התמדה געלערנט העברעאיש און אַ בוך עסייען פון ראַלף וואַלטער עמערסאָן, וואָס איז דערשינען אין שטיבל־פאַרלאַג אין העברעאיש, האָט דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אונטער דער דאָזיקער השפעה האָב איך אַליין אָנגעשריבן אַן עסיי „על הגבורה" און זיי אַרויסגעשיקט אין „הצפירה". מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך געפונען אין דער „הצפירה" אַ באַמערקונג אויף מיין חשבון: נסה לשלוח דברים אחרים ונדפסם — פּרווט שיקן אַנדערע זאַכן, מיר וועלן זיי פאַר־עפנטלעכן. איך האָב זיך געפילט באַליידיקט, איך בין שוין אגב געווען אַ דעצידירטער „יידישיסט". כ׳האָב זיך צו העברעאיש און בכלל צו שרייבן ביז נאָכן סוף פון צווייטן וועלט־קריג מער נישט צוגערירט.

איך האָב גלייך ביים אָנהייבן שרייבן מיינע מאמרים און קורצע עסייען זיך גענומען אויסדריקן מיטן עסייאיסטישן סטיל וואָס דאַרף זיין פּאָעטיש, נישט זייענדיק געבונדן מיט שטרענג־פּאָעטישע כללים, וואָס

ל. דאָמאַנקעוויטש

דאַרף זיין פילאָזאָפיש־מחשבהדיק, נישט זייענדיק פאַרפליכטעט צו קיין שום עקזאַקטע סיסטעמען.

איך האָב אויך ליב געהאַט צו לייענען עסייען, מער ווי ראָמאַנען און נאָוועלן. אפשר איז עס געווען אַ מין משכילישע נאָכגערעטעניש פון מער זיך צו אינטערעסירן מיטן געדאַנק ווי מיט נאַראַציעס פון ראָמאַנען און מיט פּאָעזיע, הגם כ׳האָב גערן געלייענט, פּוילישע ראָמאַנען (פּאָ־וויעשטשן) און פּוילישע פּאָעזיע, דראַמעס פון טעטמייער־זשולאַווסקי, וועלכער איז געווען אַ חבר פון אונזער באַליבטן און רעספּעקטירטן בער־דיטשעווסקי. איך האָב גערן געלייענט עסייען פון אברהם קאַראַלניק, ש. גאָרעליק, חיים גרינבערג און אויף העברעאיש ח. נ. ביאַליק. מען קען גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז אונזער חיים נחמן ביאַליק איז געווען אַזאַ גרויסער עסייאיסט ווי ער איז געווען פּאָעט.

זיינע עסייען וועגן דער מאָדערנער העברעאישער און מיטלאַלטער־לעכער פּאָעזיע אין שפּאַניען אין דער גאָלדענער תקופה און דער עסיי „הלכה און אגדה״ קענען פאַררעכנט ווערן צו די פּערל פון דער יידישער עסייאיסטיק.

דער דערמאָנטער חיים גרינבערג דערציילט אין איינעם פון זיינע גרויסע מאמרים, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ געשפּרעך מיט ביאַליקן. חיים גרינבערג האָט דערציילט ביאַליקן וועגן רוסישן אונטערגרונט, וועגן דער גרויסער צוגרייטונג צו דער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף אויסברעכן. ביאַליק האָט זיך זייער שטאַרק צוגעהערט און דערנאָך זיך אָנגערופן: איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: די רוסישע רעוואָלוציע וואָס גרייט זיך צו קומען און וועט זיכער קומען געהערט צו די זאַכן וואָס איך וויל אַז זיי זאָלן קומען און פאַר וועלכע איך האָב מורא און ער האָט פאַרגעזעצט:

— דער צאַרישער רעזשים טויג טאַקע אויף אַ שאָק כפּרות אָבער מיר קענען אים, די רעוואָלוציע אָבער קענען מיר נישט און זי אַליין קען זיך נישט. זי קומט ווי אַ שיינע אגדה אָבער דאָס לעבן פאָדערט צו דער אגדה אויך הלכה, דין און ריטם. אין אַ צווייטן שמועס מיטן זעלבן חיים גרינבערג האָט ביאַליק זיך אַרויסגעזאָגט אין זעלביקן זינען וועגן יידישן לעבן גופא; ער האָט אויסגעדריקט זיין פּחד, אַז אונזער לעבן ווערט הפקר, אָן דין, אָן גערעכטיקייט אָן ריטעם.

נצח יידישקייט

ער האָט מקנא געווען דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום, אויף וועמענס וועגן מיר קענען נישט גיין אָבער וואָס פאַרמאָגט הלכה ריטם און גע־זעצמעסיקייט.

ביאַליק האָט שוין דעמאָלט מורא געהאַט.

און וואָס זאָלן מיר געפּרוווטע דערויף ענטפערן און צוגעבן ?

ל. דאָמאַנקעוויטש

ד״ר אהרן זאב אשכולי

מיט צוויי יאָר צוריק איז אין עלטער פון זיבנאונפערציק יאָר גע־שטאָרבן אין דעם יאָר פון באַלאַגערונג באַפרייטער ירושלים, דער העב־רעאישער שריפטשטעלער, פאָרשער, היסטאָריקער, פובליציסט און פיינער סטיליסט, ד״ר אהרן זאב אשכולי.

אַן אַנאַליטישע אָפשאַצונג פון אשכוליס צאַלרייכע ווערק וואָלט פאַר־לאַנגט אַ דיסטאַנצירטקייט, וואָס מיין לאַנגע פריינטשאַפט און היימישקייט מיט אים, פון די יינגסטע יאָרן אָן שליסט דאָס אויס. עס פלאָנטערט זיך כסדר אַריין אין די מחשבות די לעבעדיקע טעמפעראַמענטפולע, קוועק־זילבערדיקע געשטאַלט פון מחבר. זי ווינקט צו מיר צו מיט די קליינע אויגן און פיקחותדיקן שמייכל ווי אונטערזאָגנדיק: „נאָך אַלעמען בין איך דען אַליין נישט דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אַלע מיינע ווערק?״. און באמת. מיט אשכולין איז פאַרשווונדן אַן אינטערעסאַנט קאָמפּליצירט לעבן פול מיט עקספּאַנסיע, ענערגיע און אינטענסיוויטעט, אַ לעבן פול מיט סתירות און פּאַראַדאָקסן. פון וועלכע דער טויט אין די בליענדיקע יאָרן איז געווען דער לעצטער און פיינלעכסטער פּאַראַדאָקס.

איך האָב נישט געקענט קיין גרעסערן מעורב בין הבריות, קיין גע־זעלשאַפטלעכן מענטש, קיין געשיקטערן פאַרבינדער פון באַציאונגען מיט מענטשן פון אַלערליי שיכטן און מינים ווי אשכולי, און דאָך און אפשר טאָקע דערפאַר איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקע לאַטענטע מלחמה צווישן דער „וועלט״ און אים. זי, די וועלט האָט ליב קלאַסיפיקאַציעס, זי האָט גערן, כדי זיך צו פאַרלייכטערן די אָריענטאַציע. זיך צו שאַפן מאָדעלן, אָנגענומענע מוסטערן, פאַרטיקע פאָרמען אין וועלכע זי גיסט זיך אויס אירע „טיפּן״. און זי האָט פיינט, אַז מען מישט איר אויס די גרענעצן, אַז מען צעמישט איר די אָריענטאַציע.

מיט אשכולין איז שווער געווען צו קומען צו אַ טאָלק. ער האָט אויס־

געמישט אַלע גרענעצן, געשאַפן אַ תוהו ובוהו נישט בלויז אין דער אָריענ־טאַציע פון פילאָסאָף, נאָר אויך אין קאָפּ פון קאָלעגן וויסנשאַפטלער. ער האָט געבילדעט אַ טיף פּאָר זיך, וואָס גיסט זיך נישט אַריין אין פורעם וואָס די וועלט האָט אויסגעגאָסן פאַר „זיי", די פאַרשער.

צו לעבעדיק, צו באַוועגלעך, צו טעמפּעראַמענטפול איז געווען אַש־כּולי, אַז ער זאָל קענען זיין דער טיפּישער שווער־באַוועגלעכער און שווער געזעסיקער פּראָפעסאָר. ער האָט די טאָגע און די אַמביציע פון אַ וויסנ־שאַפטלער נישט פיינט געהאַט, אָבער פון דער באַהעמישער פּייקע פון לייכ־טע הלצות און פון אַ בראַדיאַגישקייט פון אַ ספּעציעלן מין, זיך נישט גע־קענט אָפּזאָגן. האָט אים די וועלט אַ לענגערע צייט אָפּגעצאָלט מיט נישט אָנערקענען. אָבער אַז ער האָט צווישן איין הלצה און דער אַנדערער דער־וויַיל אויפגעשטעלט אַן אינסטיטוציע, אַן אָרגאַניזאַציע, אַ סעמינאַר, (צו־זאַמען מיט זיין פרוי), אַ צייטונג א. אַ. וו. און אַ וואָרף געטאָן מיט אַ טוץ וויסנשאַפטלעכע, היסטאָרישע און אפילו בעלעטריסטישע ווערק, האָט מען אים אָנגעהויבן נעמען ערנסט. מען האָט אפילו גענומען רעדן וועגן אַ קאַ־טעדרע פאַרן יונגן געלערנטן. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט שוין אַן ערנסטע האַרץ קראַנקהייט, וואָס איז וויטער נישט גענומען געוואָרן זייער ערנסט פון די אַרומיקע, און אַ סוף געמאַכט צו זיין יונג לעבן.

**
*

אשכולי האָט געשטאַמט פון אַ חסידיש־נגידישער פאַמיליע אין לאָדזש. געהאַט אַן עילוישן קאָפּ. זיין חריפות, באַוועגלעכקייט און לעבעדיקייט האָט אים געשטערט צו בלייבן לאַנג אַ „באַנק־קוועטשער". עפּעס אין איין טאָג זענען די געדרייטע פאות פון שלאַנקן, שיינעם חסידישן בחור פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין „אייראָפּעאישע" לאָקן פון אַן אינטעליגענט פון טוכענעם היטעלע איז געוואָרן אַ ברייט רונדיקער קאַפּעליוש, און עס איז געווען צו שטויגען, וויאַזוי, איבער נאַכט ממש, האָט זיך דער נעכטי־קער ישיבה־בחור פאַרשאַפט עפּעס אַזאַ נאַטירלעכע, אומגעצוווּנגענע האַל־טונג צו מיידלעך און וויאַזוי דאָס פּוילישע לשון האָט זיך עפּעס אַזוי גלאַ־טיק געגליטשט פון זיין צונג.

ל. דאַמאַנקעוויטש

עס גייט נישט דורך קיין סך צייט און אהרן וואָלף האָט שוין אַ מאַטורע אין דער טאַש, אַן איינטריט־בילעט אין די אייראָפּעאישע אוני־ווערזיטעטן. בייזע צינגער האָבן וועגן דעם צו דערציילן פאַרשידענע רכילותן, אָבער אהרן וואָלף וויינטרויב הערט שוין נישט. ער איז שוין אַ היימישער יוצא ונכנס אין דער הומבאָלט־אוניווערזיטעט פון בערלין און אין דער סאָרבאָנע אין פאַריז. נישט ווייניקער היימיש אויך אין ראָמאַנישן קאַפע און אין די קאַפעס פון מאָנפּאַרנאַס און „בולמיש". מען האָט אים דעמאָלט געטראָפן אויף אַלע קאָנצערטן, אין אַלע קאַפעס, אויף אַלע בול־וואַרן, אויף אַלע סטודענטן צוזאַמענקונפטן און אַן אויפגערוימטן, אַ הייטערן, די פּייקע קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען פון מויל, און מיטאַמאָל — אשכולי האָט דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם.

בייזע צונגען זענען ווייטער דאָ: היתכן? ווען? ווי אַזוי? און עס איז טאַקע נישט געווען צו פאַרשטיין ווי אַזוי אשכולי האָט עפּעס געפונען דעם סוד איינצוטיילן מעת־לעתן נישט אין פירצונצוואַנציק שעה. נאָר אין אַכטאונפערציק אָדער אין צוויי־און־זיבעציק שעה. זיין דאָקטאָר־אַרבעט איז געווען וועגן חסידות און איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פון די פּראָפע־סאָרן און גלייך דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. איך האָב געהערט אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט בדעה דאָס ווערק נאָכאַמאָל איצט אַרויס־צוגעבן.

בעת איך בין אין יאָר 1925 געווען עטלעכע חדשים אין פאַריז, זאָגט מיר אשכולי אין אַ שיינעם העלן טאָג, אַז ער פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל. ער זאָגט עס מיט אַזאַ לייכט געמיט, ווי ער וואָלט געפאָרן אַלס טוריסט און מיט אַלעם נויטיקן אין טאַש. איך ווייס אָבער אַז ער פאָרט שוין להשתקע און האָט נישט פּת בסלו, אָבער אשכולי געהערט נישט צו די מענטשן, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן פון אַ לעבנס־ציל צוליב אַזאַ קלייניקייט... ווי פאָ־פירן. דערנאָך דערהאַלט איך פון אים ידיעות פון איראַק, פון סיריע, צום סוף פון ארץ־ישראל. ער האָט מיטגעמאַכט אַ וועג פול מיט אַוואַנטורעס און געפאַרן אָבער זיינס האָט ער דערגרייכט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע מעפּילים.

אין 27־טן יאָר באַזוכט ער זיינע עלטערן אין לאָדזש. איך ווייס אַז ער איז נישט שטאַרק אין אָרדענונג מיטן פּוילישן מיליטער און איך וואונדער

זיך אויף זיין קומען. אָבער אהרן זאב אשכולי (אַזוי הייסט ער שוין איצט) איז שוין בירגער פון ארץ־ישראל און האָט אַ פוילישע וויזע אויף זיין נייעם נאָמען. ער איז געוואָרן, דערקלערט ער מיר, ארץ־ישראל בירגער אויטאָמאַטיש „אַלס געוועזענער בירגער פון דער אָטאָמאַנישער אימפעריע". — „עס איז גאַנץ פּשוט", דערקלערט מיר אשכולי, „דעם אַראַבישן באַאַמטן, וואָס האָט מיך געפרעגט אויף באַווייזן פון מיין טערקישער בירגערשאַפט האָב איך צוריקגעפרעגט, צי ער האָט באַווייזן, אַז איך האָב עס נישט. מיין ענטפער האָט אים פולשטענדיק באַפרידיקט און ער האָט מיר געמאַכט די נויטיקע פּאַפּירן".

וואַרשיינלעך איז עס געווען בלויז איינע פון זיינע הלצות, אָבער מיט אַזעלכע הלצות איז ער לייכט געגאַנגען אין לעבן און אָפטמאָל, כאָטש נישט שטענדיק, מצליח געווען.

בעת אונזערע שפּאַצירן דעמאָלט אין לאָדזש, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף פאַרשידענע יידישע יונגעלייטלעך, אָמאָליקע שטיבל־בחורים. די יונגע־לייט שוין באַבערדלטע, מאַנכע האָבן שוין געפירט קינדערלעך אין „שטיבל" אַריין. זיי האָבן אשכולין אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און איך בין געווען עדות פון אַזאַ מין דיאַלאָג:

— שלום עליכם, אהרן וואָלף, פון וואַנען קומסטו?

— אַזוי זיך, משוט בארץ.

— וואָס טוסטו?

— מען ציט קאָנסעקווענצן.

— מילא, אָבי פּרנסה — ענטפערט דער חסידישער יונגערמאַן אַביסל וואַקלדיק, נישט שטאַרק איבערציינגט, צי עס האַנדלט זיך טאַקע אין אַ פּרנסה.

און באמת, האָט ער טאַקע געצויגן קאָנסעקווענצן, אָפּטמאָל געגנוג שווערע און ביטערע. נישט אַלעמאָל האָט דער טאַטע פון לאָדזש געקענט צושיקן אַ פּאָר זלאָטעס צושטייער צום בעל כרחך אתה חי און אשכולי האָט דעמאָלט מיט דער גאַנצער שלאַנקייט פון זיין גוף און מיט דער מאַיעסטעטישקייט פון אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט געפירט שלעפּ־וועגעלעך אויפן משאַוואָקזאַל לאַ־שאַפּעל אין פּאַריז, נישט פאַרלירנדיק אויף קיין איין מינוט זיין גוטן הומאָר.

ל. דאַמאַנקעוויטש

אין די 30־ער יאָרן, פאַר דער לעצטער מלחמה, איז ער אָפט געקו־מען קיין פאַריז צו שטודיום־צוועקן אין דער „ביבליאָטעק נאַסיאָנאַל״. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ פאַריזער תושב און ער איז אָפט געווען מיין גאַסט. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ מחבר פון עטלעכע וויסנשאַפטלעכע ביכער און זיך געמאַכט אַ נאָמען ווי אַ פאָרשער פון סעמיטישע שפּראַכן, געהאַלטן אויך פאָרטראָגן אין פאַריזער אינסטיטוט פאַר מזרח־שפּראַכן ביי דער סאָרבאָנע. באַזונדער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט אַביסיניש (חבש, כוש) און פאַר זיינע אַרבעטן אויפן דאָזיקן געביט, באַקומען פון נעגוס דעם טיטל פון ערן־קאָנסול אין ירושלים.

***

סך הכל עטלעכע וואָכן נאָך דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך, אין נאָוועמבער 1944, ווען די מלחמה קעגן היטלערן איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָב איך דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ זוך־ביוראָ אין פאַריז באַקומען אַ מיט־טיילונג אַז דער „קאַפּיטאַן פון דער ענגלישער אַרמיי״ אשכולי בעט אינ־פאָרמאַציעס וועגן מיר און מיין פאַמיליע. מיר האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנ־טאַקט. ער איז דעמאָלט געווען פעלד־ראַבינער אין דער ענגלישער אַרמיי אין איטאַליע, וווהין ער איז אַריינגעטרעטן אַלס פרייוויליקער ווי אַ פּשו־טער סאָלדאַט און באַקומען דעם גראַד קאַפּיטאַן. וועגן זיינע המצאות און אויפטוען פאַר פּליטים אין איטאַליע האָבן מיר דערנאָך ארץ־ישראלדיקע פריינט אָנדערציילט אמתע וווּנדער. ער האָט אויך אין צווישנצייט אַרויס־געגעבן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערק וואָס ווערן באַטראַכט פון מומחים לאותו דבר פאַר זייער ווערטפולע.

אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון ישראל האָט ער אין באַלאַגערטן ירושלים געשאַפן, אָנגעפירט און אויסגעפירט בוכשטעבלעך אַליין מיט די אַרבעטן פון אַ „חברה קדישא״. די אַרבעט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע. עס האָט זיך געהאַנדלט נישט בלויז אין ברענגען צו קבורה די געפאַלענע, נאָר אויך אין פעסטשטעלן זייער אידענ־טיטעט און מודיע זיין די קרובים. ער האָט זיך באמת מוסר נפש געווען און געפאַלן אונטער דער לאַסט. עס איז געווען דער לעצטער, גרעסטער פּאַראַדאָקס, אַז ער, דער לעבעדיקער, טעמפּעראַמענטפולער אשכולי זאָל

ווערן דער אב החללים, דער פאָטער פון די געפאַלענע. (אַזוי האָט אים אָנגערופן די העברעאישע פרעסע נאָך זיין טויט). ירושלים האָט אים אָפּ־געגעבן זייער פייערלעך דעם לעצטן כבוד און די אזכרות האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן באמת מיטפילנדיקן עולם.

⁂

צווישן זיינע ווערק זענען דאָ ביכער וועגן די פאַלאַשן (אַביסינישע יידן). וועגן דוד הראובני, שלמה מולכו און אַ בוך (פון די ערשטע ביכער אין דעם זשאַנער) מיט אַ שלל עקאָנאָמישע ידיעות וועגן יידישן פאָלק אונטערן נאָמען „ישראל". פאַראַן דאָרט אַ גרויסע צאָל זייער נוצלעכע ידיעות וועגן דער אַנטוויקלונג פון די העברעאישע און אַראַמעאישע שפּראַכן, וועגן העברעאישן אלף־בית און וועגן די גלגולים פון יידישן כתב, א. אַ. וו.. דער מוסד ביאַליק קלויבט זיך איצט אַרויסצוגעבן זיין הויפּט־ווערק, וואָס איז געבליבן אין כתב־יד „המשיח". עס איז אַן אַרבעט וועגן משיח־געדאַנק אין דער ליטעראַטור ביי יידן פון די עלטסטע צייטן אָן ביז היינט.

מיט אשכולי איז פאַרשוווּנדן אַ מענטש וואָס האָט געשיקט פאַר־אייניקט תורה און די אנשי מעשה מחולק געווען וועגן דעם אָרט וואָס אים געהער, לסוף האָבןביידע צדדים געמוזט איינזען, אַז לויט זיין טעמפּעראַ־מענט און זיינע פעאיקייטן האָט ער אַ גלייכן ערן־חלק אין ביידע מחנות.

הערשעלע זוהר

צום גרויסן פֿאַרמלחמהדיקן, אַרבעטנדיקן לאָדזש האָט ער קיין שייכות ניש׳ט געהאַט. נישט צו אירע אינדוסטריעלע הויפּט־אַספּעקטן און נישט צו אירע אַלע אַנדערע נעבן־אַספּעקטן וועלכע האָבן געשטויסן די גרויסע, אויפגייענדיקע שטאָט אַלץ העכער און העכער. און עס איז נישט געווען בלויז ער אַליין, הערשעלע זוהר, וואָס איז פון דעם גרויסן לאָדזשער הו־האַ און געווירבל אַרויסגעפאַלן, אָדער זיך בכיוון אַרויסגעדרייט. עס זענען געווען אַ סך וואָס זענען געגאַנגען אין אַ זייט און האָבן זיך צו איר נישט צוגעפּאַסט, ווייל זייער פּסיכאָלאָגישע איינשטעלונג איז געווען ווייט פון דער תכליתדיקער וועלט. צו דער קאַטעגאָריע האָט געהערט הערשעלע זוהר.

פון דער אַנדערער זייט האָט דער דעמאָלסדיקער פּוילישער אַנטיסע־מיטיזם דערפירט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט צו אומפּראָדוקטי־וויטעט, בעיקר די אָממיינסט געגנויגטע צו סקעפּטיציזם, און אויך גורם געווען אַ גרויסע עמיגראַציע.

און אָט זענען מיר נאָך דער מלחמה, וואָס האָט אונז אַזוי טייער גע־קאָסט, איינגעזעסענע אימיגראַנטן אין פּאַריז. יידן, וועלכע עס האָט אָפּגע־גליקט זיך צו ראַטעווען האָבן זיך שוין צוריקגעקערט פון די באַהעלטענישן, מאַנכע פון די לאַגערס. מיר קענען שוין אונזער גרויסן חורבן אין פּוילן נאָך דער מלחמה. מיר ווייסן וואָס דאָרט איז אונז געבליבן. און אין אַ שיינעם העלן טאָג עפנט זיך די טיר אין מיין צוריק אויפגעבויטער היים אין פּאַריז, און עס שטעלט זיך אַריין, מיט אַ בילד אין דער האַנט די גוט באַ־קאַנטע מאַלערין, אסתר קאַרפּ, און זאָגט, באַגריסנדיק זיך: „אָט ברענג איך אייך אַ צייכענונג, וואָס וועט, האָף איך, אייך זייער ליב זיין. דאָס איז אַ פּאָרטרעט פון הערשעלע זוהר. איך וויל ער זאָל דאָ, ביי אייך, וווינען, נאָר אין אייער געזעלשאַפט וועט ער זיך גוט פילן און פאַרזעצן זיין עקזיסטענץ. איך האָב אים געצייכנט אין לאָדזש אין יאָר 1933״.

נצח יידישקייט

ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן ווען מיר האָבן דערזען דאָס פּנים פון אונזער ליבן חבר, הערשעלע, מיט זיין אויסדרוקספולער פיזיאָנאָמיע, זיינע שוואַרצע קלוגע, גרויסע אויגן און פאַרפּרעסטע ליפּן.

גערופן האָט מען אים „הערשעלע זוהר" ווייל פון ספר הזוהר האָט ער געצויגן זיין גייסטיקע יניקה און ווייל אויך וועלטלעכע פילאָזאָפיעס האָט ער געלערנט בנוסח הזוהר. הגם זיין וועלטלעכער נאָמען, הערשל קליגס־בערג, איז געווען באַקאַנט צווישן אונז, האָט זיך דער פּסעוודאָנים „הער־שעלע זוהר", מיט דער צייט אַלץ מער צו אים געקלעפּט, מחמת די מיס־טישע בייגונגען וואָס זענען צו אים געקומען פון כסדרדיקן פאַרברענגען מיטן דאָזיקן ספר, און זיי זענען מיט דער צייט אויך אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף אוניווערסאַלע פּראָבלעמען. ביי אַ בלעטל קאָנט פלעגט ער זיך באַ־טעמ׳ט צושאָקלען, קנייטשנדיק דערביי זיין הויכן לומדישן שטערן, און דרייען מיטן פינגער ווי ביי אַ האַרבער סוגיא פון תלמוד אָדער פון זוהר.

מען פלעגט פון צייט צו צייט אים טרעפן אויף זייטיקע גאַסן, מאַר־שירן פּאַוואָליע און זאַכלעך, פאַרטראַכט און פאַרטאָן אין ווייטע רעיונות, זיך וויגנדיק זייטיק אַהין און צוריק. מיט זיינע ברייט־צעעפנטע, טונקעלע אויגן פלעגט ער קוקן נישט זעענדיק אויף די גראַד פאַרבייגייענדיקע באַ־קאַנטע. דעמאָלט פלעגט אַ נאָענטער מענטש אַ טראַכט טאָן אַז מסתם איז הערשעלע איצט געפאַנגען פון עפּעס אַ געהיימניספולער מחשבה.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר, אַ קרייז בחורים און מיידלעך מיט הער־שעלען בראש באַשלאָסן איינצואָרדענען, ביי איינעם פון אונזערע חברים, אַ צוזאַמענקונפט אויף צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן מאַהאַטמאַ גאַנדי. ס׳רוב פון די פאַרזאַמלטע זענען געווען זין און טעכטער פון באַלעבאַטישע היי־מען, אין וועלכע הערשעלע פלעגט אָפט אַריינקומען און ווו מ׳פלעגט אים שטאַרק מקרב זיין, מחמת גרויסן רעספּעקט פאַר אום אין יידיש למדנות.

די פּאַסירונג, וואָס איך וועל דאָ דערציילן איז פאַרגעקומען אין יאָר 1925, ווען די יידישע יוגנט אין פּוילן איז מיט אַ ראָמאַנטישן און נאַאיוון ענטוזיאַזם בלינד נאָכגעגאַנגען דעם קאָמוניזם און וועלכן די פּוילישע רע־אַקציאָנערע פּאָליציי האָט פאַרפאָלגט נישט מיט קיין קלענערן בלינדן ענטוזיאַזם.

אין מיטן לייענען דערהערט זיך פּלוצים אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער

ל. דאָמאַנקעוויטש

טיר און כמעט איינצייטיק געבן זיך אַ לאָז אַריין אַ מענגע פּאָליציי־לייט, געפירט דורכן הויז־וועכטער, וואָס האָט זיכער געהאַט „געסליחנט", אַז דאָ קומט פאָר אַ קאָמוניסטישער צוזאַמענטרעף. דערשטוינטע און בלאַסע האָט מען אונז אַלעמען תיכף אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין תפיסה. בשעת ד'ער אויספאָרשונג, ווען מען האָט הערשעלען געפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך געוויינטלעך, האָט ער מיט אַ סך תמימות געענטפערט: „יעסטעם נאַצני סטרוזש".

מיטן דאָזיקן באַרוף, הערשעלעס האָט זיך דער אויספאָרשונגס־ריכטער שטאַרק דערפרייט. ער האָט די אינפאָרמאַציע אָנגענומען פאַרן אמתן באַווייז, אַז דאָס זענען עס, מיר טאַקע, די קאָמוניסטן, ווייל ווען נישט, פון וואַנען וואָלטן זיך גענומען אין דער געזעלשאַפט פון אינטעליגענטן אַ נאַצני סטרוזש? צומאָרגנס האָט זיך באַוויזן אַ קאָמוניקאַט אין דער פּרעסע, אַז עס איז אַנטדעקט געוואָרן אַ נעסט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ד'ער קאָמוניסטישער פּאַרטיי...

נאָכן „אָפּזיצן" אַ לאַנגע צייט האָט זיך ענדלעך דער פּראָקוראָר געלאָזט איבערצייגן, אַז מיר זענען נישט מער ווי אַ „באַנדאַ טאַלמודיסטווו" און אונז באַפרייט נאָכדעם ווי די פאַרצווייפלטע טאַטעס פון די „שולדיקע" האָבן פיל מאָל אינטערוועניר ט אויף זייער היימישן אופן, איינלייגנדיק וועלטן דורך פּראָטעקציעס און געבנדיק פאַרשידענע גאַראַנטיעס.

די „אָפּגעזעסענע", פאַרבראָדיאַגעטע אָבער דאָך באַלעבאַטיש־פּאַרבליבענע יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך צוריקגענומען צו זייערע איבערגעריסענע תכליתדיקע לימודים. אייגער ווערט אַ מעדיצינער, אַ צווייטער אַ פּראָפעסאָר, אַ מאָלער נעמט צוריק זיין פּאָלעטע. אָבער וואָס וועט טון הערשעלע זוהר? האָבן זיך געזאָרגט זיינע פריינט, די איידעלע לאָדזשער מעצענאַטן, דאָס פּאָרפּאָלק שמעיה צימערמאַן, די פאַמיליע ראָטבאַרט און דער אַסימילירטער קאַבאַקער וועלכן עס האָט צוריקגעצויגן צו יידישקייט דער יידישיסטישער סאַלאָן פון די צימערמאַנס, ווו ער פלעגט זיין אָן אָפטער גאַסט און דאָרט טרעפן הערשעלען.

הערשעלע איז אַ זייער איידעלע און פילבאַרע פּערזאָן, מען מוז זיך רעכענען מיט זיינע סענטימענטן. זיי ווייסן זייער גוט, אַז ער, הערשעלע זוהר האָט מיט דער וועלט פון תכלית קיין מגע ומשע נישט. אָבער מחמת ער

איז געווען ביי זיי שטאַרק באַליבט, פאַר זיין צוגעבונדנקייט, פאַר זיין פשטות און תמימות, האָבן זיי, אַליין מאָדערנע מענטשן, געקלערט אַן עצה ווי אַזוי הערשעלען אַביסל צו פאַרוועלטלעכן כדי אים צו קענען אָנפאַרטרויען עפּעס אַ באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אים געבן חיונה.

און אַזוי האָט מען דערווייל באַשלאָסן אים צו שיקן אויף אַ רייזע נאָך ווין, די שטאָט פון עספּרי און עלעגאַנץ, ווו אפילו דער בטלנישער הערשעלע וועט זיך אפשר אויך אָנשטעקן מיט אַ ביסל מאָדערניזם און אייראָפּעאישע מאַניערן, וואָס דאָס, האָבן זיינע גוטווילנדיקע פריינט געהאָפט קען אפשר אים פירן צו אַ ווייטערן עטאַפּ אויפן וועג פון פּראַקטישקייט.

אָבער ווין איז געווען אַ פיאַסקאָ, ווייל הערשעלע זוהר איז געווען צעקריגט מיט דער וועלט און ווין האָט זיך נאָכאַמאָל באַשטעטיקט הערשעלעס פילאָזאָפיע־איינשטעלונג לגבי איר. ער איז צוריקגעקומען ווי ער וואָלט באַלד נישט געהאַט אָוועקגעפאָרן און זיינע דיבורים זענען געווען: נבא ואינו יודע מה נבא.

עס האָבן זיך אָנגערוקט די יאָרן פון דער מלחמה. הערשעלע האָט געזען אַז אַלע בייזע כוחות ווען זיך פאַראייניקן אַ סוף צו מאַכן מיט דער איידעלער וועלט, אַז עס איז נישט דאָ מיט וואָס זי צו פאַרטוישן נאָר אפשר מיט דעם וואָס גייט אויף אין ישראל.

ל. דאָמאַנקעוויטש

סאָקראַטעס פון „קאַליע-גאָרטן" *)

פון דער סעריע : „די נפילים"

דער פילאָזאָף פון פוילישן מאַנטשעסטער, חיים וואָדניק, האָט געשטאַמט פון קוטנאָ, קוטנער פלעגן אים רופן נח מלמדס זון און דערציילן חידושים וועגן זיין גוטן קאָפּ, גרויסער למדנות און פייערדיקער אַפּיקורסות. זיי פלעגן זיך אָנדערציילן וועגן זיינע אַפּיקורסישע שטיקלעך אין בית המדרש ; געווען אַ חבר און רבי פון שלום אַשן און אויסגעגאַנגען לתרבות רעה.

באמת האָט חיים וואָדניק וויט אויסגעברייטערט דעם באַגריף פון בית מדרשדיקן אפּיקורס און אים צוריקגעגעבן זיין אידעאיש־עפּיקורעאישן וועלט־מאַסשטאַב.

געקומען קיין לאָדזש זייער יונג, האָט ער די שטאָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן און ווען ידידים האָבן אים אַמאָל פאָרגעשלאָגן צו נעמען אים קיין וואַרשע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט : צווערשט מוז איך קענען לאָדזש, האָט ער תמיד געענטפערט.

דער לאָדזשער באַקאַנטער שריפטשטעלער י. י. טרונק האָט אַמאָל אין זיינעם אַ בוך, וואָס ער האָט אים געגעבן אַ מתנה, אַריינגעשריבן : „דעם געטלעכן אפּיקורס, חיים וואָדניק". די דעדיקאַציע האָט ביי אים אויסגענומען און עס איז אפשר געווען, אַ זייער פּאַסיקע באַצייכענונג.

איך, וועלכער בין אויף אַ געוויסער צייט פון אים פאַוואָריזירט געוואָרן, און אַפּילו פּראָקלאַמירט אַלס תלמיד, הגם מיר זענען זייער וויט געווען פון כאַראַקטער. אין עלטער, פון דערציאונג און פון אופן פון טראַכטן, — האָב איך אים אַמאָל געטראָפן אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן, אין אַ פּאַרק אין דער געזעלשאַפט פון אַן עלעגאַנטן הער. ער האָט מיר געגעבן אַ ווונק זיך צו דערנענטערן, און איך, אַן אומדרייסט בחורל, נאָר וואָס אַריין

---

*) אַזוי האָט געהייסן דער פּאַרק, נישט וויט פונעם ווידזעווער וואָקזאַל.

אין „אייראָפּעאישע" מלבושים, האָב איך זיך דערגענטערט. „סאָקראַטעס" שטעלט מיך פאָר אויף „זיין" פּויליש: פאַן ליטעראַט. — חיים וואָדניק האָט משמעות בנביאות פאָרגעזען, אַז איך וועל זיין שרייבער און פלעגט מיך רופן „ליטעראַט", ער שטעלט מיר פאָר דעם הער: פאַן זעלווערעראָוויטש.ביידע זענען זיי געזעסן זייער אַנטשפּאַנטע, צוזאַמען געלאַכט און „סאָק־ראַטעס" האָט אין אים אַריינפילאָזאָפירט מיטן פּסוק שטיצנדיק זיין פילאָ־זאָפיע מיטן פּסוק פון תהילים: „אני אמרתי בחפזי, כל האדם כוזב" און יעדעס מאָל האָט ער צוגעגעבן: אוואַ, אוואַ, קרול דאַוויד פּאָוויעדזשיאַל, קאַזשדי טשלאָוויעק קלאַמיע. דער אַרטיסט האָט שטאַרק צוגעשטימט מיט גרויס הנאה פון דעם ציטאַט און פון דער פילאָזאָפיע.

דער נאָמען „סאָקראַטעס" איז געווען אין פיל הינזיכטן זייער אַ געראָטענער. שוין פיזיש האָט ער דערמאָנט די גריכישע סקולפּטורן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט סאָקראַטעסעס מיאוסע ברייטע שטריכן און שטראַלנ־דיקע פּנים חכמה. ער האָט אויך ליב געהאַט לאַנגע מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן ווי סאָקראַטעס, געפּאַנגען מענטשן ווי סאָקראַטעס און מיט קסאַנטיפּאַ, וואָס האָט אים פאַרסמט דאָס לעבן, האָט ער זיך נאָך אין די יונגע יאָרן צע־שיידט, כדי די פרייהייט זאָל זיין אַ פולע און אַן אומבאַגרענעצטע. ער איז געווען אַ מסתפּק במיעוט. קיינמאָל האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין פּרוטה אין טאַש און נישט געוווּסט, אַרויסגייענדיק פון שטוב אינדערפרי, ווו צו נעמען דעם ערשטן ביסן ברויט.

מייסטנס פלעגט אונטערקומען אַ ידיד, וואָס פלעגט אים פאַרבעטן צו זיך אויף אַ מיטאָג אָדער אויף אַן אָוונט־ברויט מיט אַ פיינעם שמועס וועגן גאָט וועלט און מענטש. און, אַז דאָס האָט זיך עטלעכע טעג נישט געטראָפן, איז חיים וואָדניק אַריין אַן אויסגעהונגערטער אין אַ קנייפּע אָדער אויף אַ יידישער שמחה, אַ חתונה וכדומה, און דאָרט האָט ער שוין געפונען בעלנים, וואָס האָבן אים אונטערגעלענט דאָס האַרץ...

אָבער תמיד איז ער געווען פריילעך, זינגענדיק און אפילו געהאַט אַ דיקלעך בייכל.

דער בונדישער לידער פון לאָדזש, דער איידעלער סאָציאַליסט, פיי־נער מענטש און גוטער קענער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, ישראל ליכטענשטיין, וועלכער פלעגט מיך פון צייט צו צייט, קאָנסולטירן וועגן

ל. דאָמאַנקעוויטש

פּריש־דערשינענע ביכער פון שטיבל־פאַרלאַג, האָט מיך אַמאָל געפרעגט באַרירנדיק די טעמע חיים וואָדניק: — איך בעט אייך — פון וואָס לעבט ער?

ענטפערן דעם חשובן סאָציאָלאָג מיט וואָס עס לעבט אַדורך אַזאַ ייד ווי חיים וואָדניק זיין טאָג, איז פאַר מיר געווען אַ צו־שווערע הלכה. איך האָב אים בלויז געענטפערט: ער גייט נישט אַריין אין אייערע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס. ישראל ליכטענשטיין האָט פאַרשטאַנען און געשמייכלט...

אין יאָר 1929 האָט די וועלט איבערגעלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און דער פּוילישער מאַנטשעסטער איז אויך געווען פאַרטרויערט און פאַרזאָרגט. יידן אין דער גאַס, חסידים און פאַבריקאַנטן, האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו באַמערקן חיים וואָדניקן:

„אָט גייט זיך אַ ייד אַ טאָג איין טאָג אויס, תמיד פריילעך, תמיד זינגענדיק און קיינער ווייסט נישט, פון וואָס דאָס לעבט און וואָס דאָס טוט".

איינער אַזאַ ייד, אַ נגיד, איז פּשוט אַרויס פון די כלים און דערזעענדיק דעם פילאָזאָף גיין אַ זינגענדיקן און טאַנצנדיקן מיטן אַרויסגעשטעקטן בייכל, רופט ער אים מיט ירגזון: הערט נאָר ר' ייד, אַזעלכע שווערע צייטן אויף דער וועלט: באַנקראָטן, זעלבסטמאָרדן, און אייך אַרט דאָס אַלץ נישט?

— ביז היינט האָט איר מיך נישט געזען, ר' שכן, און אָט האָט איר זיך אָנגעהויבן מיט מיר צו אינטערעסירן? — פרעגט וואָדניק.

— ניין! איך וועל קיינמאָל נישט באַנקראָטירן, — גיט ער צו.

— אָבער קלערט מיר אויף, וואָס טוט איר און פון וואַנען לעבט איר?

— וואָס איך טו? קענט איר אויך ברענגען מיר עסן, אַזוי ווי זיי האָבן געבראַנגט אליהו הנביא אויפן הר־הכרמל.

***

נאָך אַכט טעג פון נאַצישער אָקופּאַציע אין לאָדזש, האָט חיים וואָדניק פאַרצויגן אַ שטריק אויפן האַלדז און זיך אויפגעהאָנגען אין זיין קעמערל. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַריבער די 70 יאָר.

די פרייהייט איז פאַר אים געווען פאַרענדיקט און אָן איר, האָט ער נישט געהאַט צו וואָס צו לעבן.

יחיאל ישעיה טרונק ז״ל

דאָס יאָר 1976 האָט אָפּגעשלאָסן אַ פּעריאָד פון פופצן יאָר זינט עס איז אין ניו־יאָרק געשטאָרבן אַ פּאַראיינזאַמטער, אַ כמעט עלנטער, דער אייגנאַרטיקער יידישער שרייבער און גייסטרייכע פּערזענלעכקייט יחיאל ישעיה טרונק. לאַנגע יאָרן דערנאָך האָבן נישט אויפגעהערט צו דערשיי־נען וועגן אים אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע אין דער גאָרער וועלט.

דאָס קומט נישט בלויז דערפון, וואָס טרונק איז געווען אַ וויכטיקער שרייבער און אַ גייסטיקער לידער פון „בונד״, נאָר אויך דערפאַר וואָס ער איז בכלל געווען אַן אָריגינעלע פּערזענלעכקייט, אַן אינטערעסאַנטער שמועסער, אַ מענטש מיט הומאָר און מיט געדאַנקען. זיין תורה שבעל פּה איז נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר אפשר איבערגעשטיגן זיין תורה שבכתב.

איך האָב טרונקן גוט געקענט אין לאָדזש, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז דעמאָלט צוריקגעקומען מיט זיינע עלטערן, פון דער שווייץ, ווו זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן. עס האָבן וועגן אים קורסירט אַן אַ שיעור מעשיות וועגן זיין לומדישן יחוס, וועגן זיין נגידישן יחוס, וועגן זיין חברשאַפט און פריינטשאַפט מיט י. ל. פּרץ. די מעשיות זע־נען אונטערגעהאַלטן געוואָרן מיט גרויס פּיעטעט דורך זיינע חברים, געווע־זענע חובשי בית־המדרש, וואָס זענען געוואָרן טיילווייז משכילים, טיילוויז פּרצ׳יסטן־יידישיסטן.

זיי אַלע האָבן אין טרונקן געזען אַ מין בן־מלך, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט צום פאָלק. זיין בונדיזם און יידישיזם, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געגומען אויסקריסטאַליזירן, האָבן זיי געהאַלטן פאַר קאַפּריזן פון אַ פּרינץ, פון אַ צעפּיעשטשעטן, רייכן בן־יחיד. אין אַ געוויסן זין איז עס טאַקע אַזוי געווען. טרונקס בונדיזם, געבונדן מיט יידישיזם און יידישער פאָלקס־קול־טור, איז געוואָרן זיין גרעסטע, דויערעוודיקסטע און אייביקע ליבע. עס איז געוואָרן פאַר אים אַ מין „גיין צום פאָלק״. אין דעם דאָזיקן מאַרש זיינעם

ל. דאָמאַנקעוויטש

„צום פאָלק" האָט ער אַרומגעצוימט און אונטערגעשפּאַרט מיט אַלע מוח־סברות און גייסטרייכע פּילפּולים, צו וועלכע ער איז פּעאיק געווען.

וועגן זיין פריינטשאַפט מיט פּרצן און ווי אַזוי דער גרויסער י. ל. פּרץ האָט אים מקרב געווען און ווי אַזוי זיי זענען ביידע אַרויסגעריטן אויף פערד פון זיין פאַטערס גוט, בלאָטאָוו, האָט מען זיך געשעפּטשעט מיסטעריעז אין די אויערן. פּרץ איז טאַקע געווען אַ רבי און ווי אַ רבי, האָט ער געהאַט די מענטשלעכע שוואַכקייט מכבד צו זיין עשירים. י. י. טרונק האָט אים אָפּגעצאָלט מיט אייביקע ליבשאַפט און טריישאַפט, צו אים, צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור, אויף אַלע זיינע יאָרן. דער סימפּאַטישער פירער פון „בונד" אין לאָדזש, ישראל ליכטנשטיין, איז געוואָרן איינער פון זיינע נאָענטסטע פריינט. און ווער עס האָט נישט געזען אַרויסגיין טרונקן אין גאַס אַריין, אויף דער פּיעטרקאָווער, געאָרעמט פון איין זייט מיטן תנ"כישן, העברעאישן דיכטער, תמיד לאַכנדיקן, פריילעכן יצחק קאַצענעלסאָן, און מיטן ערנסטן בונדישן לידער ישראל ליכטנשטיין, פון דער צווייטער זייט, האָט נישט געזען עפּעס גרויסאַרטיקעס אין זיין לעבן.

יחיאל ישעיה טרונק האָט זיי ביידע געהאַלטן פעסט געאָרעמט, ווי ער וואָלט געפירט די לעבעדיקע סינטעזע פון אייביקער יידישקייט איבער די יידישסטע גאַסן פון יידיש־חסידיש־אינדוסטריעלן לאָדזש. קיין אמתע און טיפע באַציאונג צו מאַרקסיזם האָט י. י. טרונק קיינמאָל נישט געהאַט. איבער די וווּלגאַריזירער און מפרשים פון מאַרקסיזם האַלטן, אַז קאַרל מאַרקס האָט גענומען די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק און זי איבערגעדרייט און איר געגעבן אַ מאַטעריאַליסטישע באַזע, האָט י. י. טרונק צוריק געטאָן דאָס פאַרקערטע. ער האָט די סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק איבערגעדרייט און צוזאַמען מיט זיינע טעאָריעס וועגן יידיש צוריקגעשטעלט אַ גייסטיקע דיאַלעקטיק.

ווען דער שרייבער פון די שורות איז נאָך געווען זייער יונג און טרונק אויך נאָך אַ יונגער מענטש אין די דרייסיקער יאָרן, פלעגט ער אויך אַרויפקומען צו מיינס אַ שוואָגער, שמעיה צימערמאַן, וועמענס שטוב איז געווען אַ ליטעראַרישער סאַלאָן פון לאָדזש. אָפטמאָל פלעגן דאָרט אין די צוואַנציקער יאָרן פאַרקומען ליטעראַריש־קינסטלערישע טרעפונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט: בראָדערזאָן, קאַצענעלסאָן, טרונק, דער

נצח יידישקייט

מאָלער יעקב אדלער און אַנדערע און פון צייט צו צייט פלעגן אַראָפּקומען פון וואַרשע אויך וויסנבערג מיט זיין סוויטע.

ויהי כי טוב לב המלך. ווען דער עולם איז געווען הייטער און פריי־לעך, פלעגט דער שרייבער פון די שורות באַקומען די מיסיע אַביסל צו דרשענען מיט גראַמען, וואָס איז אים דעמאָלט זייער לייכט אָנגעקומען. איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויף טרונקן, האָב איך דעמאָלט געגראַמט צווישן אַנדערע:

> טרונק וועט נאָך גוזר זיין, אַז אויף יידיש
>
> זאָל מען זאָגן סליחות און מאַכן קידוש.

אַזוי איז ער פאַר אַלע געווען, דער פאַרקערפּערער פון אידעאָלאָגישן יידישיזם — זיין „אני מאמין". זיין שטאַרק אַקצענטירטער יידישיזם האָט אָבער געהאַט אַ סך חן און רייץ און בכלל האָט טרונק דעמאָלט פאַרמאָגט אַ סך שאַרם. אַלס שרייבער האָט מען דעמאָלט ביי אים ליב געהאַט זיינע קורצע היסטאָרישע עסייען. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ סך אָריגינעלקייט אין סטיל און קערנדיקייט פון וואָרט. אָבער זיין גרויס בוך וועגן שלום עליכמען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די שפּעטערע דרייסיקער יאָרן, איז געווען געשריבן מיט אַ סך שווערן פילאָזאָפישן ערנסט און האָט אַזוי ווייניק גע־פּאַסט צו אונזער גרויסן לאַכנדיקן הומאָריסט, אַז לצים האָבן מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז אויב ווער עס איז, וואָס וואָלט דאָס בוך ווייניקער פאַרשטאַנען, וואָלט עס קודם געווען שלום עליכם אַליין...

פון פאָטערס צד איז טרונק געווען אַן אור־אייניקל פון באַרימטן קוט־נער רב ר' שיעלע קוטנער (דער ישועות ישראל). פון דער מוטערס זייט, פון זייער רייכע פּויערים, גוט־באַזיצערס. וועגן דער רייכקייט פון ר' חיים אברהם טרונק (דעם שרייבערס פאָטער) האָבן לאָדזשער חסידים געפלעגט זאָגן מיט שטאָלץ: „פּאָזנאַנסקי (דער ראָטשילד פון פוילן) האָט קוימענס (פאַבריקן), חיים אברהם האָט געלט".

אַ שפּאָר ביסל צפּיעשטשעטקייט פון אַ רייכן בן־יחיד איז טרונקן גע־בליבן אויפן גאַנצן לעבן. אָבער ווען ער איז אין די מלחמה־יאָרן ווי אַ פּליט איבער רוסלאַנד פאַרוואָרפן געוואָרן קיין אַמעריקע און איז אַרויס נקי מנכסיו, ריין פון אַלע גיטער און פאַרמעגנס, און געצוווּנגען געוואָרן צו אַ פּראָלעטאַריש לעבן, בלויז פון זיין פּען, האָט ער — צו זיין שבח — פאַר־

ל. דאָמאַנקעוויטש

טראָגן מיט גוטן הומאָר זיין נייע לאַגע. עס האָבן זיך אויפגעפּראַלט פאַר אים די ארובות השמים און עס איז געפאַלן פון זיי אַ שפע פון מעשיות און מעמואַרן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשור־נאַל" און אין אַ צען ביכער.

זייער פּאָפּולער האָט ער זיך געמאַכט מיט זיינע זיבן בענדער „פוילן". און כאָטש אַ סך עפּיזאָדן, סיטואַציעס און פּערזאָנען, וואָס דעפּילירן אין זיין קאָלירפולער זיבן־בענדיקער עפּאָפּיע און וואָס געקענט האָב איך זיי פון דער נאָענט, זענען אַזוי געגעבן אַ שטייגער, ווי זייער גאַנצער מאַרטי־רער־טויט וואָלט געוועזן די קאָנסעקווענץ פון זייער שווער לעבן.

לאָדזש — איר אויפשטייג און אונטערגאַנג

דער צופאַל האָט עס געוואָלט, אַז איך זאָל איינצייטיק באַקומען צוויי ביכער זכרונות וועגן לאָדזש, די אַמאָל יידישסטע גרויסשטאָט אין דער וועלט. איינס איז אַ בוך זכרונות וועגן דעם פוילישן מאַנטשעסטער פון אַנהויב יאָרהונדערט. ווען די שטאָט האָט זיך געפונען אין דער תקופה פון איר פונאַנדערבלי, ווען זי האָט ווי אַ מין אינערלעך אַמעריקע, געלאָקט און געררייצט מיט אירע גרויסע מעגלעכקייטן און יידן פון אַלע שטעטלעך פון פוילן און ליטע און רוסישע יידן מחוץ דער „טשערטא", האָבן אַהין געשטראָמט, צו געפינען אַרבעט און „מאַכן געלט". דאָס צווייטע בוך דערציילט וועגן די יאָרן פון עינויים און פאַרלענד, ווען דאָס יידישע ענערגישע, אַרבעטנדיקע לאָדזש האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע.

דער מחבר פון ערשטן בוך איז פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער). איך האָב אים פון לאָדזש נישט געקענט, אָבער אין פראַנקרייך, ווו ער האָט געלעבט אין די ערב־מלחמה־יאָרן, ווו ער האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע־יאָרן און אויך פאַרבליבן אין לויף פון אַ פּאָר יאָר נאָך דער מלחמה, האָב איך אים אָפט געטראָפן. אונזערע וועגן האָבן זיך אויך געקרייצט אין טולוז און אין ליאָן, בעת דער מלחמה.

מיטן שטראָם וואָס האָט פון פּאַריז פאַרטראָגן קיין בוענאָס איירעס אַ צוואַנציק יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, איז אויך אַלעקסאַנדער, דעמאָלט רעדאַקטאָר פון דער בונדישער „אונזער שטימע", אַוועק און פון דאָרט זענען צו אונז דערגאַנגען אין די לעצטע יאָרן זיינע דריי ביכער זכרונות, פון וועלכע דאָס לעצטע איז „לאָדזש אין מיין זכרון", הגם כראָנאָלאָגיש האָט עס באַדאַרפט זיין דאָס ערשטע.

איז דאָס בוך פאַר מיר אַ קוואַל פון עמאָציעס. לאָדזש איז נישט מיין געבורטס־שטאָט. אָבער זי איז די שטאָט פון מיין פריער און רייפער יוגנט. איך האָב גוט געקענט די אַלע „שטיבלעך", די הייזער, די פאַבריקן און

קרייזן, וואָס מינץ דערמאָנט, אָפּטמאָל אַפילו די זעלביקע מענטשן, נאָר אין אַ שפּעטערער עלטערער תקופה. לאָדזש איז געווען אַ משונהדיקער געמיש פון פּראַקטישקייט און ראָמאַנטיק. די טאַטעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוואַל־טיקע בריהשקייט צו זאַמלען קאַפּיטאַלן און די זין — צוצוגרייטן זייער עקספּראָפּריאַציע על פּי מאַרקסיזם.

אין דער גאַנצער וועלט מסתמא האָט מען נישט געקענט זען אַזאַ בילד, ווי חסידישע יידן מיט בערד און פּיאות — גרויסע מבינים אויף וואָל און ביינוול, מומחים אויף פאַרבנמישונג און עקספּערטן פון אַפּרעטור. די גרויסע דייטשע אינדוסטריעלער האָבן געהאַט יידיש־חסידישע דירעקטאָרן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די געשעפטן פרייטיק מיטאָג לכבוד שבת און אָפט גענומען גרעסערע אורלויבן צו פאָרן נאָך גער, וואָס די דייטשע פּאַטראָנען האָבן געהאַלטן פאַר זייער מזלדיק.

די דאָזיקע וועלט פון דייטשע באַראָנען, יידישע פאַבריקאַנטן און אָרעמע האַנט־וועבער, פּוילישע פאַבריק־אַרבעטער און רוסישער פּאָליציי, האָבן געשאַפן דעם געמישטן לאָדזשער קלימאַט, דעם ספּעציפיש לאָדזשע־ריישן זשאַרגאָן. די פאַבריק־טערמינאָלאָגיע פון יידן, ווו די ווערטער „שוס" און „קעטע" האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט.

די דאָזיקע וועלט פון ערב דעם ערשטן וועלט־קריג שילדערט מינץ מיט אַ סך וואַרעמקייט. ער קען זי פון אינעווייניק. ער איז מיט איר אַ שני לשני דורך די חסידיש־נגידישע משפחות, פון די וואָירוסלאַווסקיס, מאקאָ־ווערס, וואָס האָבן דורך פלייס און פעאיקייטן דעראָבערט וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער לאָדזשער טעקסטיל־ און מאַנופאַקטור־וועלט.

איך קען מינצן ווי אַ לאָגיקער, אַ ראַציאָנאַליסט, אָבער איצט, ווען ער קערט זיך צו זיינע קינדער־יאָרן, ווען ער באַרירט אַ וועלט וואָס ער האָט פיל יאָרן אין זיך פאַרדרענגט, זיך אָנשטויסנדיק אין די טיפסטע און דינסטע קעמערלעך פון געדעכעניש, דערמאָנט ער זיך און דערוואַרעמט אויך אונז, די לייענער.

אין דער הקדמה שרייבט ער, אַז בעת די אָקופּאַציע־יאָרן איז אים אויסגעקומען זיך צו באַהאַלטן ערגעץ אין אַ הייל, איז אים אין חלום אָדער אין דער וואָר אויפגעגאַנגען אַ ליכט און אויפן עקראַן פון דאָזיקן ליכט, האָט ער געזען דורכמאַרשירן זיינע קינדער־יאָרן, זיינע חסידישע

עלטערן, פעטערס, מוטערס, זיין קינדהייט און די קינדהייט פון לאָדזש, וואָס האָט זיך נאָך אַליין געפונען אין דער סטאַדיע פון וווּקס און געדייאונג.

ער האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז ווען ער וועט איבערלעבן די מלחמה, וועט ער שרייבן זיינע זכרונות. עס איז בכן אַ מין נדר און ער האָט דעם נדר מקיים געווען. דאָס בוך איז געשריבן אַנציעוודיק, אָפטמאָל מיט קינסטלערישן בליץ. איך וואָלט באַדאַרפט ציטירן עטלעכע זייער שיינע ערטער, ווי למשל די שלאַכט צווישן הענער, וואָס ער אַליין אַלס יינגל, האָט אָרגאַניזירט אין אַ לאָדזשער הויף, אָבער די ראָמען פון אַ צייטונגס־אַרטיקל זענען צו שמאָל דערצו. בכלל: אַ גוט, אָפּפרישנדיק בוך, אַן אינטערעסאַנטער ביישטייער צו דער זכרונות־ליטעראַטור פון אַן אינטימען קוק־ווינקל געזען.

דאָס צווייטע בוך וועגן יידישן לאָדזש אין די יאָרן פון טראַגישער גסיסה און פּטירה, געהערט צו דער פעדער פון שלמה פראַנק; אַ זשורנאַל, געשריבן פון אַ זשורנאַליסט, אַ טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ פון שלמה פראַנק (פרענקעל). איך האָב געלייענט כמעט אַלץ, וואָס איז דערשינען אויפן געביט פון חורבן־ליטעראַטור. איך האָב אַלעמאָל געקענט באַהערשן מיינע עמאָציעס און פאַרזעצן דאָס לייענען. דאָס מאָל האָב איך געמוזט מפסיק זיין עטלעכע מאָל, זיך פונאַנדערוויינען און אין דער נאַכט האָבן מיך געפייניקט קאָשמאַרן.

פראַנק האָט זיין „טאָג־בוך" נישט „פאַרליטעראַטעוועט", נישט צוּפאַנטאַזירט. עס האָבן די רוצחים און אויסוואורפן געגוג געהאַט פאַרברעכערישע פאַנטאַזיע, אַז מען זאָל אויפגעשוידערט און פונאַנדערגעטרייסלט ווערן פון פאַרצייכענען די פאַקטן פון יעדן טאָג, אַזוי ווי זיי זענען געווען. יעדער טאָג זיין חורבן: „היינט נישט געסטייעט קיין הענט צו באַגראָבן די מתים; היינט פאַלן די מענטשן, די קינדערלעך פון הונגער אין די גאַסן, ווי די פליגן; היינט האָט מען אויפגעשטעלט 18 תליות; עס זענען אָנגעקומען די לעצטע רעשטלעך יידן פון די אַרומיקע ליקווידירטע געטאָס; מען האָט היינט צוגעברענגט אין געטאָ יידן פון דייטשלאַנד, פון אונגאַרן, פון טשעכיע, פאַרפייניקטע און אָפּגעריסענע. מען האָט היינט צוגעברענגט ציגיינער. מען פייניקט זיי אַזוי, אַז יידן פילן זיך פּריווילעגירט. היינט האָט מען אויסגעשאָסן די משוגעים פון די אנשטאַלטן; מען האָט אַוועקגעפירט די קראַנקע פון די שפּיטעלער; אַ פריילעכע ידיעה: דער יודען־עלטסטער

ל. דאָמאַנקעוויטש

רומקאָווסקי, אַ ייד אַ זקן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידל ; גיהנום און אָרגיעס, איובס בשורות און שדים־טאַנץ״.

און דאָס טאָג־בוך איז קוים דערפירט ביזן סוף 1942.

גאָט, ווי אַזוי האָט מען פּאָרט איבערגעטראָגן, אַפילו ביז צום טויט, אַזאַ לאַנגע גסיסה ? און הגם דער פאַרצייכענער פאַרציייכנט, אינטערוועניִרט נישט, לאָזט נישט הערן זיין שטימע, רייסט זיך זיין קול ווי פון זיך אַליין אָפּט איבער מיט אַ קללה, מיט אַ פאַרקראַמפּטן אויסגעשריי. און ווי דער בעל־סליחות און קינות, שרייט ער : וואָס איז געוואָרן מיט אונז ? מיר זענען געוואָרן צו חרפּה און צו שאַנד צווישן די פעלקער !

פאַראַן אַ פּראָבלעם יודענראַטן, יידן־עלטסטער. איז רומקאָווסקי געווען אַ בוגד, אַן אויסוואורף ? זייער שווער בכלל צו אַנטשיידן אין דער דאָזיקער טראַגישער פראַגע. ווען אַזאַ חיהשער רעזשים זוכט צו דעמאָראַליזירן און פונאַנדערטיילן די מענטשן. פראַנק איז רומקאָווסקין דן לכף חוב. אָבער איך האָב געהערט אויך אַנדערע מיינונגען. זיכער זענען די, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו זיין די פאַרמיטלער צווישן מערדער און קרבן, געגאַנגען אויף דער שמאָלער קלונג פון חלף. מאַנכע זענען געווען פשוטע אונטערוועלט־מענטשן, סאַטראַפּן. אַ גרויסער טייל אָבער האָט זיך געמאַכט אילוזיעס, אַז העלפנדיק אומברענגען אַ טייל, וועט ער ראַטעווען דעם רוב.

וויי צו אַזאַ געדאַנקען־גאַנג ! וויי צום רעזשים, וואָס דערמעגלעכט אים ! רומקאָווסקי און זיינע ווילע יונגען, זיי האָבן יעדנפאַלס אַרויסגעצויגן ס׳חיות פון הונדערטער טויזנטער יידן, מאַכנדיק זיי שווער אַרבעטן, אין הונגער און שרעק.

מלכות געטאָ.

שרעקלעכע, טראַגישע איראָניע פון יידישן גורל. עס האָבן אַמאָל דובנאָוו און אַנדערע יידישע טרוימער געחלומט פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער. צו איר מעפיסטאָפעלישן פאַרווירקלעכער האָט דער שר האומה באַשטימט היטלערן. ער האָט יידן געגעבן אייגענע פּאָליציי אייגענע אַדמיניסטראַציע, אין לאָדזש אַפילו אייגן געלט. פון דער דאָזיקער גיהנום־מלוכה האָט פראַנק טריי געפירט זיין טאָג־בוך. דער גורל האָט אים אָפּגעהיטן ווי אַן עדות און באַריכטער פון גיהנום.

נצח יידישקייט

עס איז אַ שווערער און ביטערער ביס איבערצולייענען דעם טאָג־בוך, אָבער וואָס באַדאַרף פון אונז געטרונקען ווערן ביז צום דנאָ. זיך לפּחות באַטייליקן אין די טויט־יסורים פון אונזערע נאָענטע, צו געדענקען וואָס איז מיט אונז געטאָן געוואָרן אין מיטן אייראָפּע, אין מיטן פון יאָרהונדערט, וואָס האָט געזאָלט זיין דער יאָרהונדערט פון מענטשלעכן אויסלייז.

ליטעראַטור — די רעליגיע פון היינטיקן ייד

חסידות און ליטעראַטור

„ווי דורך אַ נעפּל קוקט צו אונז אַרויס די היסטאָרישע געשטאַלט פון שאַפער פון חסידות, דורך אַ נעפּל פון וווּנדער־מעשיות, וואָס די פאָלקס־לעגענדע האָט מיט זיי באַקרוינט דעם קאָפּ פון איר באַליבטן העלד, אַ גע־דיכטער שלייער פון פאַנטאַזיע־געוועבן פון די מענטשן פון זיין דור און פון די שפּעטערדיקע דורות פאַרשטעלט פאַר אונזערע אויגן די אמתע געשטאַלט פון בעל־שם־טוב אַזוי, אַז צייטנווייז דוכט זיך אונז, אַז ער האָט קיין מאָל נישט עקזיסטירט ווי אַ לעבעדיקער מענטש, אַז דאָס איז גאָר אַן אויסגעטראַכטע געשטאַלט, וואָס מען האָט מיט אים דעקאָרירט די רעלי־גיעזע באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די יידישע וועלט״.

אַזוי הייבט שמעון דובנאָוו אָן זיין געשיכטע פון חסידות. און אַזוי ווי דער בעל־שם־טוב, הגם עס איז ערשט אַ צוויי הונדערט יאָר ווי ער האָט געלעבט און געווירקט, נעמט די גאַנצע תקופה אויך שוין אָן פאַר אונז דאָס אויסזען פון אַ לעגענדאַרישער עפּאָכע. דאָס קומט נישט דערפון, וואָס מיר זענען היינט אַזוי ניכטער, אַזוי פּסיכאָלאָגיש ווייט פון יענער טיפער גלויביקייט. שוין דעמאָלט, בעת דעם לעבן פון בעל־שם־טוב און פון זיינע תלמידים, זענען די דאָזיקע מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגענדאַרע געשטאַלטן. אַזוי האָט דאָס פאָלק זיי אַרומגעשפּינט מיט לע־גענדעס און פאַנטאַזיעס, אָנדערציילט זיך מעשיות וועגן זייער צדקות און מידות און גלייך ביים לעבן זענען זיי דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון וווּנדער־מענטשן.

אָבער ווען דובנאָוו באַצייכנט די באַוועגונג ווי אַ רעליגיעזע, רע־דוצירט ער זי צו ראַמען, וואָס זענען אַ ביסל צו ענג. געוויס אַלץ, וואָס עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען ביי יידן, איז נאַטירלעך געווען אין די גרענעצן פון רעליגיע. קיין אַנדערע גייסטיקייט און געזעלשאַפטלעכקייט האָט נישט עקזיסטירט. רעליגיע איז געווען דער קאַנאַל, דורך וועלכן עס האָבן דורכ־

געפלאָסן אַלע אויפברויזן, אַלע גלוסטעניש און אַלע האָפענונגען פון די יידישע מאַסן.

אָבער אין חסידות איז הינטערן לבוש פון רעליגיע געלעגן אַ סאָציאַלער תוך — אַ רעוואָלט קעגן דער פוסטער גאוה פון די לומדים, די בענקשאַפט פון פאָלק אַריינגעצויגן צו ווערן אין גרויסן גייסט־קעסל, וואָס איז געווען ווי פאַרשלאָסן פאַרן המון. חסידות האָט אָוועקגעשטעלט תפילה אַנשטאָט קרבנות.

מיט חסידות איז מיטגעגאַנגען די אייביקע משיחישע בענקשאַפט צו אויסלייז. אָבער דער חסידישער אויסלייז האָט זיך, אין קעגנזאַץ צו די אויסלייז־בענקשאַפטן פון קבלה, באַצויגן צום נשמה־אויסלייז פון יחיד. ביים חסידיזם איז די גאולה פון יידישן מענטש געשטאַנען פריער און ווי אַ הקדמה צו דער גאולה פון יידישן פאָלק. דאָס האָט די דאָזיקע באַוועגונג פאַרהיטן אַריינצופאַלן אין די זעלבע פאַרפירעניש, וואָס די שבתי־צבי־באַוועגונג אַ ביסל פריער און די יעקב־פראַנק־באַוועגונג כמעט אין דער זעלבער צייט.

דער חשד פון די מתנגדים, אַז עס שאַפט זיך אַ נייע „כת״ איז טאַקע נישט געווען אומבאַגרינדעט. אָבער דאָס מאָל איז עס נישט געווען באַרעכטיקט.

די חסידישע באַוועגונג איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין זעלביקן ווינקל, וואָס די פאַלשע משיח־באַוועגונג פון יעקב פראַנק, אין פּאָדאָליע. אין זעלביקן ווינקל ווו אויך די שבתי־צבי־באַוועגונג האָט צום מיינסטן געווירקט. איז דאָך פּאָדאָליע דעמאָלט געווען האַרט ביי דער טערקישער גרענעץ און אַ געוויסע צייט אפילו אונטער דער טערקישער מאַכט, און טערקיי מיינט דאָך דאָס לאַנד, וואָס האָט געהאַלטן אין איר באַזיץ ארץ־ישראל, פון ווו אַלע מיסטיש־קבלה׳שע און משיחישע באַוועגונגען זענען געקומען.

אויסערלעך האָט אויך חסידיזם געהאַט געוויסע סימנים פון משיחיזם, פון שליחות, פון מיסיע, פון פאַרהייליקונג, אָבער צום גליק פאַר דער באַוועגונג האָבן אירע שעפער געהאַט צופיל ליבשאַפט צום פאָלק, צופיל צוגעבונדנקייט צו אים, און צופיל עניוות, אַז עס זאָל קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַרהייליקונג פון יחידים. חסידות, זיך ווענדנדיק צו די מאַסן,

האָט דער עיקר געפּאָדערט מידות: געליטערטקייט, ליבשאַפט און רחמנות צום פאָלק, כדי זוכה צו זיין צו שלימות און גאולה.

חסידות איז געקומען ווירקן נישט בלויז אויף דער פאַנטאַזיע, נאָר אויך אויפן האַרץ און מוח. זי האָט קיינמאָל נישט מבטל געמאַכט דעם דין, אָבער חסידות האָט אים געגעבן אַ נייעם זין און אויסטייטש.

איך זאָג מוח און האַרץ, ווייל חסידות האָט אין זיך געהאַט צוויי הויפּט־עלעמענטן: אַן עלעמענט פון געפיל און אַ פילאָזאָפישן אויסטייטש פון דער וועלט. אַפילו דער בעל־שם־טוב, דער ערשטער גרינדער פון חסידות, וואָס איז געווען כולו געפיל, עמפּפינדונג און הרגשה, האָט אויך געהאַט זיין פילאָזאָפיע, באַזירט אויף דער שיטה פון אר״י הקדוש און די מקובלים פון צפת איבער דער געטלעכקייט, וואָס פילט אויס די וועלט. די פילאָזאָפיע פון בעל־שם־טוב: דער מלא כל הארץ כבודו און לית אתר פנוי מיניה, ווי אַ הימן. ס'איז געווען דער פאַנטעאיזם פון זוהר, וואָס די תלמי־דים פון בעל־שם־טוב האָבן שפּעטער פאַרטיפט און אויסגעברייטערט אויף אלהים בגמטריא הטבע, וועלכן מען דאַרף אָבער נישט פאַרטוישן מיטן שפּינאָזישן פאַנטעאיזם.

יענער, דער פאַנטעאיזם פון שפּינאָזאַ, זעט נישט קיין באַשאַפער מחוץ פון דער שאַפונג, נאָר אַ פולע אידענטיפיצירונג פון שעפער און שאַפונג. דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק איז אָבער נישט מסכים אויף אַזאַ אַבס־טראַקטן גאָט, ער זעט אַ שאַפער, וועלכער פירט אויס זיין יעדע שאַפונג.

אויפן שטייגער פון אַמאָליקע נזירים און הייליקע, האָט דער בעל־שם־טוב געלעבט איידער ער איז נתגלה געוואָרן, אין וועלדער און אין די קאַר־פּאַטן־בערג. בעל־שם'ס זענען דעמאָלט געווען אַ סך. עס האָבן נישט גע־פעלט קיין יידן, וואָס האָבן געגעבן רפואות און סגולות צו ווייבער און קראַנ־קע, אָבער רבי ישראל פון מעזשיבאָזש, וואָס האָט צובאַקומען די באַצייכע־נונג „טוב״, דער בעל־שם־טוב, האָט באַלד באַקומען אַ נאָמען פון אַן אויס־נעמלעכן מענטש, אַ הייליקן, אַ בעל מידות, אַ צדיק וואָס באַווייזט וווּנדער מיט זיין אופן פון רעדן, פון שמועסן, פון געבן שלום, מיט צוטריטלעכקייט צו יעדן מענטש, אַפילו צו אַ פּויער פון דאָרף. דער בעל־שם־טוב אַליין איז קיין למדן נישט געווען. וואָסערע ווונדער! אַרומגערינגלט איז ער געווען פון גאונים און למדנים, וואָס האָבן געגרינדעט אַרום אים אַ גוואַר־

ל. דאָמאַנקעוויטש

דיע. ששים גבורים סביב לו — זעכציק העלדן אַרום אים — האָבן חסידים געזאָגט.

וועגן זיין יוגנט, זיין פּאַראָרעמטקייט, זיין נע־ונד און זיין אַנטפּלעקט ווערן זענען דאָ זייער אַ סך מעשיות אין די ספרים וואָס זענען פּאַרבליבן פון זיינע תלמידים און חסידים. דער בעל־שם־טוב האָט נישט געשריבן, אָבער אַסך פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער האָבן פאַרצייכנט מעשיות און מימרות פון אים. אַזוי זענען געבליבן זאַמלונגען: „שבחי בעש״ט״ „צוואת הריב״ש״ און „כתר שם־טוב״. אַ חוץ וואָס די גרויסע תלמידים האָבן נאָכגעברענגט אין זייערע נאָמען ציטאַטן פון זיינע זאָגעכצער: דער מגיד פון מעזריטש, ר׳ יעקב־יוסף פון פּאָלאָנאָי, ר׳ לוי־יצחק פון בערדיטשעוו און אַנדערע.

וועגן בעל־שם׳ס קוק אויף דער התנהגות פון דער וועלט און פון די מענטשן ווערט אין ספרים איבערגעגעבן, אין נאָמען פון בעל־שם־טוב, אַזאַ משל (ס׳איז אַ פירוש פון משל): ס׳האָט אַמאָל אין גאַס געשפּילט אַ וווּנ־דערבאַרע קאַפּעלע מיט פאַרשידענע כלי־זמרים. יעדער קלעזמער האָט גע־האַלטן אַן אַנדערע כלי און אַלע צוזאַמען האָבן אַרויסגעבראַכט אַזעלכע טײַערע ניגונים אַז מענטשן, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען, האָבן זיך אַזש צעטאַנצט פאַר התפּעלות. און וואָס מער די מוזיק האָט זיך צעשפּילט, האָבן זיך די מענטשן אַלץ לעבעדיקער באַוויגן און אַלע זייערע אברים האָבן אויסגעדריקט ענטוזיאַזם. אין מיטן איז דורכגעגאַנגען אַ טויבער. האָט ער געזען ווי די כלי־זמרים מאַכן מיט די הענט און מענטשן באַוועגן זיך עפּעס משונהדיק. האָט ער געטראַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז משוגע געוואָרן, ווייל ער האָט דאָך די טענער נישט באַנומען און דעם זין פון די באַוועגונגען נישט פאַרשטאַנען. מיטן דאָזיקן משל האָט דער בעל־שם דערקלערט די שמחה פון באַקענען דעם באַשאַפער און די פרייד פון דינען אים מיט התלהבות פון די וואָס געבן זיך איבער דער עבודת הבורא.

זיין גרעסטער תלמיד און נאָכפאָלגער איז געווען דער רבי דוב בער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, דער גרויסער מגיד, דער מגיד פון מעז־ריטש. ר׳ בער האָט געהערט צו די יעניקע למדנים, וואָס בלויז מוח האָט זיי נישט באַפרידיקט. ער איז געווען אַן אַסקעט. האָט געהערט פיל דער־ציילן וועגן בעל־שם, אָבער צו די מעשיות האָט ער נישט געהאַט קיין צו־

טרוי. ער האָט אָבער אַמאָל זיך גענומען און אַריבערגעפאָרן אויף אַ שבת צו יענעם ייד, וואָס מען האָט זיך אָנדערציילט אַזוי פיל וועגן זיינע הייסע תפילות, זיין גוטסקייט, זיין באַשיידענעם גאַנג, פויערישן הילוך און גרויסע מידות. און פון דעמאָלט אָן איז ר׳ בער געבליבן זיין טרייסטער און גרעס־טער תלמיד.

אַ מיטצייטלער פון ר׳ בער, דער גרויסער פילאָזאָף שלמה מימון, דערציילט אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע זייער אַ סך וועגן אים. אין זיינע יונגע יאָרן איז שלמה מימון געפאָרן צו ר׳ בער, וועלכער האָט געשמט מיט זיינע שיינע לומדישע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיין רבנישן טיש. מען איז געקומען אים הערן פון אַלע עקן פוילן, גאַליציע, פאָדאָליע. מימון, דער ראַציאָנאַליסט און איינער פון די ערשטע משכילים, אפשר דער ערש־טער משכיל פון פוילן, אַ תלמיד פון משה מענדעלזאָן, לאַכט נאַטירלעך אויס חסידות און אויך דעם מגיד פון מעזריטש האַלט ער פאַר מער מיסטיפי־קאַטאָר ווי מיסטיקער. ער איז אָבער מודה אַז ער האָט געהאַט אַ געטלעך פנים און אַ סך פון זיינע תורות האָבן אים באַווירקט אויפן גאַנצן לעבן. איי־נע פון זיי איז דער אויסטייטש פון פסוק: והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה׳. דער פסוק איז געזאָגט אין מלכים ב׳ וועגן מלך יהושפט. דער מעזריטשער האָט אים געטייטשט ויהי כנגן המנגן — און עס זאָל זיין ווי דאָס שפילן און דאָס צונויפטרעפן זיך אין איין גייסטיקן יש. דאָס הייסט, אַז ווען דאָס אויס־פירן פון אַ קאָמפּאָזיציע וואַקסט זיך אַזוי צונויף מיטן אויספירער, אַז זיי ווערן ביידע איינס, דעמאָלט איז ורוח לו. דער ניגון צוזאַמען מיט תפילה האָבן געשפילט די גרעסטע ראָלע ביי די שעפער פון חסידות. פרץ׳ס „גילגול פון אַ ניגון״ האָט זיך גענומען פון אָט דעם שורש.

די וויכטיקסטע תלמידים פון בעל־שם־טוב זענען געווען דער מעז־ריטשער מגיד און דער רבי ר׳ יעקב יוסף, דער רב פון פאָלאָניע (אין וואָלין). מען האָט אים גערופן דער תולדות אויפן נאָמען פון זיין ספר „תולדות יעקב יוסף״. דאָס איז געווען דער ערשטער ספר פון טעאָרעטישער חסידות, וווּ דער תלמיד פון בעל־שם־טוב האָט אַנטוויקלט די נייע שיטה באַזירט אויף דער פילאָזאָפיע פון רבין. ר׳ יעקב יוסף, הגם אַ רב און אַ גרויסער למדן, האָט אין זיין ספר אָפּגעשפּאָט פון די טרוקענע לומדים, וועלכע לערנען גמרא מיט תוספות און זייערע הערצער זענען ווייט פון גאָט.

ל. דאָמאַנקעוויטש

דער צווייטער גרעסטער תלמיד פון בעל־שם־טוב איז געווען דער ערשט־דערמאָנטער רבי, ר׳ בער פון מעזריטש. אין זיינע צייטן און אין די צייטן פון זיינע תלמידים, וואָס האָבן שוין געבילדעט דעם דריטן דור פון חסידות, האָט זיך די באַוועגונג פונאַנדערגעשפּרייט און זי איז געוואָרן די גרויסע רעליגיעזע באַוועגונג מיט אירע באַזונדערע קלויזן, מיט אייגע־נעם דרך אין פּאַרטייטשן יידישקייט, מיט די רבנישע טישן, ביי וועלכע עס איז שבת געזאָגט געוואָרן תורה פאַר חסידים. דעמאָלט איז אויך גע־ווען דער אָנהייב פון דער קעגנערשאַפט צו חסידות, וואָס איז אויפגעקומען פון צווישן די רייען פון דער מתנגדישער באַוועגונג פון איין זייט און פון די משכילים פון דער צווייטער.

דער ענין פון פירן טישן און זאָגן תורה און זאַמלען זיך ביים רבין, איז געוואָרן זייער אַ וויכטיקע אינסטיטוציע. זי האָט מקרב געווען דעם פּשוטן ייד צו עבודת הבורא. זי האָט דעם פּראָסטאַק דערנענטערט צום למדן, זי האָט אים איינגעגלידערט אין דער אינטימיטעט פון יידישקייט, אָפּגעשאַפט די מחיצות, וואָס די רבנישקייט האָט געהאַט געשאַפן.

די תלמידים האָבן דעם חסידישן וועג נאָך ווייטער אַנטוויקלט, אַזוי אַז גרויסע מאַסן פון די אַזוי גערופענע עמי הארץ זענען געוואָרן אַקטיוו באַטייליקטע אין דער פרייד פון געניסן פון דער הייליקייט. חסידות איז, אַלזאָ, ווי מיר זעען אויך געווען אַ סאָציאַלע באַוועגונג.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צום גרויסן מגיד, ווי עס איז אָנגערופן גע־וואָרן ביים פאָלק דער רבי פון מעזריטש. רבי ר׳ דוב בער איז געווען אַ גרויסער למדן און געפירט האָט ער זיך ווי אַלע פרומע ערלעכע יידן. אַ טוך געלערנט, אַ סך געפאַסט, געפּייניקט זיין גוף אָפּצוקומען פאַר די זינד, שטענדיק געלעבט אין פחד פון גיהנום, ביז ער איז זייער שלאַף געוואָרן און פשוט זיך מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. זיינע נאָענטע האָבן אים דעמאָלט גע׳עצהט צו פאָרן צום דעמאָלט שוין באַרימטן בעל־שם־טוב כדי פון אים צו באַקומען אַ רפואה. נאָך לאַנגע אָמפּערנישן האָט ער גע־פאָלגט. אָבער צום צווייטן מאָל האָבן זיי זיך צעשמועסט וועגן קבלה. דער בעל־שם האָט געזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסן מקובל. האָט ער אים מקרב געווען, דערציילט משלים און מעשיות און אים געראָטן צו פאַר־לאָזן דעם וועג פון סיגופים, דעם וועג פון פחד. יראה איז נישט פחד, האָט

ער באַוויזן. און ער האָט אים אַרויפגעפירט אויפן וועג פון שמחה און אהבה צו דינען גאָט. דער מעזריטשער איז שוין אויך אייביק פאַרבליבן אַ טרייער תלמיד פון בעל־שם׳ס דרך און נאָך דעם בעש״ט׳ס פּטירה איז ער געוואָרן זיין ממלא מקום און דער פאָרשטייער פון זיין שיטה.

מיטן בערדיטשעווער, מיטן רב פון ליאַדי, מיט ר׳ נחמן בראַצלאַ־ווער, קומען מיר צו די וויכטיקסטע, כאַראַקטעריסטישסטע פאַרטרעטער פון חסידיזם פון דריטן און פערטן דור. פון זיי האָבן זיך אַרויסגעצווייגט דאָס גאַליציאַנער און פוילישע חסידות: די אַריסטאָקראַטישע רבי׳ס פון ריזשין, פון טשאָרטקאָוו, פון סאַדיגורע, די שאַרפע מוחות פון לובלין און אומגעגנט, מיטן חוזה, דעם ייד הקדוש, דעם פּשיסכער און דעם קאָצקער. פון די גרויסע תלמידים וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע ביז צו ר׳ נחמן. סוף כּל סוף גייט אונז מער אין דער שיטה און אין די ערשטע שאַפער.

די געשטאַלט פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז די צום מיינסטן פאָפּולערע. די געפילס־זייט פון חסידות, די בעל־שם׳ישע אהבת ישראל, האָט זיך אין אים צום שטאַרקסטן פאַרקערפּערט. ער איז געוואָרן דער אָנער־קענטער סניגור פון יידישן פאָלק און זיין מאָנער ביים העכסטן געריכט אין הימל. און ווי אַזעלכער איז ער אַרייך סיי אין דער חסידישער ליטעראַטור, סיי אין דער מאָדערנער יידישער. פון זיינע טענות און תפילות זענען געשאַפן געוואָרן פאָלקס־לידער ווי: „איך וועל דיר זינגען אַ דודעלע״, „קדיש״, „וידבר אל״ און פון זיי האָבן זיך אינספּירירט אַן אַ שיעור שאַפונגען. מען האָט אים אָנגערופן דער דערבאַרמדיקער, און אַלע זיינע קינדער און קינדס־קינדער האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן פאַמיליע־נאָמען. אין איינער פון מיינע רייזעס אין ישראל האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ טוער פון „סולל בונה״ וואָס הייסט רחמן, ווייל ער איז, ווי ער האָט זיך גערימט, דעם בערדיטשע־ווערס אַן אור־אייניקל.

אַן אַנדער אַרט פערזענלעכקייט איז געווען דער רב פון ליאַדי, רבי שניאור זלמן, דער גרינדער פון חב״ד. ווי אַמאָל רבי יוסף קאַראָ, דער גרויסער מקובל און בעל שולחן ערוך, איז אויך שניאור זלמן געווען אי אַ קאָדיפיקאַטאָר, אי אַ מיסטיקער. ער איז אָבער געווען אויך אַ גרויסער דענקער און גוטער סטיליסט. אין זיין באַרימטן ספר „תניא״ אַנטוויקלט ער

אַן אייגענע מעטאַפיזיק, נאַטירלעך באַזירט אויף די מקובלים: ר׳ משה דע ליעאָן, דעם בעל זוהר, אר״י הקדוש און אויך אויף דעם בעל־שם־טוב.

אָבער נישט קיין אַנדערער ווי דער וועלטלעכער אַנרי בערגסאָן, וואָס האָט נישט קענענדיק קיין יהדות און זייענדיק אַ מיסטישע נאַטור געהאַט נייגונג צו קאַטאָליציזם, אין דער נענטערער צייט זיך דערזען קעגנאיבער די זעלבע פּראָבלעמען, זיך געשטעלט די זעלבע פראַגן, און ער האָט נישט געוווּסט, דער דאָזיקער גרויסער דענקער פון אונזער צייט, אַז ער גיט דעם זעלבן ענטפער, וואָס די יידישע מיסטיקער האָבן געגעבן פאַר אים. דער ענטפער איז געווען, אַז ערגעץ ווו אויף דער ליניע פון גייסט האָט זיך דער „עלאַן וויטאַל" פאַרגליווערט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַטעריע.

וואָס שייך דעם צוועק פון דער שאַפונג, קומען מיר צוריק צו דעם „תניא", ווו ער, דער רב פון ליאַדי, זאָגט אַז די שאַפונג איז געקומען צו דער דערגרייכונג פון שלימות דורך דעם מענטש. אויף דער דאָזיקער תורה האָט מנחם באָריישאַ באַזירט זיין גרויס ווערק, אַנגעשריבן אין פערזן: „דער גייער".

מיר מוזן אויך דערמאָנען די גרויסע פּערזענלעכקייט פון רבי נחמן בראַצלאַווער — רבי נחמן, דער רבי פון אומאַן, וועמענס חסידים זענען אים געבליבן טריי אויך נאָכן טויט. מען רופט זיי דעריבער „די טויטע חסידים", ווייל נאָך זייער רבינס פּטירה זענען זיי שוין צו קיין צווייטן נישט געפאָרן. רבי נחמן בראַצלאַווער איז געווען אַן אור־אייניקל פון בעל־שם־טוב. פון זיין עלטער־זיידן האָט ער געירשנט זיין גרויס האַרץ און רייכע פאַנטאַזיע. ער האָט אינספּירירט אַן אַ שיעור ווערק פון יידישע און העברעאישע שרייבער. עס האָבן וועגן אים געשריבן מאָנאָגראַפיעס הלל צייטלין, ש. ניגער; אויף העברעאיש, דער גרויסער חסידות־קענער אליעזר שטיינמאַן. דער נסתר אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט וועגן אים אַנגעשריבן אַ ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער". אינספּירירט פון חב״ד. מיט איראָניע זאָגט אליעזר שטיינמאַן, אין זיין ביאָגראַפיע וועגן רבי נחמן: „פאַר אונזערע כרעסטאָמאַטיעס, פאַר אונזערע ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיעס און פאַר אונזערע קריטיקער איז רבי נחמן נישט קיין שרייבער, אָבער באמת האָט רבי נחמן נישט בלויז אינספּירירט, נאָר אַליין דערציילט אויסטערלישע און וווּנדערלעכע מעשיות, און אַלע מיט אַ מוסר־השכל. און פאַרשריבן האָט זיי זיין גרויסער תלמיד ר׳ נתן פון ניעמיראָוו. ר׳ נחמן האָט אין זיך פאַרמאָגט אויך עפּעס

אַוואַנטוריסטישעס. ער האָט אונטערגענומען אַ לאַנגע רייזע נאָך ארץ־ישראל, אויפן וועג אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּיראַטן און צווישן קריגס־פּירנ־דיקע שיפן.

צו די דיכטער פון אונזער צייט, וואָס דער רבי פון אומאַן האָט אינס־פּירירט, געהערט יעקב גלאַטשטיין. אין אַ סעריע לידער, אונטער דעם אַל־געמיינעם נאָמען: „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר", גיט יעקב גלאַטשטיין די גרויסע נשמה־ראַנגלענישן פונעם דיכטער־רבי, זיינע גרויסע גייסטיקע עליות און אויך ספיקות, זיין באַהעפטונג צו גאָט און זיין שרעק צו בלייבן אַליין, די וואונדערלעכע מעשיות און באַזונדערס די מעשה מיט בעטלערס, וואָס טראָגן אין זיך דעם אומרו און דאָס ווילדע געיעג נאָכן האַרץ פון דער וועלט.

**
*

צו די מיסטעריעס, וואָס די גרינדער פון חסידות האָבן געוועבט אַרום גאָט, אַרום דעם יידישן פאָלק, אַרום דער אויסדערוויילטקייט פונעם ייד, האָט דאָס פאָלק צוגעוועבט זיינע אייגענע מיסטעריעס וועגן די מעשים טובים פון די צדיקים, זיי אָפּצאָלנדיק מידה כנגד מידה, מיט גוטס פאַר גוטס, שיינקייט פאַר שיינקייט.

קיין שום אַנדערע רעליגיעזע באַוועגונג, נישט קבלה און נישט מוסר, האָבן אַרויסגערופן אַזאַ אידעאישע באַפרוכפּערונג ווי חסידות. די באַווע־גונג פון מוסרניקעס האָט געהאַט אַ קליינעם אָפּקלאַנג. אָבער חסידות איז געוואָרן אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר קונסט, פאַר פּרעץ, וועלכער האָט אין די נייע צייטן געגעבן דעם טאָן דערצו, איז חסידות נישט געווען סתם אַ ליטעראַרישער זשאַנער, נאָר אַ גאַנג צום פאָלק, פּונקט ווי די ערשטע שעפער פון חסידות, וואָס האָבן מיט זייער באַוועגונג זיך מכוון געווען אויס־צוברייטערן די טויערן פון יידישקייט פאַר גרעסערע זאַכן, אַזוי האָט זיך אויך פּרעץ מכוון געווען מיט מוסטערן פון סטיליזירטער חסידות צו געווי־נען נייע שיכטן פון פאָלק, פאַר אַ נייַ יידישקייט, פאַר יידישער קולטור.

**
*

חסידות האָט געהאַט מזל צו דער יידישער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן. אין קאַמף פון התנגדות קעגן חסידות, האָט חסידות געזיגט. נשמה

איז שטאַרקער אין לעבן ווי דאָגמע. אין שפּעטערן געראַנגל צווישן השכלה און חסידות האָט חסידות כסדר פאַרלוירן באָדן. עס איז געווען אַ טייל פון זיג, וואָס וועלטלעכקייט האָט אָפּגעהאַלטן קעגן רעליגיע.

אַזוי איז עס געווען אין לעבן, אָבער נישט אין דער ליטעראַטור. אומ־באַמערקט האָט חסידות אַ פאַריאָגטע פון לעבן, זיך געפונען אַ מקלט אין דער ליטעראַטור, זיך דאָרט צעבליט ווי אַ מאָטיוו און געוואָרן אַ ברכה פאַר ביידע ליטעראַטורן, אי פאַר דער העברעאישער, אי פאַר דער יידישער.

עס איז געווען ווי דאָס אין לעבן שוין פונאַנדערפאַלנדיקע זיך חסי־דות, וואָלט אויסגייענדיק פאַרלוירן דעם גוף און זיין רייגער גייסט און פּאָעזיע האָבן זיך גערא‏ַטעוועט אין גן־עדן פון ליטעראַטור.

אוצרות פון טעמאַטיק, פון אידייע, פון פאָרם, פון סטיל, פון וואָרט, זענען דערפון צוגעקומען אין דער ליטעראַטור אַריין. אָן חסידות וואָלט אונזער ליטעראַטור געווען פיל אָרעמער. חסידות איז נישט געווען קיין צו־פעליקייט און נישט סתם עפּעס אַ ווירקלעכע שיטה. עס איז געווען אַנט־פּלעקונג פון פאָלקס־נשמה, עס איז געווען אַ השתפכות פון לאַנג דער־שטיקטע געפילן, עס איז געווען רעוואָלט פון האַרץ קעגן צופיל איבער־לאָדנקייט פון מוח.

חסידות איז געווען אַ שאַטירונג פון קבלה, אַ ניואַנס פון מיסטעריע. אָבער נישט בלויז פאַר יחידים און נישט בלויז אָפּהענגיק פון פאַרבינדונג מיט דער משיח־אידייע. אויך חסידות האָט געמאַכט פון גאולה־בענקשאַפט אַ יסוד פון איר שיטה. אָבער זייענדיק ברייטער, פאָלקסטימלעכער, האָט זי אויך די בענקשאַפט אויסגעברייטערט, פאַרפאָלקסטימלעכט און אוניווערסאַ־ליזירט.

אין דער מאָדערנער ליטעראַטור איז פאָרגעקומען דער זעלבער גאַנג, די זעלבע אַנטוויקלונג און גילגולים. אַ קינד פון דער וועלטלעכקייט, איז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור פון סוף פריערדיקן יאָרהונדערט געווען ראַציאָנאַליסטיש, אוטיליטאַריש, מוסרדיק. אָבער באַלד האָט איר געדראָט שטיקעניש, אָטעם־פאַרפעל, און פונקט ווי חסידות האָט אין לעבן גערא־טעוועט דאָס רעליגיעזע יידישקייט פון פאַרדאַרונג, אַזוי האָט דער ליטע־ראַרישער נעאָ־חסידיזם, די סטיליזירטע, אידעאישע חסידות גערא‏ַטעוועט די ליטעראַטור פון אַן אַבסורדאַלן נאַטוראַליזם, וואָס וואָלט זי יונגערהייט אָפּגעטויט.

צווישן דער רעליגיעזער חסידות גופא, אַזוי ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין דער חסידישער ליטעראַטור למשל, און די מעשיות פון רבי נחמן בראַצלאַווער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, זענען די גרענעצן אַזוי שמאָל, אַז מען קאָן כמעט רעדן פון המשך.

שפּעטער זענען געקומען פּרץ, בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, הלל צייטלין און אַ גאַנצע פּלעיאַדע נאָך זיי, און האָבן מיט דער גייער טע־מאַטיק, אידייען און ראָמאַנטיק געגעבן ביידע ליטעראַטורן אַ פריער גישט באַקאַנטן שווונג.

אָבער נאָך פריער פאַר זיי אַלע איז געקומען ד״ר שמואל אבא האָראָ־דעצקי. אַלע העברעאיש־לייענער פון יענער תקופה פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך שוין אָנגעטראָפן אויף ש. א. האָראָדעצקי און פון אים געשעפּט קענטעניש און אינספּיראַציע פון חסידות. האָראָדעצקי האָט שוין דעמאָלט פאַראייניקט אין זיך וויסנשאַפטלעך־אַנאַליטישן צוגאַנג מיט ליבשאַפט און רעספּעקט פאַר דער דאָזיקער גשמהדיקער אַנטפּלעקונג פון יידישקייט, וואָס כאָטש זי איז ווייט נישט געווען איינהייטלעך, כאָטש זי איז געווען צעצווייגט אין פאַרשידענע שיטות און תורות, האָבן זיי אַלע געהאַט דאָס בשותפותדיקע, וואָס זיי האָבן געזוכט אַ וועג צום האַרצן פון ייד, כדי אים צו דערפרייען און דערנענטערן צו די קוואַלן, אין קעגנזאַץ צו דער שטרענגקייט, קאַלטקייט און טרויער, וואָס האָט געווייעט פון דער טרוקע־נער לומדות און דערווייטערט פון זיך דעם „עם הארץ״.

רבי שמואל אבא האָראָדעצקי איז געשטאָרבן אין תל־אביב אין יאָר 1957 אין עלטער פון 86 יאָר. פינף און זעכציק פון זיי, לכל הפחות, האָט ער אָפּגעגעבן אויף פאָרשן, פאַרטייטשן און דערקלערן חסידות און איר מהות, אין די פאַרשידענע שיטות אין וועלכע די תורה פון בעל־שם־טוב האָט זיך איינגעצווייגט אין די וועלטן פון געדאַנק און פון געפיל. ער האָט טאַקע איינס פון זיינע צאַלרייכע ווערק אָנגערופן מיטן נאָמען „יהדות השכל ויהדות הרגש״ (יידישקייט פון שכל און יידישקייט פון געפיל).

האָראָדעצקי איז געקומען פון אינעווייניק. ער איז אַליין געווען אַ קינד פון גרויסן יידישן יחוס. שמן זית זך — ווי חסידים וואָלטן געזאָגט. אַ ווייט איייניקל פון בעל־שם־טוב פון דער מוטערס זייט, איז ער פון פאָטערס זייט אַן אור־אייניקל פון איינעם פון די שמידער פון חסידות: רבי נחום טשער־נאָבילער.

ל. דאָמאַנקעוויטש

רבי נחום איז פון חסידים שטאַרק פאַרהייליקט געוואָרן. ער איז נאָך אַליין צוויי מאָל געווען ביים בעל־שם. אָבער דער עיקר איז ער געווען אַ תלמיד פון „מעזריטשער מגיד", פון ר' בער, ווי חסידים האָבן אים גערופן, און פון אים האָט ער געשעפּט תורה.

געבוירן איז האָראָדעצקי אין אַ שטעטל אין אוקראַינע. אוקראַינער חסידות איז פּונקט ווי וואָלינער, ווי גאַליציאַנער, געווען אין קעגנזאַץ צום חסידות פון ליטע (רב זלמן פון ליאדי) און פון קליין־פּוילן (פּשיסכער גאון), עבודה שבלב און נישט קיין מוחדיקע.

ש. א. האָראָדעצקי האָט פון זיינע זיידעס אָפּגעירשנט זייערע מידות און תמימות און איז טריי געבליבן זייער וועלט־באַנעם. אַליין אַ מענטש מיט הויכן וועלטלעכן וויסן, האָט ער זיינע יאָרן און זיין פלייס מיט ליבשאַפט געווידמעט דער וועלט פון חסידות און אירע גרינדער. און אין אַ צאָל מאָנאָגראַפיעס דערציילט ער און פאַרטייטשט זייער לעבן, זייער דענקען, זייער אומגאַנג מיט גאָט און מענטשן, און אַנטפּלעקט זייערע מידות.

האָראָדעצקי איז נישט געווען ווי פּרץ און בערדיטשעווסקי קיין קינסט־לער, קיין פּאָעט, נאָר אַ פאָרשער, אַ ביאָגראַף, אָבער דער חסידישער, יידי־שער וועלט־באַנעם איז אים געווען נאָענט און ליב. ער האָט דערשפּירט זיין פּאַנטעאיסטישן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, וואָס איז אָבער נישט אַבסטראַקט־מעטאַפיזיש, נאָר פאָלקסטימלעך נאָענט.

אויך זיין שפּראַך איז געווען אַ פאָלקסטימלעכע, איך ווייס אפילו נישט צי מען קאָן זי אָנרופן העברעאיש, לויט דער היינטיקער מאָס און אַנט־וויקלונג פון דער שפּראַך. גיכער איז עס געווען אַ ספרדיקע פאָלקסטימ־לעכער לשון קודש, נאָענט צו דער שפּראַך פון די ספרים פון זיינע זיידעס און רבי'ס.

זיין וויכטיקסט ווערק איז „החסידות והחסידים". אין אים זענען דאָ מאָנאָגראַפיעס פון אַלע גרינדער און הויפּט־נאָכפאָלגער פון חסידות ווי דער בעל־שם־טוב, „דער גרויסער מגיד" רבי ברוך פון מעזשיבאָזש, רבי נחמן בראַצלאַווער, שניאור זלמן פון ליאדי, רבי מענדל וויטעבסקער, רבי נחום טשערנאָבילער, רבי אברהם „מלאך" א. א. וו. יעדער איינער מיט זיין שיטה, מיט זיינע ניואַנסן אין דער אויסטייטשונג פון דער תורה פון בעל־שם.

זיין ווערק איז איצט אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פאָלקס־קולטור. ער האָט אויסגעפילט אַ מיסיע, וואָס אָן דעם וואָלט געווען אַ גרויסע בלויז.

עס וואָלט געווען אַ ליידיק אָרט אָן אַ המשך און אָן איבערגאַנג. ער האָט אויסגעפירט אַ פּאַרמיטלערישע ראָל צווישן די פריערדיקע דורות און אונזערע.

עס זענען געווען אַנדערע אויסטייטשער פון חסידות, ווי צ. ב. מאַרטין בובער, אליעזר שטיינמאַן, וואָס האָבן אויף זייער אייגענעם שטייגער פאַר־טיפט און אויסגעברייטערט אירע האָריזאָנטן און האָבן אַרויסבאַקומען נייע וועלטן.

אָבער האָראָדעצקי האָט געטאָן די טרייע אַרבעט פון ממצה זיין, פון אַרויסציִען דעם תמצית, דאָס אידעאישע פון די חסידישע שיטות און העלפן אַז מיר זאָלן באַקומען אַ ירושה, אַ ווערטפולע, אַן אייביקן עדות פון אַ קוואַליקער גייסטיקייט, פון וועלכער מיר הערן נישט אויף צו שעפּן.

„בלי־תקופה פון דער השכלה״

אויסגעפונענער לעצטער באַנד פון י. צינבערגס ווערק

אַרום דרייסיק יאָר זענען אַריבער ווי עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם סאָוויעטישן סאַטראַפּ, דעם שונא פון קולטור, איבערהויפּט פון דער יידישער — דער איידעלער פאָרשער, קולטור־היסטאָריקער און מחבר פון מאָנומענטאַלן צען־בענדיקן ווערק „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״, דר. ישראל צינבערג.

ער איז אַפילו געווען זייער נויטיק און נוצלעך, אַט דער דר. צינבערג, אַפילו פאַר אַ קאָמוניסטישן שטאַט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען די אינדוסטריע און די אינדוסטריעלע וויסנשאַפטן ביי זיך אין לאַנד, ווייל דר. צינבערג האָט נאָר בלויז אין די נעכט שטודירט, געפאָרשט און געשריבן וועגן יידישער ליטעראַטור, אָבער אין די נעכט, האָט ער ווי אַ טיכטיקער כעמיקער געהאָלפן באַרייכערן די סאָוויעטישע כעמישע אינדוסטריע און וויסנשאַפט. דער כעס און די פאַראַכטונג פון קאָמוניסטישן שעף צו יידישער קולטור, האָט אָבער וויַט איבערגעשטיגן זיין אייפער אויפצושטעלן אַ סאָוויעטישע אינדוסטריע.

עס זענען בכן אַריבער אַן ערך פון דרייסיק יאָר ווי דר. צינבערג איז פאַרשוווּנדן אָן שפורן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ריזיק ליטעראַריש ווערק: „יידישע געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״, די צען בענד פון זיין ליטעראַטור־געשיכטע האָבן זיך דערוויַיל פאַרשפּרייט בכל תפוצות ישראל און אומעטום צו אים אַרויסגערופן רעספּעקט און ליבשאַפט.

לעצטנס האָבן זיך פאַרשפּרייט עקשנותדיקע קלאַנגען אַז אין די סאָוויעטישע אַרכיוון, ליגן באַהאַלטן מאַטעריאַלן פאַר נאָך אַן עלפטן באַנד פון זיין גיגאַנטיש ווערק. עס זענען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען זיי אויסצוגעפינען און אויף די אָנווייזונגען פון דר. אליהו שולמאַן, האָבן די שפורן געדאַרפט פירן צום לענינגראַדער אַרכיוו. דעם בראַנדייס־אוניווערסיטעט

נצח יידישקייט

אין ניו־יאָרק איז געלונגען צו באַקומען אַ מיקראָ־פילם פון אָפּגעפונענעם כתב־יד, און אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער עלפטער און לעצטער באַנד וואָס דער בראַנדייס־אוניווערסיטעט מיט דעם ציקאָ־פאַרלאַג גיבן איבער דעם יידישן לייענער.

אין דער בראַנדייס־אוניווערסיטעט, ווו עס געפינט זיך דר. מיכאל אסטור אַלס פּראָפעסאָר און פאָרשער פון יידיש, איז אים, אסטורן, איבערגעגעבן געוואָרן די צוגרייטונג פונעם באַנד. נאָר לעצטנס איז דאָס ווערק דערשינען אונטערן נאָמען: „די בלי־תקופה אין דער השכלה״, און אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרויסער פרייד וואָס עס האָט פאַרדינט אַזאַ ווערק, ווי אַ לעצט וואָרט פון אַ פאַרשניטענעם גרויסן און פלייסיקן יידישן דענקער און פאָרשער.

אין זיין הקדמה זאָגט דער צוגרייטער דר. אסטור: „דאָס בוך וואָס ווערט איצט איבערגעגעבן דעם יידישן לייענער ווי אַ שותפותדיקע אויסגאַבע פון בראַנדייס־אוניווערסיטעט און ציקאָ־פאַרלאַג, וואָס ער האָט באַוויזן אָנצושרייבן פאַר זיין טראַגישן אומקום. אין איבעריקן טייל פון זיין הקדמה באַמיט זיך דר. אסטור, דער צוגרייטער פון בוך צום דרוק, צו פאַרענטפערן זייער פיל אומגעלומפּערטקייטן און פעלערהאַפטע איבערזעצונגען פון העברעאיש און פשוטע גרייזן, וואָס מאַכן אַ פיינלעכן איינדרוק. עס בלייבט אומפאַרשטענדלעך די סיבה, צוליב וועלכער די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן און דרוקן דעם כתב־ייד, האָבן זיך נישט מטריח געווען מיטן אויסגעפינען קאָמפּעטענטע קאָרעקטאָרן, ווי עס פאַרדינט אַזאַ לעצט בוך פון ליטעראַטור ביי יידן.

וואָס שייך דעם אַנאַליז פון אינהאַלט פון דאָזיקן טעקסט, האָב איך עס געלייענט מיט דער זעלביקער התמדה און ליבשאַפט, ווי איך האָב עס געטאָן מיט די פריערדיקע בענד אין לויף פון די יאָרן אין וועלכע זיי זענען דערשינען, און מיט נאָך מער ליבשאַפט דערפאַר, ווייל דאָס בוך איז פאַר מיר געווען דאָס קול פון אַן אויטענטישן יידישן געלערנטן, וואָס האָט איבער זיינע טעקסטן געאַרבעט מיט מסירת נפש און דערפאַר אומגעקומען. אויך איז מיר דער באַנד ליב געווען, ווייל ער באַרירט שוין שרייבער און טעמעס וואָס מיר האָבן שוין געקענט און געקומען מיט זיי אין דירעקטער אָדער אומדירעקטער באַרירונג ווי למשל, צעדערבוים, שמואל יוסף פין, משה לייב ליליענבלום, חיים זעליג סלאָנימסקי און אַפילו

ל. דאָמאַנקעוויטש

שוין שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, איידער ער האָט זיך נאָך באַוויזן אין זיין מענדעלע־מוכר־ספרים־געשטאַלט אין די אויסגאַבעס „המליץ״, „המגיד״ „הצפירה״, וואָס האָבן זיך געקענט געפינען אין משכילישע שטובן ווען מיר זענען נאָך געווען יוגנטלעכע.

אין ערשטן קאַפּיטל פון דאָזיקן בוך גיט צינבערג די ערשטע יידישע אינטעליגענטן וואָס דריקן שוין אויס אין רוסיש זייערע מיינונגען און זייער באַציאונג צו דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט. מיר טרעפן שוין דאָ אַן אַזאַ נאָמען ווי לעוו בינשטאָק, וואָס מיר געפינען ביי מענדעלען דערמאָנט מיט אַ סך רעספּעקט און ליבשאַפט. מיר זענען נאָך דאָ נישט ביי שפּעטערדיקער העברעאישער השכלה — די זעכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, וואָס צינבערג שטעמפּלט ווי אַ חניפהדיקע אונטערטעניקע דער ממשלה, נאָר ביי געוויסע רוסישע אינטעליגענטן וואָס קומען אין באַרירונג מיט דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט און פילן זיך פרייער איר צו דערקלערן די יידישע נויטן, אָן חניפה און אָן מליצות...

אַזוי שרייבט לעוו בינשטאָק אין זיין אַרבעט וועגן יידן אין רוסלאַנד, אַז „די רוסישע רעגירונג האָט שוין פון לאַנג אָן געשענקט איר אויפמערקזאַמקייט דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וווינט אין דער רוסישער מלוכה און האָט זיך באַמיט צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע הן עקאָנאָמיש, הן גייסטיק, און אויב די רעגירונג האָט אין דעם קיין גרויסע הצלחה נישט געהאַט, פּירט בינשטאָק אויס, איז די הויפּט־סיבה דערפון — איז וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך פאַרהאַלטן צו די יידן מיט אומצוטרוי און פאַראַכטונג״.

בייסיקער, מיט מער יידישן מוט, דריקט זיך אויס אַ צווייטער יידישער אינטעליגענט מיט רוסישער בילדונג און יידישן שטאָלץ, ראובן קולישער. צי איז כדאי, פרעגט קולישער, אין זיין צאַרנדיקער פאָעמע „אַן ענטפער דעם סלאַוו״, צי איז כדאי אויפצוועקן אין דעם יידן זיין אַליינבאַוווסטזיין, צו פאַרשאַרפן זיינע געפילן בכדי ער זאָל נאָך שטאַרקער דערשפּירן, ווי פאַרהאַסט ער איז ביי אַלעמען? בילדונג, וואָס איז פאַר אַלעמען אַ ברכה, איז פאַר מיר אַ קללה, ווייל צוליב איר פיל איך נאָך בולטער ווי אומגליקלעך עס איז מיין מזל. אומזיסט אַנערקענט דער ייד אַלע מענטשנקינדער פאַר זיינע ברידער און באַגריסט יעדערן מיט פריינטשאַפט, אים וועט קיינער מיט פריינטשאַפט נישט באַגריסן. ווי קאָן מען

פֿאַרמאָגן אַזויפיל געדולד איבערצוטראָגן אַזאַ אַלזייטיקע פֿאַראַכטונג ? און איר באַשולדיקט אונז אין סעפּאַראַטיזם ?

ציגבערג גייט דערנאָך אַריבער צו די משכּילים אויף העברעאיש, וועלכע האָבן זיך אַלע געשטעלט אַ ציל אין זייער מליצהדיקע פּאָעמעס צו פּרעדיקן רעפֿאָרם פֿון דערציאונג, צו לערנען די רוסישע שפּראַך. ער טאַדלט זיי אַלע שאַרף פֿאַר זייער סערוויליזם און לאַקייאישער קנעכטשאַפֿט. מיר זעען, אַז רוסישע יידן האָבן נישט ערשט געמוזט וואַרטן ביז סטאַלינס צייטן, כּדי צו זינגען מיט חניפה און מליצה. עס האָבן דאָס שוין געטאָן די העברעאישע דיכטער־משכּילים מיט איבער הונדערט יאָר פֿריער צום כּבֿוד פֿון צאַר ירום הודו, אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

וואָס שייך אָבער אַלעקסאַנדער צעדערבוימען, זענען די טאַדלונגען פֿון ציגבערגן, מיינען מיר, איבערגעטריבן, ווייל נישט געקוקט אויף דער שנאה צו „זשאַרגאָן", האָט ער פֿאָרט מיט זיין אַרויסגעבן דעם „קול מבשׂר" נישט ווילנדיק צוגעגרייט די אַנטוויקלונג פֿון יידיש וואָס האָט זיך שפּעטער דערהויבן צו דער הייגטיקער מדרגה. טאַקע אין צעדערבוימס „קול מבשׂר" געפֿינען מיר, ווי עס ווייזט אָן ציגבערג, אַ דיאַלאָג צווישן יהודה און זיין ווייב יהודית, אַ דיאַלאָג צווישן ייד און זיין שפּראַך, ווו דער שרייבער פֿון דיאַלאָג, ליפשיץ, דריקט זיך אויס אַז ער פֿאַרשטייט נישט ווי אַזוי אַ שפּראַך וועלכע דינט צו דער פֿאַרשטענדיקונג פֿון אַלע ענינים, קען אַזוי גרינגעשעצט ווערן.

ציגבערג גייט נאָכדעם אַריבער צו שלום־יעקב אַבראַמאָוויטשן, דעם משכּיל, וואָס איז, ווי אַלע משכּילים, אַנטציקט מיטן חסד פֿון דער רעגירונג. און באמת, ווען ער איז אין גרויס נויט, קויפֿט אַמאָל ביי אים די רוסישע רעגירונג אָפּ אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פֿון זיין וויסנשאַפֿטלעכן בוך „תּולדות הטבע", און ער באַקומט אויסגעצאָלט 500 רובל, וואָס איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסער אויסלייז, אויף אַלע הייגטיקע שרייבער, וואָס זוכן קונים פֿאַר זייערע ביכער, געזאָגט געוואָרן.

אין אַ וויטערדיקן קאַפּיטל שילדערט ציגבערג די גרויסע דיפֿערענציאַציע און רייבונגען וואָס אַנטשטייען צווישן די „בערלינטשיקעס", משכּילים פֿון דייטש און די „רוסאַקעס", די משכּילים וואָס שטרעבן איבערצוגיין צו רוסיש, וואָס די „דייטשע" משכּילים האַלטן פֿאַר פּריצייטיק, ווייל זיי אַליין קענען נאָך נישט געגוג רוסיש. איינציקוויז איז דייטש, וואָס

ל. דאַמאַנקעוויטש

יידישע משכילים האָבן כסדר באַנוצט אַנשטאָט יידיש, וואָס איז פאַר זיי געווען פאַרהאַסט און אומגעאַכפּערט, אַרויסגעשטויסן געוואָרן און מיט דער הילף פון דער שטודירנדיקער יוגנט אַריינגעפירט רוסיש. און עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען די ערשטע רוסיש־יידישע צייטונג „ראַזסוויעט" מיט עקסטרעם־משכילישע נייגונגען און אַפילו מיט אַסימילאַטאַרישע טענדענצן.

דאָ קומט צינבערג צום באַהאַנדלען אַן אינטערעסאַנטן טיפּ פון אַ יידישן משכיל, אַ געבוירענער אין ווילנע אין אַן אָרעמער משפחה, אַ בחור אַ שאַרפער עילוי, וואָס איז אַרומגעפאָרן אין אַלע ישיבות, געווען אַ גרויסער בקי און חריף, אברהם אורי קאָוונער, וואָס איז דערנאָך אַריבער צו די משכילים, געוואָרן אַ שאַרפער קריטיקער און פּאַמפלעטיסט. ער האָט געטאַדלט אַלע שרייבער, אַלע משכילישע חונפים און הורא־פּאַטריאָטן, און באַוויזן, אַז אויסער פוסטע מליצה, קענען זיי גאָרנישט מאַכן לויט אים...

„צרור פרחים" (אַ בוקעט בלומען) איז געווען די לעצטע בריק וואָס ער האָט פאַרברענט הינטער זיך. ער האָט אַלע פּאָעטן, גאָטלאָבערן און יהודה לייב גאָרדאָנען און צעדערבוימען, געזידלט און אַראָפּגעריסן. זיי האָבן אים פאַרטריבן און פאַריאָגט און אים נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שום משכילישער צייטשריפט. קאָוונער האָט דעמאָלט איבערגעריסן מיט העברעאיש און אַריבער צו רוסיש און שפּעטער אַפילו איבערגעריסן מיט דער יידישער אמונה, און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. ער איז אָבער ווייטער געבליבן אַ פעסטער פאַרטיידיקער פון יידן און פאַר זייערע רעכט, קעגן דער צאַרישער רעאַקציאָנערער רעגירונג און קעגן דער יידישער רעכטלאָזיקייט.

צינבערג צייכנט די געשטאַלט פון איינעם פון די לעצטע משכילים, משה לייב ליליענבלום, וועלכער קען פאַררעכנט ווערן צו די ערשטע באַדייטנדיקע יידישע פּובליציסטן, וואָס איז אין זיין אָנהויב געווען, ווי אַלע משכילים, אַ ראַציאָנאַליסט, אַ גרויסער למדן, אַ שאַרפער קעגנער פון די רבנים. ער איז דערנאָך געוואָרן דער שאַפער און גרינדער פון חיבת־ציון און דער פאַקטישער גרינדער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ביי יידן. צווישן זיינע בעלי־מחלוקת האָט זיך אויך געפונען ר׳ ישראל סאלאנטער, וועלכן די משכילים האָבן געשטרעבט צוצוציען צו זייערע רייען, ווייל

ער איז געווען דער שאַפער פון דער מוסערניקעס־באַוועגונג, וועלכע האָט אין ליטע פאַרנומען דאָס זעלבע אָרט, וואָס חסידות אין פוילן.

דאָס עלפטע און לעצטע בוך פונעם קדוש ישראל צינבערג איז געשריבן מיט דער זעלבער וואַרעמקייט, באַהאַוונטקייט און באַציאונג פון איבערגעגעבנקייט וואָס זיין גאַנץ פריערדיק ווערק. בלויז די צאָל פעלערס פון אויסדרוקן און איבערזעצונגען באַווייזן, אַז ער אַליין איז שוין נישט געווען ביים רעדאַגירן און פאַרעפנטלעכן דאָס בוך, און אַפילו אויך נישט זיין אלמנה, וועלכע לעבט נאָך אין לענינגראַד און האָט אַליין איבערגעשריבן אַלע זיינע פריערדיקע ביכער.

צו וואָס אַ פּרץ־יאָר איז מחויב

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט פּראָקלאָמירט פון ערשטן אָקטאָבער 1951 אָן, אַ פּרץ־יאָר צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון דעם, וואָס מען איז שוין געוווינט אָנצורופן דעם פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אין דער אמתן איז פּרץ מער געווען ווי דער באַשעפער פון אַ נייער ליטעראַטור. ער איז געווען דער באַשעפער און דערציער פון אַ נייעם יידישן מענטש, וואָס דערהאַלט אין זיך, וואָס זוכט לכל הפּחות איינצוהאַלטן דעם אַלטן תמצית אין אַ נייעם לבוש.

איז עס מעגלעך? קען מען צעהאַקן דאָס פאַס, אַז דער וויין זאָל נישט אַרויסרינען? איז עס נישט אַמאָל דער פּלאַן פון שטן, וואָס פאַדערט דערווייל איובס הויט און זאָגט צו צו היטן דאָס נפש, מיטן טייוולאַנישן הינטערגעדאַנק זיך שפּעטער צו נעמען צום נפש?

דער חורבן האָט געמאַכט, אַז די דאָזיקע פראַגן זאָלן קיינמאָל נישט קענען פאַרענטפערט ווערן. עס איז מעגלעך, אַז אויפן וועג פון אַ נאַטירלעכער בהדרגהדיקער עוואָלוציע, פון עליות און ירידות, האָט זיך אויספאָרמירט עפּעס אַ נייע און דאָך המשכדיקע יידישקייט. עס קאָן אָבער אויך געמאָלט זיין, אַז דווקא דערפאַר, וואָס אין יידישן לעבן זענען מעגלעך געווען און זענען ווייטער מעגלעך אַזעלכע קאַטאַסטראָפאַלע שינויים, געקומענע פון דרויסן, איז געפערלעך אָנצורירן אַפילו מיט אַ קליין פינגערל דעם אַלטן אויסגעפּרוווטן פון דור־דורות איינגעשטעלטן סדר.

אָבער נישט בלויז דער ווילן פון יחידים האָט דאָ געשפּילט די הויפּט־ראָלע. דרויסנדיקע אומשטענדן, פון אונז אומאָפּהענגיקע סיבות האָבן דאָך געווירקט אין די טיפענישן; טיפע, היסטאָרישע פּראָצעסן: סאָציאַלע, טעכנישע און עקאָנאָמישע איבערקערענישן האָבן דאָך נישט געקאָנט לאָזן אָן ווירקונג אַ לעבעדיקן קאָלעקטיוון גוף, וואָס טראָגט זיין אָפּגעזונדערטקייט. האָט ער דאָך מיטגעלעבט מיט אַלע חושים און עמפינדונגען דאָס לעבן פון אַרום.

ל. דאָמאַנקעוויטש

ווען פּרץ איז געקומען, זענען שוין יעדנפאַלס די רייפן פון פּאַס געווען גוט אָפּגעבראָכן. עס איז מער געגאַנגען וועגן אָנשטרענג אייַנצוהאַלטן דעם תוך ווי צו מאַכן באַמיאונגען אָפּצוהיטן די שאָל. דאָ איז געווען פּרץ דער ערשטער צו ווייזן דעם וועג: דעם וועג אייגנטלעך אויף צוריק, און געוויזן האָט ער, אַז דער וועג איז גאָר נאָענט, ביי זיך, אין די אייגענע ד׳ אמות. עס איז באַקאַנט די חסידישע מעשה פון אַ ייד, וואָס האָט זיך אים אַמאָל געחלומט, אַז ערגעץ ווייט, אַזש אין פּראַג וואָס אין בעהמען, געפינט זיך אַן אוצר אונטער דער בריק, האָט ער פאַרלאָזט זיין שטוב, זיין לאַנד און געגאַנגען מעיר לעיר זוכן דעם אוצר. אָנגעקומען קיין פּראַג איז ער אַריין אין אַן אכסניה זיך אָפּרוען פון לאַנגן וועג. דאָ האָט זיך אים ווידער געחלומט אַז דער אוצר געפינט זיך גאָר אין זיין שטעטל, דווקא ביי אים אין שטוב הינטער זיין אייגן בעט. דער ייד איז צוריק אַהיימגעפאָרן און ער האָט פאַרשטאַנען...

פּרץ איז געווען דער ערשטער צו באַגרייפן די משכילים. פאַר אים האָבן יידן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער אוצר ליגט נישט ווייט, נישט אין פּראַג און נישט אין בערלין, נאָר אין שטעטל, אין דער שטוב פון פּשוטן וואַסער־טרעגער, אין ווינקל פון בית־מדרש, ווו עס וואַלגערן זיך נאָך עטלעכע מקובלים. פון דאָרט האָט ער דערוואַרט דעם אויפגאַנג פון אַ נייעם גילגול פון ניגון. פּרץ האָט געוואָלט באַווייזן, אַז קולטור פון אַ פאָלק מיינט אינערלעכקייט, מיינט שורש און ער האָט צוריקגעפירט דאָס תמציתדיקע אין דער שטוב פון נייעם, פאַרווירטן, בלאָנדזשענדיקן יידישן מענטש. ער האָט געשאַפן באַדינגונגען פאַרן צוריקקומען פון אָפּגעפרעמדטן ישיבה־בחור, וואָס צוליב אַן „אויפגעקלערט" ביכל האָט ער זיך שוין פאַרלוירן און ווי פייערבערגס העלד „נחמן" זיך געפרעגט: „לאָן"? וווהין? האָט באַקומען אַן ענטפער און אַוועק צוריק צום מקור, איידער ער האָט נאָך באַוויזן מיט איין פוס אים צו פאַרלאָזן. דער יידישער אַרבעטער וואָס איז אַן אויפגעוועקטער און נישט קיין דערוועקטער, וועמען אַ פרישער, נאָך שלעכט־פאַרדייעטער אינטערנאַציאָנאַליזם האָט אַרויסגעוואָרצלט פון זיך און נישט אַריינגעוואָרצלט ערגעץ אַנדערשוו, האָט דורך פּרצן באַקומען אַ צוגאַנג צו אַ הומאַניזם, געשעפּט פון אייגענע קוואַלן און דערמיט אים דערנענטערט דורך אייגענע וועגן צו די אויסגעבענקטע אידעאַלן. גרויס איז טאַקע געוואָרן די ליבע און רעספּעקט פון יידישע אַרבעטער צו זיין גייסטיקן וועג־

ל. דאָמאַנקעוויטש

ווייזער צו זיין נייעם רבי, וואָס האָט אים געוויזן, אַז אויך דער וועג צום אינטערנאַציאָנאַלן מענטש געפינט זיך אויף אייגענעם באָדן.

אַ פּרץ־יאָר מוז זיך אינספּירירן פון יענער ליבע, פון יענעם רעס־פּעקט צו פּרצעס ווערק אין דער ליטעראַטור און אין לעבן, פון יענעם פּאַ־טאָס, וואָס ער האָט אַריינגעפּירט, און פון יענעם עקסטאַז וואָס ער האָט אַרויסגערופן. דאָס יאָר מוז אויסגענוצט ווערן אויף ברייטע איניציאַטיוועס, אויף אַריינציִען אין קרייז פון פּאַראינטערעסירונג פון אַ יידישן קולטור־לעבן די גרויסע מאַסן פון גלייכגילטיקע, וואָס נאָר די נעבעכדיקייט און די אָרעמקייט פון די מעשים האָבן זיי געמאַכט פאַר אַזוי אינדיפערענט צום יידישן שאַפן. יידישקייט קען נישט זיין בלויז קיין ענין פון די וואָס שאַפן נאָך אַליין אויפן דאָזיקן געביט, און בלויז פאַר יידישע עסקנים, און רעדנדיק מיט דער היינטיקער שפּראַך פון עקאָנאָמיע, פון פּראָדוצענטן און פאַר־מיטלער.

דאָס פּרץ־יאָר דאַרף זיין די געלעגנהייט פאַר אַ גרויסן פּרווו, אפשר דעם וויכטיקסטן, אַריינצובלאָזן אַן אָטעם פון לעבן, אַריינצוזיאָגן אַ צופלוס פון בלוט אין די בלוטלאָזע געפעסן פון דער יידישער מחנה, איבערהויפּט אין פראַנקרייך.

וועלן די דאָזיקע ביינער אויפלעבן?

אַ סך איז אָפּהענגיק פון דעם ווי אַזוי די איניציאַטאָרן וועלן זיך נע־מען דערצו, ווי אַזוי זיי וועלן פאַרשטיין זייער אויפגאַבע און וואָס זיי פאַר־שטייען אונטער דער לאָזונג „אויפלעבונג פון יידישער קולטור״.

צו דער דערעפענונג פון שלום-עליכם יאָר

מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט זיך אין ישראל פאַרזאַמלט אַ גרופּע ליבהאָבערס און פאַרערערס פון שלום־עליכמען און פון זיין גרויסער פאָלקס־ליטעראַטור און זיי האָבן דעבאַטירט וועגן אויפשטעלן צו זיין כבוד וועגן אין ארץ־ישראל, אַ הויז צו דערהאַלטן זיין נאָמען, זיין זכר, אויף אַלע אייביקייטן אין יידישן לאַנד. עס איז דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן, מיט דער הילף פון די יידישע תפוצות, גלייך צוצוטרעטן צום בוי פון אַזאַ הויז, עס זאָל פאַרטיק ווערן צום 50־יעריקן יובל פון זיין אַוועקגיין פון אונז, און די פאַרענדיקונג זאָל באַגלייט ווערן פון אַ חנוכת הבית וואָס זאָל זיין דער סיגנאַל צו דער דערעפענונג פון אַ שלום־עליכם־יאָר אין ישראל און אין אַלע תפוצות.

איצט איז געקומען דער יובל פון זיין פּטירה. דאָס הויז איז פאַרענ־דיקט, די צערעמאָניע פון דער דערעפענונג ווערט צוגעגרייט, וואָס וועט גלייכצייטיק זיין די דערעפענונג פון שלום־עליכם־יאָר פאַר ישראל און פאַר דער יידישער וועלט. נישט געווען קיין שרייבער, וואָס זאָל זיין אַזוי באַליבט געווען ביים פאָלק, וואָס זאָל האָבן אַזוי ליב געהאַט דאָס פאָלק, ווי שלום־עליכם. ער האָט פאַרקערפּערט זיינע השגות, זיינע תנועות, זיין שפּראַכ־לעכקייט, זיינע חכמות, זיינע פאָלקסמענטשן, זיינע טביה׳ס, זיינע מנחם־מענדל׳ס און דאָס פאָלק האָט פון זיי געמאַכט כוללדיקע נעמען.

אויך מדינת ישראל איז זיין ווערק, דאָס ווערק פון מנחם־מענדל, וואָס האָט געוואַגט צוריקצובויען זיין היים אויף דער אינזל פון יידישער בענק־שאַפט, אַרומגערינגלט מיט דער שוץ פון יידישע סאָבּרעס אין אַ מויער פון אַראַבישער שנאה. דאָס שלום־עליכם־הויז וועט אונז אומקערן די פרייד און דאָס געלעכטער, וואָס דער חורבן האָט פון אונז אָפּגעטאָן, און וועט בלייבן אַ יחיד נאמן, אַ טרייער יסוד, פאַר אונזער פאָלק, פאַר אונזער לאַנד און פאַר אונזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן.

ל. דאַמאַנקעוויטש

צו דער פאָרשטייענדיקער צערעמאָניע פון דער דערעפענונג פון שלום־עליכם־הויז, אין דער גרויסער שטאָט פון יידן, תל־אביב, האָט דער פרעזידענט זלמן שזר אָנגעשריבן אין „דבר" זייער אַן ענטוזיאַסטישן מאמר, ווי נאָר ער קען, צו שלום־עליכמ׳ס לויב, צום לויב פון יידן און צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס נאָר זי, די ליטעראַטור, האָט געקאָנט מאַכן, דריקט זיך אויס שזר, אַז די עמיגראַנטישע מאַסן, דאָס מזרח־יידנטום, וואָס די דאָזיקע ליטעראַטור האָט באַגלייט און געווען דער ארון־הברית פון פאַראייניקונג פון פאָלק, דער סימן מובהק פון איר לעבעדיקייט.

ער גיט אויך אָפּ לויב דעם אַכציק־יעריקן איידעם פון שלום־עליכמען, ה. ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט געטאָן מיט די סאַברעס פון ישראל דעם זעלבן חסד וואָס שלום־עליכם אַליין האָט געטאָן מיט זייערע עלטערן ווען זיי זענען אַרויס אויף זייערע וואַנדערונגען. און ער מאַכט אַ רוף, צו אַלע כהנים פון קונסט, צו אַלע לערער, דערציער, בינע־קינסטלער, אַז דאָס שלום־עליכם־הויז זאָל ווערן פאַר זיי די גוטע און כסדרדיקע געלעגנהייט צו שפּילן, צו לערנען, באַליבט צו מאַכן שלום־עליכמען און זיין קונסט.

ווי אלישע הנביא, זאָגט ער, וואָס עצה׳ט די אלמנה וואָס האָט זיך געווענדעט צו זיין הילף, אַז זי זאָל ברענגען וואָס מער כלים און זיי אָנפילן מיט בוימל, אַזוי זאָל אויך דאָס ישראל וואָס דערגרייכט זיינע ח״י־יאָרן פון איר ווידערגעבורט און רענעסאַנס, אויספילן אירע כלים וואָס זענען אייגע־נע און פעלן איר נישט. אַזוי הויבן מיר אָן דאָס שלום־עליכם־יאָר, פאַר אונז און מיט אונז, אויף אונזערע צוויי שפּראַכן, נישט דורך פרעמדע אי־בערזעצערס, מיט פרעמדע אומאויפריכטיקע שמחות, ווו אונזער לשון איז נישט דערביי.

נאָר אין ישראל, אונזער מדינה, ווו ה. ד. בערקאָוויטש האָט אים, שלום־עליכמ׳ען, פאַרטייטשט, ווי רש״י האָט פאַרטייטשט די תורה און דאָס יידישע פאָלק וועט זיך מיט אים פרייען, ווי עס פרייט זיך מיט דער תורה, מיט שלום־עליכמ׳ען, ווו זי קען אים אויף יידיש, און די יוגנט ווי זי קען אים אין יידישן לשון קודש פון בערקאָוויטשן.

ח. נ. ביאַליק און די השפּעה אויף זיין דור

די סימבאָלישע פאַרבינדונג פון די יאָרצייטן פון די צוויי גרויסע גאולה־טרוימער — יעדער איינער גרויס אויף זיין אייגענעם אופן — הערצל און ביאַליק, טראָגט אין זיך זיכער נישט קיין צופעליקייט, און נישט קיין געמאַכטקייט, קיינער האָט נישט אַזוי צעפלאַמט די הערצער פון זייער דור מיט דער וויזיע פון פאָלקס־באַפרייאונג, ווי די צוויי אַזוי פאַרשידן־פאַרמירטע נאַטורן. און דאָך טרוימער פון איין טרוים, זעער פון איין וויזיע: הערצל דער נביא־וויזיאָנער פון מערב, און ביאַליק דער נביא־מוכיח פון מזרח.

געוואָרפן האָט הערצל די ווערטער „אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין לעגענדע" און געקומען איז ער אַליין ווי אַ לעגענדע, און געברענגט האָט ער מיט זיך בלויז לעגענדע. — די לעגענדע פון מלכות ישראל. ער האָט עס געוואָלט ברענגען ווי אַ גאָלדענעם שליסל אויף אַ גאָלדענער טאַץ. דווקא ער, דער דערצויגענער אויף דער געזעצטער, ראַציאָנעלער מערב־אייראָפּעאישער קולטור, ער, דער פּאָליטיקער און פּעליעטאָניסט פון דער גרויסער וועלט־פּרעסע, איז עס געווען דער, וואָס איז געווען בלויז חלום. און ווי אַזעלכער האָט ער פאַרמאַכט די אויגן אויף פּרטים און עטאַפּן, אויף קליינע פּאַמעלעכע דערגרייכונגען. ער האָט אין חלום געזען אַ גרויסן ענד־ציל, און נאָר דער ענד־ציל איז אים אָנגעגאַנגען. דאָס יידישע לאַנד איז פאַר אים געווען עפּעס אַ פאַרכישופטער שלאָס, פון וועלכן דער שליסל ליגט ערגעץ באַהאַלטן, אַ מין ביבלישער גן־עדן, פאַר וועמענס טויערן עס גע־געפינט זיך נאָך די לעגענדאַרע „חרב המתהפכת", אָבער באַלד וועט מען גע־פינען דעם גאָלדענעם שליסל — דעם טשאַרטער פון די גרויסמאַכטן — די טויערן וועלן זיך עפענען און דער פּרינץ וועט אַריין אין זיין שלאָס.

ביאַליק איז אוודאי געקומען מיטן וואָרט. זיין וואָרט איז געווען: „דור אחרון לשעבוד, דור ראשון לגאולה אנחנו (מתי מדבר). „דער לעצטער דור פון פאַרשקלאַפונג, דער ערשטער דור פון באַפרייאונג זענען מיר".

נצח יידישקייט

דווקא ער, דער אומדערפאַרענער ישיבה־בחור פון וואָלאָזשין, דער פלאַמי־קער פאָעט, דערצויגן און פאַרמירט אויף ש״ס און פוסקים, גמרא און קבלה, ער, דאָס קינד פון מזרח־יידישער אָרעמקייט, האָט געשטעלט דעם אַקצענט אויפן פאָלק נאָך פאַרן לאַנד, אויף באַפרייאונג קודם־כל פון אינעווייניק, אויף דער גאולה נישט בלויז פון „גויאישע הענט״, נאָר נאָך פריער פון אייגענער געפאַלנקייט, פון נאַציאָנאַלער דעגענערירונג און טויטער פאַר־גליווערונג. ביאַליק, ווי אחד העם האָט געוווּסט דעם סוד, אַז „אַ לאַנד אַ חורובס קען אויפגעבויט ווערן, אַ פאָלק אַ חרובס, ווער וועט עס אויפריכטן ?״.

הערצל האָט געפלאַמט קעגן דער בושה פון רעכטלאָזיקייט און געווען באַ־גייסטערט מיט דער וויזיע פון אַ לאַנד פאַר זיין פאָלק. ביאַליק האָט גע־פלאַמט קעגן דער בושה פון „התנוונות״, פון דעגענערירונג און האָט באַ־גייסטערט מיט דעם אָנזאָג פון בויען אַ פאָלק פאַרן לאַנד.

ווייניק האָט ביאַליק געשריבן נאַטור־לידער. הגם זיין פאָעטישע קראַפט איז דערצו געגוג שטאַרק, ווי ער האָט עס באַוויזן אין די ווייניקע, וואָס ער האָט יאָ געשריבן. ער האָט זיך נישט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס. אָבער ווען ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין פעלד און „צו פאַרנעמען גאָטס וואָרט פון צווישן די זאַנגען (בשדה), דערמאָנט ער זיך גליך אַז „נישט מיינע הענט האָבן די זאַנגען געפלעגט״. „כעני אעמוד לפני הוד השדה״...

וי אן אָרימאַן שטיי איך פאַר דער פראַכט פון ליכטיקן פעלד
און איך ווייס ערשט איצט ווי גרויס עס איז מיין פיין.
נישט מיינע הענט האָבן אייך געפלאַנצט און געפלעגט
נישט מיין קראַפט ליגט דאָ און נישט איך וועל זיי זאַמלען.

מער מסתם ווי אַ סך רעדעס און אַרטיקלען פון ציוניסטישע עסקנים, האָבן די ווערטער פון דאָזיקן ליד געברענט אין אַ סך יונגע הערצער און זיי געמאַכט פאַר חלוצים צו טריקענען זומפן און פאַרזייען פעלדער. ביאַליק האָט געזונגען וועגן דעם געפיל פון בושה פאַר נישט זיין באַטייליקט אין די שיינקייטן פון דער נאַטור. דווקא דער ישיבה־בחור איז געקומען מיט דער רעוואָלוציע פון מה נאה אילן זה. אַ מתחייב בנפשו איז נישט מער דער, וואָס איז מפסיק פון לערנען צו באַוונדערן די נאַטור, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק

ל. דאָמאַנקעוויטש

„ווען מען ענס הענט האָבן נישט געפלעגט און נישט געזאַמלט די זאַנגען פון פעלד".

דער פאַרגלייך אָדער די אָקעגנשטעלונג הערצל — ביאַליק, דאַרף מען פונדעסטוועגן נישט צו ווייט ציען. אַנדערע פאַרגלייכן און אַנדערע קעגנשטעלונגען פון גלייכע מענטשן לויט דער גייסטיקער פאַרמאַציע, לויט דער דערציאונג, לויטן דיכטערישן וועג פון זייער נשמה און איינפלוס אויפן דור קומען אויפן זין, און בעטן זיך אָן אויף אַ מער דירעקטן אופן ווי יענער פאַרגלייך. איך מיין דער פאַרגלייך אָדער גיכער פאַראַלעל ביאַליק — פרץ. ביידע זענען זיי געקומען פון די טיפענישן פון פאָלק, ביידע אַריינגעוואַקסענע און אַריינגעוואָרצלטע אין באָדן פון פאָלקסשטייגער אָן פאָלקס־מסורה, ביידע דער העכסטער אויסדרוק — הגם אין גאַנץ פאַרשידענע וואַריאַנטן — פון דער פאָלקס־נשמה, פון זיינע בענקשאַפטן און פון טיפן איבערברוך, וואָס איז אין אים אַריינגעקומען. ביידע האָבן זיי מתרעם געווען אויפן פאָלק ווען כ׳זאָל פאַר גו׳אים גוי׳איש זינגען — פרץ; אכן חציר העם — ביאַליק) ווי מען איז זיך מתרעם נאָר אויף זיך אַליין, און ביידע האָבן זיי ליב געהאַט דאָס פאָלק, ווי נאָר מ׳קען ליב האָבן עפּעס גאָר אייגנס.

ביידע האָבן זיי פון זיך אַרויסגעזען דעם וואַקסנדיקן עילוי; ווען עס זענען ענג געוואָרן די ד׳ אמות של הלכה: פרץ אין „מאָניש", ביאַליק אין „המתמיד", און ביידע האָבן זיי געגאַרט צו אַן איבעראַנדערשונג. פאַרשידן זענען געווען די וועגן — פאַרשידן אַפילו די שפּראַכן. אָבער גלייך גרויס איז געווען זייער צוציאונגס־קראַפט פאַרן דור. פאַרשידענע מיבים פון ייד־מענטש איז הינטער השפעה אויפגעקומען, אָבער פאַר ביידע צוזאַמען האָט זיך אויסגעשמידט אַ פאָלק מיט באַוווסטזיין פון זיין כוח און געשיכטע.

פרץ האָט געצערטלט און געגלעט; ביאַליק האָט געשטראָפט און געהאַמערט, אָבער ביידע האָבן זיך דערגענצט און צוזאַמען אַרויסגעוועקט און אַרויסגערופן, באַהאַלטענע און פאַרשלאָפענע רוחות. פרץ האָט געטרוימט צו זען דעם אוניווערסאַלן אייביקן ייד אַ באַפרייטן פון אָרט, פון צייט, פון אומשטענדן. „חסידישע" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָבן נישט באַצוועקט עפּעס אַנדערש. אין ביאַליקן האָט געברענט די גרויסע בושה פון זיין דער קרבן פון אומשטענדן. „מתי מדבר", „בעיר ההריגה", „אכן חציר

ל. דאָמאַנקעוויטש

העם" האָבן באַצוועקט אַרויסצורייסן דאָס פאָלק פון די אילוזיעס פון אוניווערסאַליזם.

אָבער דאָס זענען געווען די הויפּט־עלעמענטן פון זייער שאַפן און פון זייער געדאַנקן־גאַנג, דאָס אויף וואָס זיי האָבן געלייגט דעם עיקר־אַקצענט. מען דאַרף אָבער דערפון נישט אַרויסציען קיין וווּלגאַרע שייד־ליניעס און שאַפן פאַראיינפאַכטע גרענעצן צווישן די צוויי גרויסע גייסטער פון דור. מער ווי איינמאָל האָט פּרץ געלאָזט הערן אַנדערע שטים־וויבראַציעס, און ביאַליק פון זיין זייט האָט אין „המתמיד" געלאָזט רעדן צוויי אינערלעכע שטימען. די שטימע פון בענקשאַפט צו יענער גרויסער גייסטיקייט און פרישות פון „המתמיד" און די שטימע וואָס רעוואָלטירט זיך קעגן „באַגראָבן די טעג, די זומערס און ווינטערס און לעבעדיקן קבר פון שמות און שטויב".

דאָס לעבן האָט באַרעכטיקט ביאַליקס מידת הדין. וואָלט אָבער דער גרעסטער יידישער דיכטער פון אַלע צייטן אויך היינט נאָכן גרויסן חורבן אַרויסגעקומען מיט אַזעלכע האַרבע שטראָף־רייד ווי:

> חלליכם חללי חינם, וגם אני, וגם אתם
> לא ידענו למה מתם ועל מי ועל מה מתם
> ואין טעם למותכם, כמו אין טעם לחייכם.

מיר זענען זיכער, אַז ער וואָלט איצט געקומען מיטן שטאַרקן טרייסט־וואָרט, און אַז דווקא ער וואָלט געזאָגט צוזאַמען מיט אונז, אַז די געפאַלענע זענען נישט געפאַלן בחינם, און אַז עס איז דאָ אַ טעם פאַר זייער טויט, ווי עס איז דאָ און עס הייבט אָן צו וועבן אַ טעם פאַר זייער לעבן.

שמעון דובנאָווס 25-טער יאָרצייט

עס איז געוואָרן 25 יאָר היי־יאָר, זינט עס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ נאַצישער קויל שמעון דובנאָוו און עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן פון גרויסן שעפער פון דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק.

שמעון דובנאָוו האָט אונז געלאָזט אַ רייכע ירושה: עס זענען אַרויס אויך אין יידיש, אין משך פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר די באַרימטע צען־בענדיקע „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק", דריי בענד „געשיכטע פון חסידיזם", דריי בענד „דאָס בוך פון מיין לעבן", און אַ בוך עסייען, וואָס שמעון דובנאָוו האָט אָנגערופן „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", וואָס איז דאָס גרויסע ווערק, וועלכעס איז געוואָרן דער יסוד פון דער טעאָריע וועגן גייסטיקן נאַציאָנאַליזם און איז לכתחילה געשריבן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך אין באַזונדערע אַרטיקלען.

די טאָכטער פון גרויסן היסטאָריקער, סאָפיע דובנאָוו־ערליך, האָט אָנגעשריבן אַ באַנד וועגן איר גאונישן פאָטער, שמעון דובנאָוו. און דאָס בוך איז אַרויס אין מעקסיקע אין 1952.

די אויטאָביאָגראַפיע פון שמעון דובנאָוו, וואָס נעמט אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון 80 יאָר און אַנטהאַלט דריי בענד זכרונות, האָט שטאַרק פאַר־לייכטערט די אַרבעט פון זיין טאָכטער. דער לעצטער באַנד איז שוין דערשינען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און טראָגט דעם נאָמען אונ־טערקאָפּ „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון מיין צייט" און סאָפיע דוב־נאָוו־ערליך דערציילט אַזוי: „דער יסוד פאַר זיינע זכרונות איז געווען אַ טאָג־בוך, וואָס מיין פאָטער האָט געפירט אין משך פון לאַנגע יאָרן. דער דאָזיקער טאָג־בוך איז פאַר אים געווען אַ מין חשבון־הנפש אין שווערע איבערברוך־מאָמענטן".

דאָס לעבן פון היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט יאָרצענדליקער געשיכטע פון רוסישן יידנטום, פאַרשאַפט נישט דעם פאָרשער קיין שום שוועריקייטן: פון חדר־אָן, ווו דער קליינער

ל. דאָמאַנקעוויטש

שמעון האָט פּלייסיק איינגעזאַפּט אין זיך די מעשיות פון חומש און דעם פּלפּול פון תלמוד פּירט אַ גלייכער וועג צו יענעם פאַרשנייטן פלאַץ פון ריגע, ווו דער שאָס פון אַ מענטש־חיה האָט אַ סוף געמאַכט צו דער לאַנג־יאָריקער, מיזאַמער אַרבעט פון זיין מוח.

שמעון דובנאָוו שרייבט אין יאָר 1934 אין זיין אָפּגעזונדערט הייזל ביים באַלטישן ים: „מיר לעבן היינט אין דער עפּאָכע פון היסטאָרישע סופן, ווען עס ווערט ליקווידירט די ירושה פון 19־טן יאָרהונדערט אויף אַלע געביטן פון סאָציאַלן און אינדיווידועלן לעבן. עס איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ גאַנצע עפּאָכע. צוליב אַ היסטאָרישן קאַטאַקליזם איז צייטווייליק איבערגעריסן געוואָרן דער המשך פון אידייאישע שטרעמונגען פון דעם יאָרהונדערט, מיט וועלכן עס איז געווען צונויפגעוועבט מיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון מיינע מיטצייטלער. דעריבער זענען מיר די לעצטע פאַרשטייער פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, מחויב צו שטעלן איר אַ דענקמאָל”.

שמעון דובנאָוו האָט געהאַלטן זיין וואָרט. ער האָט דעם דענקמאָל געשניצט און געשליפן זיין גאַנץ לעבן מיט גרויס התמדה און עס איז אַרויסגעקומען אַ קונסט־ווערק, וואָס איז אַ דענקמאָל אי פאַר אַ יידישן געשיכטע־אָפּשניט און גלייכצייטיק פאַר אים גופא. שמעון דובנאָוו שטרייכט שטאַרק אונטער אין זיינע זכרונות, זיין גאָר־שטאַרקע קרובהשאַפט מיט זיין זיידן דעם למדן און ראש־ישיבה און נישט מיט זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ פיזיש־קרענקלעכער מענטש און שטענדיק פאַרנומען מיט דאגות פרנסה.

שוין זייענדיק אַ ישיבה־בחור, פלעגט שמעון דובנאָוו זיך אָפּגעבן מיט לייענען אין געהיים פאַרבאָטענע ליטעראַטור און נאָך אַ שווערן פאַמיליען־קאַמף, זענען די עלטערן איינגעגאַנגען אַז שמעון זאָל באַזוכן אַ האַלב־גויישע שול, די אַזוי־גערופענע „קאַזיאָנאַיע יעווריעיסקאַיע אוטשילישטשע”. זיין למדנישער זיידע האָט ביי אים געפּועלט, אַז ער זאָל יעדן טאָג נאָך דער שול באַזוכן דעם זיידנס שיעור אין דער ישיבה. זיינע נאָענטע האָבן אָבער געפילט, אַז וואָס ווייטער, גייט ער אַלץ מער אַוועק פון דער איינגעפונדעוועטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט אין זיין משפּחה.

פאַרשידן איז געווען דער לעבנס־וועג פון זיידע און פון אייניקל; געמיינזאַם פאַר זיי ביידע איז געווען: ליידנשאַפטלעך אָנגעשטרענגטע אַר־

בעט פון געדאַנק, ספּאָנטאַניש־פּשוטער לעבנס־שטייגער און דער ראַציאָ־נאַליזם, וואָס ביי דעם זיידע האָט ער זיך אויסגעדריקט אין טראַדיציאָנע־לער רבנישער יידישקייט און ביים אייניקל אין פילאָזאָפישן פּאָזיטיוויזם. אָבער דורכן ניכטערן פּאָזיטיוויזם פון אייניקל האָבן זיך אַדורכגעריסן אונטערערדישע קוואַלן פון טרוימערישן ראָמאַנטיזם, וואָס איז ביי אים, אפשר פאַרבליבן בירושה פון אַ פאַרצייטיקער משפחה־טראַדיציע: דורך אַ קייט פון דורות לומדים־מתנגדים, האָט זיך דער פּאָזיטיוויסט פון 19־טן יאָרהונדערט דורכגעשמועסט מיטן מקובל פון 17־טן יאָרהונדערט, מיט זיין עלטער, עלטער־זיידע ר׳ יוסף דובנא.

דובנאָוו, אַ שאַרפער אויטאָדידאַקט פון די יינגסטע יאָרן אָן, איז ער אַוועק אין די גרויסע רוסישע שטעט, כדי דאָרט פאַרצוזעצן זיינע לימו־דים און צו פאַרפולקאָמען זיין וויסן. קיין גרויסע שטיצע פון זיין היים האָט ער נישט באַקומען. ער האָט געליטן הונגער, אָבער זיין געוואַלטיקער מאָראַלישער כוח האָט אים געהאָלפן גובר צו זיין אַלע נסיונות. זיין גאַנצע יוגנטלעכע ליידנשאַפט האָט ער אַריינגעטאָן אין לערנען. אָבער ער האָט זיך איבערצייגט, זייענדיק אין פּעטערבורג, אַז עס איז גרינגער צו שטילן דעם גייסטיקן הונגער ווי דעם פיזישן. ווען ער האָט מער קיין לעקציעס נישט געהאַט אויף צו פאַרדינען זיין מאַגערע חיונה, האָט ער זיך געוואָנדן צו דער רעדאַקציע פון „רוסקי יעווריי״, ווו דער רעדאַקטאָר האָט אים פאַרגעשלאָגן אָנצושרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ פון זיין היימשטאָט מטשיסלאַוו וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן.

דער ערשטער דערפאָלג האָט אים צוגעגעבן מוט פאַרצוזעצן און ער האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פון יידן אין מיטלאַלטער. ער שרייבט צו זיינע נאָענטע: „דאָ וועט מיר צונוץ־קומען, וואָס איך קען לשון־קודש... איצט לייען איך די מקורים פון מיין אַרבעט״. שפּעטער אַריינגעטרעטן אין דער צייטשריפט „וואָסכאָד״ און געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אונטערן איינפלוס פון גרעץ׳ס „יידי־שע געשיכטע״, האָט ער דאָרט פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן שבתי צבי, דעם פּסעוודאָ־משיח, אים אַנטקעגנשטעלנדיק זיין מיטצייטלער שפּי־נאָזאַ — די אידעאַלע, קריטיש־דענקענדע פּערזענלעכקייט. ער האָט פאַר־געוואָרפן די יידן פון יענער צייט „הלמאי זיי זענען נאָכגעגאַנגען אַ מענטשן וואָס האָט זיי פאַרשלעפּט אין אַ תהום פון פינצטערניש און אומוויסנהייט״

ל. דאָמאַנקעוויטש

און דעם פילאָזאָף, וואָס האָט זיי געוויזן דעם אמתן וועג צו פּראָגרעס, האָבן זיי אַריינגעלייגט אין חרם. ער האָט פּאָלעמיזירט מיט פּינסקערן, דעם נאַציאָנאַליסט און חובב־ציון.

זיין גייסטיקע שפּייז אין יענע יאָרן זענען געווען די פילאָזאָפן־ראַציאָנאַליסטן דידראָ, קאָנדאָרסע, מאָנטעסקיע, מילל, קאַנט, האָט ער געלייענט ווי אַ גלויביקער לייענט הייליקע ספרים. אַלע זיינע אַרבעטן זענען אָנגעגאַנגען אויף טעמעס פון הומאַניסטן, ליטעראַרישן אָדער פּובליציסטישן געביט. גלייכצייטיק האָט די פּראַגע וועגן רעפאָרם פון דער יידישער דערציאונג אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט זיך שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט די מעטאָדן פונעם חדר; ער שטרויכלט אויך דעם אָרטאָדאָקסישן ריטואַל, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון ריינעם גלויבן און מענטשלעכער עטיק.

דער נאָך דעמאָלט־יונגער דובנאָוו, וואָס איז געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דער רוסיש־יידישער זשורנאַליסטיק, האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף יידיש. אין אַן אַנאָנימען אַרטיקל א. נ. „דאָס יידישע פאָלקס־בלאַט" („ראַזוויעט", נ'ר 35, 1881) אַגיטירט ער פאַר אַן ערנסטער פּובליציסטיק אויף „זשאַרגאָן", צו וועלכן סיי די ציוניסטן, סיי די קאָסמאָפּאָליטן, באַציען זיך מיט ביטול. ער זאָגט אין דעם אַרטיקל: „די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וואָס אַ יידיש פאָלקס־בלאַט דאַרף זיך שטעלן — איז באַהאַנדלען די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען ערנסט, און נישט ווי ביז איצט — פעליעטאָניסטיש". דער נייער אָרגאַן, דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט" האָט דעמאָלט גרופּירט אַרום זיך די יונגע ליטעראַרישע קרעפטן, צווישן זיי זענען געווען שלום־עליכם, פרוג און ספּעקטאָר.

אין זיין „געשיכטע פון מיין לעבן" שרייבט דובנאָוו ווייטער: „איך האָב זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון שאַרפן נעגירן די אַלגעמיין־אָנגענומענע דאָגמעס, אָבער גלייכצייטיק האָב איך געזוכט נייע „וויסנשאַפטלעכע" דאָגמעס... איך האָב זיך געהאַלטן פאַר אַ צייטווייליקן מיטאַרבעטער אין דער יידישער ליטעראַטור און האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט ברייטע פּלענער אויפן געביט פון דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיש־היסטאָרישער טעמאַטיק". ער האָט געזוכט ריין־וויסנשאַפטלעכע טעמעס אויפן געביט

נצח יידישקייט

פון געשיכטע און האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע פאָרשונגס־מעטאָדן צו דערגיין דעם היסטאָרישן אמת.

נאָך לאַנגע אינטעלעקטועלע מאַטערנישן איז שמעון דובנאָוו צוגעקומען צום דאָזיקן אויספיר: „מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס דערוואָרבענע אַלגעמיינע וויסן און די אוניווערסאַלע שטרעבונגען קענען געבן פרוכטבאַרע רעזולטאַטן אין פאַרבינדונג מיט די אָנגעזאַמלטע אוצרות פון יידישן וויסן און די נאָכבישט איינגאַנצן אויסקריסטאַליזירטע נאַציאָנאַלע אידעאַלן. פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך מיין פּאַראינטערעסירונג צו גרויסע טעמעס פון דער יידישער געשיכטע: פון אַ בריוו־פּאָרטראַכטער „געשיכטע פון חסידיזם" און פון אַ פולער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, ביז אַ נאָך ברייטערן פּלאַן וועגן אַן אַלגעמיינער געשיכטע פון יידישן פאָלק". דעם לעצטן ווערק האָט שמעון דובנאָוו אַ נאָמען געגעבן „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק". דער נאָמען פאַסט זיך פולקאָם צום אינהאַלט. ווייל די געשיכטע פון אַ וועלט־פאָלק, פון אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער ארבע פינות עולם אַזוי, אַז עס האָט אַן אייגענע אַלוועלטלעכע געשיכטע.

שמעון דובנאָוו האָט פאַר זיין ווערק מקריב געווען אַלע מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג. זיין דראַנג צו פרייהייט האָט אינספּירירט יעדע שורה פון זיין ווערק און יעדן טראָט פון זיין לעבן. ווי אויף צו באַשטעטיקן דובנאָווס פרייהייטלעכקייט, האָט אים די גייסט־פרייהייט געדרודפּט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן און לסוף גורם געווען זיין טויט, בעתן גרויליקסטן אויסברוך פון ווילקיר, וואָס די מענטשהייט האָט ביז איצט דורכגעמאַכט.

אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד לערך אין דער זעלביקער צייט, ווען שמעון דובנאָוו איז געפאַלן פון אַ נאַצישער קויל, זאָל זיין איידעם, הענריק ערליך, פאַלן פון אַ סטאַליניסטישער קויל. דער צופאַל קען מען זאָגן, האָט געאַרבעט באַוווסטזיניקער ווי די רוצחים.

מיר וועלן אייביק שעצן דעם אָנדענק פונעם גרויסן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו!

שלום אַש

אַ האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן, אַ טומל האָט זיך איינגעשטילט. געבליבן איז אַ גרויס ווערק געשאַפן אין משך פון קנאַפּע זעקס יאָרצענדלי־קער. געווען איז דער מענטש זייער שפּעריש, ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג האָט ער נישט אויפגעהערט פּראָיעקטירן און פּלאַנעווען פאַנטאַסטישע קונסט־שלעסער. איצט איז אַלץ פאַררונדיקט און פאַרענדיקט. קיין שום סורפּריזן וועט דער דאָזיקער ייד פון קוטנע קיינעם מער נישט מאַכן, „קיי־נעמס געפילן וועט ער מער נישט רייצן", זיין גרויסער טאַלאַנט וועט קיינעם מער נישט באַאומרואיקן; ער וועט אויך מיט זיין ווילדער גרויסקייט מער זיינע קריטיקער נישט געבן קיין געלעגנהייט זיך איבער אים אַריבערצו־הויבן מיט זייער קליינקייט.

עס איז אַוועק אַ בשר ודם מיט אַן אַ שיעור מענטשלעכע חסרונות. עס איז געבליבן אַ גרויסע ירושה, וואָס נאָר ווייניק חי וקימס קענען זיך מיט עפּעס ענלעכעס רימען. אַן אומרו און אַן אומגעצוימטער נייגיר האָבן דעם דאָזיקן מענטשן געטריבן איבער דער וועלט, איבער ימים, מדינות, שטעט און האָטעלן. געווען און געבליבן איז ער אין תוך איינזאַם, אַן פריינט, אַן חברים. זיין אַרומטרייבן זיך איבער קאָנטינענטן און לענדער אַ לעבן־לאַנג האָט עפּעס געהאַט פון דער מאַיעסטעטישער ווילדקייט פון אַן אור־חיה אין די געדיכטעניש פון דזשונגל, וואָס קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, ווייל די קאָכיקע, זודיקע בלוטן יאָגן און די אור־כוחות זוכן אַן אַרויסשפּאַר.

ער איז געקומען צו דער ליטעראַטור ווען דער שטעטלדיקער ייד האָט שוין אויף איר געוואָרט, ווען דער מענטש פון יידישן שטעטל איז געווען גרייט און רייף וועגן זיך צו הערן און צו זען אין די „ביכלעך" אויף זיין גערעדטער שפּראַך און אויסגעזען האָט עס ווי טאַקע אויף אים האָט מען געוואַרט, אויף זיין שטעטל, אויף זיין רבי שלמה נגיד, אויף זיין מאָטקע גנב, ווייל ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, איז ער גלייך פּאָפּולער גע־

ווערן, גלייך איז זיין נאָמען געגאַנגען צווישן פּוילישע יידן ווי וועגן „זייער" שרייבער.

קיינער האָט נישט מער ווי שלום אַש דערפּילט און דערשפּירט דעם הייסן אָטעם־צוג וואָס האָט געזעצט פון שטעטל, די פּאָטענצן וואָס האָבן פון דאָרט אַרויסגעשלאָגן, אָבער קיינער אויך נישט מער ווי ער, האָבן גלייך דערזען דעם אונטערגאַנג, וואָס באַגלייט דעם אויפגאַנג. פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג האָט ביי אונז געדויערט פון אסתר־תענית ביז פּורים. נאָכמער, דער אויפגאַנג אַליין האָט גלייך אַנטפּלעקט און איז געווען דער סימן פון אַן אונטערגאַנג, פון אַ שטייגער, פון אַ נוסח, פון אַ לעבנס־פאָרם.

אונטערגאַנג האָט נישט דווקא געמיינט חורבן. עס האָט געמיינט פאַר־שווינדונג פון איינגעוואָרצלטע פאָרמען דורך מאַסן־עמיגראַציע, דורך אי־נערלעכער טראַנספאָרמאַציע, דורך סאָציאַלע און געאָגראַפישע איבער־קערענישן. און די שוואַרצע פליגל פון חורבן, חורבן ממש, האָבן אויך שוין געפאָכעט און אָנגעזאָגט דעם טויט. שלום אַש איז דעמאָלט געווען דער ערשטער צו ווערן דער שילדערער און מאָלער פון נייע טיפּן יידן, איבער־געפלאַנצטע און נישט דערפלאַנצטע, פון מענטשן וואָס האָרעווען, שאַפן גרויסע מאַטעריעלע אוצרות און קענען פון זיי קיין הנאה נישט האָבן.

די דאָזיקע טיפּן מענטשן, וואָס לעבן אין צוויי וועלטן, אין צוויי לעבנס־פאָרמען, האָבן אויסגעפילט דעם וויכטיקסטן פעריאָד פון אַש'ס שאַפן. צו די דאָזיקע מענטשן האָט שוין אַש נישט געהאַט קיין באַציאונג פון סימ־פּאַטיע און ליבשאַפט, ווי צו זיינע ערשטע פּערסאָנאַזשן פון שטעטל, ווי צו מאָצני וואָיטעק און ר' יחזקאל גאָמבינער, צו די חיים לעדערערס, צו די אָנקל מאָזעסעס האָט ער געהאַט אַ געפיל פון רחמנות, אַ דיסטאַנצירט געפיל. די דאָזיקע דיסטאַנצירטקייט איז געוואָרן די בריק צו די היסטאָרישע ראָ־מאַנען פון נאָענטן עבר צוערשט, פון ווייטערן עבר דערנאָך, און צו די עוואַנ־געלישע ראָמאַנען, וואָס האָבן פון אַש'ן מער פאַרלאַנגט קינסטלעריש־סו־זשעטישע באַציאונג ווי אינטים יידישע.

אַש איז צו זיינע „קריסטלעכע" ראָמאַנען נישט דערגאַנגען פּלוצים, עס איז געווען אַ לאַנגע עוואָלוציע, צו וועלכער די צייט האָט אַ סך גורם געווען, די צייט ווען זיין יידישע וועלט איז שוין געלעגן אין חורבות און אין דער אמתן נישט טיף געגלויבט. אַש'ס קריטיקער און אָפּשאַצער האָבן

דערזען דעם שפּרונג, זיי האָבן אָבער נישט געזען דעם גאַנג, דאָס דערגיין צו אַ דיסטאַנס, אָבער נישט דאָס גיין צו אים אין משך פון אַ לעבן לאַנג.

אַש האָט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט. ער איז נישט געווען און נישט געשטרעבט צו זיין רעפּרעזענטאַטיוו. ער האָט קיינעם נישט פאַר־טרעטן און קיינעמס רבי נישט געוואָלט זיין. ער איז געווען אַן עגאָאיסט, ווי עס זענען עס אָפט קינסטלער וואָס לעבן בלויז מיט זייערע קינסטלערישע פיקציעס. מיר אַלע האָבן פון מחבר פון „שטעטל", פון „ר' שלמה נגיד" פון „תהילים ייד", געפאָדערט באַציאונג, ווי מיר האָבן עס געפאָדערט און באַקומען פון פרצן, פון שלום עליכמען, פון רייזענען. אַש אָבער, האָט גע־לעבט „בלויז" מיט די פיקטיווע וועלטן, אין די וועלטן וואָס ער אַליין האָט מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע אויפגעבויט, מיט די ליטעראַרישע עפעקטן, וועלכע ער האָט ליב געהאַט אַרויסצורופן מיט די טעמעס וואָס האָבן כסדר באַשעפטיקט זיין שעפערישע אימאַגינאַציע.

פרץ האָט עס שוין מיט 50 יאָר צוריק באַמערקט, און דערפון געווען באַאומרואיקט. טאַקע מיט פונקט 50 יאָר צוריק, אין יאָר 1907 שרייבט ער אין אַן אַרטיקל „אַש" (פאַרעפנטלעכט אין באַנד 16 פון זיין ווערק, אַרויס־געגעבן דורך דעם ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין) צווישן אַנדערס: (ציטירט מיט איבערהיפּונגען): „פון אַש'ס ליכט־זייטן דאַרף מען שוין היינט נישט רעדן, נאָך דער הסכמה פון וואַרשע, פעטערבורג, בערלין, ווין, דאַרף מען נישט באַווייזן אַז אַש האָט טאַלאַנט... איז שוין דעריבער צייט פון אַש'ס פעלערן צו רעדן... און נישט קיין גרינגע זענען אַש'ס פעלערן. סצענישע עפעקטן און... אַ חנדל צו יענעם צד, איבער דער יידישער גרענעץ אַריבער".

און צום סוף פון זעלביקן אַרטיקל זאָגט פרץ נביאות וועגן אשן, אַ נבי־אות וואָס טראָגט אין זיך אַ סך מורא: „אַש — שרייבט ער דעמאָלט מיט 50 יאָר צוריק — וועט אונז אָפטריניק נישט ווערן. דאָס פרעמדע לעבן וועט אים אייביק זיין פרעמד, נאָך פרעמדער — די פרעמדע שפּראַך. ער איז, וועט און מוז בלייבן אַ יידישער „שרייבער". „איך ווינטש מיר אָבער דעם יידישן דיכטער איינפאַכער, ערנסטער און — מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ! אַש איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל (ווי רירעוודיק אַש איז שוין דע־מאָלט געווען און ווי אויפמערקזאַם צו אַלץ וואָס בויט און שאַפט זיך — ל.ד.) „צדה לדרך" האָב איך אים געזען מיטנעמען פאָלקס־ליטעראַטור, קבלה־ספרימלעך און מדרשים... זאָל עס אים זיין צו אַ רפואה...

געשריבן האָט פּרץ די דאָזיקע ווערטער נאָך דעם ווי די פֿאָרשטעלונג פון שלום אש׳ס „גאָט פון נקמה" האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפֿאָלג אויף די אייראָפּעאישע בינעס. פּרץ האָט אין דער דאָזיקער דראַמע, וואָס ער שאַצט קינסטלעריש אָפּ זייער הויך, געזען ווי אַ ווונק צו יענעם צד... פּרץ האָט פון אַ יידישן שרייבער מער געפֿאָדערט ווי קונסט. ער האָט געפֿאָדערט ליבשאַפֿט צום פֿאָלק, באַציאונג און נישט נאָר געשטאַלטונג.

ניין, אַש איז קיין אָפּטריניקער נישט געוואָרן. ער האָט בלויז צום „צדה לדרך" צו די קבלה־ספרימלעך און מדרשים צוגעלייגט אין דער צווייטער טאַש אַריין די עוואַנגעליע... ווי אַ טעמע וואָס האָט צעפֿלאַמט זיין פֿאַנטאַזיע און איז אַגב ביי אים אַנטשטאַנען אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן און געלעבט אין אים זייער אַ סך יאָרן. דער סוזשעט האָט אים געגאַגט קינסטלעריש, ער האָט פון אים געפֿאָדערט אַ קינסטלערישן באַשייד, דאָס איבעריקע איז אים נישט אָנגעגאַנגען.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך מיט אַשן צונויפֿגעטראָפֿן אין דער שקיעה פון זיינע יאָרן. איך האָב מיט אים לאַנג געשמועסט, איך בין געווען דערשטוינט צו זען ווי וויניק אַלע וויכוחים אַרום אים ווירקן אויף אים און עס איז בשום אופן נישט געווען קיין געמאַכטע גלייכגילטיקייט. ער האָט געלעבט מיט זיינע טעמעס, מיט זיינע פּיקטיווע פּערסאָנאַזשן; ס׳לעבן, דאָס יידישע אַריינגערעכנט, איז קודם־כל געווען פֿאַר אים קינסטלערישער רוי־שטאָף, אַ קאַנווע אויסצוועבן ניי־געשאַפֿענע וועלטן. זיין גאַנצע וואַ־רעמקייט האָט ער אַריינגעטראָגן אין זיינע ווערק, זיין גאַנצע באַציאונג — צו די אויפֿגעבויטע פּיקציעס, פֿאַרן ווירקלעכן מענטש, פֿאַר רעאַלן לעבן איז ער געבליבן שטיין, אַ פֿאַרשלאָסענער עגאָאיסט.

ביי אונז האָט מען — מיט רעכט — געפֿאָדערט מער פון אַ גרויסן שרייבער, מען האָט פֿאַרלאַנגט — און געהאַט רעכט דערצו — צו פֿאָדערן מער ווי טעמאַטישע באַציאונג. מען האָט געפֿאָדערט מיטגעפֿיל, נישט בלויז געפֿיל. אַש האָט דאָס געהאַט, נאָר אין אַ קליינער מאָס. זעלטן איז ווער זוכה צו באַזיצן אין דער זעלביקער מאָס קינסטלערישע און קאָנקרעטע ליבשאַפֿט צו זיין פֿאָלק און צו מענטשן בכלל. אַש האָט נישט דערצו זוכה געווען. און פֿאַרקערט, זיין גלייכגילטיקייט צום קאָנקרעטן מענטש איז געווען פּראָפּאָר־ציאָנעל צום וווקס און אַנטוויקלונג פון זיין טאַלאַנט.

ל. דאָמאַנקעוויטש

דאָס איז געווען אַ שטערונג און אַ העמונג אין זיינע באַציאונגען מיט דער וועלט, די וועלט, די יידישע קאָנקרעטע וועלט האָט רעאַגירט אויף זיין קאָנקרעטן עגאָאיזם. איצט איז די „קאָנקרעטע שטערונג" פאַרשוווּנדן, געבליבן איז אַ רייך קינסטלעריש ווערק וואָס וועט בשלום פאַרנעמען דאָס געהעריקע פלאַץ אין דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור.

אין דער מחיצה פון שלום אשן

„שלום אַש פון דער נאָענט״, שלמה ראָזענבערג
פאַרלאַג שאולזאָן, מיאַמי, פלאָרידא, 1958.

עס איז, ווייזט אויס, אַ שרייבערישע אייגנשאַפט פון שלמה ראָזענבערג, דער מחבר פון בוך „שלום אַש פון דער נאָענט״, צו זיין אַ תולה באַשלא רברבא״, זיך צו שיצן אין שאָטן פון אַ „גרויסן בוים״, זיך אָנצושפּאַרן אויף סאָלידע פּערזענלעכקייטן. אַזוי האָט ראָזענבערג אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע מיט איבערזעצן „די פּויערים״ פון פּוילישן נאָבעל־פּרייז־טרעגער סטאַניסלאַוו ריימאָנט און שפּעטער, ווען ער איז איבערגעגאַנגען צו אומאָפּהענגיקע שרייבערישע אַרבעטן, זענען עס געווען היסטאָרישע ראָמאַנען, אַזעלכע ווי „רבי עקיבא״, „רבי מאיר און ברוריה״, ווו די העלדן זענען פּרעציזע, היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. און עס איז מסתם געווען דער זעלביקער כאַראַקטער־שטריך, וואָס האָט אים שוין אין זיין פּריעסטער יוגנט געגעבן דעם חלום צו ווערן דער סעקרעטאַר פון שלום אַשן.

אין זיין בוך „זכרונות וועגן אַשן״, דערציילט טאַקע ראָזענבערג באַריכות וועגן זיין דאָזיקן יוגנט־טרוים. חלומות האָבן תמיד ערגעץ־ווו אַ רעאַלע אחיזה, און שלמה ראָזענבערגס חלום צו ווערן אַש׳ס סעקרעטאַר, האָט טאַקע געוואָרצלט אין רעאַלן פאַקט, וואָס די פרוי פון שלום אַש, מאַטילדע שפּיראָ, איז געווען זיין קוזינקע, די טאָכטער פון זיין פעטער, אַש׳ס שווער, מענדל שפּיראָ, דער אין אַמאָליקן לאָדזש גוט־באַקאַנטער רעליגיע־לערער אין אַ פּוילישער מיטל־שולע. ער איז אויך געווען דער איבערזעצער אויף העברעאיש פון „דאָס שטעטל״, דאָס בוך, וואָס האָט גלייך זיין גרויסן אייִדעם באַרימט געמאַכט.

און שלמה ראָזענבערג איז געווען אַ בר־מזל, ווי ער אַליין באַצייכנט די רעאַליזירונג פון זיין חלום. ער איז טאַקע געוואָרן אַש׳ס סעקרעטאַר. דערצו האָבן מסתם מיטגעווירקט די קרובהשאַפט מיט אַש׳ן און דער

פאַקט, וואָס גלייך נאָך דער געלונגענער איבערזעצונג פון „די פויערים״, האָט זיך ראָזענבערג געמאַכט אַ נאָמען ווי אַ מענטש, וואָס קען מאַנעווורירן מיטן יידישן וואָרט, וואָס שלום אַש האָט נויטיק געברויכט...

בקיצור, ראָזענבערג, וואָס איז אין יענער תקופה נעבעך געווען אַ נצרך, איז ממש געהאָלפן געוואָרן. ער איז געוואָרן שני ל'אַש, דער איבער־שרייבער, רעדאַגירער און צוגרייטער צום דרוק פון אַש'ס כתבים, און במשך פון צען יאָר — דער יוצא ונכנס אין אַש'ס שטוב. ער האָט געזען אַש'ן פון דער נאָענט, אַזוי צו זאָגן, אין פאַנטאָפל און שלאָפראָק. ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דעם גרויסן שרייבער ביי זיין אַרבעט, צו הערן זיינע שיחות חולין, צו אָבסערווירן זיינע שטימונגען, זיינע לוינע־ענדערונגען און זיינע קאַפּריזן, וואָס זענען נישט געווען קליין אין צאָל.

ער איז צו אַש'ן געקומען נאָך פראַנקרייך, אים נאָכגעפאָלגט אין דער שיינער ריוויעראַ־שטאָט ניס, און ער קאָן די דאָזיקע גוטע צייטן נישט פאַר־געסן. און ווען שלמה ראָזענבערג שרייבט די זכרונות, לעבט ער אין געדאַנק נאָכאַמאָל איבער די אַלע תענוגי עולם הזה און תענוגי עולם הבא, וואָס די אַרבעט ביי אַש'ן האָט אים געגעבן: די שיינע ניס, מיט איר עלעגאַנץ און לוקסוס, רייכע ווילעס, פּרעכטיקע האָטעלן, פיינע רעסטאָראַנען, מיט איר לויטערן פּייזאַזש פון בערג און ים און ערשט די אַרבעט אַליין און די שמועסן און שפּאַצירן מיט אַשן. ער דערוואָרעמט זיך און די דאַנקבאַרקייט און ליב־שאַפט צו אַש'ן, וואָס האָט אים דעם גענוס פאַרשאַפט דערוואָרעמען אויך און אין דער זעלביקער מאָס — דער כעס און די שנאה צו די קעגנער פון זיין פאַרערטן שרייבער, אַז ער איז גרייט זיי קורע כדג צו זיין.

און אהבה און שנאה זענען, ווי באַוווסט, מקלקל את השורה. טרייבט דער מחבר פון „אַש פון דער נאָענט״ איבער אין ביידע ריכטונגען. אַלע אַש'ס „קליינע״ כאַראַקטער־דעפעקטן ווערן אַ שפּענדל „צעפּיעשטשעט־קייטן פון אַ גרויס קינד״ און אַלע אָנפאַלן פון זיינע קעגנער ווערן בלויז אַקטן פון קנאה און שנאה. אָבער ווען אַפילו אין דער לאַנגער ריי פון אַש'ס קעגנער זאָלן זיך האָבן געפונען אויך סתם נישט־פאַרגינערס און קליינלעכע בעלי־קנאה, איז נאָך אַלץ נישט אַש'ס עקשנות ביי דער יוזל־סעריע נישט פאַר'ענטפערט. דער עיקר איז שווער צו פאַרענטפערן, צוליב וואָס אַ יידי־שער שרייבער און דערצו ביי יידן אַזאַ געליינטער שרייבער ווי אַש איז עס געווען, צוליב וואָס אַזאַ שרייבער האָט נויטיק, אויב עס איז נישט צוליב

מאַטעריעלע פּראָפיטן, אַרויסצוגעבן ווערק בלויז אין פרעמדע שפּראַכן און נישט אין דער אייגענער שפּראַך, אין וועלכער זיי זענען געשריבן געוואָרן, האָבנדיק מסתם דאָס באַוווסטזיין, ווי שאָקירנדיק זיי וועלן זיין פאַרן יידישן לייענער.

און דאָס איז דאָך געווען דער פאַל מיט „מאַרי" און מיט „סען פּאָל", וועלכע זענען אין יידיש קיינמאָל נישט דערשינען. דאָס שמעקט מיט אָפּ־טריניקייט, לכל־הפחות מיט אָפּטריניקייט פון יידישן לייענער. איז טאָקע אַש געווען דער „גרעסטער יידישער שרייבער", ווי ראָזענבערג האָט עס ליב כסדר אונטערצושטרייכן ? מען האָט אַמאָל געפרעגט ביים גרויסן פראַנ־צויזישן שרייבער אַנדרע זשיד, ווער עס איז געווען פראַנקרייכס גרעסטער פּאָעט. זשיד האָט געענטפערט : וויקטאָר הוגאָ, לײדער.

ראָזענבערג ענטפערט אָן „ליידער" און אָן רעזערוון, אַז דער גרעס־טער פּראָזאַאיקער ביי יידן איז געווען שלום אַש. אָבער צום גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז ער עס נישט געווען... „צום גליק" נישט צוליב די קריסטלעכע ראָמאַנען, נאָר ווייל „גרעסטער" איז מחייב פּערפעקציע אויף אַלע געביטן, גראַמאַטיק, זאַצבוי אַריינגערעכנט. און שוין שלמה ראָ־זענבערגס פונקציע גופא ביי אַש'ן באַווייזט, אַז אויף דעם געביט לכל הפחות איז ער געווען ווייט פון פּערפעקט. און עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע וויכטיקע געביטן ווי סטיל און געשמאַק, וווּ אַנדערע, למשל דוד בערגעלסאָן, האָבן ווייט איבערגעשטיגן אַש'ן. אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז אַש איז געווען באַשאָנקען מיט אַ סך שרייבערישן חן, מיט טאַלאַנט, מיט אַ שפע פון פאַנ־טאַזיע און סיוזשעט און ווי אַ סיוזשעטיסט האָט אים טאָקע קיינער נישט איבערגעשטיגן.

עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט געוויוער צו ווערן ביי ראָזענבערגן, אַז אַש האָט דעם ראָמאַן וועגן „מאַן פון נצרת" געשריבן גלייך נאָך „דעם געזאַנג אין טאָל", טיילוויז גלייכצייטיק. דער נייער געזאַנג, וואָס האָט אָנ־געהויבן אויפגיין פון היסטאָרישן באָדן, האָט אים, הייסט עס, צוריקגעפירט צום לעצטן שאָל, וואָס איז פון דאָרטן געקומען צו אַלע פעלקער פון דער וועלט אין איר ערשטן, אַלטן יידישן לבוש. עס איז מעגלעך, אַז דעמאָלט איז אויך אַנטשטאַנען אין אַש'ס געדאַנק אַ קינסטלערישע סינטעזע פון צו־ריקבאַהעפטונג צווישן די צעריסענע עלעמענטן. מען איז נישט קיין ירבעם

ל. דאַמאַנקעוויטש

בן נבט, אַז מען טראַכט אַזוי. אָבער נישט נאָכגיין די עוואַנגעליעס איז גע־וועזן דער וועג פון פאַרווירקלעכונג פון דער געפּרוווטער סינטעזע.

די מעשה איז, וואָס אַש האָט כסדר זיין לעבן לאַנג אָנגעהויפּט קליינע און גרויסע להכעיסדיקייטן, פאַר וועלכע ער איז שוין אין פּרצ׳עס צייטן פון אים געטאַדלט געוואָרן, ביז צו אַ מאָמענט, ווען די, וואָס האָבן אויף אים געלויערט, האָבן אים געפּאַקט און מער נישט אָפּגעלאָזן; און די, וואָס האָבן פאַר אים געהאַט תמיד איינזעעניש, זענען געוואָרן אָפּהענטיק.

אינגאַנצן גענומען איז עס גוט, וואָס שלום אַש האָט אָפּגעפּונען אין ראָזענבערגן זיין „עקערמאַן״, אַן איבערגעגעבענעם פריינט, וואָס קריגט זיך אויס פאַר זיין גוטן נאָמען און ער צאָלט אים אָפּ מיט ליבשאַפט און טריישאַפט פאַרן חסד נעורים, וואָס ער האָט מיט אים פּערזענלעך געטאָן און, לאָמיר נישט פאַרגעסן, געטאָן אויך מיט דער יידישער ליטעראַטור.

אין סך־הכל איז דאָס בוך פון שלמה ראָזענבערג אָנגעשריבן וואַרעם און צוציִענדיק. אַביסל עגאָצענטריש, אין פיל זייטלעך מער אויטאָביאָגראַ־פיש ווי ביאָגראַפיש. ער דערציילט אָפטמאָל מער וועגן ראָזענבערגן ווי וועגן אַש׳ן. אָבער אין די ראַמען פון דער טעזע, וואָס ראָזענבערג שטעלט זיך, די טעזע פון „חלום און ווירקלעכקייט״, זענען די קאַפּיטלעך, וואָס וויקלען פונאַנדער די תקופה פון רעאַליזירונג, נישט איבעריק. סיי ווי איז צו באַוווּנדערן ראָזענבערגס אָביעקטיוויטעט, אָפטמאָל דערציילט ער מע־שׂיות און אַנעקדאָטן וועגן אַש׳ן, וואָס באַשטעטיקן די מיינונג, וואָס האָבן תמיד וועגן אַש׳ן קורסירט. אָבער ער פאַרענטפערט זיי און איז זיי מבטל ווי זייטיקייטן, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיטן הויפּט־כאַראַקטער פון אַש׳ן ווי אַ שאַפערישן קינסטלער.

דאָס בוך איז אויך באַפּעפערט און געזאַלצן מיט זייטיקע אַנעקדאָטן פון טיפן פון דער צאַרישער עמיגראַציע, וואָס האָבן זיך נאָך דעמאָלט שטאַרק אָנגעזען אין ניס. דאָס מאַכט די לעקטור אָנגענעם און זיי פּאַסן זיך גוט אַריין אין דעם זשאַנר פון מעמואַריסטישער אַרבעט.

נאָך וועגן שלום אַשן

די פּאָלעמיק „אַש" איז ווידער אויפגעשוווּמען צוליב אַ באַזוך פון גרויסן שריפטשטעלער אין דער יידישער מדינה, ווו עס איז דעם מחבר אויף אַזוי פיל ארץ־ישראל און תנ׳ך־טעמעס נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום אָפיציעלער און געזעלשאַפטלעכער קבלת־פּנים, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענער פיינטשאַפט מצד קנאים און צבועקעס, מיט דעמאָנס־טראַטיווער סימפּאַטיע מצד „טאָלעראַנטע ליבעראַלן" און מיט פולער אינ־דיפערענץ מצד זיינע גרויסע לייענער־מאַסן, וואָס וואָלטן אים אַן אַנדערש מאָל זיכער אויפגענומען מיט אומבאַגרענעצטן ענטוזיאַזם,

די קנאים און צבועקעס האָבן אים גערופן משומד און כומר, די „פּאָר־געשריטענע גייסטער" האָבן זיך מיט אים געקושט אין דער גאַס צו דע־מאָנסטרירן נישט זייער ליבע צום שריפטשטעלער, נאָר זייער טאָלעראַנץ צו „יענעמס" מיינונגען: „מיר לעבן נישט מער אין די צייטן פון שפּינאָזע, ווען דער גרויסער פילאָזאָף איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון יידישן קהל דורך אַ גרופּע פאַנאַטישע חרם־וואַרפער", האָט עס געהייסן.

אָבער די פיינטשאַפט פון די קנאים קאָן נישט אויסליידיקן די וואַרעמ־קייט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען שלום אַש און די ליבעראַלע טאָלע־ראַנץ קען נישט באַזייטיקן עפּעס אַ נאָכטעם וואָס עס לאָזט נאָך זיך איבער דאָס, וואָס מיר קענען אָנרופן „דער פּראָבלעם שלום אַש".

וואָרום עס איז דאָ אַ נאָמען שלום אַש, וואָס קלינגט אין אונזערע אויערן אַזוי היימיש און אַזוי וואַרעם, ווי דאָס וואָרט „שטעטל", אַזוי נאָענט און אַזוי אינטים ווי די ווערטער „יידישע ליטעראַטור" מיט וועלכע ער רעדט זיך און אידענטיפיצירט זיך, און עס איז דאָ אַ פּראָבלעם שלום אַש וואָס וויפל איר זאָלט אים נישט פּרווון באַגאַטעליזירן און פאַרענטפערן, בלייבט ער אַלץ אויף זיין אָרט מיט אַ נאָכטעם און אַן אומאַנגענעמע עמ־פּינדונג. עמפּינדונגען זענען שווער צו אַנאַליזירן און עס איז שווער איבער זיי צו דיסקוטירן, גרויסע טיילן פון פאָלק פילן זיך באַליידיקט, ווי אָפּגע־

[illegible]

ל. דאָמאַנקעוויטש

אין אירע גרויסע שריפטשטעלער האָט די יידישע לייענער־מאַסע קיינמאָל נישט געזען בלויז די מחברים פון אַזויפיל ראָמאַנען, די באַאַרבעטער פון אַזעלכע אָדער אַנדערע „אינטערעסאַנטע״ טעמעס, נאָר אינטימע פריינט, וואָס אינטערעסירן זיך מיט איר לעבן, געפינען דערפאַר אַן אויסטויש און אַ זין. באַזונדערס איז דאָס וואָר געווען פאַר אַש׳ן, וואָס האָט באַשיינט און באַקרוינט דאָס שטעטל, באַצירט דאָס קוי־לער געסל, אין וויטן, מעבר־לימיקן אַמעריקע האָט ער ווייטער אויסגע־זוכט זיינע לאַנדסלייט און זיי באַשאָנקען מיט נשמה, אַפילו די פאַרגרעב־טע ביזנעס־לייט געמאַכט מענטשלעך און דערטרעגלעך.

זענען דאָס אַלץ בלויז שרייבערישע טריקן, אָדער איז עס אַן אויסגע־פילט לעבן פון ליבע און צוגעבונדנקייט ? אויב דאָס איז אַזוי, טאָ צו וואָס גיין זוכן טעמעס ביי פוילוסן, ביי מאַריאַ, וועלכע מען וואָגט אַפילו נישט אַריינצופירן אין דער יידישער ליטעראַטור ? אַז אין דער פערזאָן פון נוצרי אין זיין ריינסטער, נישט קירכלעכער געשטאַלט, קען מען דערזען אַ רבי פון גליל, קען ליגן אין דער לאָגיק פון דער געשיכטע, אַז מאַנכע ערטער פון דער עוואַנגעליע קענען פאַרשיכורן אַ פּאָעטישן געמיט און זיי קענען פאַר אונז אויפדעקן אַ זייט פון יידנטום, וואָס איז דערנאָך „משקלקלו המינים״ גרינטלעך אויסגעוואָרצלט געוואָרן, איז אויך זיכער, אָבער מיט פּאָולוסן, דעם רעאַליזאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון קריסטנטום, פון דעם וואָס האָט דער ערשטער זיך אָפּגעוואָנדן צו דער רוימיש־העלענישער וועלט, וואָס איז אפשר געווען דער ערשטער קריסטלעכער שונא ישראל, מיט אים און מיט מאַריאַ, די געשטאַלט פון דער געצנדינערישער פאַנטאַ־זיע, האָבן מיר זיכער קיין שום שייכות נישט און אַ יידישער שריפטשטע־לער, וואָס איז נישט סתם אַ גוטער באַאַרבעטער פון טעמעס, נאָר אַ טרייער דינער פון זיין פאָלק און אַ טרייסט אין אַן עת־צרה האָט ביי די דאָזיקע געשטאַלטן נישט וואָס צו זוכן און זיכער נישט אין אַ צייט פון אַזעלכע נסיונות.

עס איז נישט קיין פראַגע פון טאָלעראַנץ און אומטאָלעראַנץ. אויף דער טעמע פון נוצרי זענען אין די מאָדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן דערשינען מערערע נאָוועלן, ראָמאַנען און וויסנשאַפטלעכע ביכער און זיי האָבן קיין שום פּאָלעמיק נישט אַרויסגערופן. נאָר דווקא פון אַש׳ן מיט זיין אידעאַליסטיש־ראָמאַנטישן גאַנג לענגאויס זיין גאַנצער

רייכער ליטעראַרישער פּראָדוקציע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט מען רעכט זיך צו פילן ווי אַנטוישט און אָפּגענאַרט. עס קומט אויס ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: זעט, מיט מיין גאַנצער אידעאישקייט און אמונהדיקייט פון מיין גאַנצן ווערק פון פופציק יאָר, האָב איך מיך צו דעם מכוון געווען, ווי זיין אייגענער „סמאָלע יידן" אין תהילים־ייד, וואָס רעדט בלויז פון קדושה און טהרה אָבער צום סוף „פאַרעדט" ער זיך, אַז די כוונה איז פאַר שבתי צבי.

איך זאָג נישט, אַז אַזוי איז עס, נאָר אַז אַזאַ איינדרוק קען זיך שאַפן און אַ יידישער שרייבער פון קאַליבער שלום אַש מוז זיך היטן פון אַזעלכע איינדרוקן אפילו בלויז ממראית עין. ווער דען זאָל זיין אָפּגעהיטן פון רייצן געפילן פון זיין פאָלק אַז נישט זיין גרעסטער שריפטשטעלער.

אַראָפּנעמענדיק און אויסליידיקנדיק אַלע דעמאַגאָגיעס און היפּאָקריזיעס, בין איך אין איין זאַך זיכער, אַז די גרויסע יידישע מאַסן אין פוילן, ווען זיי זאָלן נאָך דאָ זיין, וואָלטן היינט שלום אַש'ן אינסטינקטיוו נישט אויפגענומען מיט דער גאַנצער אָנרעזערווירטע וואַרעמקייט פון אַמאָל. דאָס זאָגט זייער אַ סך.

אָבער אַ צווייטע זייט איז דאָך אויך פאַראַן: עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז מיט פאָרן קיין ישראל, מיטן שרייבן דעם ראָמאַן „משה", זוכט דער איזאָלירטער אַש צוריק דעם וועג צו זיינע ברידער, איז ווער קאָן און וועט וואָגן די האַנט אָפּצושטויסן?

אברהם רייזען — דער פּראָזאַאיקער

די באַגריפן ווי „פאָלקסדיכטער", „פאָלקסקינסטלער", זענען שוין אַזוי אָפּגענוצט געוואָרן, אַזוי באַנאַליזירט געוואָרן, און צוליב דעם אַזוי גע־וואָרן אויסגעליידיקט פון תוכן, אַז כדי זיי ווידער צו קענען אָנווענדן, מוזן מיר זיי אויפסניי דעפינירן. מיר מוזן נאָכאַמאָל מושווה ווערן וועגן זייער אינהאַלטלעכן ווערט: זיין פאָלקסטימלעך אין דער קונסט, מיינט נישט זיין פרימיטיוו, עס מיינט אַפילו נישט נאַאיוויטעט און נישט תמימות און אויב מען קען יאָ רעדן וועגן פשטות, מיינט עס מער איינפאַכקייט פון פאָרם, ווי אומקאָמפּליצירטקייט פון אינהאַלט.

פאָלקסטימלעך מיינט האָבן דעם איינגעבוירענעם, אינסטינקטיוון טאַ־לאַנט צו קענען ווערן דעם פאָלקס שליח־ציבור, און פון אים אָנערקענט ווערן אַלס אַזעלכער. אין ליטעראַטור מיינט עס, האָבן די פעאיקייט צו זיין אַזוי קאָנצענטרירט און קאָנדענסירט, ווי אַ פאָלקס־ווערטל, אַזוי משלדיק ווי עס איז די דורותדיקע דערפאַרונג, איבערזעצט אין וואָרט, אַזוי אומ־מיטלבאַר קענען ליב האָבן (און אַמאָל אויך פיינט האָבן) ווי ס'פאָלק (נישט פאַרבייטן מיט המון). עס איז נישט פאַראַן עפּעס פשוטערס לויט דער פאָרם און קאָמפּליצירטער לויטן אינהאַלט ווי עס איז אַ פאָלקסווערטל. און עס איז נישטאָ אַזעלכעס וואָס איר זאָלט אין אים קענען מער אַריין־ און אויס־טייטשן, ווי אין אַ משל פון פאָלק, געשטיצט אויף דערפאַרונג און נסיונות פון דורות. עס איז אָפּטמאָל הפוך בה והפוך בה.

אין דעם זין איז אברהם רייזען געווען אַ פאָלקס־דיכטער, אַ פאָלקס־שרייבער, דער זינגער און דערציילער פון די נויטן פון פאָלק אין אַלע זיינע פּרטים און וואַריאַנטן. אייגנטלעך איז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין דעם זין אַ פאָלקסטימלעכע. שוין איר אויפקום אַליין אין יידיש האָט באַ־שטימט איר כאַראַקטער, אָבער אין דער צייט, וואָס די קלאַסיקער זענען „געגאַנגען" צום פאָלק, איז אברהם רייזען געקומען פון פאָלק. ער איז גע־קומען קליין ווי אַ בן בית. דאָס האָט טאַקע דער פאָלקס־כאַראַקטער פון

דער יידישער ליטעראַטור געמאַכט, אַז דער אביון, דער אָרעמאַן, דער ספּעציפיש־יידישער שטעטלדיקער דלות, זאָל ווערן איר הויפּט־טעמע, ווי דאָס מעשה־ביכל און דער מוסר־ספר, איז די יידישע ליטעראַטור קודם־כל געוואָרן דער אינסטרומענט פון יושר, פון רחמנות. בלויז וואָס די טענדענץ איז באַהאַלטן געוואָרן הינטערן בילד און הינטער דעם מער געלייטערטן וואָרט.

דער גביר האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מערכה אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דעם אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס האָט מען נאָך נישט געוואָגט צו מאַכן טעמאַטיש, ליטעראַטור־פּעאיק. מענדעלע האָט דעם נגיד, דעם תקיף געשמיסן מיט אַלע בייטשן פון זיין סאַרקאַסטיש וואָרט, אָבער קיין ליבע צום תקיפס קרבן, צום אביון, האָט ער נישט געהאַט. שלום עליכם האָט פאַרדעקט דעם דלות מיט אַ פריילעכן „הוליע קבצן". ער האָט אים פאַרזיסט מיט אַ פּסוק אין מויל פון טביה דעם מילכיקן מיט אַ חלום פון גבירישקייט אין מנחם מענדלס פאַנטאַזיע. פּרץ האָט איבערגעשטעלט די ווערטן. ער האָט באַרייכערט די נשמה, און מבטל געווען דעם גוף. בלויז איין רייזען האָט דעם אָרימאַן, אַזוי ווי ער איז אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור, ער האָט אים אַזוי צו זאָגן געמאַכט „ליטעראַריש־פּעאיק". דער בטלניש־אביונישער רב, דער קבצנישער מלמד, דער דלפנישער שרייבער, אַלע ווערן זיי ביי אים קונסט־סוזשעטן. דער „אברעמעלע מלמד" פון פאָלקסליד ווערט ליטעראַטור. און נישט בלויז דאָס קליינע מענטשלעכע ווערט קונסט־טעמע. עס ווערן עס אויך אַלע קליינע געשעענישן. אַלע קליינע עפּיזאָדן. רייזען האָט אָנגעשריבן זכרונות און האָט זיי אָנגערופן „עפּיזאָדן פון מיין לעבן". אינדעראמתן זענען אַלע זיינע דערציילונגען עפּיזאָדן פון לעבנס. קליינע גאָר פּיטשעווודיקע פּרטימלעך, וואָס ערשט באַהאַפטן איינער צום אַנדערן, ווערן זיי אַ לעבן און אַ לעבנס־לייגער פון אַ פאָלקס־שיכט.

אַ קריטיקער־לץ האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, מיט דער כוונה צו מאַכן רייזענען צו קליינגעלט, אַז אַלע רייזענישע פּראָבלעמען קענען פאַרענטפערט ווערן מיט אַ צען־רובלשטיק. דער אָרעמאַן האָט נישט קיין בעט און נישט קיין טיש? וועט מען אים קויפן אַ פּאָר בעטן; ער האָט אַן ענגע שטוב? וועט מען צושטעלן נאָך אַ הילצערן ווענטל, א. א. וו. עס קען טאַקע זיין, אַז איין גוטע רעוואָלוציע, אָדער טעכנישע עוואָלוציע זאָל די אַלע פּראָבלעמען מאַטעריעל פאַרענטפערן. אָבער דער רייזענישער רחמים

ל. דאָמאַנקעוויטש

וועט נישט ווייניקער נויטיק זיין, און וועט מיט קיין מטבע נישט פאַר־ענטפערט ווערן. ער האָט פאַר דעם מענטשלעכן און יידישן דלות געפונען אַזויפיל וואַריאַנטן, אַז זיין „אייביקייט" איז שוין דערמיט אַליין פאַרזיכערט. נאָך איינמאָל, האָט דער דלות נישט זוכה געווען צו ווערן אַזוי „רייך" גע־שילדערט; מיט אַזאַ שפע פון פרטים ווי דורך רייזענען. דערביי קענען זיך די אַלע עפּיזאָדן ביי געענדערטע אומשטענדן, דורך ענדערונגען אין דער פאָרם, זיך שטענדיק איבערחזרן. דאָ ליגט טאַקע דער קינסטלערישער ווערט פון רייזענס דערציילונגען, וואָס זיי קענען דערהויבן ווערן צו סימ־באָלן. און דערמיט בלייבט גילטיק אויך ביי געענדערטע אומשטענדן. עס גייט אין דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס ער האָט דערזען. און זי, די מענטשלעכע נאַטור, פּאַסט זיך צו אַלע אומשטענדן... זי וועט שוין זאָרגן, אַז באַעוולה׳טע, פאַרשטויסענע און שוואַכפּויסטיקע זאָלן נישט פעלן.

דער רייזענעשער רחמים גייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג ווי מענ־דעלעס. ער איז כמעט נישט דרייסט צו רעדן וועגן דער עוולה פון תקיף, נאָר צו לייגן דעם אַקצענט אויף דער שוואַכקייט פון אָרעמאַן. אויב ער גיט דעם אויסנוצער, איז עס בלויז ווי אַ נויטיקער קינסטלערישער קאָנטראַסט, אָבער זיין גאַנצע ליבע, זיין גאַנצע געצערטלטקייט גיט ער אַוועק דעם וואָס קען זיך נישט קיין עצה געבן, דעם מפונק אין מיטלען, דער שטילער שע־מעוודיקער שלימזלדיקייט. און פרווט שוין אַמאָל דער אָרעמאַן „געגנאַרן" דעם נגיד (משטיינסגעזאָגט), טוט ער עס מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מיט גע־וויסנביסן. און צוליב וואָס מיינט איר? כדי צו קענען באַצאָלן שכר לימוד דעם רבין פאַר זיין קינד.

פאַראַן דערציילונגען ביי אברהם רייזען, וואָס ריין טעמאַטיש גענומען, ווייסט איר נישט ווי אַזוי, און ווער עס וועט זיי פאַרשטיין נאָך אין עטלעכע דורות אַרום (ווי איבעריקנס, אַ גרויסן טייל פון דער שטייגער־ליטעראַטור). אָבער איר זענט גלייכצייטיק זיכער, אַז מיט זייער הינטער־כוונה, מיט זייער יידישלעכן חן און מענטשלעכן געפיל, איז זיי פאַרזיכערט עולם־הבא אין דער יידישער ליטעראַטור. פון אַ סך אַזעלכע וויל איך אַרויסכאַפּן בלויז צוויי: „עיבור" און „אַ גרויסע סוכה". אין „עיבור" רעדן צוויי יידענעס, צוויי שכנטעס, פאַרשידענע, לויט זייערע לעבנס־באַדינגונגען, און דער עיקר פאַרשידענע לויטן כאַראַקטער און הומאָר וועגן עיבור־יאָר. איינע באַטראַכט עס פאַר אַ גליק, און האַלט אין איין דאַנקען דעם רבונו של עולם

ל. דאָמאַנקעוויטש

פאַרן גרויסן חסד פון צוטיילן איר און דעם גאַנצן יידישן פאָלק אַן איבעריקן חודש, וואָס ציילט זיך גאָרנישט אַריין אין די חדשים פון יאָר, אַ געפונען שטיק לעבן; די אַנדערע יידענע זעט נישט די מציאה, זי פאַרשעלט זיך און פאַרשעלט דעם איבעריקן חודש, אין וועלכן זי וועט זיך נאָך מער מוזן מוטשען.

גייט און וייסט, ווו דער קלאַסן־קאַמף קען אַלץ ליגן! אין „אַ גרויסער סוכה״ גיט רייזען אַ בילד פון אַ ייד, אן עני ואביון, אַ מטופל מיט קינדער אין איין שטיבל. זיין עגמת נפש באַשטייט דערין, וואָס אַלע שבת און יום־טובים גייט ער מיטן בני־בית צו גאַסט צו משפחה, און אַליין קען ער זיי נישט אויפנעמען מיט כיבוד צוליב מאַנגל אין פלאַץ. דערפאַר סוכות האָט ער אַ גרויסן הויף. אַ וואַנט פון הויז איז דאָ, אַ פלויט פון אַ גאָרטן אויך, שאַפט זיך דער ייד אַ פאָר ברעטער, אַ פאָר אַלטע טירן, אַ פאָר צעבראָכענע פענסטער און „בויט״ אויף אַ גרויסע סוכה. ער נעמט אויף געסט אין דער סוכה. און אַלע קרובים מאַכן אים קאָמפּלימענטן: אָה וואַ! אַזאַ סוכה!

אַן אַמביציע פון אַ קבצן צו זיין אַמאָל מיט לייטן גלייך! היינט, ווען אברהם רייזען איז נישטאָ מער, ווען זיין ווערק פון 60 יאָר שאַפן ליגט פאַר אונז אַ פאַרענדיקטסט, קענען מיר זאָגן אָן שום איבערטרייב, אַז ער האָט מיט אַ זעלטענער טריישאַפט געדינט דער ליטעראַטור און דיכטונג פון זיין פאָלק און זיך אין איר פאַרשאַפט אייביקן און פאַרדינטן רום.

איצט האָט דער אַמאָליקער שטעטלדיקער דלות געביטן זיין פאָרם. דאָס אָרט פון דער מאַטעריעלער נויט האָט פאַרנומען אַן ענגערע, אַ שפּל־דיקערע און מיאוסערע נויט — די גייסטיקע. אַ גייסטיקער דלות און אַ פאַרגרעבטע זעלבסט־זיכערקייט האָבן באַהערשט דאָס יידישע לעבן. וועט קומען אַ נייער רייזען, אָנגעפילט מיט רחמים צום פאָלק, אָדער מיט פיינט־שאַפט צום פאַרגרעבטן אויפגעקומענעם פאָלקס־פאַרלייקענערישן גביר אויפצודעקן זיין פנים?

די צוקונפט פון אונזער ליטעראַטור, איז פון דעם אָפּהענגיק. און נישט בלויז פון דער ליטעראַטור אַליין.

„דאָרטן"...

(פּאָעמע פון ז. סעגאַלאָוויטש, פאַרלאַג א. ב. צעראַטאַ, פּאַריז)

דאָרטן... דאָרטן... ווו ערשט מיט זעקס יאָר צוריק האָבן טאַטעס, מאַ־מעס, שוועסטער, ברידער און קינדער אויסגעפילט מיט לעבן שטעט און שטעטלעך; גאַסן זענען געווען אָנגעפילט מיט געלעכטער און שפּילן פון קינדער, פון קליינוואַרג, מיט טומל און שוויס פון האַנדל און אַרבעט, מיט געפילדער פון בעלי עגלות, פישערס און טרעגערס. אַ פאָלק האָט דאָרט געלעבט, געפראַוועט שמחות, געפּראַצעוועט, געמסחרט, געמעקלערט, געשפּי־נעך, געוועבט, געדאַוונט, געלערנט און פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק די אַרע־אַ'לע פון קדושים אַרום זייערע אָפּגעהאַקטע קעפּ און אַ שווערן, אייביקן נאָגנדיקן טרויער אין אונזערע הערצער.

דאָרטן... דאָרטן... און אפשר איז עס אַ מעשה נורא פאַר קינדער, אַ טרויעריקע לעגענדע פון אַן ערגעץ־לאַנד, ווו אַ בייזע שוואַרץ־קינסטלערין האָט מיט אַ כישוף־שטעקעלע איינגעשלעפערט אַ גאַנץ פאָלק, קינד און קייט? און באַלד וועט אַ נס געשען און ווי אין יחזקאל הנביאס וויזיע וועלן ביינער זיך אויפהייבן, גענעזן איינע צו די אַנדערע, זיך איבערציען מיט פליייש און הויט, זיך אָנפילן מיט בלוט און חיות, און יאָמער־טאָל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין טאָל פון לעבן? ז. סעגאַלאָוויטש וואָלט גערן גע־וואָלט אַרויסציען צוריק יענע טייערע פאַרשוווּנדענע וועלט.

אָה, ווען מיר געפינען זי צוריק, מיר וואָלטן ערשט געוווּסט ווי זי אָפּצוהיטן און שעצן און דער עיקר ווי זי ליב צו האָבן! דעם דיכטער ווערן, פונקט ווי אונז אַלעמען, טייער יענע קליינע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, נויטן און אַרבעט, חולדיקייט און יום־טובדיקייט, פון וועלכע עס האָט זיך צו־נויפגעשטעלט, געשפּינען אַ לעבן אַן אייגנס, אַ היימיש'ס, אַפילו אין זיין נויט, אַ היימיש'ס אַפילו אין זיין באַדנלאָזיקייט. און ער, דער דיכטער, וויל יענע וועלט צוריק אַרויסכישופן און נאָכאַמאָל איבערלעבן. דער פּאָעט

דערשטיקט אין זיך דעם טרויער. ער זאָגט נישט קיין קינות, אַנשטאָט די לירע פון באַוויינער נעמט ער די עפּיק פון פאַרציילער. מאַנכעס מאָל מיט דער פּרימיטיוויטעט פון אַן אַנאָנימען טרובאַדור, דעם הייף־זינגער און פאַרציילער אין גראַמען פון זשאַנער „הערט וואָס האָט זיך פאַרלאָפן, אַ מעשהלע״, אַן ערשטמאָל מיט דער פּשטות פון תחינה, וואָס מאַכט לעבע־דיק די אַטמאָספערע פון יענער אויסגעלעבטער וועלט, אָבער אומעטום מיט טיף־מענטשלעכער אוממיטלבאַרקייט און נשמהדיקייט.

עס איז נאָך נישט יענע גרויסע עפּאָפּייע פון פּוילישן יידנטום, וואָס וואַרט אויף איר גרויסן שעפער, וועלכע דאַרף נאָך האָבן פּערספּעקטיוו און דיסטאַנץ פון צייט און אַ געמיט, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן די גויטיקע פאַר דער קונסט, מאָס און אָביעקטיוויטעט, אַ זאַך וואָס איז נאָך ביים היינטיקן דור נישט מעגלעך. צו שטאַרק זענען נאָך די פּערזענלעכע ווייטאָ־גן, אַז מיר זאָלן קענען זיין די עפּיקער פון יענער גרויסער, הייליקער, נאָ־ענטער פאַרגאַנגענהייט. סעגאַלאָוויטש באַצווינגט אין זיך דעם ויתרוצצו פון געפיל, פאַריאָגט פון זיך דעם טרויער כדי צו באַפרייען בלויז די בענק־שאַפט און גרויסע ליבשאַפט:

געוואָלט זיי נאָך מער ווי ליבן\
צו להכעיס די נאַרישע שפּאָטערס.

פרץ אַליין וואָלט היינט נישט באַזונגען בלויז די ר׳ שלמה׳ס, די יום־טובדיקע נשמה־יתרהדיקע יידן. אָה, ווער וועט אונז צוריקגעבן יענעם גרויסן אינדערוואָכנס? דעם חול און טומל פון „סמאָטשע״, יענעם געפילדער פון „פּיעטרקאווער גאַס״?

געווען זענען אַרבעטער, יידן,\
אין אַלע פיל נוצלעכע פאַכן\
סטאָליארעס און קורזשנערס און שמידן\
מען דאַרף עס דערמאָנען די זאַכן.

און צי זענען דען אומגעקומען בלויז די לעבעדיקע? עפּעס דאַכט

ל. דאָמאַנקעוויטש

זיך, ווי אַלע פריערדיקע דורות פון גאונים, למדנים, לצים, חכמים, נשים צדקניות זענען איצט צוזאַמען מיט די לעבעדיקע פאַרשניטן געוואָרן.

און מאַטקע כאַבאַד, הערשעלע אָסטראָפּאָליע,
געבוירענע עכטע לצנים
מען האָט דאָך געוויינט און געקוואָלן
פון גרויסע מגידים, דרשנים.

דער דיכטער גייט מיט אַמאָל איבער צום פּראָלאָג פון דער טראַגעדיע, ווען מיר האָבן נאָך געטיילט אונזער אומגליק מיט אַלע אַנדערע איינוווי־נער. ווען פון וואַרשע, פון די דייטשן באַלאַגערט, לויפן יידן אין בהלה אי־בער וועגן און שטעגן, איבער לענדער און גרענעצן.

געווען זענען גרענעצן שווערע
מיט זומפן, מיט פינסטערע נאַרעס
דאָך איינע אַ גרענעץ וועט פעלן
אַ גרענעץ צו אונזערע צרות.

ווי רואיק, עפּיש דער דיכטער באַמיט זיך נישט צו זיין, איז דאָס אומ־גליק צו גרויס, דאָס אכזריות צו שטאַרק, אַז ער זאָל קענען בלייבן דער בשלוהדיקער דערציילער, ער זאָל קענען באַהערשן זיינע געפילן און ער וואַרפט זיין שפוך חמתך:

דערמאָנט זיי מיט קללות די יענע
וואָס שאַרפן דאָס מעסער און שאַרפן,
זיי וואַרפן אונז שטייענדיק אין גיהנום
ווייל עמיצן מוזן זיי וואַרפן.

פון גרויס בענקשאַפט צום פאַרלוירענעם, פון גרויס שנאה צו דער אכזריותדיקער וועלט, קומט דער דיכטער צום געדאַנק פון רעווידירן אונ־זער גאַנצע באַציאונג צו די גרויסע אויפטועך פון דער וויסנשאַפט, און צו גלאָריפיצירן דעם אַלטן גלויבנדיקן, תמימותדיקן ייד, דעם ייד, וואָס האָט קיינמאָל קיין גרויס צוטרוי נישט געהאַט צו דער „היינטיקער וועלט". אַלע

נצח יידישקייט

מאָל געקוקט מיט ביטול אויף די גרויסע טעכנישע נשמהלאָזע אויפטועך. אין די דאָזיקע פערזן דערגרייכט דער פאָעט צו אמתער ווירטואָזיטעט:

איך וואָלט וועלן בעטן מחילה
ביים פשוטן ייד איטשע מאיר
וואָס איך האָב זיין וועג און זיין תפילה
נישט שטענדיק פאַרשטאַנען ווי טייער
וואָס אים איז דער תהילים־קאַפּיטל
פיל מער ווי דער ראַדיאָ געפעלן.
וואָס ער האָט געשמייכלט מיט ביטול
פון פליען... מען טאָר עס נישט וועלן.

אָדער:

די וועלט האָט געיובלט פון ניסים
און דו ביסט פון ווייטן געשטאַנען
די וועלט אָן ריינעם געוויסן
ווייזט אויס, אַז דו האָסט שוין פאַרשטאַנען.

דער פאַרלעגער א. ב. צעראַטאַ פאַרדינט אַ גרויסן יישר־כוח פאַרן אַרויסגעגעבן די דאָזיקע שירים מיט דער זאָרגפעלטיקייט און זויבערקייט. וועלכע זיי פאַרדינען. די סובלימירטע צייכענונגען פון מאָלער בען שטרייכן אונטער און מאַכן בולטער דעם תוך פון קדושה.

„משפחה אַרטשיק" פון דר. שלמה ביקל

ד"ר שלמה ביקל, אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון מזרח־גאַליציע, האָט געוווינט אין טשערנאָוויץ, ווען די פּראָווינץ איז אַריבער צום רומענישן קעניגרייך. ער האָט זיך שפּעטער איבערגעצויגן נאָך בוקאַרעשט. דאָרט האָט ער, ווי אַן אַסיסטענט פון די גרויסע יידישע אַדוואָקאַטן, וואָס זענען אין רוב פאַלן אויך געווען עסקנים אָדער דעפּוטאַטן און, ווי פיל יידישע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע ענינים און הילכיקע פּראָצעסן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זייערע ביוראָס — געהאַט די גוטע געלעגנהייט צו שטודירן, צו אָבסערווירן, זיך צוצוהערן און אינטערעסירן און ארומצונעמען אַלע הויפּט־עלעמענטן פון רומענישן און יידיש־נאַציאָנאַלן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן אין דאָזיקן לאַנד.

פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַט נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די יידיש־יידישע שרייבער און קולטור־עסקנים ווו ער איז געווען אַ בן־בית און אינערלעך פאַראינטערעסירטער. אין זיינע גייסטרייכע ביכער האַלט ער אונז כסדר אין שפּאַנונג דורך פירן אונז איבער אַלע אינערלעכע וועגן און שטעגן, שענקן, סיגאַגאָגעס און פּראָמענאַדעס פון די יידישע קוואַרטאַלן אין די גרויסע שטעט, גיט אונז אינטערעסאַנטע שילדערונגען פון אַמאָליקע יידישע פּערזענלעכקייטן און דערציילט אונז פּיקאַנטע מעשיות און עפּיזאָדן אַרום זייער לעבן און אַקטיוויטעט, אויספירלעך מיט שלימות און מיט אַלע שרייבערישע געניטקייטן: פּובליציסטישע, עסייאיסטישע און שטענדיק צוגעפּאַסטע צו די באַהאַנדלטע ענינים און סוזשעטן.

זינט דעם בלוט־מבול, וואָס איז איבער אונז אַריבער, זוכן מיר, נישטערן, גראָבן אויף יענע צייטן, ערשט נעכטן אַזוי נאָענטע, היינט שוין אַזוי ווייטע, יענע יידן, וואָס אָט זענען זיי ערשט געווען אַזוי געדיכט אַרום אונז און אָט יאָגן מיר זיך נאָך זיי, ווי נאָך פאַרשווונדענע פאַנטאָמען, ווילן זיי דערכאַפּן, אַרומנעמען, דערפילן זייער אָטעם, באַוואונדערן

זייער נוסח, זייער כאַראַקטער, זייער איינגעפונדעוועטקייט, זייער עולם הזהדיקייט, זייער עולם הבאדיקייט.

דר. שלמה ביקל טוט עס אויף זיין אופן. ער זוכט יידן, ער זוכט יידישקייט. מען קען ווינען אין פיל מיליאָניקן ניו־יאָרק, מען קען אין יעדן דריטן דורכגייער זען אַ ייד, און דאָך מוזן זוכן יידישן נוסח מיט ליכט; אין אונזערע קינדער־יאָרן האָט מען געקענט אין אַ דאָרף פון מלכות קיר׳ה אָדער רוסיש פוילן זיך טובלען אין אַלע מינים יידישקייטן. יעדעס שטעטל, יעדער ישוב איז געווען אַ מאָזאַאיק־פראַגמענט פון גאַנצן, וואַריאַנטן אין מיניאַטור פון אַלע שטראָמען און שטרעמונגען פון אַלע פלוסן און נעבן־פלוסן, וואָס האָבן געגאָסן אין גרויסן יידישן ים אריין.

טוט עס, זאָגן מיר, שלמה ביקל, אויף זיין אייגעַנעם און אייגנאַרטיקן אופן, איז זיך נישט מיאש אַפילו פון ניו־יאָרק און געפינט ער זיי נישט אַרום זיך ווי אַמאָל אין קאלאמייע, ווי אין טשערנאָוויץ, ווי אין די צווילינג־דערפער זאטעוויץ און בארנעוו אין דער אַלטער היים פון בוקאָווינע, איז ער זיך מטריח זיי צו זוכן אין די שולן; און איז עס שווער אין אַ וואָכן־טאָג, איז ער זיך מטריח זיי צו זוכן אין אַ יומא־דפגרא, אין אַ יום־טוב, אין אַ שבת; און איז עס אַלץ נאָך שווער אין אַ געוויינלעכן שבת, איז ער זיך מטריח אין אַ שבת שבתון און ער געפינט אָפּ ווי אַזוי „יידן דאַווענען״ אין יום־כפור, אין די ימים נוראים אין ניו־יאָרק אין די קלויזן, אין די מני־נים, אין די גרויסע שולן און רעפאָרמירטע שולן.

דר. שלמה ביקל, דער מחבר פון „אַ שטאָט מיט יידן״, „יידן דאַווע־נען״, „עסייען פון יידישן טרויער״, פון „דריי ברידער זענען מיר געווען״ פון „רומעניע״ און אַנדערע וואָגיקע גרויסע ווערק, בענקט נאָך יידן, זוכט זיי, ווו ער קען זיי נאָר געפינען. פאָרט פון צייט צו צייט נאָך ישראל צו געפינען זיי און מאַכט עקסקורסיעס אויך אויף די פליגל פון דער פאַנ־טאַזיע אין די לענדער פון זיינע קינדער־יאָרן. דאָרט איז ער זיכער צו געפינען יענע יידן פון „אַנדערע יאָרן, גאָר אַנדערע כוחות״, פון יענע „אַלטע באַלעבאַטים מיט מעשענע ברילן און זילבערנע בתים, גאָלדענע עטרות און אייזערנע מוחות״.

געלעבט האָט ביקל אין זיינע קינדער־ און יוגנטלעכע יאָרן אין יע־נעם גאַליציש בוקאָווינער ווינקל, ווו עס האָבן זיך צונויפגעטראָפן פעלקער, שבטים און שפראַכן: רומענער, רוטענער, רוסן, פּאָליאקן און יידן, צווישן

ל. דאָמאַנקעוויטש

זיי און מען האָט געלעבט אין שלום און פאַרהעלטניסמעסיקער מנוחה. די לויזע און דאָך צוזאַמען־שמידנדיקע האָבן פון קירה, האָט די אַלע לענ־דער און פעלקער צוזאַמענגעהאַלטן. און יידן פון יענע פּראָווינצן זענען נאָך היינט שטאָלץ אויף מלכות קירה און אויפן קיסר אפרים יאָסל (פראַנץ יאָזעף) וואָס האָט מיט זיין אַריסטאָקראַטיש־ליבעראַלער האַנט גלייך אַרומ־געהאַלטן „אַלע זיינע טרייע אונטערטאַנען".

און הגם די יידן דאָרט זענען געווען אין זייערע שטריימלעך, גלאַנ־ציקע קאַפּעליושן און זיידענע בעקעשעס די זעלביקע און נאָך מער פרום־טראַדיציאָנעלע ווי די יידן אין שכנותדיקן רוסיש־פּוילן, האָט איר צווישן זיי מער ווי אין אַנדערע יידישע ישובים געקענט טרעפן ערד־יידן, עובדי אדמה, און יידן „קענערס" מיט באַהאַוונטקייט אין דייטשער קולטור און דו. שלמה ביקל גיט אונז טאַקע אַזעלכע יידן וואָס זייערע „גויאישע מלא־כות" און אַפילו גויאישע עסקנות האָבן גאָרנישט געמינערט פון זייער יידישקייט און אַפילו נישט פון זייער חסידישער התלהבות.

**
*

„משפחה ארטשיק" איז אַ חנעוודיק געמעל וועגן אַ יידישער פאַמי־ליע, געזונטע, אַרבעטסזאַמע דאָרפסמענטשן, אויפן פאָן פון דער בוקאָ־ווינער לאַנדשאַפט, אין דאָרף קאָזמין (אַ דייטשע קאָלאָניע), אין די צייטן פון קירה׳ס „ליבעראַלער" הערשאַפט. שלמה ביקל דערנענטערט אונז צום דאָרפס־ייד, הענעך ארטשיק, דער ערשטער יידישער תושב צווישן קאָזמינער גויים, אַ געוועזענער סאַדעגערער בעל־עגלה און זיין ווייב, קויינע, אַ באַלעבאַטישע טאָכטער, וואָס האָט מיט אים חתונה געהאַט צו־ליב נישט האָבן קיין נדן און וואָס פירט אויס איר שליחות פון דערהאַלטן ס׳ביסל יידישקייט אין שטוב. די טייערע ווערטער וואָס ביקל ברענגט אַרויס דורך קריינעס קלוג מויל, וואָלטן געדאַרפט איבערגעחזרט ווערן פון אַלע יידישע מאַמעס: „— דו זעסט, הענעך, ווי ס׳קומט צונויף, ווען מען קען דריבנעטשקע. אַ ייד ווערט נישט געהאָלפן דערפון וואָס ער ווייס און קען וואָס גוסטאַוו ענגעל און אַרטעמיע טאַדעאוש ווייסן און קענען אויך. אַ ייד אין אַן עת־צרה קומט נאָר צונויף די תורה". דאָס איז די בעסטע חינוך־לעקציע וואָס פּאַסט פאַר דעם היינטיקן ייד און פאַרן ייד פון אַלע דורות, אַריינגעטאָענע בלב ובנפש אין חכמות העולם.

ביי הענעך אַרטשיק און קריינען, האָבן זיך געהאָדעוועט פיר געזונ־טע בחורים: „זין, אָנפּעלערדיקע, מיט ליבשאַפט צו בהמות און מיט גע־טריישאַפט צו שכנים, מיט יאַדערדיקע פּלייצעס און וויכערדיקע אויגן, פלינקע שפּילערס און האַמעטנע דאַוונערס". אַרטשיק שעפּט נחת פון די גערעטענע, אַרבעטסזאַמע זין ביי וועמען די אַרבעט אין פעלד און אין דערווירטשאַפט ברענט אונטער די הענט. נאָר קריינע ליידט, צוליב זייער עם־ארצות, לאָזט הערן שטילע זיפצן ביים ליכט־בענטשן און אַריינפאַלן טרערן אין דער שבת־נאָכמיטאָגדיקער צאינה וראינה. בלויז דער ייִנגס־טער, הערש־לייב, איז צו לייטן און צו גאָט און ווערט די פאַרהאַרעוועטע עלטערנס גאַנצע טרייסט און וואָס שפּינט שפּעטער דעם המשך פון דער פאַמיליע.

די דייטשע און וואַלאַכישע שכנים באַקומען דרך־ארץ פאַרן יידישן לאַנדווירט, וואָס האָט איינגעקויפט פעלד און געוואָרן אַ באַלעבאָס. און אַזוי צעוויקלט דער מחבר אַ וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע פון אַ יידישער אידיליע אויף גויאישער ערד, וואָס ווערט דעם יידן היימיש און איינגע־באַקן. עס איז אויך דאָ אַ פאַרליבעניש אין אַ שוואַביש מיידל. פון אַרט־שיקס בכור, לייזער־בער, וואָס פאַרענדיקט זיך טראַגיש, מיט זיין טויט דורך צעריסן ווערן פון אַ צערייצטן בוהיי צוליב מאַרטאַס רויטן טיכל, וואָס לייזער־בער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן בעת אַן אייפערזוכט־סצענע. זיינע צוויי ייִנגערע ברידער, דער צווילינג מענדל און וועלוול, נעמען אין אים נקמה, אַפּרוימענדיק מאַרטאַ'ס פאָטער, דעם דייטש הער־מאַן טייפל, וועמען מען איז חושד, אַז דאָס האָט ער אַרויסגעלאָזט פון שטאַל דעם בוהיי אַקוראַט אין מאָמענט ווען לייזער־בער איז אַדורכגעלאָפן דעם הויף. די צוויי ברידער זענען עוקר איבער דער גרענעץ אויף אייביק.

ביקל פירט אונז אין דערבייאיקן שטעטל נייבורג, וואָס ברויזט מיט יידיש לעבן, מיט כלערליי יידן, מיט ירידים, מיט אַ תקיפותדיקן ראש־הקהל, חשובע באַלעבאַטים, מיט אַ גזע יידן וואָס מען רופט דאָרט „די קראַטקעס" צוליב זייערע פאַרדעכטיקע פרנסות. עס זענען דאָ צוויי מייס־טערהאַפטע שילדערונגען: פון אַ גויאישער מאַניפעסטאַציע אין טשערנאָ־וויץ, און פון אַ יידישער מאַסן־סצענע פאַרן הויז פון נייבורגער ראש־הקהל. — (גויאישע גזלנים, יידישע גזלנים).

די גויאים צווישן וועלכע שלמה ביקל האָט איינקוואַרטירט די אַרט־

שיקס, האָט ער איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: גוטע, וואָס אַלע האָבן זיי געהייסן די ענגעלס, בראש מיט הענעך ארטשיקס אויסגעפּרוווטן פריינט, דעם בירגערמייסטער גוסטאַוו ענגעל, וואָס האָט מער דרך־ארץ פאַרן יידישן רב, ווי להבדיל פאַר זיין גלח, און די טייפלס, ביי וועלכע עס הויזט אַלדאָס בייז: זיי טראָגן מסירות צו מלכות אויף די ארטשיקס, וואָס די ענגעלס שרייען אָפּ מיט ברייטע מתנות. עס זענען אויך פאַראַן גוט־ברודערישע גויאים צווישן די וואלאכן וואָס האָבן ליב יידישע חלה.

די ערלעכע רעבעלישע ווערטער קעגן דאָדוע׳ס למדנישע דרייד־לעך גיט אונזער שלמה ביקל אַריין דווקא אין מויל פון פשוטן הענעך אַרטשיקס אבע, וואָס ברענגט זיי אַרויס בלויז פאַר זיין ווייב, קריינען: „צו זאָגן ליגן פון דער תורה איז פונקט אַזאַ גרויסע זינד ווי הרגענען אַ מענטש און אפשר נאָך אַ גרעסערע, וואָרעם ווערלוול און מענדל האָבן זיך דאָך אָנגענומען פאַר זייער ברודער ווי שמעון און לוי פאַר דער שענ־דונג פון זייער שוועסטער. און ווער וועט זיך אָננעמען פאַר דער הייליקער תורה, וואָס מען שענדט זי מיט שקרים?״.

אַזוי ווי אין אַלע זיינע ווערק קומט אויך דאָ צום אויסדרוק דער ניצוץ פונעם רעבעל שלמה חלפן, וואָס זיין אור־אייניקל, דער מחבר פון „משפחה ארטשיק״ האָט געירשנט.

דער ראָמאַן פאַרענדיקט זיך מיט אַ שיינער אידיליע, דעם יינגסטן ארטשיקס זינס חתונה. הערש־לייב איז אויסגעוואַקסן אין אַ גוטן לאַנד־ווירט אַ בר־דעת מיט אַ גוטן שם און באַקומט פאַר אַ ווייב אַ נייבורגער יידישע טאָכטער. שלמה ביקל האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגע־בראַכט אַ נייע פּערל און מיט „משפחה ארטשיק״ טרעט ער אַריין אין היכל פון די יידישע קלאַסיקער.

פון „חורבין" ביז חורבן

געשריבן אַרום 1946, צום דערשיינען פון די צוויי בענד לידער :
„פּאַרוואָקסענע וועגן" און „פּליטים" פון חיים גראַדע

ווי אַ מעכטיקער בוים, וואָס זיינע וואָרצלען זענען טיף פאַרזעצט אין באָדן און זיינע צווייגן שווער באַלאָדן מיט בלעטער און פרוכטן, אַזוי שטייט דער דיכטער חיים גראַדע אַ טיף און ברייט פאַרוואָרצלטער אין לעבן. נישט ווי קיין זייטיקער אָבסערוואַטאָר קומט ער און נישט ווי אַ מתבודד, וואָס שאַפט זיך וועלטן אין געשטאַלט און פאָרם פון אייגענער פאַנטאַזיע, נאָר פון סאַמע צענטער פון לעבנס־געווירבל, פון די טיפענישן ווו עס ברויזן און זידן די עלעמענטן. פון דאָרט פאַרנעמט ער אַ שפע פון בילדער און וויזיעס, באַציט זיי מיט קינסטלערישער הויט און גיט זיי אויסדרוק אין מייסטערישן וואָרט.

קיין קאַרגער איז חיים גראַדע אויך נישט. מיט אַ געוואַלדיקער פזרנות צעבינדט ער און צעוואָרפט דעם קנויל פון בילדערישער אַסאָציאַ־ציע, אַ פזרנות וועלכע טראָגט אין זיך אָפטמאָל די געפאַר צו פאַרוואַנדלען פּאָעזיע אין פּאָעטישער דעקלאַמאַציע און טאָקע אין דער מאָס ווי עס וועלן גיין זיינע אָנשטרענגונגען צו באַהערשן די שפע, זיך נישט צו לאָזן פאַר־צווייפלען פון אייגענער רייכקייט און אין דער דאָזיקער מאָס וועט חיים גראַדע זיין איינער פון די גרעסטע מייסטער אין דער יידישער דיכטונג.

דעביוטירט האָט חיים גראַדע מיט אַ קליינער אָבער וואָגיקער זאַמ־לונג לידער אונטערן נאָמען „יאָ". יאָ הייסט עס צום לעבן, דער דיכטער אַקצעפּטירט דאָס לעבן אויפסניי נאָך דעם גרויסן חורבן. בלעטער איך אין דאָזיקן ביכל : דאָס ערשטע ליד דערציילט פון דער פאַרמאַטערטער מאַמען ווענמענס פיס זיפּצן פון מידקייט, די ווייטערדיקע — וועגן טויטן טאַטן, דעם פילאָזאָף און משכיל, וואָס האָט געהאַט צו פאַרהאַנדלען בלויז זיין שלאָף, אויף צו באַוואַכן די שטאָטישע קראָמען פון די פאַרגרעבטע באַלע־באַטים, וועגן זיין אייגענער לוויה „געשטאָרבן פאַרן קלויז", „חיים שלמה

ל. דאָמאַנקעוויטש

דער מוסרניק", וועגן פינצטערע קעלערן און זונלאָזע הייף, ווו ער וואָלט גערן פאַרפלאַנצט דעם בוים וואָס ער טרעפט אויפן וועג. און איך פרעג זיך: יאָ, אויף דעם? צי אַקצעפּטירט דער דיכטער דאָס דאַזיקע מיזערנע לעבן אָן לעבן? גיכער מיינט עס, יאָ, טראָץ אַלעם: לעבן להכעיס אַלץ און אַלעמען. און אויב נישט מיטן שטראָם, איז קעגן אים.

חיים גראַדע איז צופיל, צופיל פאַראַנקערט אין לעבן, צו טיף זיצט נאָך אין אים דער מוסרניק, אַז ער זאָל אַקצעפּטירן רשעותדיקע רציחה פון איין זייט, דלותדיקע הסתפקות במיעוט פון אַנשיכורן זיך מיט איין גלעזל, מיט אַ פּעניצל און שרייען: נצח ישראל לא ישקר — פון דער צווייטער זייט. און ער שליידערט די פיילן פון סאַרקאַזם:

גייט, גייט, בעטלער אין כלי קודש
ווו איר זייט יאָרטויזנטער געגאַנגען.

און ווייטער אין דער זעלבער פּאָעמע: „דער אוקראַיִנער פּרוש" אין בוך פאַרוואָקסענע וועגן:

וועט איר אויסגעפינען נייע לענדער
וועט איר דאָרטן קלאָגן ווי די סאָוועס
מיט די תורות רונד אַרום באַלעמער,
צאַן קדושים, טאַנצט און פרייט זיך זייער,
ווי אַרום דעם ברונעם טאַנצן לעמער.

חיים גראדעס אָנהייב אין דער יידישער דיכטונג פאַלט זיך צונויף מיט דער ערב־חורבן עפּאָכע. איבערן פאַראַרעמטן און פאַרחושכטן יידישן שטעטל הויערט שוין די אָנונג פון נאָענטן אומגליק. די הינט פון סאַנאַציע־פּוילן ענטפערן אויפן וואָיען פון די נאַצי־כלבים מיט אַ געביל און אַ געשאַרף פון די ציין. אין געלויף פון סך־הכל אַ דריי צענדליק יאָר קאַסרילעווקע אויפן וועג פון פולשטענדיקן חורבן אַדורכגעגאַנגען די ערב־חורבן סטאַדיע.

פון קאַסרילעווקע איז געוואָרן „חורבין" לויטן, פון איצט אָן קלאַסישן און סימבאָלישן נאָמען, וואָס חיים גראַדע האָט געגעבן דעם יידישן תחום המושב אין זיין ערב־חורבן פעריאָד. די קינדער פון די טביה׳ס

און די מנחם מענדלס. די זין פון קאַסרילעווקע־חורבין זענען זיך צעלאָפן און ווי איז צו די וואָס זענען געבליבן:

וווּ'ל איז דיינע זין,
וואָס זיי האָבן צו אַ ברעג זיך שוין דערשלאָגן.
ווי צו די, וואָס מוזן דאָ פאַרבלייבן!
בלייכע שטייען זיי, ווי האַרבסטיקע פאַרטאָגן,
און ווי בלעטער לאָזן זיי זיך טרייבן.
שטייען זיי מיט אויסגעשפרייטע הענט: וווהין?
אַלע טירן זענען צו —
שלאָף, מיין חרובע חורבין,
איי־לע־לו.

ווו עס ציען זיך אַזוי די חורבן־וויזיעס פון די יידישע שטעטלעך, צו וועלכע די וועגן זענען שוין היינט פאַרוואַקסן, ווי צו אַ פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם. און ווען נישט די אונטערגעשריבענע דאַטעס: 1937, 39,38 — וואָלט מען קוים געקענט גלויבן, אַז די לידער שטאַמען פון ערב־חורבן? אַזוי זענען שוין פאַרמישט די גרענעצן צווישן חורבן און ערב־חורבן, אַזוי שמעקט שוין אַלץ מיט בלוט, חורבה, אומעט און פאַרוואָרלאָזיקייט, און אַזוי איז שוין אויך דעמאָלט די גשמה פון דיכטער פול מיט אומרו, מיט איכה־טענער מיט פאַרביטערטקייט, מיט רעוואָלט. איראָניע און סאַרקאַזם קעגן די אייגענע איכה־טענער, ווייל גראָדע איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין בלויז אַ מקונן, צו באַוויינען אבלדיקע וועגן, נאָר צו זיין אַ מאַנער, פאָדערן און שטראָפן, פאַר דער שאַנד צו זיין די געשלאָגענע, פאַר ציטערן ביים בלויזן הערן דאָס וואָרט: „צוריקגעשלאָגן". ער ווייס אויך, אַז סיי וויינען, סיי שטראָפן, זענען אוממעכטיק קעגן גורל, ווייל:

דאָס ליד פון אָנהייב איז מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען
בלוט און וואָגל — איז דאָס ליד פון סוף.
ס'ווייסט איין גאָט, ווי לאַנג נאָך, דיינע קינדער וועלן וואַנדלען
און ווי די בידנע שאָף
וועלן פעלקער זיי פאַרהאַנדלען. (שלאָף־ליד)

די זעלבע צוויי עלעמענטן, פון מקונן און שטראָפער, וואָס זענען פאַ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

ראַן אין די נאַציאָנאַלע לידער, זענען אויך דאָ אין די סאָציאַלע לידער. אויך דער וועלט וואַרפט דער דיכטער אין פּנים די זעלבע האַרבע רייד וואָס זיין פאָלק פאַרן לאָזן אָפּגיין אין בלוט דאָס שפּאַנישע פאָלק, פאַרן „וואַרקן איינגעוואָרמטע אין די נעסטן״, פאַר שיקן זיי, אַנשטאָט הילף — רייד און געוויין, און ווען יענע העלדן „ווערן זיך מיט נעגל און מיט ציין קעגן אונטערצינדער״, וואָס טוען מיר?

און מיר, מיר ווערן נישט פון שאַנד פאַרברענט
און ס׳רייסן זיך נישט אָפּ אין אונז די מאַרך געהירן,
ווען מיר זעען — מיט געשמידטע הענט
יונגע שפּאַניער צו די תליה פירן. (שפּאַניע).

ברויזנדיק און ווירבלדיק, שטורמיש און ברייט צעפּלייצט, אַזעלכער איז גראַדע אין זיינע וויזיעס און זיינע בילדער, אַזעלכע זענען די ווערטער, וואָס ער האָט ליב צו באַנוצן, אַזעלכע זענען די בליציקע מעטאַפאָרן, וואָס ער וואַרפט אויף טריט און שריט. אַזעלכער איז ער אויך אין זיינע נאַטור־לידער. איר וועט דאָרט נישט הערן דאָס קול דממה דקה׳דיקע פון דער נאַ־טור, די שמונה־עשרה בלחש פון די טייכן און וועלדער, נאָר יופּיטער׳דיקע דונערן און בליצן, וואָס קאָכן און זידן פון די תהומות און דאָס קלאַפּן פון די ים־כוואַליעס אויף די פעלזן און ברעגעס. און אַפילו ווען ער אַנטלויפט פון מענטשן, פון דאָרף, פון די פּרעסערישע דאַטשניקעס, איז עס נישט כדי זיך צו פאַרשאַפן די געגאַרטע שטילקייט, נאָר כדי אין איינזאַמקייט אַרויס־צורופן דעם שטורעם, צו פאַרנעמען ווי:

דונערס ברעכן זיך ווי פעלזן־טרעפּ ביים האָריזאָנט
ס׳לויפט אַן אַ וואָלקן ווי אַ הייסער רייטער
ער זעט די שטיבלעך אויסגעלייגטע ווי הרוגים אויפן פראָנט
און טראָגט אַוועק זיך ווייטער.

(פרייד און איינזאַמקייט).

מיר האָבן ביז איצט אין די שמאָלע ראַמען פון אַ צייטונגס־אַרטיקל אַנאַליזירט דאָס בוך „פאַרוואַקסענע וועגן״ און בכלל אַרומגערעדט גראַדעס פאַרמלחמהדיקע שאַפונגען. דאָס קומענדיקע אַרטיקל וועלן מיר ווידמען גראַדעס נאָך־מלחמהדיקער דיכטונג.

מרדכי חסיד׳ס לידער

אינעם רחבותדיקן אָבער קאַלטן קאַנאַדע, מיט זיין לאַנגגן ווינטער און קורצן זומער, אין דעם דאָזיקן שטרענגגן לאַנד מיט זיינע זיבן חדשימדיקע פרעסט, שנייען און זאַווערוכעס, לעבט און שאַפט אַ הייסער ייד, אַ דיכטער פון גאָטס גענאַד מיט אַ היימישן, וואַרעמען נאָמען, מרדכי חסיד.

זיין ניי דערשינען בוך: „דורות שרייען מיך אַריבער״, וואָס איז אַ זאַמלונג פון איבער הונדערט לידער, איז צו מיר אָנגעקומען פון וויטן מאָנטרעאַל, ווי אַ גוטע דיכטערישע בשורה. מרדכי חסיד שטאַמט פון בעסאַראַביע, ווו ער איז געבוירן אין דער שטאָט סעקוראַן אין 1909. אגב הייבט זיך איינס פון זיינע לידער אָן מיט דער דאָזיקער געאָגראַפישער און אויטאָביאָגראַפיש־דיכטערישער באַשטעטיקונג:

> ניט אין קאָסעוו, ניט אין קיטעוו, אין מיין סעקוראַנער היים
> טרויערט איבער מיר, אָן אויפהער, דער געעלטערטער בעל־שם.

מרדכי חסיד באַקומט אַ יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. פאַרענדיקט די סעקוראַנער גימנאַזיע און שטודירט אין ווין אין דר. חיות׳ס לערער־סעמינאַר און שפּעטער אויפן אוניווערסיטעט. דאַן ווערט ער העברעאישער לערער אין פינלאַנד ווו ער פאַרבלייבט 15 יאָר — ביז 1944. ער קומט דעמאָלט נאָך שוועדן ווו ער איז אין דער שטאָקהאָלמער יידישער קהילה געוואָרן אָנפירער פון דער קולטור־אַרבעט צווישן דער שארית־הפליטה און פון דאָרט דעלעגירט געוואָרן צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס ווי אַ פאַרשטייער פון שוועדן, דענעמאַרק און פינלאַנד. שפּעטער איז חסיד אַוועק נאָך קאַנאַדע ווו ער איז ביז היינט צו טאָג לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר און אין יידישע פאָלקס־שולן.

מרדכי חסיד האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין בעסאַראַביע, אין זיינע יונגע יאָרן. די יידישע טראַגעדיע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט

ל. דאָמאַנקעוויטש

דאָן גורם געווען אַ לאַנגן איבערייס אין מרדכי חסיד׳ס שרייבן. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע לידער און דער־ציילונגען אין דער „צוקונפט״, „סביבה״, „יידישער קעמפער״, אין „די גאָל־דענע קייט״ און אויף העבעראיש אין „מאזנים״ און „הדואר״.

עס זעט אויס אַז דער יידישער חורבן האָט דאָס אים אָפּהענטיק גע־מאַכט אויף אַ לאַנגע צייט. נאָך לאַנגע אינערלעכע ראַנגלענישן האָט אָבער גובר געווען אין אים דער פּאָעט. עס שרעקן אים נאָך די גרויל־בילדער פון אוישוויץ און מיידאַנעק.

אַלע אונזערע פּראָבלעמען פון דער צייט האָבן ביי מרדכי חסיד באַ־קומען אַ קינסטלערישן תיקון. אָבער דער קאָשמאַר פון די מלחמה־יאָרן וואָס דער דיכטער האָט מיטגעלעבט, אין אַ זייט פון חורבן, ווייל אין פּינ־לאַנד, און „כאָטש ער איז אין טרעבלינקאַ נישט געווען״, דאָמינירט דאָס בוך „דורות שרייען מיך אַריבער״. די טעמע ייד־גוי, יידן־שנאה דאָמינירט עס נישט ווינציקער. דער האַס פון גוי צום ייד שטאַמט נאָך פון זינט מיר האָבן נעבן באַרג סיני די תורה מקבל געווען.

און דער דיכטער שטעלט זיך איין מיט טענות צום רבונו של עולם צוליב די פּאַרטיליקטע עדות יידן און צוליב „זייער אַש פון קוימען״ פון אַלע דורות וואָס „שרייען אים אַריבער״ און דאָס קול פון דעם שליח־ציבור־דיקן מאָנער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קול פון תחנונים:

אויב דו ווילסט די ערד ווי בראשית, טלית־תכלת אָנגעטאָן
וואָס־זשע רינט דאָס בלוט ישראלס, כביכול, פון דיין צאָן?
אוי רחמנא ליבא בעי, גאָט אין הימל קוק און זע,
דאָס אַלטע האַרץ איז מיר צעבראָכן, ס׳אַלטע האַרץ טוט מיר נאָך וויי.

דאָס זענען דעם דיכטערס פּאָעטישע אויסגעשרייען, יוצאים מין הלב. די לאַנג־שורותדיקע לידער זענען ביי מרדכי חסיד אויסגעפילט מיט פּיק־חותדיקער פּראָזאַישקייט און אָטעמען מיט טיפן ערנסט פון זיין פּאָע־טיש וואָרט. און זיין פּאָעטיש וואָרט איז אָנגעפּראָפּט מיט אינהאַלט און יידישן תוך.

אַזוי זעעצט פאַר זיין יידישן גאַנג מרדכי חסיד ווי אַן אָריגינעלער משורר, דערציילער און גלייכצייטיק ווי אַ מדריך פון יונגע יידישע דורות

שילער. ער בעט זיך ביים בורא עולם „לאָז מיך נישט מיט גויים זיך אויס־מישן״. און אַזוי בלייבט ער אַ היים־אָטעמדיקער ייד אין אַלע זיינע וואַנדערונגען; פון זיין יידישער סעקוראַנער היים אויס, שפּרייזט ער מיט יידישע טריט פון לאַנד צו לאַנד, איבער ימים, אָקעאַנען, ביז ניו־יאָרק, ביזן צפון־דיקן קאַנאַדע; זינגענדיק יידיש שירה און רעדנדיק יידישע רייד צו זיינע יידישע ברידער.

חוץ די חורבן־לידער, גיט אונז מרדכי חסיד עטלעכע אויטאָביאָגראַ־פישע לידער, דעליקאַטע רעמיניסצענצן פון דער חרובער היים ווו עס בליען דאָרט ווייטער, היינט „מאָן־בלומען״. אָבער נישט מער פאַר אונז יידן. און צום סוף פון דער זאַמלונג, אַ ריי וווּנדערשיינע, אָריגינעלע ישראל־לי־דער וואָס קענען דרייסט פאַרנעמען אַן אויבנאָן אין דער מאָדערנער יידי־שער דיכטונג אַזוי אויך די אַנדערע לידער פונעם בוך.

גישטאָ קיין היינטצייטיקער יידישער דיכטער וואָס זאָל נישט האָבן געזונגען וועגן דער כותל־מערבי. מיר האָבן שוין לידער אויף דער טעמע אין די פאַרשידנסטע וואַריאַנטן, מאָטיוון, נוסחאות. ווער שמועסט נאָך זינט דער באַפרייאונג פון אַלט־ירושלים. אַלע אונזערע לאַנג־דורותדיקע בענק־שאַפטן, ליידן, דערדריקטע עמאָציעס, האָבן אין זיי באַקומען אַ תיקון אין אַ מער אָדער ווייניקער עקספּרעסיוון און געלונגענעם אופן, לויטן מחבר. קיין איין דיכטער האָט כמעט נישט אַדורכגעלאָזט די מצווה אַ ברכה צו מאַכן איבער דער באַפרייטער, אַלטער, היסטאָרישער וואַנט, וואָס מיר האָבן אין אַלע צייטן געהאָפט נאָך צוריקצובאַקומען.

ביי מרדכי חסיד איז דער „כותל מערבי״ געווען מיט אונז אין אַלע גלותן, זי האָט אין אונזערע אַלטע קלויזן די מזרח־וואַנט פאַרנומען. צוליב דער פרישקייט פון זיין אידייע, בילדלעכקייט און אויסדרוק פאַרדינט דאָס דאָזיקע ליד צו זיין אינגאַנצן ציטירט. און הינטער דער כישופדיקער פעדער פונעם דיכטער וואַקסט דאָס ליד „כותל מערבי״ אויס אין אַ סימבאָל פון אַ פאַרגייסטיקטן יידישן גלות מיט זיין פערמאַנענטן גלויבן אין אויסלייז.

„דער קנעכט"

ראָמאַן פון יצחק באַשעוויס

מיט וואָסערע מאָסן מיר זאָלן נישט צוגיין צו אַ ראָמאַן, אַז ער דאַרף אָפּשפּיגלען און אונטערשטרייכן דאָס רעאַלע און באַקאַנטע אָדער אַז ער דאַרף אַראָפּרייסן דעם שלייער פון אומבאַקאַנטן און אַנטפּלעקן פאַרן נישט־געניטן אויג דאָס פאַרהוילענע, מוזן מיר בכל אופן פעסטשטעלן, אַז יעדע נאַראַציע, אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציילונג, מוז קודם כל זיין אינטערעסאַנט, גוט דערציילט און טאָר בשום אופן נישט זיין לאַנגווייליק.

אָט דעם פאָרבאַדינג דערפילט יצחק באַשעוויס לכל הדעות זיינע טעמעס זענען תמיד אינטערעסאַנט, זיינע איינפאַלן דערפינדעריש, די שפּראַך אַ קערנדיקע, זיין סטיל אַ פאַרביקער און געפּאַסטער צום ענין. ער פאַרמאָגט אַן אָנגעשאַרפטן קינסטלערישן אינסטינקט און שפּירעוודיקע חושים.

איצט קומט אָבער די פראַגע: צי אַ קינסטלער מעג אַלץ שילדערן, צי דער שרייבער, איבערהויפּט אַ יידישער, איז פריי אין אויסוואַל פון זיינע טעמעס, אָדער באַדאַרף ער צוליב טעמים פון געשמאַק, פון צניעות, אָדער משום למה יאמרו הגוים, זיין פאָרזיכטיק און נישט דווקא כשרן אַלע סוזשעטן אין נאָמען פון דער פרייהייט פון דער קונסט ?

אין אונזער יידישער ליטעראַטור האָט מען אפשר אַ סך חסרונות פאַרדעקט, אַ סך זאַכן אידעאַליזירט שוין אין די גוטע, נאָרמאַלע צייטן און מכל שכן היינט, אין די שבעה־יאָרן, אין בענקשאַפט און טרויער נאָכן פאַרלוירענעם, קומט אונז אויס כסדר נאָכצוזאָגן שבחים דעם גרויסן נפטר, אַ גאַנץ פאָלק. אָבער אפשר איז טאַקע אהבת ישראל אַ נויטיקער סערום פאַרן בלוט־פאַראָרעמטן קראַנקן יידישן פאָלקס־מענטש ?

אַזעלכע פראַגן זענען באַרעכטיקט. אונזער ליטעראַטור האָט זיך באַ־

נצח יידישקייט

צויגן צום פֿאָלק מיט אינסטינקטיווער איינזעעניש. שלום עליכם און פּרץ האָבן גאַנץ גוט געקענט דאָס יידישע לעבן, אָבער זייער אהבת ישראל איז תמיד געגאַנגען ווייטער ווי זייער איראָניע און סאַטירע. פּרץ האָט מער אידעאַליזירט ווי געשילדערט, זיין כוונה איז געווען צו שאַפֿן מוסטערן פֿון בעלי מידות און צדקות. אויך שלום אַש האָט ראָמאַנטיזירט און אי־דעאַליזירט, אָבער ער האָט טאַקע מקלקל געווען את השורה צוליב אידעאַ־ליזאַציע, לשם אידעאַליזאַציע. י. מ. ווייסענבערג האָט אויף זיין נאַטוראַ־ליסטישן אופֿן אויפֿגעהויבן אַ פּאַרהאַנג איבער אַ ווינקל אין יידישן לעבן, וואָס די איבערגעטריבענע ראָמאַנטיק האָט פֿאַרדעקט; און אפֿרים קאַגאַ־נאָווסקי האָט אַרויסגעשיילט אַ ראָמאַנטיזירטע אונטערוועלט, וואָס איז אויך נישט געלעגן פֿריי פֿאַרן אויג פֿון יעדן דורכפֿאָרער אויף די גרויסע שאָסייען. מענדעלע האָט געריסן פּאָסן פֿון שטעטל, געשטראָפֿט און גע־מוסרט, אָבער זיין אַראָפּרייסן און דעמאַסקירן האָט פֿאַרמאָגט אַ משכּילישן אהבת ישראל, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. און אין אָט דער גאַנצער ליטעראַטור, פֿון מענדעלע ביז אפֿרים קאַגאַנאָווסקי, איז געלעגן אַ רעאַליזם, ניואַנסירט מיט אַלע נויטיקע וואַריאַנטן פֿון לעבן פֿאַר אַ ליטעראַטור.

יצחק באַשעוויס, דער מחבר פֿון „שטן אין גאָריי", דער מאָדערנסטער דערציילער פֿון „גימפּל תּם", פֿון „מעשה טישעוויץ", „דער צוריקגעשרי־גענער" און פֿון פֿיל אַנדערע דערציילונגען פֿון דאָזיקן בוך און פֿון אַנדערע דערציילונגען קען איינגאַנצן נישט אַריינגיין אין די דערמאָנטע ראַמען. זיין שרייבן פֿון רעאַליסטיש ביז סירעאַליסטיש אין דער פֿאָרם, גיט אונז אַ יידישן אוניווערס אין וועלכן עס הערשט, פֿון איין זייט דער בייזער אינסטינקט, דער שטן און זיין גאַנצע פֿמליה: די רוחות, שדים און דעמאָ־נען, און פֿון דער צווייטער זייט הערשט דער יצר טוב: ער איז זייער היימיש, יצחק באַשעוויס, מיט די נישט־גוטע. ער קען אויסגעצייכנט זייער לשון, זייערע אינטריגעס און קטרוגים און ער קען זייערע תחבולות און זייערע אינסטרומענטן פֿון פֿאַרדאַרבונג. ער איז אָבער אויך זייער היימיש מיט די גוטע מידות ביי יידן, ווו רחמים, אָרנטלעכקייט, ווירדע און גוטס־קייט, געפֿינען זייער תיקון.

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן „גימפּל תּם", „מעשה טישע־וויץ", „דער שטן אין גאָריי", „דער באַל" און אַנדערע. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן „משניות", „די עצה", „די קליינע שיסטערלעך",

ל. דאָמאַנקעוויטש

„דער שפּינאָזיסט" פון וועלכע עס פליסט אן איידעלע אהבת ישראל און אַ דינע לומדיש־געלייטערטע אהבת־יידישקייט, און גיבן אן אוצר פון שפּראַכלעכער רייכקייט און אַ פליסיקייט פון סטיל וואָס רייסט און שלעפּט מיט און לאָזט נישט פאַרגליווערן די אויפנעם־חושים פון לייענער.

אינעם ראָמאַן „דער קנעכט" וואָס איז פון העכסט־קינסטלערישן מין, האָבן מיר ביידע עלעמענטן. אי דאָס פּאָזיטיווע, אי דאָס נעגאַטיווע אינעם מענטש. בעסער, מיר האָבן די אידעאַלסטע גוטע מידות אויפן פאָן פון שלעכטס: אַ געפעכט, אַ קאָנפראָנטאַציע פון צוויי וועלטן. ווו דער יצר טוב איז סוף־כל־סוף מנצח דאָס שלעכטס פון דער וועלט. יצחק באַשעוויס סיטואירט די געשעענישן פון זיין ראָמאַן „דער קנעכט" אין דער עפּאָכע פון גזירות ת״ח, ווען יידיש לעבן איז הפקר, ווען יידישע שטעט און שטעטלעך ווערן באַפאַלן פון כמיעלניצקי׳ס חיילות, וואָס ראַבירן, מאָרדן און שענדן, און מען פאַרקויפט מענטשן פאַר קנעכט. דער יונגער ייד מיטן סימבאָלישן נאָמען יעקב, ווערט געכאַפּט פאַרקויפט צו אַ פּויער וואָס שיקט אים אַרויף אויף אַ באַרג פיטערן און היטן זיינע קי. יעקב איז אין זיין שטעטל יוזעפאָוו געווען אַ חסידישער איידעם, אַ בן־תורה, אַ הדרת־פנים. זיין ווייב און קינד זענען אומגעקומען דורך די רוצחים. דאָרט, אויפן באַרג, לעבט ער אָפּ איינער אַליין פינף יאָר מיט זיינע קי אין שטאַל, און טרויט אָן די שטימע נפשות זיינע פרומע וועלט אָנשויאונגען. דאָרט אין איינזאַמקייט, אין צעפּליקטע שמאַטעס, דערנערט מיט ברויט, וואַסער און קרייטעכצער, דערהאַלט יעקב זיין יידישקייט, זיין אָפּגעהיטנקייט, זיין צניעות, מיט גרויס מסירת נפש. עס דערהאַלט אים זיין גייסטיקע שפּייז וואָס זענען די פאַרגעדענקטע אומצאָליקע קאַפּיטלעך תהילים, בילעטער גמרא. דאָרט אין די איינזאַמע הייכן לעבט ער אין אַן אַטמאָספער פון מעשה בראשית. די זיך קנוילנדיקע נעפּלען דערמאָנען אים דעם אורשפּרונגלעכן שטאָף וואָס „וועגן דעם האָט ער געלערנט אין מורא נבוכים און אין „הכוזרי".

יעדן אָוונט קומט אַרויף דעם פּויערס טאָכטער, וואַנדאַ, מיט צוויי קאַנען אָפּנעמען די מילך פון טאָג, און ברענגט פאַר יעקב׳ן עסן אין קיישל. אן אמת תנ׳כישע אידיליע, וואָס אַנטוויקלט זיך אין אַן אידעאַלע ליבע. יעקב האָט מורא אַז זיין זכרון זאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן. ער קריצט אויס אויף אַ שטיין וואָס ליגט נעבן דער שטאַל, פּסוקים גאַנצע

פון תנ"ך און פון תהילים. די אַנדערע פֿאַסטעכער פלעגן אים אין אָנהייב שלאָגן. יעקב האָט זיך אויסגעלערנט פאַרטיידיקן, און מען לאָזט אים צורו. און אַזוי גייען די יאָרן אין אָפּפרעמדעניש ביז אין איינעם אַ זומער, נאָכן שניט, זענען געקומען אין דאָרף אַריין קונצנמאַכער, און יעקב פרעגט זיך ביי זיי אויס אויף זיין היימשטאָט יוזעפאָוו. מען זאָגט אים אַז מען האָט דאָרט אומגעבראַכט אַלע יידן, נאָר אַז עס זענען דאָ פרישע. אויף אַזאַ אופן בינדט ער צוריק אָן אַ קאָנטאַקט מיט זיין פאָלק, און ווערט אויסגעקויפט דורך פדיון שבויים.

אויפן באַרג פלעגט יעקב פילאָזאָפירן: „אַלע מענטשן זענען באַשאַפן בצלם אלקים" אָבער מיט אַ הינטערגרונט פון שלעכטס און גוטס. דאָס שלעכטע, דאָס זענען די לאַפּיטוטן, די שרעטעלעך, די גייסטיקע מיקראָבן וואָס הויערן איבערן מענטש און געוועלטיקן איבער אים ווי נאָר ער קוקט אַוועק. מיט גרויס מייסטערשאַפט פירט יצחק באַשעוויס די סיטרא־אחרא, לויט זיין איינזען, דאָרט ווו מען דאַרף, דאַסמאָל מער צווישן גויים וואָס רינגלען אַרום דעם איינזאַמען יעקב. ער, יעקב, באַהערשט און שוועבט איבערן פינצטערן תהום און דער שטן האָט אויף אים קיין שליטה נישט.

דער מייסטער יצחק באַשעוויס האָט אַריינגעפירט אויך אין דעם דאָזיקן ראָמאַן דעם רעקוויזיט פון זיין שדים מאַריאָנעטן־טעאַטער, אָבער מיטן ציל מער בולט צו מאַכן דעם קאַמף און זיג פון יצר־טוב. יעקב איז אַ מוסטער פאַר דעם וואָס דער מענטש וואָלט באַדאַרפט צו זיין. ווען יעקב באַוווּנדערט גאָטס וועלט, איז עס בזה הלשון: „יעדער איינער איז משיג לויט זיין ווערט און גאָרנישט מער. אומצאָליקע עולמות היכלות מלאכים, שרפים אופני הקודש רינגלען אונז אַרום, נאָר מיר זעען זיי נישט ווייל מיר זענען קליין, זינדיק, אַריינגעטאָן אין די אייטלקייטן פון גוף". פאַר אונז איז דאָ וויכטיק אין דער ערשטער ריי פעסטצושטעלן, אַז יצחק באַשעוויס געהערט צו אונזערע אינטערעסאַנטסטע שרייבער, וואָס פאַרמאָגט אַ שפע פון טעמעס, אַ שפע פון שפּראַך, אַ קוואַליקע יידישקייט, וואָס איז אַ ברכה פאַר אַ יידישן שרייבער.

בנוגע זיין אָביעקטיווע באַציאונג צו יידן און צו אַלעם וואָס איז יידיש, פילט זיך אין זיין שרייבן אַרויס אַ טאָפּלטקייט, אַן אינסטינקטיווע געשפּאָלטנקייט פון צוצי און אָפּשטויס פון אינטימסטער וואַרעמער באַ־ציאונג און גלייכגילט, און די צעשפּאָלטנקייט פון באַציאונג קומט ביי

ל. דאָמאַנקעוויטש

אים פון קוואַל גופא, פון דער רבנישער שטוב, וואָס איז געווען אויס־געפּילט מיט תורה, מיט צדקות און מיט אָבערגלויבן און אויסטערליש־קייט, ווי ער דערציילט עס אַליין אין „מיין טאַטנס בית־דין שטוב".

דער אמת איז, אַז אונזער ליטעראַטור אין אונזער צייט האָט זיך טעמאַטיש זייער ווייט אָפּגערוקט פון י. ל. פּרץ'ס „חסידיש" און זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס". באַשעוויס איז אפשר אַ קינסטלערישע רעאַקציע קעגן די כתונת פּסים, וואָס די ראָמאַנטישע ליטעראַטור האָט אַרויפגעצויגן אויפן יידישן לעבן און וואָס די עפּיגאָנען האָבן נאָכגעפאָלגט נאָר מחמת רגילות און קאָנווענציאָנאַליזם.

אפשר וועט אַמאָל פון דער פּרץ־באַשעוויסטישער ליטעראַרישער דיאַלעקטיק געבוירן ווערן אַ סינטעזע, אַ געזונטע יידישע ליטעראַטור וואָס איר צענטער איז אפשר ישראל, און איר נייער דור. נישט אויפ־קלערנדיק איצט דעם ענין פון צוועקמעסיקייט אין דער ליטעראַטור, בלייבט אַ פאַקט, אַז יצחק באַשעוויס געהערט היינט צו די אויסגעצייכנטע יידישע דערציילער. ער קען דערציילן אַ מעשה אין אַ נאַטירלעכער באַ־העפטונג פון נוסח מעשה־ביכל מיט אַ ראַפינירטן סיר־רעאַליזם. און עס לוינט זיך בשייכות מיט אַ דערציילער פונעם קאַליבער פון יצחק באַשע־וויס אויפצוויקלען אַלע וויכוחים וועגן מהות פון ליטעראַטור בכלל, און וועגן דער יידישער ליטעראַטור בפרט.

יצחק באַשעוויס איז דער שרייבער וואָס האָט צוריקגעגעבן דעם יידישן ראָמאַן און דער יידישער דערציילונג זייער פולבלוטיקייט און זייער אויסטערלישקייט ווי פולבלוטיק און פולפאַרביק עס איז דאָס לעבן פון יידישן פאָלק און ווי אויסטערליש עס איז אונזער אַוואַנטורע צווישן די פעלקער. עס וואָלט נאָך כדאי געווען איבערצוגעבן דעם ווייטערדיקן איבהאַלט פונעם ראָמאַן „דער קנעכט" צוליב וועלכן מיר האָבן געבראַכט דאָס אויבן־דערמאָנטע, אָבער מיר ווילן בעסער איבערשיקן דעם לייענער דירעקט צום בוך אַליין.

הערץ גראָסבאָרד, דער פּאַרטייטשער און אויסטייטשער

הערץ גראָסבאָרד איז קודם כל דער מענטש פון בינע־קונסט, וואָס מיינט דער קינסטלער פון געוויגענעם וואָרט, פון געמאָסטענעם זשעסט און מוזיקאַלישן טאָן. און בינע־קונסט מיינט פאַרמאָגן וואָכע שפּירעוודיקייט פאַרן דראַמאַטישן און קאָמישן אין לעבן, האָבן אַ גוט געהער פאַרן מענטש־לעכן דיאַלאָג און ווי אַזוי ער קומט צום אויסדרוק אין ליטעראַטור.

און הערץ גראָסבאָרד איז טאַקע אַ מענטש פון ליטעראַטור; ער איז זייער באַהאַוונט אין דער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע און האָט פאַר לי־טעראַטור בכלל אַ זעלטענע עמפּינדונג. עס איז מיר מערערע מאָל אויס־געקומען אין פּריוואַטע געשפּרעכן צו באַוווּנדערן הערץ גראָסבאָרדס באַ־האַוונטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און זיין ליבשאַפט צו איר. ער איז דער בעסטער אינטערפּרעטאַטאָר פון יידישן קינסטלערישן וואָרט, דער געשטאַלטיקער פון אירע פּערסאָנאַזשן, טיפּן און כאַראַקטערן און דער דינסטער און פיינסטער אונטערשטרייכער און אַקצענטירער פון די כוונות פון מחבר און אַפילו פון כוונות, וואָס זענען געווען פאַרהוילן פאַרן מחבר גופא. אָפטמאָל ווערט זיינס אַ באַטאָנונג, אַ לייגן דעם טראָפּ אויף דעם אָדער יענעם זאַץ אָדער אַפילו אַ וואָרט, אַ בליק, וואָס באַלויכט, עפנט די אויגן און גיט אַ פּירוש צום מיין, וואָס איז פריער געווען פאַרנעפּלט און פאַר־הוילן.

הערץ גראָסבאָרד איז אייגנטלעך מער ווי אַ פּאַרטייטשער פון ליטע־ראַטור; ער איז אַ מיטשאַפער. ער ווערט באַטייליקט אין דער שאַפונג פון מחבר בעת ער רעציטירט אים. איז די קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע אַ שעפערישע, זעלבסטשטענדיקע צווייג אין דער קונסט, אָדער איז דער רעציטאַטאָר און בינע־קינסטלער בלויז אַ פאַרמיטלער צווישן שרייבער־מחבר און לייענער־קאָנסומענט? מען האָט שוין וועגן דעם דיסקוטירט און פּאָלעמיזירט אין אַלע ליטעראַטורן בשייכות מיטן קריטיקער. פאַראַן שריי־בער, פּאָעטן און פּראָזאאיקער, וואָס האַלטן דעם קריטיקער ווי אַ פּאַראַזיט,

וואָס לעבט אויף זייער חשבון און וועמענס עיקר־אויפגאַבע, איז אַנאַליזירן, אָפּשאַצן און דערלאַנגען דעם לייענער „געשיילטע אַרבעס", אָבער קריטיקירן? חלילה, דער קריטיקער האָט נישט קיין שום רעכט זיך איבערצונעמען מיט זיינע געשריפטצן, ווייל ער לעבט אויפן מחברס חשבון.

ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען געקאָנט לייענען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַרישער פרעסע, ווי דער באַקאַנטער דראַמאַטורג יאָנעסקאָ בייזערט זיך אויף זיינע קריטיקער און טענהט: דאָס האָב איך אייך געמאַכט לעבן און געגעבן פרנסה (נישט געמיינט דווקא אין מאַטעריעלן זין).

בכן, שטעלט זיך די פראַגע נאָך שטאַרקער פאַרן וואָרט־ און בינע־קינסטלער, צי זענען זיינע קרעאַציעס און געשטאַלטונגען זעלבסטשטענדיקע שאַפונגען? מיר מיינען, אַז די אַלע וויכוחים האָבן נישט קיין זין, ווייל אַלע שאַפונגען זענען אָנגעהאָפטן אויף וועלכן עס איז אופן דירעקט אָדער אומדירעקט אין דער נאַטור, דער מאָדעל פון אַלע קונסטן, וואָס דער קינסטלער שאַפט זיי איבער מיט אַלע זיינע פיזישע און פסיכישע חושים. דאָס זעלביקע וועגדעט דער בינע־קינסטלער אָן בנוגע דעם מחבר. ער שאַפט אים און שאַצט אים איבער און הויבט אויף דעם פאַרהאַנג איבער די נשמה־רעוואָלאַציעס, וואָס ער ברענגט אַרויס. און אַזוי אויך דער קריטיקער. צו דעם זעלטענעם מין איבערשאַפערס און איבערשאַצערס פון ליטעראַרישן יידישן וואָרט, וואָס לייגן אַריין אַ נייעם ווערט אין דער קונסט פון וואָרט, געהערט הערץ גראָסבאַרד.

ער האָט, אגב, פיינט דעם אויסדרוק „רעציטאַטאָר", וואָס ער האָט אויסגעביטן אויף וואָרט־קינסטלער, און מיט רעכט, איז דאָך דער רעציטאַטאָר געוואָרן אַ באַגריף, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט דער באַנאַליזירונג פון ליטעראַטור, מיטן באַגריף פון קאָמי־וואָיאַזשאָר, וואָס פאָרט אַרום בכל תפוצות ישראל מיט פאַרלעגענער סחורה. הערץ גראָסבאַרד אָנערקענט נישט קיין קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור, אָדער ריכטיקער, ער האַלט נישט אַז דער קריזיס קומט פון דער ליטעראַטור גופא. דער קריזיס וואָלט געקענט און באַדאַרפט באַקעמפט ווערן, מיינט ער, דורך אַ גוטער אָרגאַניזירונג פון די כוחות. ווייל ער איז אַ געזעלשאַפטלעכע מחלה, וואָס שטאַמט פון זאַטקייט און איבערגעפרעסנקייט.

יידן — דערקלערט מיר גראָסבאַרד לדוגמה — מאַכן היינט אין אַמע־

ריקע און אין קאַנאַדע אַ סך בר־מצוות און באַנקעטן. דאָס זענען אַלץ געוואָרן פּרעס־שמחות, אויף וועלכע דער קאָפּ ווערט פאַרטשאַדעט און פאַרמאַטערט און קאָן מער נישט פאַרדייען קיין ליטעראַטור. איך דערמאָן, אַז שוין ביאַליק ע״ה האָט געזאָגט אויף אַ באַנקעט אין אַמעריקע: „דאָס גאַנצע יידישקייט דאָ שטייט אויף הינערשע פיסלעך״, אָבער היינט איז די לאַגע טראַגישער; דאָס אויסגעהונגערטע יידנטום איז פאַרשניטן.

בלויז אין ראַטנפאַרבאַנד איז מסתם נאָך פאַראַן אַ יידנטום, וואָס איז אויסגעהונגערט אויף יידישער קולטור, אָבער דאָרט איז דער קריזיס אַ געפלאַנטער און אַ פּראָוואָצירטער דורך דעם רעזשים.

זעט איר, אין ישראל איז עס אַנדערש — זאָגט אַמאָל צו מיר גראָסבאַרד נאָך זיין צוריקקער פון ישראל: ישראל ווי דאָס לשון פון דער מדינה און פון דער יוגנט, און פון קיבוץ, איז העברעאיש דווקא דאָרט האָט מען מיך אויסגעהערט מיט בענקשאַפט און פריידיקער דערמאָנונג. עלטערע קיבוצניקעס און יונגע בחורים און מיידלעך האָבן מאַסנווייז געשטראָמט צו מיינע קאָנצערטן און ווי אַמאָל אין פּוילן האָבן זיי מיט באַגייסטערונג אויפגענומען דאָס יידיש וואָרט, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ עבר, אַ דער אויסדרוק פון אַ יידישער צוקונפט.

מיר האָבן אַמאָל געפירט אַ שמועס וועגן די מאַסן־פאַרלייקענונגען און בגידות אין זייער פאָלק מצד יידישע שרייבער־קאָמוניסטן שוין אַ סך פריער פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה וואָס איז געווען אַ ספּעציפיש־יידישער פענאָמען, וואָס מען האָט נישט געזען ביי קיין שום אַנדערן פאָלק. גראָסבאַרד זאָגט מיר: דאָס קומט פון דעם, וואָס די יידישע אינטעלעקטואַלן האָבן נישט געשעפּט די סאָציאַלע אידייען אין די אייגענע אידעאישע מקורות פון יושר און רחמים, נאָר פון וועלטלעך־וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם און אַלע מאָל, ווען יידן זענען געקומען צו אידייען דורך עבודה זרה, האָבן זיי תמיד נישט בלויז פאַרלייקנט זייער פאָלק, נאָר עס פיינט באַקומען.

אייניקע פון אָט־די שרייבער האָבן דאָס ערשט שפּעטער, בעת זייער תשובה, פאַרשטאַנען און האָבן זיך אומגעקערט צו יידישקייט מיטן גאַנצן האַרץ, און ער ציטירט מיר לדוגמה משה נאַדירן. איך קוק זיך איין אין לענגלעכן שטרענגן פּנים פון מיין מיטשמועסער און אין זכרון גייען ביי מיר אויף די שטריכן פון לענגלעכן ערנסטן פּנים פון בחורל אין גערער שטיבל (פּאַדאָווער שטיבל) אין לאָדזש. הערץ גראָסבאַרד איז דעמאָלט געשטאַנען אין

ל. דאָמאַנקעוויטש

די שבתים אין זיידענעם רעקל נעבן זיין זיידן אויף ווענמעס „אויסרוף״ דער שליח ציבור האָט תמיד געוואָרט מיטן אָנהויבן די „הויכע שמונה עשרה״. און אויך איך האָב געדאַוונט אין זעלביקן גערער שטיבל, ווו מיין טאַטע דער שטאַרקער בעל דקדוק איז געווען בעל קורא און איז קיינמאָל נישט נכשל געוואָרן צווישן אַ מלעיל און אַ מלרע.

און אָט דאָס אייניקל פון מורנו פון גרויסן לאָדזשער גערער שטיבל איז שפּעטער געוואָרן אַ דייטשער בינע־קינסטלער און איז דערנאָך צוריק־געקומען צו דער יידישער בינע און צום יידישן קינסטלערישן וואָרט און האָלט עס אין גרויס רעספּעקט און לאָזט עס נישט פאַרביליקן און אַראָפּ־דריקן פון חשיבות. אָבער דער יידישער באַלעבאָס איז צו איבערגעזעטיקט — נאָך אַלע חרבנות — צו פאַרפעסטט ער זאָל האָבן אַן ערלעכע און ערנסטע באַציאונג צום לשון פון די אָרעמע און הונגעריקע (הונגעריקע נאָך וויסן) און רייכע אין בענקשאַפט צו אידייע און קולטור.

יידישע ימים טובים — און יידישע קולטור

די ראָל פון די יידישע ימים־טובים
אין אונזער חינוך און אין אונזער קולטור

מיר האַלטן פון זמן שמחתנו, אָבער ביי אונז איז די דאָזיקע שמחה תמיד אַ געמישטע. און די שמחה פון סוכות איז אַרומגענומען מיט אַזעלכע ערנסטע ראַמען ווי די ימים נוראים פון איין זייט און קוהלתדיקן הבל־הבלימדיקן אומעט פון דער צווייטער זייט. ווועלן מיר זיך באַנוצן מיט דער געמישטער שטימונג פון יום־טובדיקער לייכטקייט און וואָכנדיקן ערנסט, אַ שמועס צו טאָן וועגן דער ראָל פון יום־טוב אין דער נאָך־יום־טובדיקייט פון יידישן לעבן, וואָס דויערט און מוז דויערן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

דאָס עפּענען דעם אַזוי־גערופענעם „וועלטלעכן קולטור־סעזאָן" פאַרט זיך ביי אונז צונויף מיטן חודש פון די טראַדיציאָנעלע ימים נוראים און ימים טובים. די סמיכות הפרשיות איז אַ צופעליקע, אָבער נישט צופעליק איז די נאָענטקייט פון באַגריף יום־טוב מיטן באַגריף קולטור. און הלוואי זאָל כאָטש דער אַזוי־גערופענער וועלטלעכער ייד אויספילן די ליידיקייט וואָס עס לאָזט איבער די פאַרלוירענע טראַדיציע מיט אַ נייעם קולטור־אינהאַלט. ער וואָלט דעמאָלט די ימים טובים נישט פשוט ליקווידירט, נאָר ער וואָלט זיי אויפגעלעבט מיט אַ נייעם גייסט.

עס איז נישט קיין נייעס אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, אַריינצוגעבן נייע אינהאַלטן אין אַלטע פאָרמען. אָבער ווי איז צו אַ פאָלק, וואָס ליקווי־דירט פאָרמען לאָזנדיק אויסריינען אינהאַלטן. שוין די טאָפּלטע נעמען פון די יידישע ימים טובים באַווייזן, אַז זיי האָבן אין פאַרשידענע צייטן גע־האַט פאַרשידענע אינהאַלטן און זענען געווען באַשטימט צו בייטן זייער ראָל און זייער אויפגאַבע. ווען דאָס פאָלק האָט זיך געפונען אין אַ פולער און גאַנצער פאַרבינדונג מיט דער נאַטור, זענען זיינע ימים טובים געווען דער אויסדרוק פון אָט דער פאַרבינדונג. חג האביב (יום־טוב פון פרילינג) ; חג הביכורים (יום־טוב פון רייפונג) ; חג האסיף (יום־טוב פון איינזאַמלען)

ל. דאָמאַנקעוויטש

דערציילן די געשיכטע פון אַ פעלד־פאָלק, וואָס איז באַהאַפטן צו זיין ערד און פייערט מיט פרייד דעם פאַרזיי, די רייפונג און די איינזאַמלונג פון די תבואות און פרוכטן.

עס קומען אַנדערע צייטן. דאָס יידישע פאָלק גייט אַרויף אויף די ברייטע שליאַכן און שווערע יאָכן פון אַ וועלט־פאָלק אין דער וועלט־געשיכטע מיט אַ וועלט־מאַראַל. זיינע ימים טובים ווערן דעמאָלט דער אויסדרוק פון גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. הערן אויף צו זיין פאַרבונדן מיט ערד און מיט נאַטור. זיי גייען אַריבער פון זייער אַקטועלקייט־כאַראַקטער צו אַ כאַראַקטער פון סימבאָלישער אייביקייט. חג האביב ווערט דעמאָלט חג המצות, חג הביכורים ווערט דער יום־טוב פון מתן תורה און חג האסיף ווערט דער יום־טוב פון סוכות אונטערצושטרייכן דעם איבערגאַנג פון אַ מצרימדיקער פראָוויזאָרישקייט צו אַן אייגענער באַזעסנקייט.

אין קיין שום שאַפונג פון יידישן פאָלק ליגט נישט באַהאַלטן אַזויפיל געשיכטלעכער זכרון און במילא אַזויפיל פאָלקס־קולטור ווי אין זיינע ימים טובים. דאָס זענען די ריזיקע מאָנומענטן, וואָס די אַנאָנימע פאָלקס־קונסט שטעלט זיך אַליין אויף ווי באַוועגלעכע צייכנס, וואָס פיל מער ווי די אומבאַוועגלעכע שטיינערנע מאָנומענטן פון אַנדערע קולטורן און ציוויליזאַציעס, דערציילן זיי וועגן יידישער געשיכטע און יידישע דערגרייכונגען.

ווי אַן אַקט פון גרעסטן וואַנדאַליזם ווערט מיט רעכט באַטראַכט דאָס פאַרניכטן מאָנומענטן אַפילו אין מלחמה־צייטן. ווי אַזוי־זשע קענען מיר דערלויבן צו פאַרניכטן אונזערע אייגענע לעבעדיקע מיטגייענדיקע היסטאָרישע מאָנומענטן ?

און האָבן דען די יידישע ימים טובים בלויז אַ שטרענג־רעליגיעזן כאַראַקטער און אַפילו די ימים נוראים ווי פיל נאַציאָנאַלע טרערן, מאַרטיראָלאָגיע און הערױאיזם ליגט אין זיי איינגעזאַפט ? איז דאָס אַלץ נישט קולטור ? איז דאָס אַלץ נישט געשיכטע ?

אַט האָט זיך אין אונזער נייעסטער געשיכטע אַריינגעוועבט אַ נייער יום־טוב : דער יום־עצמאות, וועלכער האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן פאַראַלגעמיינערט, פאַראַינהאַלטלעכט און אַרויפצוציען אויף זיך הויט און ביינער פון טראַדיציע. אָבער אויך אין די אַלטע זענען מיר מחויב אַריינצולייגן באַנייאונג און נשמה־אויפלעבונג און געדעכעניש.

די ימים טובים האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער

דערהאַלטונג פון פאָלקס־זכרון און במילא דערהאַלטונג פון פאָלק, וואָס קען נאָר אויף אַזויפיל עקזיסטירן אויף וויפיל עס פאַרמאָגט אַ גמיינזאַמען פאָלקס־זכרון.

מיט אָט דעם פאָלקס־זכרון קומען מיר מיט אונזער יחוס, מיט אונזער אידייע, וואָס מיר האָבן אַקעגנגעטראָגן די פעלקער גלייך אין אָנהויב פון אונזער דערשיינען אויף דער פעלקער־אַרענע.

און אויך קומען מיר מיט אונזערעליידן פון אַמאָליקן לאַנגן נעכטן און היינטיקן נאָענטן נעכטן און מיט אַלעם, וואָס מיר האָבן געשאַפן און מאָ־נען און פאָדערן אונזער חלק, נישט אויף רעכט זיך צו אַסימילירן, נישט אויף רעכט צו זיין ווי אַנדערע, נאָר אויף רעכט צו זיין אַנדערש ווי אַנדע־רע, אויף רעכט צו זיין דאָס וואָס מיר זענען: אַ פאָלק מיט אַן אייגענער אייגנטימלעכער קולטור.

דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען

„אַלע געזאַנגען זענען קודש, דאָס געזאַנג איז קודש קדשים; אַלע געזאַנגען זענען געזאַנגען פון אַ מלך; דאָס געזאַנג איז אַ געזאַנג פון אַ מלך בן מלך, פון אַ חכם בן חכם, פון אַ צדיק בן צדיק". — אַזוי האָבן געקלונגען יאָר־איין, יאָר־אויס, אין די טעג פון חודש ניסן, די הייטערע שטימעלעך פון די ליכטיקע יידישע קינדער, אין די פינף־יעריקע, קינדערשע מיילער פון די ישראליקלעך, משהלעך און יעקבלעך. אַזוי האָבן אַרויסגעשאַלט פון די חדרים די דאָזיקע יונגע קעלעכלעך, ווען אונזערע היימען זענען נאָך געשטאַנען גאַנצע אין אונזערע יידישע שטעטלעך, איינגעפונדעוועטע מדור לדור אין מדינת פוילן און געשיינט צו בלייבן אויך אויף להבא. אַזוי זענען די תנ"כישע שורות אויסגעזונגען געוואָרן אין קאַלטן אויסגעפּראַסטיקטן פוילן דורך יידישע קינדער — דורך די שטרענגע מלמדים אויסגעטייטשטע תנ"כישע שורות, אין וועלכע קיין ווינטער איז נישט דערמאָנט געוואָרן, און דער פרילינג האָט זיך דירעקט באַהאָפטן מיטן האַרבסט.

כי הנה הסתו עבר... „וואָרעם דער האַרבסט איז אַוועק, די רעגנס זענען פאַרביי, די שפּראָצונגען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד. די צייט פון שפּילפויגל איז געקומען". עס איז געקומען די צייט פון פרילינג, פון ליבע און פון פרייהייט אין דער נאַטור. עס איז אויך די צייט פון נאַציאָנאַלער זמן חירותנו און לויטן שיינעם מנהג פון אונזערע עלטערן, עפענען מיר דעם יום־טוב פון פרייהייט מיט דעם בוך פון געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, מיטן הימן פון פרילינג און ליבע: שיר השירים.

ווי קומט ליבע צו אַ פאָלק, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שנאה? ווי קומט דאָס געזאַנג פון טויאיקן פרילינג צו אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אייבערגעריסן די באַרירונג מיט דער נאַטור, צו אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט פאַרלוירן דעם זין פאַר דער כסדר זיך באַנייענדיקער שפּראָצנדיקער וועלט? וואָס האָט כסדר איינגעחזרט: „ווער עס איז מפסיק זיין תורה־לערנען צו

זאָגן: „ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז דאָס פעלד" איז, ווי ער וואָלט זיך פאַרשולדיקט מיט זיין לעבן" און פאַרט זיך דאָס טאַקע, אַז פרומע, כשרע, גאָטספּארכטיקע יידן זאָלן זינגען וועגן אַ ליבע צווישן אַ וואַנדערנ־דיקן פאַסטעך־ייִנגל און אַ פאַרשלאָסענעם האַרעם־מיידל?

עס האָט זיך טאַקע נישט געפּאַרט. האָט מען דער וואָכעדיקער ליבע אָנגעטאָן אַ כתונת־פסים פון קדושה, און פון ליבע־דיאַלאָג צווישן פאַסטעך און שולמית איז געוואָרן דער געטלעכער, אָבער נישט ווייניקער עראָטישער דיאַלאָג צווישן דער כנסת־ישראל און הקדוש ברוך הוא. די פּאָעזיע האָט דערמיט גאָרנישט פאַרלוירן, די יידישע סימבאָליק האָט אָן אַ שיעור גע־וואונען.

שיר השירים איז געוואָרן דער אומדערשעפּלעכער קוואַל פאַר דער יידישער מיסטיק, וואָס האָט אַזוי פאַרשטאַרקט דעם בונד צווישן יידישן גאָט און זיין פאָלק, אַ בונד, וואָס האָט געדינט צום יסוד פאַר קיום, און אַ מקור פון טרייסט און האָפענונג אויף לאַנגע דורות. באַבערדיקטע און באַ־פּיאותדיקע מלמדים, האָבן פון איצט אָן געקענט קנעלן מיט זייערע איי־דעלע און בלאַסע תלמידימלעך וועגן דער „ליבע, וואָס איז שטאַרקער ווי דער טויט, און אַז האַרט ווי דער גרוב איז די אייפערזוכט. די פונקען פון דער ליבע זענען פונקען פון פייער און איר פלאַם איז געטלעך. די גרויסע וואַסערן וועלן די ליבע נישט דערלעשן און די טייכן וועלן זי נישט פאַר־שווענקען". אַז סך־הכל רעדט עס זיך וועגן ראָמאַן צווישן קודשא ברוך הוא און פאָלק ישראל...

„אויב דו ווייסט נישט, די שענסטע פון די פרויען דעם וועג צום פאַס־טעך, גיי דיר אין די שריט פון די שאָף און פאַשע דיינע ציגעלעך ביי די גע־צעלטן פון די פאַסטעכער", האָט איצט באַקומען דעם פירוש: „אויב דו, כנסת ישראל, האָסט פאַרלוירן דעם וועג צו גאָט, גיי דיר אין די שריט פון דיינע אבות און פיר דיך ווי זיי האָבן זיך געפירט"... און אַזוי איז שיר השירים געוואָרן דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער הימן פון אַ פאָלק, וואָס זוכט אין בענקשאַפט און אין ליבע צום געטלעכן, זיך אָפּצוווענדן פון אימהדי־קער טאָג־טעגלעכקייט.

„אַלע שירים זענען קודש — שיר השירים איז קודש קדשים" — האָט זיך צעגאָסן איבערן „חדר" דער בענקענדיק פייערלעכער ניגון פון רבין, און אָנגעגאָסן פרייד און בענקשאַפט אין די יונגע הערצער. קיינמאָל

ל. דאָמאַנקעוויטש

פרייער, און מסתם שוין קיינמאָל נישט שפּעטער, האָט נישט עקזיסטירט און וועט נישט עקזיסטירן אַזאַ היימישקייט, אַזאַ אינטימיטעט צווישן מענטש און גאָט, ווי ביי אונזערע זיידעס און באָבעס. דאָס וואָס איז נישט געלונגען די נביאים, נישט מיט בעטן און נישט מיט שטראָפן, נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן, האָט זיך דערנאָך רעאַליזירט אין דער מחנה פון פּוילישן יידנטום. מען איז געוואָרן גאָטס פאָלק. מיט „אים" האָט מען אָפּגערעדט געשעפטן, אָפּגעשמועסט שידוכים, און אַז אונזערע זיידעס האָבן געוואָלט אַ „דאַוון־טאָן", האָט מען זיך פּשוט פאַרקנעפּלט די קאַפּאָטע און זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיטן רבונו של עולם... און אַז רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט עפּעס געוואָלט אויספּועלן אין די עולמות עליונים, האָט ער נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, נאָר איז היימיש, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געליבטער, וואָס רעדט צו זיין געליבטן, צוגעטרעטן צום ענין. און אַז אונזערע „טביהס" זענען געווען אין אַן עת צרה, האָבן זיי מיט דער בייטש אין דער האַנט אַ רעד געטאָן צום בורא עולם מיט אַ שפּראַך, וואָס קיין שום אומה ולשון האָט אַזוי נישט גערעדט.

פּרץ, אַנ־סקי, אומדירעקט שלום־עליכם און אַנדערע, האָבן דערנאָך — ווען דער בונד פון גאָט האָט אָנגעהויבן לויז ווערן אין לעבן — געקענט אַריינוועבן אָט־אָ די הייליקע פּעדים אין דער יידישער ליטעראַטור אַריין און איר געבן דעם חותם פון המשך.

מיר האָבן היינט פאַרלוירן יענעם נאָענטן דירעקטן שייכות מיט דעם, וואָס איז אין לויף פון יאָר־הונדערטער געווען דער תמצית פון יידישקייט. אַנטקעגן דעם האָט דער גורל, דער יידישער גורל אונז נישט פאַרלאָזט: האָבן מיר דעם זעלבן גורל פון אונזערע אבות, אָבער אָן זייער טרייסט און אָן זייער אמונה. און גלוסט זיך טאָקע נישט אַראָפּצורייסן דעם געטלעך־אַליגאָרישן שלייער פון הייליקן געזאַנג: כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות. ווי אַ רויז צווישן דערנער, איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער. און די אַלעגאָריע־מסורה טייטשט: „דאָס מיינט מען די בני־ישראל צווישן די אומות העולם. און די אגדה שפּינט ווייטער: „אַזוי שווער ווי עס איז אַרויסבאַקומען אַ רויז פון צווישן דערנער, אַזוי שווער איז אַרויסצובאַקומען דאָס פאָלק ישראל פון צווישן די אומות העולם". אונזער דור איז איצט אַן עדות פון די שווערקייטן.

און דער דיאַלאָג גייט ווייטער: „כתפוח בעצי היער כן דודי בין הב־

נים״. ווי אַן עפּלבוים צווישן וואַלד־ביימער, אַזוי איז מיין געליבטער צווישן די זין. און ווייטער גיט צו די אגדה: „אויך גאָט געפינט זיך אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט, אַזוי לאַנג ווי זיין פאָלק איז אַ רויז צווישן דערנער.

שמני נטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי — זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון פרעמדע וויינגערטנער, מיין אייגענעם וויינגאָרטן האָב איך נישט געהיטן״. און דער נאַציאָנאַלער משל טייטשט: זיי האָבן מיך געמאַכט דינען פרעמדע געטער, מיין אייגענעם גאָט האָב איך נישט געדינט.

עס פעלן קיינמאָל נישט קיין דינער פון פרעמדע געטער און באַשמוצער פון אַלעם, וואָס איז אייגנס. איצט האָט דאָס לעבן געגעבן דעם היילקן דיאַלאָג אַ נייעם זין. עס האָט זיך אין אונזערע טעג אָנגעהויבן שפּינען און באַנייען דער ראָמאַן צווישן פאָלק און אַן אייגן לאַנד. עס איז געקומען די צייט פון היטן דעם אייגענעם וויינגאָרטן.

הסתו עבר, הגשם חלף הלך לו, עת הזמיר הגיע.

דער האַרבסט איז פאַרביי, אַ מילד־רעגן גייט אים נאָך, די צייט פון געזאַנג איז געקומען.

פסח 1963

עבדים היינו? ניין, טויזנט מאָל ערגער ווי שקלאַפן. פאַרמשפּטע צום טויט זענען מיר געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און אַ דריטל פון אונ־זער פאָלק — און וואָס פאַר אַ דריטל — איז טאַקע אויסגעמאָרדעט געוואָרן!

און אין די פסח־טעג פון יאָר 1943, ווען די נאַצישע מאָרד־מאַשין האָט געפרעסן און געשלונגען דעם ייד — דעם גויאישן קרבן פסח, און ציגעאיילט די ליקווידאַציע פון אייראָפּעאישן יידנטום, זענען די רעשט־לעך פון געטאָ װאַרשע אויפגעשטאַנען צו מלחמה קעגן טויט־פיינט. עס האָט נישט געקאָנט זיין דער מינדעסטער ספק וועגן אויסגאַנג פון די קאַמ־פן. אָבער נישט ווייל זיי האָבן געהאַט די קלענסטע האָפענונג אויף אַ פי־זישן זיג, זענען זיי געגאַנגען צום לעצטן קאַמף, נאָר ווייל זיי האָבן טיף געגלויבט אין דער וויטערער עקזיסטענץ פון אַ יידיש פאָלק און דער עיקר ווייל זיי האָבן געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אַ מענטשלעכער מענטש־הייט.

צוליב אָט דער איבערצייגונג און אין אָנבליק פון קאַמף, וואָס די מענטשהייט האָט געפירט קעגן זעלביקן שונא, קעגן אַנטי־מענטש, האָבן די געטאָ־קעמפער געהאַלטן פאַר נויטיק צו אינפאָרמירן די וועלט איבער יידישן פיין און יידישער מסירת־נפש. ערב פסח האָט דער שונא געענט־פערט מיט דער טאָטאַלער חיהשקייט, צו וועלכער ער איז געווען פעאיק.

אַלע מאָל ערב פסח...

פיל צרות און פיל ניסים זענען אונז געטאָן געוואָרן אין די ערב־פסח׳ס און דער פיטן פון דער הגדה רעכנט אויס אַלע צרות און אַלע ניסים פון יענער נאַכט אין זיין „ויהי בחצות הלילה". נישט געקוקט אויף אַלע ניסים, אויף אַלע ווידערשטאַנדן, פּאַסיווע און אַקטיווע, אַלע מסירת־נפשן, איז פאָרט איין זאַך געבליבן — די אייביקע שנאה פון אייביקן המן צם אייביקן ייד, און דער פיטן פון דער הגדה זאָגט עס אין איין שורה: שנאה נטר אגגי וכתב ספרים בלילה — אַ שנאה האָט המן אָפּגעהיט יענע נאַכט, אַזוי ווי אַלע המנס.

נצח יידישקייט

עס איז געקומען פרעה אין ערב פסח. עס איז געקומען דער צלם אין אַלע ערבֿ־פּסח'ס פון הונדערטער יאָרן; עס איז געקומען די ברויניגע פּעסט אין ערבֿ־פּסח און עס איז געקומען די פּראָגרעסיווע שנאה אין ערבֿ־פּסח.

דאָ זענען מיר עמפּינדלעך און דאָ וויל מען אונז שלאָגן. דאָ גייט נישט אין רעליגיע, נישט דעם שונא און נישט אונז גייט עס אין רעליגיע; עס גייט אין שלאָגן יידן ווען זייערע הערצער זענען אַמפּילבאַרסטן, און פּסח איז זייער עמפּינדלעכסטע צייט, נישט אַלע יידן ווייסן אפשר דערפון, אָבער זיי, די פיינט, ווייסן יאָ דערפון!

פּסח איז זייער יום־טובדיקסטער יום־טוב, זייער אינטימסטער טיש. הונדערטער יאָרן האָבן יידן געציטערט אין זייערע היימען אין דער פּסח־נאַכט. ביי זייערע טישן, מען זאָל זיי חלילה נישט אונטערוואַרפן קיין שגץ, אַ ספּעציעל געשאָכטענעם צו דעם צוועק אויף אונז צו וואַרפן די שולד פון זיין בלוט און זיין מאָרד. און אַט זיצן ווייטער יידן אין פאַרמאַכטע שטובן אין די סאָציאַליסטיש־פּראָגרעסיווע לענדער, ווו ס'איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישט פאַראַן, און ציטערן אויף וויפיל זיי זענען יידן און מוזן טועם זיין אַ שטיקל מצה, אַ שלוק וויין. זיצן זיי און ציטערן: דער שכן קען דערשנאַפּן. ער קען מסרן, און איין זאַך זענען זיי זיכער מקיים: זיי עסן מרור צו דער זעט!

די דאָזיקע ביטערניש וואָס איז אונז צוגעטיילט געוואָרן פון אַלע רשעותדיקע רעזשימען, פון אַלע פּורעניות, פון אַלע סטאַלינס, פון אַלע מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע כרושטשעווס, אַט דעם דאָזיקן מרור וועלן יידן עסן מיטן פולן מויל, נישט ווייל זיי זענען פרום, נישט ווייל רעליגיע איז זייער גאַנצע יידישקייט, נאָר ווייל זיי זענען פאַרמשפּט צו זיין שקלאַפן. דער פּראָגרעסיווער גוי האָט שוין אויסגעפונען זיין אייגענעם הבה נת־חכמה, זיין פּראָגרעסיווע אויסגעקליגלטקייט, זיינע המצאות צו קענען פאַר־זעצן די אַלטע אייביקע שנאה אין די פּסח־טעג.

מצות? יאָ, אָבער נישט אין אונזערע הייליקע פאָלקס־בעקערייען! די טריפה'נע זשידאָווסקע מצות טאָרן נישט געבאַקן ווערן אין די סאָציאַ־ליזירטע פאָלקס־אויוונס! און אפשר זענען גאָר די יידישע מצות געמישט מיט פּראָלעטאַריש בלוט? ניין! דעם דאָזיקן מאָטיוו האָט נאָך דער שעף פון אַלע פּראָלעטאַריער נישט צוגעטראַכט און די פּראָגרעסיווע וועלט דאַרף עס נישט נאָכצוזאָגן.

ל. דאָמאַנקעוויטש

פאַר אונז בלייבט בלויז די אַלטע תפילה, אָדער גיכער די לאָזונג: שפוך חמתך על הגויים אשר לא ידעוך, ועל הממלכות אשר בשמך לא קראו: „גיס אויס דיין צאָרן אויף די פעלקער, וואָס קענען דיך נישט און אויף די קעניגרייכן, וואָס רופן נישט אין דיין נאָמען, וואָס פעלשן דעם נאָמען פון פראָגרעס, פון ציוויליזאַציע און הומאַניזם און מאַכן דעם באַגריף פון סאָציאַליזם און הומאַניזם צו שאַנד און צו שפּאָט״.

איך האָב נעכטן באַקומען אַ נייעם נומער „דווקא״, אַן עקזעמפּלאַר פון דער באַקאַנטער פילאָזאָפישער אויסגאַבע, וואָס דערשיינט אין אַרגענטינע. דער נומער איז געווידמעט דער פילאָזאָפיע פון אַ יידישן דענקער פון פאַר־היטלעריסטישן דייטשלאַנד. דער דענקער, ערנסט קאַסירער, אַ פּליט אין אַמעריקע, איז פריער געווען געגנוג ווייט פון יידישן געדאַנקן־גאַנג. און ערשט אין די היטלער־צייטן האָט ער געמאַכט די אַנטפּלעקונג, אַז יידישקייט איז אייגנטלעך אַ הומאַניזם, וואָס שטערט די גויאישע גויים. און ער זעט אין היטלעריזם, דעם גרעסטן שונא פון הומאַניזם, אַ באַרעכטיקטן שונא פון יידישן פאָלק, וואָס איז דער אויסדרוק פון הומאַניזם.

דער נאַצי איז געבראָכן, אָבער די שנאה צו יידישער מענטשלעכקייט שטערט ווייטער די שונאים פון הומאַניזם. כרושטשעווס שנאה צו יידישע מצות, זיין באַשולדיקונג קעגן יידישע שולן, ווי נעסטן פון שפּעקולאַציע, איז די זעלביקע שנאה צו יידישער מענטשלעכקייט, צו הומאַניזם, צו יידישער בענקשאַפט נאָך פרייהייט, צום יידישן רעוואָלט קעגן אייביקן: עבדים היינו.

און אונזער שפוך חמתך באַציט זיך נישט בלויז אויף פּראָגרעסיווע גויים, נאָר אויך און נאָכמער אויף פּראָגרעסיסטישע יידן, „וואָס האָבן אין דיין נאָמען נישט גערופן״, נאָר האָבן אַקצעפּטירט די שקלאַפעריי און דעם שקר. און ווי אויפן רשע פון דער הגדה, קענען מיר אויפן פאַלשן פּראָגרעסיוון ייד זאָגן: „אילו היה שם לא היה נגאל״, ווען ער וואָלט דאָרטן געווען, וואָלט ער נישט געוואָרן אויסגעלייזט.

ליל התקדש החג

(צוויי דערמאָנונגען)

יידן מיט נוסח, יידן מיט געשמאַק פאַר יום־טובדיקייט אין לעבן, האָבן געקענט דעם טעם פון דער ערשטער נאַכט יום־טוב ביי יידן, פון דער נאַכט, ווען עס פאַרמירט זיך, ס'הייליקט זיך די פייערלעכקייט, ליל התקדש החג. צי דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט פון פסח, צי ליל שמורים, אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל אָפּגעשיידקייט פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, מיט אַזוי פיל געשיכטע, מיט אַזוי פיל לעגענדע, צי דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט פון סוכות, די ערשטע נאַכט פון זמן שמחתנו און פון לולב, פון אתרוג, פון שמחת בית השואבה, פון הושענא רבה, האָט מען תמיד אין דער ערשטער נאַכט געשפּירט די פרישקייט, דעם אַריינגאַנג אין דער יומטובדיקייט, וואָס וועט אָנהאַלטן אַ וואָך, און וועט נערן מיט הייליקייט די וואָכן־טעג פון די קומענדיקע קאַלטע זעקס חדשים.

עטלעכע דערמאָנונגען טויכן אויף אין זכרון:

אַ קאָנצערט־אָוונט אין לאָדזשער פילהאַרמאָניע: דער גרויסער זאַל, און באַזונדער דער ערשטער שטאָק, די גאַלעריע, איז אויסגעפילט מיט אַ הערלעכער ענטוזיאַסטישער יידישער יוגנט. מען שפּילט טשאַיקאָווסקיס 4־טע סימפאָניע. ווען אין אַ געוויסן מאָמענט נעמט אַ באַקאַנטע מעלאָדיע גיין העכער און העכער אין אַ האַרמאָניע פון כסדרדיקער שטייגערונג, דער־נענטערט זיך צו מיר מיין נאָענטסטער חבר, דאָווטשע העכט, און שעפּטשעט מיר אַריין אין אויער מיט עקסטאַז: ליל התקדש החג.

אָט דער חבר מיינער, אַ פייער־פלאַמיקער יונגער בחור, וועמענס שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, האָבן תמיד אויסגעדריקט באַגייסטערונג און פייערלעכקייט, איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע אויפן וואַר־שעווער אוניווערסיטעט. מיר זענען שוין ביידע געווען אַרויס פון די ווענט

ל. דאָמאַנקעוויטש

פון בית־מדרש און שטיבלעך; ער, מיין חבר, האָט זיך שנעל איבערגעוואָרפן אויף וועלטלעכע שטודיעס און איצט האָט ער גוט געקענט דעם טעם פון לערנען תורה צווישן „ענדעקישע" קאָלעגן אין פּוילישן הויכן בית־המדרש.

באַלד אין די ערשטע חדשים פון פּוילנס באַפרייאונג נאָך דער ערש־טער וועלט־מלחמה, ווען פּוילישע סאָלדאַטן, נאָך האַלב־ציוויל, האַלב־מילי־טעריש אָנגעטאָן, האָבן מאַרשירט מיט פּאַרריסענע גאווה אין די גאַסן און מיט פריילעכער צעלאָזנקייט געזונגען „לייבוש", אַן אַנטיסעמיטישן קופּלעט וואָס לאַכט אויס דעם פּחד פון יידן פאַר מלחמות, פלעגט מיר מיין חבר זאָגן: ווען מען זאָל זיי לערנען זינגען דעם טעקסט פון שילערס „אַלע מענטשן זענען ברידער", וואָס בעטהאָווען האָט אַריינגענומען אין זיין ענטוזיאַס־טישער 9־טער סימפאָניע, וואָסערע מענטשלעכע וועלט וואָלט געקענט זיך אַרויסוויקלען... ווי אַנדערש אינגאַנצן ווי די, וואָס איז צו דערוואַרטן פון „לייבוש".

די ליבשאַפט פון נאָענטסטן חבר מיינעם צו מוזיק און צו יום־טוב־דיקייט אין לעבן, איז געווען אין לשער. זיין צוגעבונדנקייט און פאַרוואָר־צלטקייט אין יידישן לעבן און אין יידישקייט — נישט קלענער, און דער פייערלעכער מאָמענט אין קאָנצערט־זאַל האָט אים אָנגעוואָרפן אַ פאַר־גלייך, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין אַ טיף־שורשדיקער אינטערפּרע־טאַציע. מיר איז אָט דער פאַרגלייך צווישן אויפשטייג אין דער מוזיק און דער שטייגערונג פון יום־טובדיקייט געבליבן אין זינען ביז היינט.

איך האָב פון אָט דעם יוגנט־חבר באַקומען אַ לעצט קאַרטל פון ביאַ־ליסטאָק אין האַרבסט 1940. ער האָט זיך, שרייבט ער מיר, אַרויסגעריסן פון לאָדזשער גיהנום, און ער אַרבעט איצט אין ביאַליסטאָקער סאָוויעטישן ראַ־דיאָ. מען האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז ער און זיין פרוי (אויך אונזערס אַ לאָדזשער פריינדין) וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון די לאָדזשער הירש־פעלד'ס, זענען אויף די וועגן קיין רוסלאַנד פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשע בעסטיעס און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

באמת, עס האָט צווישן דעם חיה'שן הענקער און זיין אידעאַליסטישן קרבן נישט געקענט זיין קיין אַנדערער אויסוועג. לאָמיר זיי דאָ דערמאָנען אין מאָמענט פון ליל התקדש החג.

**
*

אַ צווייטע דערמאָנונג: עס איז די ערשטע נאַכט סוכות: די געוויינ־לעך געגוג אָרעמע קאָמער פון גערער שטיבל אין מיין געבוירן־שטעטל, קרושניעוויץ, זעט מיר היינטיקן אָוונט אויס, מיט איר געוואַשענעם דיל, אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד, נאָך די שווערע טעג פון סליחות, פון ימים נוראים, ווי אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ, און דער ריינער פּרוכת און די געהאָפּ־טענע דעקן אויף דעם „שולחן" און עמוד — כיריעות שלמה.

עס איז צווישן מנחה און מעריב, באַלד וועט מיין זיידע, וועמען עס געהערט די חזקה אויף אַלע גרויסע יומים־נוראימדיקע און יום־טובדיקע מוסיפים און אַלע פייערלעכע מעריבות פון די ערשטע נעכט יום־טוב, אָנ־הייבן זיין פייערלעכן „ברכו", אָבער דערווייל גרופּירן זיך אַלע שאַרפע יונגעלייט און עלטערע למדנים, אַרום מיין עלטער־פעטער, דעם גרויסן למדן און שאַרפן חסיד ר' רפאל קאָלסקי צו „שמועסן און לערנען".

אין שטעטל רופט מען אים ר' פוליע, און דער דרך־ארץ צו זיין תורה איז אַ געוואַלדיקער אין אַלע קרייזן און שיכטן פון שטעטל. פורמאַנעס, וואָס זענען בדרך כלל נישט קיין גרויסע מבינים אויף תורה שטעלן זיך גלייך, ווען ער גייט אַדורך די גאַס און באַהאַלטן, קינדעריש־שעמעוודיקע די בייטשן אונטער די כאַלאַטן, און דער פּוילישער דאָקטאָר, וואָס איז געוויינלעך נישט קיין אוהב ישראל, האָט ליב איבערצוחזרן: „סטאַרי קאָלסקי, טאָ יעסט פּאָלסקי זשיד".

און אָט זיצט איצט דער גרייז־גראָער למדן אויבן אָן דעם לאַנגן טיש. די אויסטערלישע שניי־ווייסקייט פון זיינע האָר און באָרד מילדערן זיין גע־וויינלעכע קפּדנישקייט און דער שטריימל, וואָס זיצט אויף זיין זייער ווייסן קאָפּ ווי אַ כתר מלכות און די זיידענע זשופּיצע, שטריימל און שוואַרצער גאַרטל, וואָס מאַכן נאָך בולטער די ווייסקייט פון אַ טויב, גיבן אים צו אַ מאַיעסטעטישקייט, וואָס איז כולו אומר כבוד.

ווער עס האָט אין אַזעלכע פייערלעכע אָוונט געזען דעם אַלטן למדן, וואָס האָט מיט אַלע זיינע געמאָסטענע זשעסטן, געוויגענע רייד און גע־לאַסענע שריט, אויסגעזען ווי ער גרייט זיך באַלד אויפצונעמען די אוש־פּיזין עילאין, די הויכע געסט, די אבות און די רבי'ס אין דער סוכה, האָט דערפילט בחוש די פולע אַטמאָספערע פון ליל התקדש החג.

אָט דער עלטער־פעטער מיינער, דער חסיד, באַרימט אין האַלב פּוילן מיט זיין למדנות, איז געווען אַ לא פסק פומיה מגרסא, קיינמאָל נישט אָפּ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

געוועגדעט זיין אויג פון ספר און פון דער גמרא. און ווען זיינע ברילן האָבן נישט מער געהאַט גראד ווי איין גלעזל, איז ער געזעסן מיטן איינציקן גלעזל אין דער האַנט און אַ האַלבן ברענענדיקן ציגאַר אין דער צווייטער און געלערנט שטיל און געלאַסן מיט אינערלעכער התלהבות.

אָט די צוויי געשטאַלטן, איינער — מיין גרויס־שטאָטישער נאָענטסטער יוגנט־חבר, דער צווייטער — מיין שטעטלדיקער, מאַיעסטעטישער פעטער; איינער אַ שוואַרץ־פייערדיקער ענטוזיאַסט, דער צווייטער אַ טויבן־ווייסער געלאַסענער חסיד; איינער מיטן ניגון פון סימפאָניעס, דער צווייטער מיטן ניגון פון דער גמרא, זענען זיי ביידע געווען דערהויבענע גייסט־מענטשן, יעדער אויף זיין שטייגער. ביידע קומען מיר אויף אין זכרון ווי סימבאָלן פון דער שורשדיקער יידישקייט, וואָס איר קאָלעקטיווער שאָטן מאָנט ביי אונז כסדר דערמאָנונגען. און דווקא אין זמן שמחתנו.
כי אעלה אתכם על ראש שמחתנו.

מתן־תורה — אַקט פון גייסטיקער באַפרייאונג

מיר ווייסן אַז אַזעלכע דריי גרויסע ימים־טובים, די שלוש רגלים, זענען אין זייער אור־כאַראַקטער געווען נאַטור־פייערונגען. אָבער נאָך אין די אורצייטן איז צו זיי באַהאַפטן געוואָרן דאָס גרויסע נאַציאָנאַלע געשעעניש פון יציאת־מצרים. אָבער אין דער צייט, וואָס פסח — דער חג האביב, דער יום־טוב פון פרילינג, איז געוואָרן דער צענטער פון דער גרויסער געשעעניש, דער טאָג גופא פון יציאת מצרים, ווען מיט דעם חג האסיף, יום־טוב פון איינזאַמלען אין די שייערן פון אַלע תבואות און פרוכטן, איז געוואָרן דער אָנדענק פון סוכות, פון דיביידלעך, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער מדבר ביים אַרויסגאַנג פון מצרים, אין דער צייט, זאָגן מיר, וואָס פסח און סוכות האָבן שוין אין דער תורה גופא באַקומען זייער דאָפּלטן באַדייט, פון נאַטור און געשיכטע, איז שבועות דער חג הקציר, דער יום־טוב פון שניט, געבליבן אין דער תורה אַ ריינער נאַטור־יום־טוב אָן פאַרבינדונג מיט גרויסע נאַציאָנאַלע אַקטן. דאָ איז געקומען די מסורה און תלמודישע אגדה און האָבן צום דאָזיקן יום־טוב אָנגעשלאָסן דעם גרעסטן אַקט נאָך יציאת־מצרים — דעם אַקט פון מתן תורה. פסח איז זינט דער דאָזיקער מסורה בלויז דער טאָג פון פיזישער, פון אויסערלעכער באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט, שבועות אָבער — דער טאָג פון גייסטיקער, פון אינערלעכער באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט.

וואָרים עס איז דאָך נישט גענוג בלויז באַפרייט צו ווערן פון פרעמדן יאָך, כדי צו זיין אַ פריי פאָלק, וואָס קאָן פאַרוואַלטן מיט אַ פריי לאַנד; דערצו מוז עס ערשט נאָכאַמאָל באַפרייט ווערן פון אייגענער קנעכטשאַפט, פון דער שווערסטער פון אַלע קנעכטשאַפטן — פון דער אינערלעכער. ערשט מתן־תורה מאַכט דאָס שקלאַפן־פאָלק ראוי און רייף צו ווערן אַן אומאָפּהענגיק פאָלק אין זיין אומאָפּהענגיק לאַנד. אין מאָדערנע טערמינען גערעדט: נאָך דעם פּאָליטישן אַקט פון אומאָפּהענגיקייט, איז געקומען

ל. דאָמאַנקעוויטש

דער גייסטיק־קולטורעלער אַקט, וואָס איז די אויסשליסלעכע מאָס, לויט וועלכער די גרויסקייט פון פעלקער ווערט געמאָסטן.

אָן מתן תורה, וואָלט דער אַקט פון יציאת־מצרים נישט געווען פאַר־דינט אין דער מאָס, אַז ער זאָל טויזנטער יאָרן באַהאַלטן ווערן אין נאַציאָנאַלן זכרון. אַזוי האָבן עס פאַרשטאַנען אונזערע נביאים, ווען זיי האָבן שפּעטער געזאָגט (עמוס, ט׳): „ווי די כושים זענט איר מיר, זאָגט גאָט, די יידן האָב איך אַרויסגעצויגן פון מצרים און די פלישתים פון כפתור און ארם פון קיר״.

אייער אויסדערוויילטקייט, הייסט עס, שטאַמט דאָך נישט פון יציאת־מצרים, וואָרים איך האָב דאָך אויך אַנדערע פעלקער באַפרייט פון שקלאַ־פעריי: די פלישתים פון כפתר און די אַראַמעער פון קיר.

און אַפילו דער אַקט פון מתן־תורה גופא וואָלט נאָכנישט געווען קיין גרויס וועלט־געשעעניש, וואָס זאָל בלייבן אויסגעקריצט אין די לוחות פון אייביקייט, ווען די געזעצן פון דער תורה זאָלן בלויז זיין די נאַטירלעכע ערד־ און מלוכה־געזעצן פון יעדן פאָלק אין יענער צייט, ווען די תורה הייסט עס, וואָלט בלויז געווען דער נאַציאָנאַלער קאָדעקס פון יידישן פאָלק צו קענען פאַרוואַלטן מיט אַ מלוכה (צו וואָס ברוך שפּינאָזאַ רעדוצירט די געזעצן פון דער תורה אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט״ מיט זיין באַהויפּטונג, אַז די געזעצן וואָס גאָט האָט אַנטפּלעקט משה׳ן זענען געווען נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי די מלוכה־רעכט פאַר שבטים און נאָר פאַר זיי אַליין. אַז קיינער אויסער די העברעער, איז נישט געווען מחויב זיי אָפּצוהיטן און אַפילו די יידן אַליין זענען צו זיי געווען פאַרפּליכטעט בלויז אין זייער מלוכה״).

אין דער אמתן זענען אויך פיל סאָציאַלע געזעצן, די געזעצן פון יובל (פון אומקערן די פאַרקויפטע נחלות נאָך פופציק יאָר צום אייגנטימער) און די, וואָס האָבן רעגולירט די יאָרן פון קנעכטשאַפט (עבד עברי), שוין געשטאַנען פיל העכער ווי די געזעצן פון אַנדערע פעלקער אין זייערע לענדער. אָבער די עשרת הדברות און דער מענטשלעכער גייסט, וואָס איז דורך זיי געקומען צום אויסדרוק, האָבן דער עיקר געגעבן דער תורה איר אייביקייט־כאַראַקטער און איר אוניווערסאַלקייט, צוליב וואָס סיי זי אַליין, סיי דער אַקט פון יציאת מצרים, וואָס האָט דעם אַקט פון מתן תורה דערמעגלעכט, זענען געוואָרן ראוי און רייף פאַרגעדענקט צו ווערן אויף אַלע זייטן.

נצח יידישקייט

דערמיט האָט דאָס קליינע מדבר־פאָלק, האָבן די שבטים, וואָס זענען אַקאָרשט אַרויס פון שקלאַפעריי, פאַרלייגט דעם יסוד פון אַן אַלגעמיינעם מענטשהייטס־געזעץ. דערמיט האָט עס זיך אויסדערוויילט און די אויסדער־ווײלטקייט פאַרדינט און באַשטעטיקט.

די יידישע מסורה האָט פון אַלע צייטן אַן פאַרשטאַנען דעם אַקט פון מתן־תורה ווי אַן אַל־מענטשלעכן און פאַר אַלע פאַרפליכטנדיקן. פאַר־שידענע אגדות זאָגן דערויף עדות. פאַרוואָס, זאָגט די אגדה, איז די תורה געגעבן געוואָרן אין דער מדבר און נישט אין ארץ־ישראל? און זי ענט־פערט: כדי די פעלקער פון דער וועלט זאָלן זיך נישט קענען פאַרענט־פערן, אַז זיי היטן נישט אירע געבאָטן, ווייל זיי זענען דאָס אייגנטום בלויז פון יידן. אַן אַנדערע אגדה זאָגט: די עשרת הדברות זענען געזאָגט געוואָרן אין אַלע זיבעציק לשונות אין דער זעלבער מינוט. יעדעס פאָלק האָט בכן אין זיין אייגענער שפּראַך געקענט דערהערן אַלע צען געבאָטן אין זעלבן מאָמענט ווען זיי זענען אויסגעדונערט געוואָרן אויפן באַרג סיני. אָט די אגדה האָט אויך דעם זעלבן זין: קיין שום פאָלק האָט נישט קיין רעכט זיך צו באַפרייען פון יאָך פון די עשרת־הדברות אונטערן אויסריד, אַז נישט צו אים זענען זיי געווענדעט געווען, און געזאָגט געוואָרן. אונזער אגדה האָט מיט דער דאָזיקער באַהויפּטונג געהאַט צוויי כוונות: ראשית, אַז די „לאָ׳ס״: דער „לא תרצח״, דער „לא תגנב״, דער לא תנאף״ און די אַנדערע זענען פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע מענטשן אין אַ גלייכער מאָס, אָבער אויך אין דער זעלבער צייט די אונטערשטרייכונג פון יידן, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן זיך מטריח געווען, זיך איינצוזאַמלען ביים באַרג סיני. זיי זענען דערמיט געבליבן די טרייע דעפּאָזיטאָרן פון אַלמענטשלעכן געזעץ.

שבועות איז טאַקע געבליבן דער יום־טוב, וואָס צום ווייניקסטן ענג־נאַציאָנאַל. מיט דעם יום־טוב זענען נישט פאַרבונדן קיין שום ספּעציעלע נאַציאָנאַלע חוקים, ווי דעם יום־טוב פון מצות אָדער פון סוכות. ער איז דער לייכטסטער זין פון געזעצן און מנהגים, הגם נאָכגייענדיק דער מסורה פון מתן תורה האָט ער באַדאַרפט צו זיין דער העכסטער און אָנגעלאָ־דנסטער יום־טוב. ער איז געבליבן ביי זיין אידיליש־ערדישן כאַראַקטער, וואָס די תורה האָט אים געגעבן אין דעם אוניווערסאַלן געזעצלעכן, וואָס די מסורה האָט אים אָנגעשלאָסן.

...כדי אייערע דורות זאָלן וויסן, אַז אין סוכות האָב איך באַזעצט די בני־ישראל...

דער טאָג פון ראש־השנה ווערט אין דער תורה ספּעציעל אונטערגע־שטראָכן ווי אַ יום־הזכרון, ווי אַ טאָג פון געדעכעניש, אין דער אמתן זענען אָבער אַלע ימים טובים טעג פון געדעכעניש, אַלע האָבן זייער סימבאָלישן כאַראַקטער און אַלע זענען זיי אָנגעפילט מיט דערמאָנונג.

„למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים״: אין סוכות זאָלט איר זיצן אַלע איינוווינער פון לאַנד זיבן טעג. כדי עס זאָל וויסן אייערע דורות, אַז אין סוכות האָב איך באַ־זעצט די קינדער פון ישראל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים.

דער עיקר ווערט דאָ באַטאָנט דער „למען ידעו״: כדי זיי זאָלן וויסן. וויסן, זיך דערמאָנען, געדענקען איז דער יסוד און דער סוד פון דורות, פון קיום. מיט דער וואָרענונג פון געדענקען, האָט עס זיך אָנגעהויבן: זכור ברית אברהם... און דער עלעמענט פון געדענקען איז געווען און געבליבן דער זין פון יידישן זיין. דאָס וואָס שמידט צונויף די ווייטע אָנהויבן מיטן איצט און עפנט די אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן פון עתיד.

אָבער פון אַלע ימים טובים איז דער סימבאָל פון סוכה, פון אַ דירת־ארעי, פון פּראָוויזאָרישקייט, געווען דער תמיד און איז נאָך אַלץ געבליבן דער צומייסטנס צוגעפּאַסטער צו די אייביקע יידישע אומשטענדן. דער סימ־באָל וואָס דערמאָנט אונז מער ווי אַלע אַנדערע אין דער אַנדערשקייט פון אונזער זיין, די אומסטאַבילקייט פון דער עקזיסטענץ זענען געווען פּראָפּאָר־ציאָנעל צום געפיל פון יידישקייט, וויפל מער עס איז דאָס ערשטע, אַלס עכטער איז געווען דאָס צווייטע.

אין דורות און צייטן פון סטאַבילקייט, פון אַ געפיל פון זיכערקייט, האָט זיך אַלעמאָל אונזער וואַכזאַמקייט אָפּגעשוואַכט. אויף וויפל אַ יחיד אָדער אַ קיבוץ אין דער וועלט האָט זיך געפילט קאָנסאָלידירט און פאַראַנ־

נצח יידישקייט

קערט אין ים פון אַרום, אויף אַזויפיל איז זיין נאַציאָנאַל געפיל אָפּגעשוואַכט און אָפּטמאַל אויסגעוואָרצלט געוואָרן. דאָס גערזאָגטע מיינט נישט אַקעגנצושטעלן ישראל קעגן גלות, איז דאָך סוכות געגעבן געוואָרן „פאַר אַלע איינוווינער פון ישראל״, דווקא דעמאָלט, ווען די בני־ישראל זענען אַריבער פון פּראָוויזאָרישקייט צו באַזעסנקייט. דאָס מיינט אָבער, אַקעגנשטעלן פאָלקס־זכרון קעגן פאַרגעסן, אַקעגנשטעלן נאַציאָנאַל־קאָלעקטיווע פערזענלעכקייט אַקעגן אומהיסטאָרישקייט און אומפּערזענלעכקייט, אַקעגנשטעלן דעם שות־פותדיקן, אין זכרון אייינגעהאַלטענעם פאָלקס־גורל, אַקעגן דער קאַפּיטולאַציע פון נישט־זיין.

נישט בחינם טרעפן מיר אויף דעם געבאָט פון געדענקען אַזויפיל וואַריאַנטן שוין אין דער תורה גופא: זכור, למען תזכרו, למען ידעו, והגדת לבנך, א. א. וו. געדענקען הייסט האָבן אַ געשיכטע, הייסט ווערט זיין אַ געשיכטע, הייסט — מיטן עבר און קעגנוואַרט אָוועקוואַנדערן אין דער צוקונפט.

מיט אונזער זכרון קומט מיט אונזער יחוס, קומט מיט אונזער אידייע, וואָס מיר האָבן אַקעגנגעטראָגן די פעלקער גלייך אין אָנהויב פון אונזער דערשיינען אויף דער פעלקער־אַרענע. מיט דעם אַלעם און מיט אונזערעליידן פון נעכטן, דעם ווייטן נעכטן און דעם נאָענטן נעכטן קומען מיר און מאָנען אונזער חלק צווישן פעלקער און צווישן לענדער. אונזערע רעכט נישט צו אַסימילאַציע, נישט אויף צו פאַרשווינדן אין בויך פון מערהייטס־פאָלק, נאָר אויף רעכט צו בלייבן ווי אַ פאָלק, דאָס וואָס מיר זענען, און ווי אַ פאָלק וואָס באַנייט די געשיכטע אויף זיין היסטאָרישער ערד מיטן יחוס פון קדמונים און מיט דער דערפאַרונג פון היינט.

דער יום־טוב סוכות האָט אויך גלייך אין דער תורה באַקומען אַ צווייטן סימבאָל אין די זעלביקע ראַמען פון געדענקען און דערמאָנונג: די ארבעה מינים. ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל. „און איר זאָלט זיך נעמען אין ערשטן טאָג (פון סוכות) א פּרי פון פּראַכט־בוים (אתרוג), און אַ צווייג פון טייטלבוים (לולב), און אַ צווייגל פון אַ געפלאָכטענעם בוים (הדס), און אַן ערבה וואָס וואַקסטביים טייך. די פיר מינים האָבן שוין פאַרפליכטעט אין לאַנד, אין ארץ־ישראל גופא, אָבער ווי זיי וואָלטן געוועןצוגעגרייט פאַר אַ פאָלק וועמען עס דערוואַרטן גענוג נסיונות, האָבן זיי ערשט

זייער ריכטיקן סימבאָלישן באַדייט באַקומען אין גלות. דער אתרוג און דער לולב, דער הדס און די ערבה זענען תמיד געבליבן די עקזאָטישע פלאַנצן, וואָס זאָגן עדות, צוזאַמען מיט דער סוכה, אויף אַלטע אָנגעהעריקייטן, פון וועלכע מ׳האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, נישט רעזיגנירט אַפילו אין פרעמדן אַרום.

דער געבאָט פון אתרוג איז געהאַלטן פאַר אַזוי וויכטיק, אַז פרויען און מיידלעך זענען געווען פאַרפליכטעט צו דער מצווה, הגם מצוות סוכה האַלט זיי נישט פאַרפליכטעט. אַ באַווייז, ווי ערנסט עס איז באַטראַכט געוואָרן דער חוב פון יעדן יידישן מאַן, יידישער פרוי און אַפילו קליינעם יידישן קינד צו דערהאַלטן דעם אָנדענק פון פאַרבינדונג מיט די פּרות און פלאַנצן פון דער ווייטער עקזאָטישער היים און דורך זיי מיט דער היים גופא.

***

סוכות איז בכלל מער געווען געווידמעט דעם לאַנד, דער שמחה פון באַזיצן דאָס לאַנד, און די אינסטיטוציעס פון לאַנד — דעם בית המקדש. די דעפּילאַדעס מיטן לולב און אתרוג אַרום בעלעמער אין די טעג פון סוכות זענען אַ דערמאָנונג און אַ קאָפּיע פון די הקפות אין בית המקדש מיט די פּרות און פלאַנצן פון לאַנד, בעת די אַרומקרייזונגען האָט מען געזונגען הלל און הודו לד׳.

דאָס זעלבע די הקפות מיט הושענות פון הושענא רבה און מיט די ספר־תורה׳ס אין שמיני עצרת (אָדער שמחת תורה) האָבן באַדאַרפט דער־מאָנען די הקפות אַרום מזבח וואָס זענען פאָרגעקומען יעדן סוכות־טאָג, דער צערעמאָניאַל מיטן געזאַנג און אָרקעסטער פון די לוויים, וואָס האָבן אײַ־בערגעחזרט דעם רעפריין „אני והו הושיעה נא״, וואָס ווערט נאָך היינט געזונגען אין הושענא רבה. וועגן „והו״ זענען אגב דאָ פאַרשידענע טייטשן. דער אָנגענומענער איז: איך און ער, ייד און גאָט צוזאַמען אין איין מצב: פריילעך — ווען פרייד; טרויעריק — ווען טרויער.

אין אַלע פייערונגען פון סוכות — סוכה, ארבעה מינים, שמחת בית השואבה, הושענא רבה, שמיני עצרת, האָט דער עלעמענט פון זכרון, פון דערמאָנונג און פאַרבינדונג פון פאָלק מיטן לאַנד און מיט זיין געשיכטע געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל.

אבן גבירולס „כתר מלכות״

אַ פּאָר ווערטער וועגן גרויסן ווערק פון גרויסן דיכטער

לאָמיר דאָס מאָל לאָזן צורו די מיטצייטלערישע דיכטער און פּראָזאאיקער, וועלכע פּאַרטראָגן זייער שווער אַביסל קריטישע באַמערקונגען און אַליין טאָקע זיך אויך אַביסל אָפּרוען און באַרואיקן דורך ווענדן אונזערע בליקן אויף צוריק, צו דער צייט, ווען די יידישע דיכטונג (אין דער העברעאישער שפּראַך) האָט געפינקלט מיט אַ גאַנץ באַזונדערן גלאַנץ און זייער פּאָעזיע איז אַנערקענט און „געדאַוונט״ געוואָרן דורך אַ גאַנץ פאָלק.

וועגן איינער אַזאַ תּפילה־געזאַנג, אָדער ווי מיר וואָלטן זיך היינט אויסגעדריקט „פּאָעמע״, אָדער „אָדע״, פאַרפאַסט פון גאונישן ספרדישן דיכטער פון 11־טן יאָרהונדערט, רבי שלמה אבן גבירול, וועלן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער: „כתר מלכות״, „די קרוין פון קעניגרייך״, האָט גבירול אָנגערופן זיין געזאַנג, וואָס איז אי אַ תּפילה אין נוסח פון די ימים־נוראימדיקע תּפילות, אי אַ פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע פון באַשעפער און זיין באַשאַף, אי אַ פּאָעטיש מייסטערווערק לויט שפּראַך און אינספּיראַציע, און אי אַ פּאָעטיש־פאַנטאַסטישער פאַרמעסט צו געבן אַ בילד פון קאָסמאָס לויט די פאָרשטעלונג און דערגרייכונגען פון יענער צייט.

די גולי ספרד און די קהילות פון די אַראַבישע לענדער האָבן די תּפילות אַריינגענומען אין זייער יום־כּפּור־מחזור און זיי זאָגן „כתר מלכות״ יום־כּפּור, באַלד אין דער פרי, ווי אַ הקדמה צו די פּיוטים און תּפילות פון גרויסן טאָג.

גבירול איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט מאַלאַגאַ. דעם רוב פון זיינע יאָרן האָט ער אָפּגעלעבט אין סאַראַגאָסאַ. געשטאָרבן איז ער אין וואַלענציאַ. ער איז געווען דער ערשטער פון די גאָר גרויסע פּאָעטן, אָבער נישט דער ערשטער אין דער דיכטונג בכלל. פּאַר און מיט אים זענען שוין

געוועןֿ אַזעלכע דיכטער און שפּראַך־מייסטער ווי דונש בן לברט, מנחם בן סרוק, שמואל הנגיד און אַנדערע.

שלמה אבן גבירול, אָדער אַבו סולמאַן, ווי די אַראַבישע אינטעלעקטואַלן פון דעמאָלטיקן אַראַביזירטן שפּאַניע האָבן אים גערופן, איז זייער יונג, צו 16 יאָר, באַרימט געוואָרן ווי אַ גרויסער משורר. ער איז געוואָרן דער זינגער און דער באַוויינער אויף שמחות און טרויער, אין די גרויסע הויפן פון די יידישע שרים. אָבער אַליין איז ער תמיד געבליבן אַ פאַרוויטיקטער און געקרענקטער. פיזיש און גייסטיק אַ סך געליטן און געשטאָרבן ווייט נאָך די דרייסיק יאָר. זיין טויט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך לעגענדעס. לויט איינער אַזאַ לעגענדע, איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַן אַראַבער און אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר האָט זיך צעבליט אַ מאַנדל־בוים, וואָס איז געוואָרן אַלעמענס באַוווּנדערונג. אַ נאָכפאָרשונג וועגן דער פּערזאָן און דעם קבר, אויף וועלכן עס האָט זיך אַזוי צעבליט אַ מאַנדל־בוים, האָט דערפירט צו די שפּורן פון גבירולן און צו זיין מערדער, וואָס איז נאָכדעם אויפגעהאַנגען געוואָרן.

היינריך היינע האָט די לעגענדע באַאַרבעט אין זיינער אַ פּאָעמע.

גבירול האָט געלעבט אָרעם און איזאָלירט, צעקריגט מיט אַלע „גרויסע" פון זיין דור און צווישן זיי אויך מיטן גרויסן שר (מיניסטער) שמואל הנגיד, אַליין אַן אָנגעזעענער פאַרפאַסער פון פיל דיכטונגען. גבירול האָט זיך צו אים באַצויגן מיט פאַראַכטונג און אין זיינס אַ שיר געזונגען:

> אני השר — והשיר לי לעבד,
> אני כינור — לכל שירים ונוגנים.

איך בין אַליין אַ שר — און די פּאָעזיע איז מיר אַ קנעכט. איך בין אַ האַרפע פאַר אַלע זינגער און שפּילער (אַ ווערטער־שפּיל: שר, אַ מיניסטער, און שרים — מיט אַ שין — זינגערס; און נישט שרים — סאַרים — מיניסטאָרן, פון שר).

אַלס זיין קרוין־ווערק איז פאַררעכנט דער דערמאָנטער „כתר מלכות", ווו די פּאָעטישע, שפּראַכלעכע און געדאַנקלעכע שפּע איז באַזונדער גרויס. ווי אַלע שפּאַנישע דיכטער און פילאָזאָפן, האָט אויך גבירול, טראָץ זיין איינגעבוירענער פרומקייט, נישט געקענט שלום מאַכן מיט די גע־

פערלעכע „תוארים", אייגנשאַפטן, וואָס ווערן צוגעשריבן גאָט און די פעסטגעשטעלטע און פאַרהייליקטע תפילות פון די ראשונים, ווי למשל האיש הגדול, הגבור, הנורא און אַנדערע.

די יידישע דענקער פון שפּאַניע האָבן, אונטער דער השפעה פון נעאָ־פּלאַטאָניזם, וואָס איז דורך די אַראַבער איבערגעפּלאַנצט געוואָרן אין מיטללענדישן שפּאַניע, געזוכט צו פאַרענטפערן, צו פאַרטייטשן, צו קאָמענטירן די דאָזיקע טערמינען אין די תפילות. אָפּצושאַצן אַנטראָפּאָמאָרפאַזמען, די פאַרמענטשלעכונג פון דער געטלעכקייט, וואָס האָט לויט זיי אַראָפּגעדריקט די מדרגה פון אין־סוף, צו דער שטופע פון הומאַנישער אויפפאַסונג. אין „כתר מלכות" האָט זיך גבירול טאַקע געשטעלט די אויפגאַבע די אַלע באַגריפן פאַר געטלעכער „גבורה" אויסצוטייטשן און דערהייבן:

אתה אחד, ראש כל מנין ויסוד כל בנין.
אתה אחד, ולא כאחד הקנוי והמנוי
כי לא ישיגך רבוי ושנוי
לא תאר ולא כינוי;
אתה חי — ולא מזמן קבוע, ולא מת ידוע,
אתה חי — ולא בנפש נשמה, כי אתה נשמה לנשמה;
אתה גדול מכל מחשבה וגאה מכל מרכבה.
אתה גדול על כל גדולה, ומרומם על כל תהלה.
אתה גבור ולך הגבורה הגמורה;
אשר אין לה שנוי ותמורה.

און אַזוי זעצט רבי שלמה אבן גבירול פאַר אויסצורעכענען אַלע אייגנשאַפטן, וואָס ווערן צוגעשריבן גאָט און ער גיט זיי אַ פילאָזאָפישן אויסטייטש, כדי צו אַנטמענטשלעכן די אומענדלעכע גאָטהייט פון מענטשלעכע אַטריבוטן.

„דו ביסט איינער, דער גרונט פון יעדער צאָל און דער יסוד פון יעדן סדר. דו ביסט איינער, אָבער נישט ווי אַן „איינס", וואָס ציילט זיך און דערוועבט זיך, ווייל קיין שום מערצאָל און ענדערונג איז ביי דיר נישט שייך און נישט קיין אייגנשאַפט און נישט קיין סינאָנים; דו לעבסט, אָבער נישט ווי קיין לעבן פון אַ באַשטימטער צייט און פון אַ באַקאַנטן

טערמין. דו לעבסט — אָבער נישט מיט קערפּער און נשמה, ווייל ביסט די נשמה פון די נשמות, ביסט גרויס, גרעסער פון יעדן געדאַנק און העכער פון יעדן שטאָלץ (מרכבה האָט דאָ זיין געוויינלעכן טייטש — קאָטש, קעניגלעכער שטאָלץ, און האָט אויך זיין מיסטישן טייטש, מעשה מרכבה, אין דער קבלה).

די דאָזיקע פילאָזאָפישע פּאָעזיע, געטאָקט לויט גראַם און ריטם, פול מיט אליטעראַציעס, הויבט זיך אָן ווי אַ תפילה און ענדיקט זיך אין נוסח פון אַ ימים־נוראימדיקער ווידוי מיט אשמתי, בזיתי, געלתי (פּאַרמיאוסט), איז לויטן נוסח פון אשמנו, בגדנו, גזלנו.

נאָך דעם ווי דער פּאָעט־פילאָזאָף באַווייזט דעם אונטערשיד פון דער מענטשלעכער אומענדלעכקייט און נאָכדעם ווי ער גיט אַן אַרומנעמענדיקע שילדערונג פון אַלע מזלות און גלגולים (קרייזן), לויט ווי די אַסטראָנאָמען פון יענער צייט האָבן עס באַגריפן, איז ער ערשט דעמאָלט גרייט פּאָעטיש מתפלל צו זיין און אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַר דעם וווּנדערלעכן באַשאַפער פון וווּנדערלעכן באַשאַף. פאַר זיי, פאַר די דאָזיקע דיכטער און דענקער, זענען די טיטלען פון גאָט, זיינע תוארים געווען פילאָזאָפישע, אָבער גאָט אַליין איז נישט געווען פאַר זיי קיין פילאָזאָפישער באַגריף. ער איז פאַר זיי נישט געווען קיין פאַנטאַסטיש־שפּינאָזיסטישער גאָט, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט דער נאַטור, נאָר אַ גרויסער באַשעפער, וואָס שטייט מחוץ זיין באַשאַף. די נאַטור איז פאַר זיי נישט געווען קיין אימאַנענטע, נאָר אַן עמינענטע. זיי האָבן דעריבער מתפלל געווען צו דער גרויסער אומענדלעכקייט, וואָס האָט נישט קיין שום אייגנשאַפטן לויט דער מענטשלעכער השגה וועגן די אַלע אייגנשאַפטן, אָבער וואָס איז געווען פאַר זיי דער קוואַל פון אַלע אייגנשאַפטן און דער באַשעפער פון אַלע באַשעפענישן.

דער נביא־ווידערשפּעניקער

יונה בן אמתי, דער נביא, אַנטלויפט פאַר גאָט, כדי נישט אויסצופירן די מיסיע, וואָס גאָט פאַרטרויט אים, צו גיין וואָרענען די מענטשן פון גרויסן כרך נינווה, הויפּט־שטאָט פון אשור, זיי רופן צו תשובה, אַז זיי זאָלן נישט אומקומען אין רעזולטאַט פון זייערע זינד און פאַרדאָרבנקייט.

דער נביא האָט נישט קיין חשק אויסצופירן אַזאַ מיסיע. נעמט ער די שיף אין יפו און אַנטלויפט אזש ביז תרשיש... ערגעץ אין די עקן וועלט... אָבער ווו איז נישטאָ גאָט? ער פּאַקט אים אין די טיפענישן פון ים, ברענגט אים צוריק ארויף אויף דער יבשה און ער מוז די מיסיע פון רופן צו תשובה אויספירן.

די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין תנ״ך, אין די פיר קאַפּיטלען, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון מיזאַנטראָפּישן נביא, ווערט געזאָגט אין יום־כיפור צו דער הפטורה פון מנחה. די שייכות פון אינהאַלט פון יונה מיטן טאָג פון פאַרגעבונג, יום־כיפור, איז אַ נאַטירלעכע און פאַרשטענדלעכע. אונז אינטערעסירט אָבער דאָ די טעמע גופא. די באַציאונג פון גאָט צו תשו־בה און פאַרגעבונג, און פון נביא צו די צוויי זעלביקע פּראָבלעמען: מענ־טשלעכע תשובה און העכערע געטלעכע פאַרגעבונג.

אָבער פאַר דעם נאָך אַ באַמערקונג: דער נאָמען פון נביא איז זיכער אַן אַלעגאָרישער און טראָגט אפשר גלייך אין זיך די לייזונג פון די ענינים וואָס ווערן באַהאַנדלט. יונה הייסט אין העברעאיש אויך אַן אָפּנאַרער, בן אמיתי: דער זון פון אמת. שוין גלייך אין נאָמען גופא פון ווידערשפּעני־קער נביא, וואָס וויל זיך אַרויסדרייען פון דער געטלעכער מיסיע צו ראַ־טעווען מענטשן, ליגט די סתירה. יונה וויל נישט אויספירן די שליחות, ווייל ער גלויבט נישט אין דער אויפריכטיקייט פון די בעלי תשובה. אָבער אין דער געטלעכער פאַרטרויאונג פון אַ הויכער שליחות ליגט דער זין פון קעגנערשאַפט צו די הוילע פּרינציפּן אין נאָמען פון אַ העכערן אמת: ראַ־טעווען מענטשן. דער נביא וויל זיך נישט אָפּנאַרן. ער פאָדערט אויפריכטיקע

תשובה. אָבער דער דערציילער פון דער מעשה מיט יונה הנביא האַלט, אַז דווקא דאָס האַלטן זיך אין פּרינציפּן קען אָפּנאַרן. און ער רופט דעם נביא יונה בן אמיתי: „אָפּנאַרער, זון פון אמת, אמיתי". ער נאַרט זיך אַליין אָפּ אין נאָמען פון כלומרשט אמתע פּרינציפּן.

עס לוינט זיך נאָך נענטער אומצוקוקן צו די פּרטים פון דערציילטן אינהאַלט אין ספר יונה הנביא: נינווה איז אַ גרויסער כרך. אירע צוועלף מאָל צען טויזנט איינוווינער זענען אָבער זינדיק און פאַרדאָרבן. זייערע מעשים מוזן זיי סוף כל סוף דערפירן צום אייגענעם אונטערגאַנג. די העכסטע גע־רעכטיקייט וויל דעם אומקום פון אַזויפיל מענטשן פאַרמיידן און ער שיקט דעם נביא וואָרענען, רופן צו תשובה, דערמעגלעכן די פאַרגעבונג. דער נביא וויל נישט אויספירן אַזאַ מיסיע, ער וויל נישט שטראָפן, נישט וואָרע־נען און אַפילו נישט ראַטעווען. זאָל די שטאָט פון זינד אומקומען. ער אַנט־לויפט מיט אַ שיף פון יפו קיין תרשיש.

איז אין תרשיש נישט פאַראַן גאָט? און צו וואָס מוז גאָט האָבן אַ מענטש, וואָס וויל אַהין נישט גיין און האָט נישט ליב קיין בעלי־תשובה? אָבער דאָ גייט טאַקע אין איבערצייגן און באַווייזן יונהן אין זיין טעות. דער נביא אַנטלויפט. משמעות, האַלט ער, אַז אַרויס פון יפו, אַוועק פון די יידישע ברעגעס, פאַרפליכטן אים מער נישט די אויפגאַבן פון אַ נביא. ער וויל נישט זיין קיין שטראָפער און מוכיח פאַר זינדיקע, דערצו פרעמדע.

די העכסטע גערעכטיקייט, די געטלעכע, האַלט אָבער אַז תשובה איז אַ גרויסער ענין און איז גילטיק פאַר אַלע מענטשן. ווען אויף דער שיף קומט צו אַ שטורעם און די מאַטראָזן האַלטן, אַז דאָס איז די שולד פון אַ זינדיקן מענטש, מוז יונה מודה זיין, אַז זיינע איז די שולד און אַז ער איז אַ ייד. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידן, איז אויף אים געקומען. ער מוז רעדן צו פרעמדע און אַליין ווערן דער קרבן פון ווידערשפּעניקייט. די מאַטראָזן וואַרפן אים אין ים אריין. דערמיט, מיטן וואַרפן יונהן אין ים אַריין, ווערן אָבער נאָך אַלץ די חשבונות צווישן גאָט און נביא נישט פאַרענדיקט.

ער ווערט נאָכגיביק. ער ווערט אויסגעשפּיגן פון וואַלפיש, וואָס האָט אים פאַרשלונגען, און ער מוז זיין מיסיע אויספירן. דאָס מאָל גייט ער, רופט צו תשובה. די מענטשן באַקומען מורא. זיי קערן זיך אום אויפן גוטן וועג. אַלץ ווערט צוריק גוט. אַחוץ, די שטימונג ביים מיזאַנטראָפּישן נביא...

„איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַ דערבאַרעמדיקער גאָט" — זאָגט דער גע־קרענקטער נביא איראָניש — „האָב איך דאָך טאַקע גלייך נישט געוואָלט גיין".

יונה דער נביא האַלט נישט פון קיין בעלי־תשובה. אים געפעלט נישט, אַז מענטשן זאָלן קענען זינדיקן, אָפּטאָן אַלדאָס בייז און דערנאָך תשובה טאָן און ווערן ביי גאָט צדיקים. גאָט פּרוווט אים איבערצייגן דורך אַ שפּאַסיקן משל: דער נביא בויט זיך אויס אַ געצעלט אין דעם הייסן מד־בר. אַלס דאָך שפּראָצט אַרויס אַ גרויסע בלאַט, וואָס גיט אים קילן שאָטן. דער בייזער נביא קוויקט זיך אי פון שאָטן, אי פון זיין אָפּגעפונענער איינ־זאַמקייט. אָבער צומאָרגנס קומט אַן אינזעקט און צעפרעסט דעם קיקיון־בלאַט. דער נביא פאַלט אַוועק אַ פאַרחלשטער און בעט אויפן טויט.

גאָט דערשיינט ווידער און פרעגט אים פון וואָס ער איז אזוי גע־קרענקט? איז עס צוליב אַ בלאַט וואָס האָט אים נישט געקאָסט קיין שום מי, וואָס אין איין נאַכט האָט ער געשפּראָצט און אין אַ צווייטער האָט ער געוועלקט? איז עס פון דעם, וואָס ער איז אַזוי פאַרצוקט? און ווי אַזוי־זשע זאָל איך, גאָט, באַשעפער פון מענטשן, נישט זיין באַזאָרגט צוליב אַ מעג־לעכן אונטערגאַנג פון אַזאַ כרך פול מיט מענטשן ווי נינווה און זאָל גאָר־נישט טאָן זיי צו וואָרענען, איידער איך נעם אונטער אַן אַקציע פון פאַר־ניכטונג?

עס איז אַ דערציילונג מיט אַ הויכער אוניווערסאַלער מאָראַל, אומ־אָפּהענגיק פון אָרט, צייט און פאָלק. אַ מוסר השכל מיט אַ נביא, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון זיין באַשטימונג צו זיין וואָרענער. אָבער ווערט צו זיין באַשטי־מונג געשטויסן, ווייל אין דער העכסטער גערעכטיקייט ליגט דאָס געזעץ פון לא אחפוץ במות הרשע כי אם בשובו מדרכו וחיה.

קהלת

ווען ביימער בליען, פייגל צוויטשערן, די וועלט און דער מענטש ווערן פאַריונגערט און באַנייט, זאָגן מיר שיר השירים, דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. אין סוכות־צייט, ווען די לעצטע בלעטער פאַלן פון די ביימער, די הימלען ווערן נידעריק און גרוי, און די פעלדער נאַקעט און אָרעם, ווען עס שמעקט מיט נאַסקייט, פייכטקייט, קעלט און עלטער, ווערן מיר פּילאָזאָפיש געשטימט. עס קומט די צייט פון נאָכטראַכטן. און וועלכע ווערטער זענען אַזוי פּאַסיק צום געמיט פון האַרבסט, ווי די ווערטער פון קהלת: הבל הבלים, הכל הבל? לאָמיר טאַקע אַביסל איבערבלעטערן דאָס מערקווירדיקע בוך, די ווערטער פון גרויסן סקעפּטיקער, פון געזאַלבטן פּעסימיסט, פון קהלת, דעם זון פון דוד, מלך אין ירושלים.

צוויי ספרים זענען דאָ, וואָס זענען נישט אויף דער ליניע פון דער אַלגעמיינער תנ״כישער טענדענץ: איוב און קהלת. אָבער אין דער צייט, וואָס דער ערשטער, איוב, פאַרקלאָגט זיך אויפן גורל פון יחיד און אויף דער אומגערעכטיקייט פון גאָט, וואָס באַצאָלט נישט דעם צדיק לויט זיינע פאַרדינסטן און נישט דעם רשע פאַר זיין רשעות, קלאָגט זיך קהלת אויף גאָרנישט. קהלת איז נישט קיין מתרעם. ער וויל גאָרנישט און האָפט אויף גאָרנישט. ער קאָנסטאַטירט בלויז, אַז אויף דער וועלט הערשט אַ שלעכטער סדר, אָבער אויך די האָפענונג, אַז עס קען בעסער ווערן, איז גאָרנישט ווערט. הבל הבלים הכל הבל.

איוב איז יחידיש, קהלת איז סאָציאַל. ער איז אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ער וויל גאָרנישט איבערמאַכן. ער איז אַ פילאָזאָף־סקעפּטיקער, פול מיט יאוש. אין דער מעגלעכקייט צו קענען איבערמאַכן די מענטשלעכע נאַטור, גלויבט ער נישט. די וועלט איז אַ „מעוות לא יוכל לתקון״. „אַ פאַרקרומעניש, וואָס קען נישט אויסגעבעסערט ווערן״. פון קהלת׳ן וואָלט געווען אַ שלעכטער סאָציאַליסט. צום סאָציאַליזם מוז מען האָבן אמונה. איז טאַקע קהלת זייער ווייט פון גייסט פון די נביאים, פון זייער

ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר צדק און יושר. ער איז די פאַרקערפּערונג פון אפּיקורס. די צווייטע זייט פון אמונה, וואָס האָט שטענדיק באַגלייט דעם יידישן געדאַנק.

נישט געווען דאָס שטעטל, דאָס בית־מדרש, נישט געווען דאָס חסי־דישע שטיבל, ווו נעבן חסידים מאמינים, תמימים און פרומע, זאָל זיך נישט געפונען כאָטש איין אפּיקורס. ער איז געווען ווי דער שאָטן, וואָס באַשטעטיקט, אַז עס איז פאַראַן ליכט. ער איז געווען די צווייטע זייט פון דער מטבע, אָן וועלכער עס וואָלט געפעלט גאַנצקייט. איוב און קהלת, נאָכמער קהלת ווי איוב, זענען געווען די צווייטע זייט — די רעוואָלטירנ־דיקע — פון אַ יידנטום, וואָס האָט דעם עיקר פון זיין נאַציאָנאַלן זשעני, פאַרוועגדעט אויף דעם ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַרן גלויבן, אויף טראָגן אמונה צווישן די פעלקער, אָבער מיט דעם שטענדיק געשאַפן אַ ווינקל פון אפּיקורסישן ווידערשטאַנד.

נישט בחינם האָבן אַ סך קנאים פון די אַלטע צייטן געטראַכט צו באַהאַלטן קהלת (בקשו לגנוז...) און נישט אים אַריינצונעמען אין די כתבי הקודש, אָבער די מסדרים פון תנ״ך האָבן געהאַט מער ווייטזעעוודיקייט. זיי האָבן — און אפשר מיט דער פולער כוונה — פאַר אונז געעפנט אַ פענצטערל צו דער צווייטער זייט פון יידנטום, צו דער עפּיקורעאישער, צדוקישער. קהלת און איוב זאָגן עדות נישט בלויז וועגן זיך, נאָר וועגן אַ גאַנצן שטראָם, וואָס האָט, נעבן הויפּט־שטראָם פון אמונה און רעלי־גיעזיטעט, אויך מיטגעפלאָסן אין דער זייט, און וועגן גאַנצע תקופות, וואָס זענען ווייט נישט געווען אַזוי אמונהדיק „גלייכגעשאַלטעט״...

וואָלט עס די קנאים געלונגען צו באַהאַלטן קהלת, וואָלטן מיר געווען אַ סך אָרעמער, מיר וואָלטן געקענט בלויז איין זייט פון יידנטום, אָבער נישט די צווייטע, די צווייפלענדיקע — די איראָניזירנדיקע, די פילאָזאָ־פישע, די וואָס קוקט מיט אַ לייכטן שמייכל אויף אַלע באַמיאונגען, איינ־רעדענישן פון מענטש.

קהלת איז אָבער ביי דעם אַלעם נישט קיין אַטעאיסט. עס איז נישט געווען אין יידישן כאַראַקטער צו פאַרלייקענען גאָט. ער איז בלויז אַן אפּי־קורס. זיין אַן אפּיקורס איז זייער יידישלעך. אָבער זייער יידיש און אַפילו נאָענט צו די נביאים ווערט קהלת, ווען ער קומט צום שלעכטן

סדר, וואָס די מענטשן אַליין האָבן איינגעשטעלט, דאָרט ווו עס איז געווען אָפּהענגיק פון זיי אַליין: אין סאָציאַלן לעבן.

„און איך זע די רויבערייען, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון און די טרערן פון די באַרויבטע, וואָס האָבן נישט קיין טרייסטער, לויב איך די טויטע מער ווי די לעבעדיקע". און אויף אַן אַנדער אָרט: „אויב רויב און אומגערעכטיקייט וועסטו זען אין לאַנד, וווּנדער זיך נישט איבער דער זאַך, ווייל איינער וואַכט העכער איבערן צווייטן און איבער זיי זענען דאָ נאָך העכערע". אַבסאָלוטע מאַכט, הייראַרכיע און אומגלייכקייט זע־נען אין די אויגן פון אונזער קעניגלעכן אַנאַרכיסט די גורמים פון אַלעם שולעכטן. אָבער נישט גאָט האַלט ער פאַר שולדיק אין שלעכטן סדר.

און דער יידישער עפּיקורייער וואַרפט אָן אַלע גרונט־פּראָבלעמען פון לעבן: סאָציאַלע און אינדיווידועלע, וועגן חכמה און נאַרישקייט, מאַכט און עשירות, אייביקייט און צייטלעכקייט, לעבן און טויט, באַציאונג צו פרויען און אויסדערווײלטקייט פון מענטש און צו וואָסערע אויספירן ער זאָל וועגן זיי נישט קומען, פאַרגעסט ער נישט אין זיין לייט־מאָטיוו: „נישטיק איבער אַלע נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיק".

צווישן חכמה און נאַרישקייט איז זיכער בעסער אויסצוווילן חכמה, אָבער „איין טרעפונג טרעפט אַלעמען. צוליב וואָס ווידער זיין קלוגער פון אַנדערע"? צווישן אָרעמקייט און חכמה הייסט אונזער אַנאָנימער פּי־לאָזאָף, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן קעניגלעכן מאַנטל פון קעניג שלמה, אויסוויילן חכמה. אַזוי לערנט אונז דער אַלטער יידישער פּעסימיסטישער פילאָזאָף הין און צוריק און אַלץ ענדיקט ער מיטן רעפריין: הבל הבלים הכל הבל. ער האָט פאַרן מענטשן נישט קיין פעסטן וועג, אָבער ווי אַ פּי־לאָזאָף, נישט־רעוואָלוציאָנער, רעקאָמענדירט ער זייער „קליינבירגערלעך" אַ מיטל־וועג: זיי נישט צופיל צדיק, אָבער טו נישט קיינעם קיין שלעכטס, זוך נישט צופיל חכמה, אָבער זע צו האָבן די אויגן אין קאָפּ; געניס פון גוטס, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט, אָבער געדענק, אַז זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטער סיי ווען ער עסט ווייניק, אָדער אַ סך, און די זאַטקייט פון רייכן לאָזט אים נישט שלאָפן".

קהלת האָט נישט קיין פעסט־געפאַסטן פילאָזאָפישן סיסטעם אויפן גריכישן שטייגער. ער איז פּאָעט און דענקער. ליריש און פילאָזאָפיש,

סקעפּטיש און זוכער פון יושר, ווערטלעך און דאָך שטרענג יידיש אין זיין אויפריכטיקער פאַרביטערונג איבערן מאַנגל פון רעכט און געזעץ אויף אונזער ערד. די סימפאָניע פון תנ״ך וואָלט נישט געווען קיין גאַנצע, קיין האַרמאָנישע אָן איוב און קהלת. מיר וואָלטן פאַרלירנדיק זיי, פאַר־לוירן אַ טייל פון אַמאָליקן און אייביקן יידישן געדאַנקען־גאַנג. דאָס האָבן די קאַנאָניזירער פון תנ״ך באַגריפן, זענען מיר זיי דאַנקבאַר פאַר לאָזן אונז אַזאַ אייביק מענטשלעכן דאָקומענט פון נשמהדיקער אינטימקייט, פון אַ סיסטעמלאָזן, אָבער דערפאַר נאָכמער האַרציקן פילאָזאָפישן ספר.

קהלתדיקע געדאַנקען

אַז מען שרייבט וועגן אַ בוך שלעכטס — האָט אַמאָל געזאָגט אַ דער־פאַרענער יידישער קריטיקער — שאַפט מען זיך איין שונא; אַז מען שרייבט וועגן אַ בוך גוטס, שאַפט מען זיך אַ סך שונאים... און ווי איז נאָך, אַז מען שרייבט וועגן אַ זאַמלונג וואָס נעמט אַרום צענדליקער מחברים און צענד־ליקער קינסטלער, קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן וויפל „פריינט" מען פאַרשאַפט זיך!

בין איך היינט זייער פעסימיסטיש און זייער סקעפטיש, און מיין פע־סימיזם און סקעפטיציזם פירט מיך גלייך און דירעקט אַוועק צו קהלת׳ן. און אַ גליקלעכער געדאַנק רוקט זיך אונטער: אפשר וועסטו היינט, אין די טעג פון סוף יום־טוב, פון בלעטער־פאַל, און האַרבסטיקער טריב־קייט, אין די טעג ווען ס׳פאָלק מישט אין די אַלטע בלעטער פון אַלטן פילאָזאָף, אויך אַ בלעטער טון אין די הייליקע קאַפּיטלעך פון אַלטן, אַלטן מחבר, דעם דיכטער פון הבל הבלים, הכל הבל?

אגב, האָט דאָס צוויי מעלות: דער מחבר קען שוין מער נישט איג־טערוועגירן, נישט ברוגזן און זיך נישט באַליידיקן. צווייטנס, האָט דאָס קליינע ביכעלע פון 122 קאַפּיטלען שוין אַריבערגעטראָגן אַלע שטורעמס און נסיונות פון דער צייט, עס האָט זיך שוין אַליין אַריינגעקייקלט אין דער אייביקייט און אַפילו זיין אָרט אין תנ״ך ווערט שוין פון קיינעם נישט מער באַשטרייט. וועגן אַזאַ מין ביכעלע קענסטו רערן און שרייבן מיט מער זיכערקייט, מיט מער איבערצייגונג, און אַפילו זאָלסט דערוועגן זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער, זענען שוין נישטאָ די „פריינט" פון מחבר, וואָס זאָלן אויף דיר טראָגן אַ בייז האַרץ.

אגב איז עס אויך אַ באַזונדער אָדערל, וואָס קלאַפּט און וויברירט, קלאַפּט זיך צונויף מיט די האַרץ־קלאַפּעגישן פון פאָלק און מאַכט, אַז מען זאָל, ווי איזאָלירט און אָפּגעפרעמדט מען זאָל נישט זיין אויסערלעך, זיך פילן אומרואיק אין די טעג פון אומרו פון פאָלק, פריידיק אין די טעג פון

זיינע שמחות און ימים טובים און קהלתדיק־סקעפּטיש אין די טעג, ווען דאָס פֿאָלק האָט אויסגעקליבן — דווקא אינמיטן פֿון זמן־שמחתנו — צו לאָזן הערן די מינאָרע טענער פֿון אַ פּעסימיסטישן וועלט־קוק.

מיש איך ווידער די פֿאַרגעלטע בלעטער פֿון אַלטן יידישן פֿילאָזאָף, וועמענס געדאַנקען־גאַנג האָט זיך אַזוי ווייניק געפּאַסט צו דער אַלגעמייער ליניע פֿון פֿרומען יידישן געדאַנקען־גאַנג פֿול מיט אמונה, האָפֿענונג און אילוזיעס — און אויף וואָס איך שטויס מיך דאָס ערשטע אָן: אויף זיין פּסעוודאָנים.

עס וועט דאָך קיינער נישט זאָגן, אַז דער מחבר פֿון די צוועלף זייער איידעלע און זייער לירישע קאַפּיטלעך, וואָס גיט זיך אָן אַלס דער זון פֿון דוד המלך אין ירושלים, האָט טאַקע געהייסן קהלת? דוד האָט אַזאַ זון מיט אַזאַ נאָמען נישט געהאַט. דער מחבר מיט די נישט־דורכשניטלעכע און נישט „אין דער ליניע" אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, האָט זיך בכן באַהאַלטן אונטער אַ גאַרנישט זאָגנדיקן נאָמען ווי „קהלת", „זאַמלונג", אפשר האָט ער מורא געהאַט פֿאַר זיינע קריטיקער און אפשר פֿאַר זיינע פֿריינט, די מחברים פֿון זיין דור? און אפשר האָט אים זיין חכמה אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג זיך אַריינצושמוגלען אין דער אייביקייט, דורך פֿאַרהוילן זיין אמתן נאָמען און פֿאַרמיידן קנאה און שנאה?

אָבער אויך אַזוי האָבן אים נישט געפֿעלט קיין שונאים און קנאים, וואָס האָבן דאָס קליינע הערלעכע ספֿרל געוואָלט באַהאַלטן, און בלויז אַ פּאָר פֿרומע פּסוקים פֿון מחבר אַליין אָדער פֿון די, וואָס האָבן אים אויפֿריכטיק געוואָלט ראַטעווען פֿון גניזה, האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דעם נס, וואָס ער איז אונז געבליבן. אַ קליין פֿרשהלע האָט דאָס זעלטענע ספֿרל פֿאַר אונז געראַטעוועט, לאָמיר נישט גרינגשעצן קיין קאָמפּראָמיסן ווען זיי ראַטעווען דעם עיקר!

איז קהלת טאַקע געווען אַ קעניג אָדער געוועזענער קעניג? אויב ער האָט אפשר נישט פֿאַרמאָגט קיין גאָלדענע קרוין, האָט ער פֿאַרמאָגט אַ גייסטיקע. ער איז געווען אַריסטאָקראַט און עסטעט אין זיין גאַנצן וועזן. און געזאָגט האָט ער: „אייביק זאָלן דיינע קליידער זיין ווייס און קיין בוימל אויף דיין קאָפּ זאָל נישט פֿעלן". „איך בין, — זאָגט קהלת — געווען מלך איבער יידן אין ירושלים", וואָס מיינט: גענוג מעגלעכקייטן געהאַט

ל. דאָמאַנקעוויטש

צו האָבן דערפאַרונג אין מיין שווערן אָמט איבער אַ שווער פאָלק. „איך האָב אויסגעפּרוווט סיי די חכמה, סיי די נאַרישקייט. איך האָב מיך נישט אָפּגעזאָגט פון קיין שום זאַך וואָס מיינע אויגן האָבן געזען. איך האָב גע־האַט גערטנער און פּרדסים, קוואַלן וואַסער און וועלדער, זינגערס און זינגערינס, איין טייוול און אַ סך טייוולטעס"... „פון אַלעם בין איך דער־גאַנגען, אַז אַלץ איז איטל און נאַריש, אָבער אויך אַז די חכמה איז מיט אַזויפיל העכער פון נאַרישקייט, ווי די ליכט פון דער פינצטערניש".

אונזער מחבר איז נישט געווען בלויז עסטעט און פילאָזאָף. ער איז אויך זיכער געווען דער גרעסטער דיכטער פון זיין דור און איינער פון די גרעסטע פּאַראַבאָליסטן און אַלעגאָריקער פון אַלע דורות. אָט ווי אַזוי ער מאָלט די עלטער און שטעלט זי אַקעגן דער יוגנט־צייט: „פריי דיך, בחור, מיט דיינע קינדער־יאָרן, און לאָז ווילגיין דיין האַרץ אין די טעג פון יונגקייט. גיי נאָך דיין האַרץ און דיינע אויגן אָבער ווייס, אַז פאַר אַלעם וועט דיך גאָט ברענגען צום משפּט".

געדענק דעם באַשאַף אין די בחורשע יאָרן איידער עס וועלן אָנקומען טעג פון שלעכטס, און עס וועלן קומען יאָרן אויף וועלכע דו וועסט זאָגן: איך ברויך זיי נישט מער. ביז עס וועט פינצטער ווערן די זון, דאָס ליכט און די שטערן, און די וואָלקנס וועלן זיך אומקערן נאָכן רעגן. דעם טאָג ווען די וואַכן וועלן ציטערן און די מיליטער־לייט וועלן זיך פאַרקרומען. די מילן וועלן זיך אָפּשטעלן און די פענצטער וועלן מאַט ווערן. די טירן אין מאַרק וועלן זיך שליסן און דאָס געזאַנג פון די פייגל וועט פאַרשטומט ווערן". אַזאַ טרויעריק בילד וואָס ער זעט נאָך דערנאָך פאַר, גיט אונזער דיכטער און פילאָזאָף פון מענטש אויף דער עלטער און פאַרענדיקט זיין ווערק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַלע סאָציאַלע און אינטימע פּראָבלעמען פון מענטש, מיטן שטענדיקן רעפריין: הבל הבלים הכל הבל.

און צום סוף גיט ער אונז, שרייבער און לייענער, אַן עצה וואָס איז פאַר אונז אַלעמען זייער וויכטיק: „און מער פון אַלעם, מיין זון, זיי גע־וואָרנט פון מאַכן אַ סך ספרים און פון צופיל לייענען, וואָס איז בלויז מאַ־טערניש". אָבער כדי צו קענען דאָס זאָגן, מוז מען פריער האָבן ווי קהלת אי געשריבן און געלייענט, אי אַ סך געזען, אַ סך אָבסערווירט, און אַ סך דורכגעמאַכט.

ירושלים און אַטען

(געדאַנקען צו חנוכה)

אַ שיינע מסורה, וואָס היסטאָריש איז זי אויף גאָרנישט באַגרינדעט. אָבער סימבאָליש האָט זי אַ טיפן זינען, וויל האָבן, אַז דער נביא ירמיהו און דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָן האָבן זיך געטראָפן אין עגיפּטן.

דער באַוויינער פון ערשטן חורבן האָט זיך געפונען אין מצרים צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל אויסוואַנדערער. נישט קענענדיק מער לעבן און פאַרטראָגן די פּיין און פאַרוויסטעניש אין יהודה, איבערהויפּט די, וואָס איז געקומען נאָך דער דערמאָרדונג פון נאָמינירטן שעף פון בבל, גדליהו בן־אחיקם, נישט וועלנדיק גיין אין לאַנד פון זיגער, אין בבל, ווו ער וואָלט זיכער אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס, ווי דער, וואָס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער פאַרשווערונג פון קעניג צדקיהו קעגן קעניג פון בבל. נישט וועלנדיק, זאָגן מיר, בלייבן אין איינעם פון די צוויי לענדער, יהודה און בבל האָט ער אויסגעוואַנדערט נאָך מצרים. און דאָרט אַזוי דערציילט די מסורה, האָט זיך דער נביא קנאי פון מאָנאָטעאיזם, ירמיהו, געטראָפן מיטן פילאָזאָף פּלאַטאָן, תלמיד פון סאָקראַטעס׳ן, וועלכער איז גראד געווען אין מצרים מיט אַ באַזוך.

וועגן וואָס האָבן געשמועסט דער פאַרביטערטער יידישער נביא, זון פון אַ פאָלק, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּירן דעם טעם פון גלות, מיטן פילאָזאָף פון דער פּאָליטעאיסטישער ציוויליזאַציע, זון פון אַ פרייַ פאָלק אין פולן אויפשטייג? וועגן דעם שווייגט די שיינע מעשה וועגן צונויפטרעף. די ראַנדע־ווו איז דערווייל רעדוצירט צו אַן אינדיווידועלן צונויפטרעף. די צייט פון גרויסן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי ציוויליזאַציעס איז נאָך נישט געווען געקומען. עס האָט נאָך איבער יהודה באַדאַרפט אַריבער די שווערע קנעכטשאַפט פון צענדליקער יאָרן פון מלכות בבל. עס האָט זיך נאָך דעם באַדאַרפט קומען די האַלב־באַפרייערישע אָקופּאַציע פון פרס, אַ האַלב־באַפרייערישע, וואָס איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו קיין גאַנצער צוליב די

אינערלעכע אינטריגעס פון די שכנים פון פרעמדן אָפּשטאַם, צווישן זיי שוין אויך פון אַראַבישע דיגניטאַרן.

ערשט דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די השפּעה פון יון אין גאַנצן נאָענטן מזרח און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן גריכישע קאָלאָ־ניעס און גריכישע שטעט אין סיריע, עגיפּטן און טיילווייז שוין אויך ביי די ברעגעס פון מיטללענדישן ים אין יהודה. דער אַריינדרינג פון דער העל־לעניסטישער ציוויליזאַציע, פון יענער גרויסער „חכמת יון", וואָס האָט זיך צוליב איר אונטערדריקערישן כאַראַקטער שפּעטער אַזוי פאַרפיינדט ביי יידן, אַז זי איז שפּעטער פון די חכמים אינגאַנצן פאַריאָגט געוואָרן אָדער באַגרענעצט געוואָרן ביז צו אַ השפּעה־ווידערשטאַנד־פּעאיקן עלטער ביז 18 יאָר.

וועגן ווידערשטאַנד גופא דערציילט אַ שיינע אגדה אַזוי: די יונים האָבן געצוווּנגען אויפצוצייכענען אויף די שלעסער פון יידישע היימען: „מיר האָבן נישט מער קיין חלק און נחלה אין יידישן גאָט". האָבן די יידן אַרויסגעריסן די שלעסער פון זייערע שטיבער; האָבן די יונים גוזר געווען אויפצוצייכענען די זעלביקע לאָזונגען אויף די הערנער פון די שאָף, האָבן די יידן פאַרקויפט זייערע בהמות. אָט די אגדה, דערציילט אויפן סימבאָ־לישסטן ווי אויפן תמימותדיקסטן אופן, וועגן דעם האַרטנעקיקן פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס די באַפעלקערונג פון יהודה האָט געשטעלט דעם גרי־כישן אונטערדריקער פון יידישן גייסט.

דער אַקטיווער ווידערשטאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שפּעטער, ווען דער קעניג פון העלעניזירטן סיריע, אַנטיוכוס עפּיפאַנוס האָט מיט דער הילף פון יידישע מתיוונים (העלעניסטן) דורך צוואַנג געוואָלט אויסראָטן דעם נאַציאָנאַלן יידישן כאַראַקטער און אָפּמעקן די יידישע ציוויליזאַציע. אָט דעם גרויסן קאַמף, נישט בלויז צווישן צוויי אַרמייען, נאָר צווישן צוויי ציוויליזאַציעס, האָבן די יידישע ווידערשטענדלער געוווּנען. דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ גורלדיקער און דעצידירנדיקער. די יידישע ציוויליזאַציע, קולט און קולטור איז אַרויס פון צוזאַמענשטויס אַ געשטאַרק־טע אויף לאַנגע יאָרהונדערטער, נישט בלויז אין לאַנד יהודה, נאָר אויך אין ווייטן געשיכטלעכן גאַנג אין דער וועלט, וואָס איז דעם פאָלק פאַרגע־שטאַנען און וואָס איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרינגער.

אַטען מוז נאַטירלעך אויך פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ באַגריף, ווי אַ סימ־

באָל: נישט בלויז די העלענער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער יידישער ציווילירזאַציע, וואָס האָט אין אַלע צייטן מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַנדערש ווי די, וואָס עס האָט אויפגעצוווּנגען די צייטווייליקע אויפשטייגנדיקע וועלט־מאַכט. אויך אַלע אַנדערע אויפשטייגנדיקע אימפּעריעס האָבן תמיד זייער צוואַנג מאַניפעסטירט דורך אַ ווילן צו ברעכן די יידישע עקשנותדיקע באַזונדערקייט. און עס זענען תמיד געווען צווייערליי באַצווינגער: די וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן יידישן גוף און במילא אויפן גאַנצן, טאָטאַלן אויסראָט; און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך „בלויז" פאַרנומען צו פאַרניכטן די נשמה, דעם גייסט, לאָזנדיק דעם צייטווייליקן גוף פאַר דער זעלבסט־פאַרניכטונג פון דער צייט.

די „הומאַניסטישע" גריכן, דאָס פאָלק פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, סאָפאָקלעס, און אַזויפיל אַנדערע וועלט־שייִנגייסטער, זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אויסגעוויילט דעם וועג פון אָנוואַרפן זייער ממשלה פון גייסט, אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע פּרעה׳ס, המנ׳ס, היטלערס, וואָס האָבן אָנגעוואָנדן דעם טאָטאַלן סיסטעם פון גוף און פון נשמה. די פאַרשידענע שונאים פון אונזער קיום האָבן באַטירלעך אין לויף פון יאָרטויזנטער אַריינגעטראָגן אין זייער מערדערישער פאַנטאַזיע אַ סך וואַריאַנטן און ניואַנסן, אָבער די צוויי הויפּט־סיסטעמען זענען געבליבן אומפאַרענדערט ביז צום היינטיקן טאָג: סיסטעם פון פייער און שווערד, אָדער סיסטעם פון „פּראָגרעס" צו פאַרניכטן דעם „פאַנאַטיזם".

די יידישע ימים־טובים, וואָס טראָגן אין זיך די סימבאָלן פון אונזער געשיכטע, האָבן אין אונזערע צייטן באַנייט דעם אינהאַלט פון זייערע צייכנס. און פּונקט ווי פּסח איז אויפסניי געוואָרן דער יום־טוב פון דאָפּלטער באַדייטונג, פון קרבן און פון אויסלייז, האָט אויך חנוכה באַנייט זיינע צייכנס. ווייטער איז חנוכה באַנייט געוואָרן דער סימבאָל פון אונזער עקשנות קעגן אָנגעוואָרפענעם ברוטאַלן און צביעותדיקן פּראָגרעס, ווייטער מיינט חנוכה: אַקטיווער און פּאַסיווער ווידערשטאַנד קעגן אַלע פּרוּוון פון די מאָדערנע יוונים און מאָדערנע מתיוונים, יעדנפאַלס אָן זייער קולטור און גייסט, אונז צו באַרויבן פון אייגענער אינהאַלטלעכער גייסטיקייט.

פון מודיעין, דאָס אָרט ווו עס איז אויפגעהויבן געוואָרן דאָס פייער פון ווידערשטאַנד, איז איצט ווידער אַרויס דער פאַקל פון מכבי, וואָס טיילט מיט דער וועלט וועגן אונזער עקזיסטענץ, אַרבעט, גייסט און דויער להכעיס אַלע פיינט פון אונזער נשמה, פון אונזער גוף, אָדער פון ביידע צוזאַמען.

די מיסטעריע פון ישראל

עס איז שטענדיק כדאי צו געדענקען, אַז די ווערטער פון דער תורה: „עַם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב״ (אַ פאָלק וואָס רוט אין דער אָפּגעזונ־דערטקייט און צווישן פעלקער, רעכנט עס זיך נישט), ווערטער, וואָס כאָטש זיי באַצייכענען באמת דעם ספּעציעלן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק זייט די מדבר־אָנהייבן ביז צום היינטיקן טאָג, זענען זיי פונדעסטוועגן נישט געזאָגט געוואָרן פון משה׳ן, דעם נביא פון גאָט און אויסלייזער פון יידישן פאָלק, נאָר פון בלעם, דעם נביא פון בעל און שונא פון יידישן פאָלק.

נישט בחינם זאָגט די אגדה, אַז פון בלעמס ברכות קען מען לערנען אויף זיינע קללות. ווי אַזוי ער וואָלט געשאָלטן דער רשע, ווען ער זאָל קע־נען אויסטאַדלען אַלע זיינע קללות אַזוי ווי ער האָט עס געוואָלט און צו וואָס ער איז געווען געדונגען דורך דעם מלך בלק פון מואב.

בלעם האָט זיכער אויפגעכאַפּט דאָס, וואָס האָט באַשטימט דעם גאַנצן געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן פאָלק און דאָך ווערן מיר עמפּינדלעך יעדעס מאָל ווען אַ „נביא פון די גויים״ דערמאָנט אונז אין אונזער באַזונדערקייט, אין דער מיסיע וואָס מיר האָבן צו דערפילן אין דער וועלט. די קאָנסעק־ווענצן, וואָס די פעלקער האָבן געצויגן פון אונזער באַזונדערקייט, זענען אין פאַרלויף פון צוויי טויזנט יאָר נישט געווען קיין זייער אָנגענעמע, און דעם גורל, וואָס איז אויסגעפּאַלן אויף אונזער דור, זענען מיר נאָך נישט גרייט צו פאַרגעסן. און דאַן וואָלט געווען אַן אומרעכט, אָנצוהאַלטן, אין אַלע פאַלן, דעם נאַרוואָס דערמאָנטן פאַרגלייך, און צוליב היפּער־עמפּינד־לעכקייט פאַרשליסן די אויערן פאַר יעדן וואָרט מיט וועלכן אַזאַ נביא אָדער „פּאָעט פון די גויים״ ווענדט זיך צו אונז.

פּאָל קלאָדעל, דער גרויסער פראַנצויזישער, קאַטוילישער דיכטער, מיסטיקער און סימבאָליקער, האָט זיך אין זיינע שריפטן, אין זיינע ביבלי־שע עסייען, אין זיינע דראַמעס, אַ סך פאַרנומען מיט יידן. אַלעמאָל זייער אַבסטראַקט און אָפּטמאָל מיט אַ שטאָך אין דער זייט וועגן „ישראל, דעם

וועלט־באַנקיר״. אָבער קלאָדעל איז נישט קיין פיינט. דערצו איז ער צופיל דיכטער, צופיל סימבאָליקער און צו ווייניק דאָגמאַטיקער. אויב ער וועט צווישן יידן און דער קאַטוילישער קירך אויסוויילן די לעצטע, אָפילו מיט אירע דורותדיקע פאַרפאָלגונגען און עוולות קעגן אונז, ווייל די קירך איז פאַר אים, ווי פאַר דער קאַטוילישער וועלט בכלל, קודם כל אַ סכום מערב־אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע פון צוויי טויזנט יאָר, וועט ער אָבער צווישן יידן און געצנדינערישן ראַסיזם, וואָס באַדראָט נאָך אַלץ די וועלט, אויס־קלויבן די פאַרפאָלגטע. פאַר אים וועט דעמאָלט בלויז עקזיסטירן די געפאַר פאַרן רעליגיעזן געדאַנק, וואָס ווערט אָנגעגריפן פון ראַסיסטישע אָדער ראַציאָנאַליסטישע פעטישיסטן, און ער וועט זוכן אין דער יידישער רעלי־גיעזער אידייע אַ פאַרבינדעטן.

און דער יידישער רעליגיעזער עטישער געדאַנק קען זיך איצט נישט דערלויבן אָפּצוזאָגן פון עוועטנטועלע פאַרבינדעטע. דאָ ווערט אונז פאָל קלאָדעל נאָענט און מיר ווען גוט טאָן, זיך צוצוהערן צו זיין וואָרט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע ווערק: „אַ קול וועגן ישראל״ און אַ שטודיע וועגן ישעיהו הנביא, זענען אים געמאַכט געוואָרן פאָרוווּרפן פון געוויסע יודאַאיסטישע קרייזן. אינעם „לע מאָנד״ צ. ב. האָט אַנדרע שוראַקי פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1952 „מעדיטאַציעס״ פון פאָל קלאָדעל וועגן דער „מיסטעריע פון ישראל״ אין וועלכע דער קאַטוילישער דיכטער איז זיך מתנצל און דריקט אויס זיינע געדאַנקען אויף פאָלגנדיקן אופן: „די השגחה האָט צוגעגרייט פאַר יעדן אַ גאַנץ באַזונדערן גורל. אַנדערש, ווי וואָלט מעגלעך געווען, אַז אַזאַ צעשפּרייט און פאַרפּייניקט פאָלק זאָל קענען אָפּ־היטן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן זיין אייגנאַרטיקייט? צופיל יידן האָבן ליב צו פאַרגעסן אין דער גורלדיקייט פון זייער געשיכטע און שטרעבן צו ווערן ככל הגויים, אָדער אַ באַזונדערע נאַציע אויפן נאָענטן מזרח, ווי אַל־באַניע למשל אָדער בולגאַריע״.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָבן, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, יידן און קריסטן צוזאַמען פאַרגאָסן זייער בלוט קעגן זעלבן באַר־באַרישן געצנדינערישן שונא. צום סוף פון דער מלחמה האָט ער געבעטן דעם פויפּסט אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ תשובה פאַר דער קריסטלעכער וועלט אָפּצוקומען פאַר די זינד פון גרויסן פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן. בנוגע דעם פאָרוווּרף, אַז ער האָט אין זיינע ביכער צופיל אומ־

טערגעשטראָכן די פינאַנציעלע ראָל פון יידן, זאָגט קלאָדעל, אַז ער האָט דאָס געטאָן אָן שלעכטער כוונה. ער האַלט אַז אויך דאָ האָט די השגחה געגעבן דעם צעשפּרייטן פאָלק אַ באַזונדערע געלעגנהייט צו טאָן גוטס מיט געלט. און אַז יידן האָבן די דאָזיקע פינאַנציעלע ראָל אויסגענוצט צום גוטן.

צום סוף זעט ער אין דעם, וואָס יידן האָבן צוריקבאַקומען די ערד פון זייערע אבות, נאָך דעם גרויסן אומגליק, אַ דערפילונג פון גאָטס הבטחה. אָבער ער מיינט, אַז דאָס, וואָס יידן זענען געוואָרן די היטער פון „הויז פון קריסטנטום, די בעלי־בתים איבער די שליסלען פון די קריסטלעכע הייליקייטן איז זיי מחייב צו אַ ספּעציעלן זשעסט, צו רעסטאווּרירן די הייליקע ערטער אָדער צו עפענען אַ וועלט־זאַמלונג פאַרן דאָזיקן צוועק". צום סוף רעדט ער נאָך וועגן דעם „אַלטן טעסטאַמענט", וועגן יידישן תנ׳ך. ער איז בייז אויף די, וואָס רופן אָן דעם גאָט פון תנ׳ך אַן „אל קנא ונוקם". פאַרקערט, דער גאָט פון תנ׳ך איז פון משה ביז ישעיהו, שטענדיק דער זעלבער „אל רחום וחנון". ער ציטירט דעם רבנו בחיי און דערקלערט זיך אַלס „אויפריכטיקן פריינט פון יידישן פאָלק".

פאָל קלאָדעל איז נישט דאָס קול פון דער קירך. די אָפיציעלע קירך האָט נאָכנישט געפועלט ביי זיך צו ענדערן איר באַציאונג צום „פאָלק עדות", וואָס באַדאַרף, לויט איר דאָגמע, לעבן אַזוי לאַנג אין שאַנד און פאַרטריבנקייט, ביז עס וועט דערקענען דעם „געטלעכן אמת". די דאָזיקע דאָגמע האָט מיט שיבת ציון באַקומען אַ קלאַפּ. און די קירך האָט נאָך נישט געפונען גענוג מוט שלום צו מאַכן צווישן דאָגמע און פאַקט, אָדער צו געבן דער דאָגמע אַ נייע אינטערפּרעטאַציע.

אַנדערש איז עס מיטן קאַטאָליק־פּאָעט. ער דערקענט. ער דערקענט די אויפריכטונג ווי אַ פאַרענדיקונג פון אַ תקופה פון פּיין, ווי אַ נייעם צייכן אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעפילט מיט צייכנס פון דער געשיכטע און מיט סימבאָלן.

על הנסים ועל הגבורות

(חנוכה־מחשבות)

ווי לעבעדיק איז אויפגעשטאַנען פאַר אונז ישראל אין זיין גאַנצער פּראַכט. אָבער צוזאַמען מיט אירע פריינט, זענען גלייכצייטיק אויפגעשטאַנען אַרום איר פיינט, וואָס ווילן איר פאַרניכטונג.

די געשיכטע — אויפן גרונט פון דעם, וואָס ווערט דערציילט אין ספר המכבים, ווייסט צו באַריכטן איבער די מלחמות און גבורות, וואָס אַ קליין הייפל פון פאַרטיזאַנער און העלדן האָט פאַרפירט קעגן מלכות יון הרשע און ווי אַזוי עס האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט די מחנה פון די קעמפער, ביז זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד און קריג פון אַ גאַנץ פאָלק. אין רעזולטאַט פון די מלחמות האָט זיך ארץ־ישראל באַפרייט פון העלעניסטישן יאָך אויף אַ תקופה פון עטלעכע דורות ביז דער רוימישער פאַריאָכונג.

דאָס איז געשיכטע.

די לעגענדע האָט זיך אויף איר אייגענעם אופן געשפינען אירע פעדים און זי האָט צופאַנטאַזירט דעם נס מיטן קריגל אייל. די תפילות האָבן אין זייער טעקסט אויסגעפונען אַ סינטעזע־נוסח וואָס בינדט ביידע, גבורה און נס צוזאַמען אין איין סימבאָל — על הנסים ועל הגבורות. די סינטעז איז נישט בלויז גילטיק פאַר חנוכה, אָדער פאַר פורים. זי איז די סומע פון דורותדיקע דערפאַרונגען און גורלדיקע באַשטימונגען. דאָס הייסט ביי אַ פאָלק פון אַזויפל נסיונות: לאָמיר איינהאַלטן ביידע אינסטרומענטן פון ווידערשטאַנד, זיי קענען צונוץ קומען יעדער אין זיין צייט און צומאָל יעדער אין אַן ענגער פאַרבינדונג.

נס, וואַרטן אויף נס און קאַמף, ווידערשטאַנד, פּאַסיווער און אַקטיווער, געווען תכסיסי מלחמה, וואָס האָבן געקענט אַלטערנאַטיוו אָנגעווענדעט ווערן אָדער ביידע צוזאַמען. אין זיין טיפסטן מהות מיינט נס נישט עפּעס אַנדערש

ווי אנערקענען און רעכענען אויף די מאָראַלישע כוחות, וואָס באַוועגן דאָס לעבן און די באַציאונג צווישן מענטשן; גבורה, ווידערשטאַנד דורך כוח, מיינט דאַקעגן זיך מיאש זיין פון אָט די כוחות און זיך אָנשליסן אין אַנדערע מיטלען פון פאַרטיידיקונג.

ווען וואָס איז געגאַנגען די מלחמה בימים ההם, בזמן הזה, אין יענע טעג פון חנוכה? זיכער קודם־כל אין פאַרטרייבן די פרעמדע אָקופּאַנטן: די גריכן און די העלעניזירטע סיריער. אָבער אין דער תפילה פון „על הנסים" ווערט אונטערגעשטראָכן „כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך" (און עס האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס מלכות יון, דאָס רשעותדיקע, אויף דיין פאָלק, כדי עס צו מאַכן פאַרגעסן דיין תורה און כדי אָנצוואַרפן אַ פרעמדע קולטור, אגב די גרעסטע קולטור פון יענע צייטן. קעגן דעם איז געווען געווענדעט דער עיקר־קאַמף, דער עיקר־קאַמף קעגן פאַרניכטן דעם יידישן גייסט.

האָט די מלחמה געהאַט צוויי פראָנטן: קעגן אויסערלעכן איבערמעכטיקן שונא און קעגן אינערלעכן, וואָס האָט אים צוגעהאָלפן. ווו ס'איז דאָ קולטור־קאַמף, דאָרט איז תמיד פאַראַן אַן אינערלעכער שונא וואָס גראָבט. קעגן אויסערלעכן שונא איז נויטיק דער עלעמענט פון גבורה, פון ווידערשטאַנד דורך מאַטעריעלן כוח. קעגן אינערלעכן איז נויטיק דער עלעמענט פון גלויבן וואָס ליגט אין מהות פון גלויבן אין נס, ווי מיר האָבן עס שוין פריער אונטערגעשטראָכן — דער גלויבן אין די מאָראַלישע כוחות פון דער וועלט.

ווען דיביידע גלויבנס: גלויבן אין זיך און גלויבן אין די מאָראַלישע כוחות פון דער וועלט, זאָלן חלילה פאַרשווינדן, איז מער קיין נס נישט מעגלעך. נס און גבורה זענען צוויי עלעמענטן, וואָס ענטפערן טאַקע אויף צווייערליי באַדינגונגען און צווייערליי אָנווענדונגען פון געראַנגל פאַרן קיום. אויב אונזערע שונאים האָבן זיך אין לויף פון אונזער לאַנגער געשיכטע שטענדיק פאַרטיילט די ראָלן לויט תקופות: אַמאָל איז עס געווען „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" און אַמאָל „בלויז" „להשכיחם תורתך". אַמאָל מיט געדולד אַז די צייט זאָל פאַרענדיקן דאָס ווערט פון אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק און אַמאָל מיט אומגעדולדיקער רציחה, אַז תיכף ומיד זאָל דאָס יידישע פאָלק אומגעבראַכט ווערן. אַמאָל דורך מיתה בנשיקה און אַמאָל דורך פייער און שווערד. אַמאָל ווי פּרעה, המן און היטלער, און אַמאָל ווי טאָרקוועמאַדאַ און סטאַלין. אָבער אַלעמאָל מיט דער זעל־

בער פינאַל־כוונה אונטערצוברענגען דאָס פאַרהאַסטע איינגעשפּאַרטע פאָלק.

דער „הבה נתחכמה“, לאָמיר זיך אָן עצה געבן מיט זיי, האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט. קיין סך פאַנטאַזיע האָבן אונזערע שונאים פון די פאַרשידענע צייטן נישט אַריינגעלייגט אין זייערע פאַרניכטונגס־פּלענער און נישט באַדאַרפט אַריינלייגן. אויב אין פּסח פייערט דאָס צעשפּרייטע יידישע פאָלק — און איצט אויך דאָס פאָלק, וואָס איז קאָנצענטרירט אין זיין היסטאָריש לאַנד — זיין זיג איבערן ערשטן סיסטעם פון אויסראָט און טאָטאַלער פאַרשקלאַפונג, דערמאָנט דאָס פאָלק דורך חנוכה זיין נצחון איבערן צווייטן סיסטעם פון פאַרטיליקונג דורך להשכיחם תורתך.

די אַכט קליינע ליכטלעך, וואָס מיר צינדן אָן אין די אַכט טעג פון דערמאָנען די ניסים און די גבורות פון די מכבייער, זענען אַן עדות און אַ סימבאָל פון אונזער האַרטנעקיקייט און עקשנות, פון אונזער וואַרטן געדולדיק אויף ניסים און זיך קענען אַקעגנשטעלן דורך גבורה, ווען עס איז נויטיק. אָט די האַרטנעקיקייט, עקשנות און מלחמה קעגן דער אכזריות פון שונא, אַפילו ווען ער באַדעקט זיך מיט אַ מאַנטל פון אידעאָלאָגישער צביעות, וועט אונז העלפן ווידער צום אָפּהאַלטן אַ זיג, ווי מיר האָבן עס אָפּגעהאַלטן אין אַלע דורות, איבער אַלע שונאים מיט דעם עצם פאַקט פון אונזער עקזיסטענץ.

און היינט ווען די קינדער פון די לעצטע שבטים האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן אויף זייער ערד, איז עס כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין שום מחשבה באַזייטיקט צו ווערן. און זיי זאָגן צו די נישט־פאַרגינערס: „ווילט איר אונז לאָזן אין אונזער לאַנד, זענען מיר גרייט מיט אייך מיטצואַרבעטן, אין קעגנפאַל זענען מיר גרייט זיך צו פאַרטיידיקן לויט דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פון אונזערע מכבייער.

מגילת אסתר — אויפן פּאַן פון תנ״ך און געשיכטע

פּאַר די אָנהעגנגער פון אַריבערשפּרינגעון תקופות, אין דער יידישער געשיכטע, איז מגילת אסתר אַ גרויסע שטערונג, אַן אבן נגף, וואָס מאַכט דעם שפּרונג זייער ריזיקאַליש און דער עיקר זייער אומווירקעוודיק. מגילת אסתר מאַכט אַ שפּרונג אין די אומבאַגרענעצטע, אומענדלעכע לײַדיקייטן. וואָרום ווהין שפּרינגען, אַז אָנקומענדיק דאָרט אַהין, צו די ווייטע תנ״ך־זאַנעס, פּאַלן מיר ערשט אַריין אין דער באַקאַנטסטער גלות־אַטמאָספער, אין דער אַטמאָספער פון המן און מרדכי, פון אחשורוש און אסתר פון אייביק גוֹיאישע טענות צו יידן און פון יידישער שתדלנות צו דערוויטערן סכנות.

די גרויסקייט פון תנ״ך איז טאַקע, וואָס דער דאָזיקער ספר־הספרים איז צוזאַמען דערמיט, וואָס ער איז דער סאַמע אוניווערסאַלער ספר, אויך דער נאַציאָנאַלסטער, דער פּאָלקסטימלעכסטער, דער, וואָס אַנטהאַלט נישט בלויז פּאַקטן, נאָר אויך עווענטואַליטעטן. נישט בלויז, וואָס עס האָט זיך ווירקלעך געטראָפן מיטן פּאָלק, נאָר אויך דאָס, וואָס ליגט אין גדר פון גוֹרלדיקע פּאָטענצן. היסטאָריקער האָבן ביז היינט נאָך נישט געקענט קומען צו קיין וויסנשאַפטלעכער מסקנה וועגן דער היסטאָרישער באַגרינדעטקייט פון דער מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין מגילת אסתר. זי איז נישט באַשטעטיקט דורך קיין שום דאָקומענט פון אַנדערע קוועלן, לאָמיר זאָגן פון פּערסיש־בבלדיקע אַרכיוון. קיינער האָט נישט געפונען, אַז מען זאָל האָבן אַמאָל באַשלאָסן אומצוברענגען אַלע יידן פון אַלע הונדערט און זיבנאונצוואַנציק מדינות, איבער וועלכע דער מלך פּרס האָט געהערשט „מהודו ועד כוש״.

האָט מען טאַקע נישט געגלויבט, און מען האָט פּורים נישט גענומען ערנסט. אַזאַ שווער געפּרווט פּאָלק פון אַזויפיל פּאָגראָמען, פון אַזויפיל טויט־סכנות און אַזויפיל ניסים ונפלאות, פון אַזויפיל ביטערע דערפּאַרונגען, האָט פונדעסטוועגן נישט גענומען ערנסט, נישט געגלויבט אין דער וואַרשיינלעכקייט און היסטאָרישקייט פון דער מעשה המן.

מיר ווייסן היינט, אַז נישט בלויז איז מעגלעך, אַז אַ המן זאָל ווערן „להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים", נאָר זאָל עס טאַקע דורכפירן. מיר נעמען היינט די מגילה פיל ערנסטער. האָבן טאַקע די מסדרים פון תנ"ך, די, פאַר וועמען עס איז געווען דער עיקר נישט פאַקטן, נאָר זייער גורלדי־קייט, דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, האָבן זיי טאַקע די מעשה פון דער מגילה און די פּערסאָנאַזשן פון דער מעשה איינגעשלאָסן אין אייביקן ספר. זיי האָבן דערמיט דעם גלות איינגעגלידערט אין דער יידישער אייביקייט; זיי האָבן דעם יידישן מאַרטירערטום אַריינ־געגומען ווי אַן עלעמענט פון יידישער נצחיות. נישט פון אים געמאַכט אַ מצווה עשה, אַז אַזוי מוז עס טאַקע זיין, נאָר ווי אַ כאַראַקטער־שטריך וואָס ווישט נישט אָפּ דעם יידישן קיום, נאָר פאַרקערט, מאַכט אים האַרטער און עקשנותדיקער. זיי האָבן זיך מיט מאַרטירערטום נישט געשעמט, זיי האָבן דערמיט דעם גלות נישט געהאַלטן פאַר מיאוס, יעדנפאַלס נישט מיאוס פון אונזער זייט. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר טראַגיש און פאַר דער בושה פון אַנדערע, פון די, וואָס פאַרמיאוסן דאָס מענטשלעכע לעבן.

מגילת אסתר איז גלותדיק מיט דער גאַנצער אַטמאָספער אירער, נישט בלויז מיטן פאַקט פון מאָרד, מיט די טענות פון המנען, נאָר אויך מיט דער סטראַטעגיע פון מרדכיס שתדלנות, מיט דער טאַקטיק פון אסתרן, דאָס יידישע מיידל אין קעניגלעכן האַרעם, וואָס מרדכי גיט אַריין, ווייל עס קען צונויץ קומען אין אַן עת צרה פאַר יידן...

און נישט בלויז די מגילה איז גלותדיק, נאָר אויך דניאל איז גלות־דיק, און נישט בלויז מיט די פאַקטן, נאָר אויך מיט דער שפּראַך (אַראַמיש) און גלותדיק איז באַלד דער אָנהייב פון תנ"ך, באַלד דער חומש מיט פרעה'ס גזרות און משה און אהרונס שתדלנות. בקיצור, מיר וועלן זיך שוין פון אונ־זער געשיכטע נישט אַרויסרייסן, און וווהין מיר וועלן שפּרינגען, וועלן מיר אַלץ אַריינשפּרינגען אין אייגענעם גורל, אין אייגענער אַטמאָספער. איז טאַ־קע שוין בעסער זי צו באַשטעטיקן אַזוי ווי זי איז, מיט אירע מאַרטירישע אָנהייבן און חורבנדיקע קעגנוואַרטן, מיט אירע אַמאָליקע אויסלייזן און איצטיקע גאולה־ניסים, מיט אירע זוניקע טעג און פינצטערע נעכט. מיט משה און מיט די נביאים, מיט מרדכי היהודי, חנניה און מישאל ועזריה מיט עזרא הסופר, תנאים, אמוראים, רבנים, מקובלים און חסידים; מיט די העל־דישע אויפשטאַנדן פון די חשמונאים, מיט די שווערד־פּרוון פון בר־כוכבא

און מיט די ישיבות פון יבנה; מיטן קידוש השם פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון אַלע אונזערע קדושים און אַלע דורות, אונזערער אַריינגערעכנט; אַזוי מיט אַלע יידישע גבורים, רעוואָלוציאָנערן, זעלבסטשיצער און געטאָ־קעמ־פער, מיט די פרידלעכע בויער און פלאַנצער פון נייעם ישראל און מיט די וואָס האָבן מיט געווער אין דער האַנט פּאַריאָגט די שונאים פון זעקס אַראַבישע לענדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן צום ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק אויף דער פאַרלאָזענער ערד פון זיינע אבות, וואָס איז פון קיינעם ביז זיי נישט אָפּגעבויט און נישט אויפגעריכט געוואָרן.

יעדער טאָג פון אונזער קעגנוואַרט טראָגט אין זיך אַלע טעג, אַלע יאָרן, אַלע מאָמענטן פון אַלע אונזערע ירידות און עליות, און מיט אַלעם צוזאַמען — געשפּינט און געוועבט פון די באַקאַנטסטע שטאָפן פון אַלע פּיי־נען און אַלע האָריזאָנטן, טרעטן מיר אַריין אין אומבאַקאַנטע צוקונפטן.

נאָך איצט, ווען מיר פירן אויפן שטח פון היסטאָרישן פאָטערלאַנד אַ ניי לעבן, אַן אומבאַקאַנטס זינט צוויי־טויזנט יאָר, לעבן מיר אויף אַן אַנדערן שטח פון דער וועלט ווי פאַרפייניקטע פאַרשטומטע אנוסים און אויף די ביידע שטחים פאָדערט אונזער קיום באַזונדערע תכסיסי מלחמה.

דערמיט איז אונזער היינטיקע תקופה דערוויל ענלעך צו דער תקופה פון דער מגילה, ווען אין דער זעלבער צייט וואָס מרדכי, אסתר און זייער פיל אַנדערע יידן פון שושן און פון אַלע מאה ועשרים ושבע מדינות האָבן זיך געפונען אין גלות פּרס ומדי, דער גלות, וווהין אַ גרויסער טייל פון פאָלק זענען פאַרטריבן געוואָרן אין נבוכדנצרס צייטן, זענען גרויסע טיילן און אפשר דער רוב יידן נאָך געבליבן אויף זייער ערד, און דאָך האָט שוין דאָס לעבן מחוץ ארץ ישראל אָנגענומען אַלע פאַרמען פון ריכטיקן גלות.

מגילת אסתר לערנט אונז טאַקע אַז אַקראַבאַטיע אין דער געשיכטע וועט אונז גאָרנישט געבן, וועט בלויז אָפּשוואַכן אונזער וואַכזאַמקייט. מיר מוזן ווייטער גיין אין לעבן אַריין מיט אַלע דערפאַרונגען פון נעכטן און פון היינט, מיט אַלעם, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט אויף אַלע וועגן און אין אַלע צייטן.

אַלט- און ניי-לאַנד

מדינת ישראל — אַ בן־זקונים

(מחשבות צום יום העצמאות)

דאָס פאָלק ישראל האָט אויף דער עלטער געהאַט אַ זון און האָט דעם בן־זקונים אויך אַ נאָמען געגעבן ישראל. איצט איז דער זון געוואָרן אַ בר־מצוה־בחור, דערוואַקסענער ייִד. דער פאָטער וואָלט לויטן דין געקענט מאַכן די ברכה פון „שפטרני" און זיך אָפּזאָגן פון יאָך און פון אפּוטרופסות.

אָבער צופיל אידענטיפיצירן זיך פאָטער און זון ביז צום טראָגן דעם זעלביקן נאָמען, אַז עס זאָל אַזאַ פריקת־עול מעגלעך זיין. אויב איך וועל זאָגן, אַז יידן זענען דאָס אויטענטישסטע פון אַלע פעלקער, וועט עס ביי מיר נישט זיין קיין מליצה און נישט קיין אתה בחרתנו־באַרימעריי. עס וועט זיין דער ריינסטער היסטאָרישער אמת, פאַר אַ קאָלעקטיוו, וואָס האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן צו זיין פאָלקישקייט נישט עפּעס אַנדערש באַדאַרפט ווי בלויז די מענטשלעכע, בשר ודמ׳ישע אַנגעהעריקייט. נישט קיין ראַמען פון לאַנד, נישט דעם צוואַנג פון מאַכט, נאָר די פרייוויליקע אַנגעשלאָסנקייט, די אַרומגעצוימטע מיט היסטאָרישער אינטימקייט, צו קענען בלייבן אַ פאָלק אויך מחוץ פון די גרענעצן פון אן אייגענער טעריטאָריע, אַ פאָלק אין דער אויסגעשפרייטקייט.

אונזער געשיכטע איז נישט די געשיכטע פון געגזלטע אימפעריעס און נישט די געשיכטע פון דורך פייער און שווערד אויסגעשפרייטע נאַציעס. און אַפילו די געשיכטע פון דער באַהעפטונג פון לאַנד מיט פאָלק, האָבן מיר איבערגעריסן אויף עטלעכע טויזנט יאָר, כדי צו בלייבן דאָס וועזנטלעכסטע פאָלק. אין לויף פון לאַנגע תקופות זענען מיר געווען בלויז פאָלק. און מיר האָבן פאַרמאָגט און געוויזן די פעלקער די אומגעוויינטלעכע אייגנשאַפט צו קענען בלייבן אַ פאָלק צווישן פעלקער, בלויז אַ פאָלק צווישן פעלקער, בלויז מענטשן צווישן מענטשן.

הייַנט, צוריקקערנדיק זיך צו ווערן אַ פאָלק מיט אַן אייגענעם לאַנד,

זאָגן מיר זיך נישט אָפּ פון דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער אייגנשאַפט, וואָס האָט אונז אַזוי טייער געקאָסט אָבער מיר מוזן ווייטער איינהאַלטן.

קיבוץ גלויות ? אוודאי, אָבער וואָס איז אַ פּערמאַנענטער ציל און נישט קיין ליקווידאַציע־ציל פאַר געוויסע יחידים, געוויסע גרופּן קענען זיך מאָרגן און אייביק שטעלן די פראַגע פון זיך אינטעגרירן אין לאַנד פון ישראל און מיר מוזן כסדר מאַכן פּלאַץ פאַר זיי. אָבער מיר בלייבן ביי אונ־זער גרויסער אייגנשאַפט פון קענען זיין אַ פאָלק אויך מחוץ פון אונזער לאַנד, צו בלייבן אַ וועלט־פאָלק, צו פאַראייניקן די אייגנשאַפטן פון אַ טע־ריטאָריאַל פאָלק מיט אַ וועלט־פאָלק.

אונזער געשיכטלעכער גאַנג איז נישט געווען אין דער ריכטונג פון באַצווינגען אַנדערע טעריטאָריעס און פאַרטיליקן פעלקער. נישט אין קיין טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע, נאָר פאַרקערט, אין אַ פאָלקישער עקספּאַנ־סיע. גיין ווי מענטשן־גרופּעס צו אַנדערע פעלקער, זיך באַטייליקן אין זייער אַקטיוויטעט, ביישטייערן אין זייער אַנטוויקלונג. ווי שלעכט מיר האָבן אויסגעשפּילט מיט אַזאַ היסטאָרישן גאַנג, מוז אָבער די וועלט אַנערקענען, אַז עס ליגט אין אַזאַ גאַנג מער צוקונפט פאַר דער מענטשהייט, ווי אין עגאָאיסטישער סעפּאַראַציע און צוואַנג, קאָלאָניזאַציעס און נעאָ־קאָלאָניזאַ־ציעס. עס וועט מוזן גיין צו דער צייט פון פאָלקישער דאָפּלטקייט: פון נאַ־ציאָנאַלער אַקטיוויטעט אויף אייגענעם באָדן און אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַ־מענאַרבעט אויף שטחים, ווו פעלקער ווינען צוזאַמען אויף איין טעריטאָ־ריע. אויף דעם געביט זענען מיר געווען און בלייבן די פאַרלויפער און פאַרגייער פון אַ נייער מענטשן־געשיכטע, פון אַ נייער מענטשלעכער סאָלי־דאַריטעט און מיר זאָגן זיך נישט אָפּ און האָבן זיך נישט אָפּצוזאָגן פון אָט דעם מין נס לגויים.

געשיכטעס פון פעלקער האָבן זייער אינערלעכע לאָגיק. זייער גאַנג איז אַ קייט פון סיבות און רעזולטאַט, אין וועלכע עס וואָרצלען אַלע ירידות און אַלע עליות. די געשיכטע פון יידישן פאָלק איז אין דער הינזיכט נישט קיין אויסנאַם. ביי אַלע זיגזאַגן און טראַגישע גלגולים מאַרטיראָלאָגיעס און האָ־פענונגען האָט דער אויפקום פון מלכות ישראל נישט געקענט פאַרקומען, נישט פריער און נישט שפּעטער ווי אין אונזערע צייטן. די דאָזיקע געשיכט־לעכע מעטאַמאָרפאָזע, וואָס איז געקומען נאָכן גרעסטן חורבן, איז אונזער גליק, אונזער האָפענונג און דער בעסטער באַוויז פון אונזער נאָך גוטער

לעבנס־פעאיקייט; אָבער דאָס שאַפט ביי אונז נישט אָפּ אונזער צווייטע פעאיקייט צוזאַמענצולעבן מיט און צווישן אַנדערע פעלקער.

מיר האָבן צוריקגעוווּנען אונזער לאַנד, צוריקגעוווּנען אַן אייגנשאַפט, אָבער נישט פאַרלוירן די צווייטע. מיר האָבן אין זיך צוריק אַנטפּלעקט די פעאיקייט צו באַפרוכפּערן וויסטעניִשן, צו דערוועקן באָדן דורך אַרבעט, דורך בוי, אָבער מיר האָבן דורך דעם נישט פאַרלוירן די צווייטע אייגנ־שאַפט צו בלייבן דאָס צוקונפט־פאָלק, דער אָנזאָגער פון אַ פריי צוזאַמענ־לעבן מיט אַנדערע פעלקער און דאָך בלייבן טריי זיך. דאָס איז אַ טאָפּלט־קייט וואָס געהערט דער צוקונפט פון דער מענטשהייט: ביי זיך און מחוץ זיך און בלייבן מיט זיך.

די בר־מצוה־יאָרן פון מדינת ישראל שטרייכן אונטער פאַר אונז דעם דאָזיקן וועג, אויף וועלכן אַנדערע פעלקער וועלן אונז מוזן נאָכגיין. אַ קאָנ־צענטראַציע פון יידן אויף אַן אייגענער טעריטאָריע קען נישט האָבן דעם זין פון זיך פאַרקלענערן, רעדוצירן אונזער היקף, נאָר געבן דער פאָלקי־שער עקספּאַנסיע אין אַלע אירע אַספּעקטן אַ נייעם שוווּנג און אַ נייעם מוסטער פאַר די פעלקער און הומאַניטאַרן פּראָגרעס און מענטשלעכער צו־קונפט.

מדינת ישראל — אַ גייסטיקער צענטער

געפֿאָדערט, אַז די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער מדינה זאָל גיין אין דער היסטאָרישער ריכטונג פֿון אַ גייסטיקן צענטער, האָט דער פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס ד״ר. נחום גאָלדמאַן. ער האָט דאָס געזאָגט אין תל־אביב און האָט עס מאָטי־ווירט דערמיט, וואָס אַ דאַנק דער גייסטיקייט פֿון איר קולטור, האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק תּמיד געוואָסן, און געניסט ביז היינט, פֿון דער סימפּאַטיע פֿון דער וועלט, וואָס האָט אַקצעפּטירט צו שאַפֿן אַ ייִדישע מדינה נאָך צוויי טויזנט יאָר פֿון זיין אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד און נאָכן גרויסן חורבן וואָס די נאַ־צישע בעסטיע האָט אונז אָנגעטאָן.

אָבער שוין מיט אַ סך יאָרן פֿריער, האָט דעם געדאַנק פֿון אַ גייסטיקן צענטער, פֿון אַ מרכז רוחני פֿאַרלאַנגט און פּראָקלאָמירט אין זיינע שריפֿטן „על פּרשת דרכים״ און אויף די זייטן פֿון די בלעטער „השלוח״ דער ייִדי־שער דענקער אין אָדעס, אחד העם. ער איז דעמאָלט געזעסן אין דער שטאָט פֿון ביאַליקן און מענדעלען און אַנדערע גרויסע תּלמידי חכמים און סופֿ־רים אין ביידע ייִדישע שפּראַכן און אַנטוויקלט און פֿאַרטייטשט דעם גע־דאַנק וועגן מהות פֿון דער ייִדישער מדינה וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט גע־פֿונען אונטערוועגס.

דער ציוניסטישער געדאַנק איז דעמאָלט געווען בלויז איינער פֿון די טעאָריעס, וואָס האָבן דאָמינירט די ייִדישע גאַס, וועלכע איז געווען פֿול מיט אידייען, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די ייִדישע צוקונפֿט. מיר האָבן היינט פֿאַרלוירן די ייִדישע גאַס, וואָס האָט אויסגע־פֿילט דאָס ייִדישע שטעטל אין איר גאַנצן תּחום־המושב. דער נאַצישער רויב־און־מאָרד־צוג איבער איראָפּע האָט זי פֿאַרניכטעט מיט אַלע אירע האָפֿע־נונגען און חלומות, אָבער דער אייביקער חלום פֿון שיבת ציון איז דווקא נאָכן דריטן חורבן פֿון פֿאָלק פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, דאָס געוויסן פֿון

די פעלקער און די ציוניסטישע פראַקטישע צוגרייטונגען אויפן אָרט, האָבן עס באַוויזן. דאָס יידישע לאַנד איז אַנטשטאַנען, די יידישע מדינה איז געבוירן געוואָרן אין פייער און אין שווערד.

דער יידישער ווידערשטאַנד, וואָס האָט דערמעגלעכט, אַז קליינע רעשטלעך פון פליטים, פון קעמפער אין די וועלדער, אין די געטאָס און אין די לאַגערן, זאָלן זיך ראַטעווען און מיט פאַרביטערונג און המשך פון ווידערשטאַנד זאָלן זיי זיך אַקעגנשטעלן זיבן אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער און אויסקעמפן פאַר זיך, קעגן די בעווינס און אַנדערע „פריינט" אַן אייגענע היים, אויף דער ערד, פון וועלכע זיי זענען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַרטריבן געוואָרן, נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און העראָאישע אויפשטאַנדן.

געבליבן אַרום זיי איז אַן אַראַבישע מויער פון שנאה וואָס יידן האָבן פאַרשטעלט דורך אַ שוק־פאַנצער פון יונגע לעבנס, וואָס האַלט זיי אַרום און גיט זיי די געלעגנהייט אויסצובויען אַ לאַנד און אַ צוקונפט אויף די חורבות פון היטלעריסטישן אויסראָט.

אַכצן יאָר ציט זיך די שנאה, אונטערגעהאַלטן פון גרויסע פעלקער, וואָס האָבן אין די מאָמענטן פון געוויסנביסן אונטערגעשטיצט די פראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה און אין לויף פון דער צייט, האָבן די יידישע שאריתן אויסגעבויט אַ פאָלק, באַפעסטיקט זיין קיום, אויסגעשטאָט אַ מדינה, וואָס האָט געגאָסן פון דער הילף פון אַ סך פעלקער און דער עיקר פון דער הילף פון אייגענעם יידישן פאָלק פון אַלע קאָנטינענטן.

און איצט קומען יידישע מנהיגים, באַטראַכטן די לאַגע, שטעלן פאָדערונגען צו זיך און צו דער וועלט. זיי האָבן באַוויזן וואָס קיין שום קליין פאָלק האָט נאָך אין זיין געשיכטע קיינמאָל נישט באַוויזן: פון חורבן איז עס אַרויס, פון אַלע געפאַלנקייטן אין דער היטלעריסטישער פינצטערניש האָט עס זיך אַרויסגעריסן צו בויען אַ היים און אַ זיכערקייט. דאָס יידישע פאָלק איז גרייט אַנצוהאַלטן די אייזערנע רינג אַרום זיין לאַנד, ווי לאַנג עס וועט נויטיק זיין און ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער אָנשטרענג.

אָבער דער באַוויז, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט צוגעשטעלט דער וועלט, פון אַ קיום ווי אַ פאָלק אין לויף פון צענדליקער דורות אָן אַ לאַנד, וואָס האָט דאָך געמיינט אַן עקזיסטענץ פון קולטור, אַרויסרופנדיק באַוווּנ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

דערונג און איבעראַשונג, און שוין פריער בעת מיר זענען נאָך געווען אויף אונזער ערד, אַרויסגערופן ביי אונזערע נביאים דעם ענטוזיאַסטישן זאָג: נס לכל הגויים, רופט אויך אונזערע היינטיקע פאָלק־ און מלוכה־פירער זיך אָפּצושטעלן אויפן מהות פון לאַנד און זיך צו פרעגן אויף וועלכן וועג מיר גייען, אויף וועלכן וועג מיר לאָזן זיך פירן.

לא בחיל, לא בכח כי אים ברוח, אמר השם צבאות. דאָס איז דאָך געווען אַ ווענדונג נישט בלויז צום יידישן פאָלק וואָס שמידט זיין אויסלייז נאָך אַזוי פיל ליידן און פיין, נאָר אויך צו אַלע פעלקער און צו אַלע ווייטע און נאָענטע שכנים. לאָזט אונז אויסבויען אונזער לאַנד ווי אַ מאָדעל פון קול־טור און גייסט, צוליב וואָס מיר האָבן זוכה געווען זיך צו דערהאַלטן ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, נישט געקוקט אויף אַלע הריגות, שחיטות און שנאות. לא בחיל, לא בכח, כי אם ברוח.

דאָס גייסטיקע פּנים פון ישראל

נאָך גענוג ווייט פון ווערן דאָס לאַנד פון קאָנצענטראַציע פון יידן, דערנענטערט זיך ישראל מיט ריזן־שריט צום פּונקט פון ווערן דאָס לאַנד פון קאָנצענטראַציע פון יידישקייט.

און, אויב די פּראָפּאָרציע צווישן די שאַף־כוחות פון ישראל פון איין זייט און די קאַפּיטולאַציע־כוחות פון די גלותן פון דער צווייטער זייט, ד. ה. אויב ישראל זאָל ווייטער אַזוי אינטענסיוו שאַפן און דער גלות זאָל אַזוי שנעל קאַפּיטולירן ווי ביז איצט, וועט דער פּראָצעס פון מאַכן פון ישראל אין דער פולער מאָס דאָס לאַנד פון קאָנצענטראַציע פון יידישקייט במהרה בימינו און דווקא צו פריצייטיק פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס וועט אָבער ווייט נישט זיין נישט די שולד און נישט דער גאַנצער פאַרדינסט פון ישראלס אינטענסיווקייט, נאָר די פולע שולד און דער קנאַפּער פאַרדינסט פון די קאַפּיטולירנדיקע תפוצות.

אָבער דאָס איז געזאָגט אגב אורחא. דערווייל איז פאַר אונז גענוג צו אונטערשטרייכן אַז פּונקט ווי עס וואַקסן אין ישראל, איבערנאַכט הייזער און עס בויען זיך שאָסייען, אַזוי וואַקסט און עס שפּראָצט אַ קולטור, פון פראַגמענטן פון אַ ציוויליזאַציע, אין ישראל האָבן אַלע שבטים און אַלע טענדענצן אַריינגעבראַכט זייערע גייסטיקע אוצרות, זייערע נוסחאות, זייער שטייגער, זייערע שפּראַכן, זייערע אַלטקייטן און זייערע נייקייטן. און ווען עס זאָל זיך ווענדן אין מיר, וואָלט איך גאָרנישט אונטערגעיאָגט דעם פּראָצעס פון מיזוג, פון צוזאַמענגוס. דאָ מוז דאָס לעבן לאַנגזאַם און בהדרגה מאַכן די לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט פון צונויפמיש. יעדע אינטערווענץ קען דאָ בלויז שאַדן ברענגען.

צום גליק פאַרשטייען דאָס די איצטיקע מנהיגים פון זיך בויענדיקן לאַנד. אַחוץ די נויטיקע באַזע פון אַן עלעמענטאַרער שולע, וואָס איז אגב

ל. דאָמאַנקעוויטש

אויסגערעכנט אויף דער באַפרידיקונג פון אַלע עדות און פון אַלע רעליגיעזע און וועלטלעכע טענדענצן, וועט איר קיין שום אינטערוועניץ פון שטאַט, קיין שום ברוטאַלע צוויילעניש מיט דער כוונה קינסטלעך און שנעל אַרויסצו־ברענגען אַ קולטור־איינהייטלעכקייט נישט באַמערקן.

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז ווען אַפילו די מנהיגים פון ישראל זאָלן אַליין נישט זיין די פולקאַמסטע דעמאָקראַטן, וואָלטן זיי עס געמוזט ווערן צוליב די ספעציעלע באַדינגונגען, צוליב דער גרויסער פאַרשידנקייט און פראַגמענטישקייט פון די ציוויליזאַציע־עלעמענטן פון יידישקייט, וואָס זענען אימפּאָרטירט געוואָרן אין לאַנד אַריין און, וואָס קענען לעתיד לבוא נאָר זיך צוזאַמענגיסן אין עפּעס אַלט־נייעס און איינהייטלעכס, אין אַן אַטמאָספער פון מילדע געדייאונגס־באַדינגונגען ווו צייט און געדולד האָבן זייער הויפּט־וואָרט.

און אַזוי האָבן אַלע יידישקייטן געפונען זייער פּלאַץ אין ישראל. און די גרויסע, די גרעסטע, די יידיש־יידישקייט בתוכם. איך מיין עס אין מאָס פון ציוויליזאַציע פון פראַגמענטן פון אַ י י ד י ש ע ר ציוויליזאַציע און נישט אין מאָס בלויז פון שפּראַכן. צוגיין צו דעם מיט דער מאָס פון בלויז לשון, וואָלט רעדוצירט דעם פּראָבלעם און אים אָפּגעוואָרפן פון אמתן וועג.

ישראל איז קודם־כל צוריק געוואָרן דאָס לאַנד פון תנ״ך. דאָ, איז דער באָדן דער סאַמע גינסטיקסטער פאַרן פאַרשטיין דעם תנ״ך, פאַר אָפּפילן פון זיינע חזיונות, פאַרן אַריינשטעלן די תנ״ך־קולטור אין אירע פּאַסיקע ראַמען. אויף די אומצאָליקע אויסגאַבעס פון תנ״ך און איינצלנע תנ״ך־ספרים מיט אָן אַ שיעור מפרשים, האָב איך זיך נישט געקענט אָנקוקן.

קיינמאָל האָבן יידישע קינדער נישט אַזויפיל געלערנט תנ״ך און אַזוי־פיל געקענט תנ״ך, ווי עס קענען אים די ווילדע, אומדערצויגענע באַחנטע סאַברעס. און ווער עס מיינט אַז תנ״ך קען אָפּפרעמדן יידן מיט יידן, מיט דעם האָב איך דאָ נישט בדעה צו דיסקוטירן.

און דער תלמוד ? און דער מדרש ? און די אגדה ? ניין, עס איז צום גליק נישט מקוים געוואָרן דער בייזער און נישט קלוגער זאָג פון יצחק גרינבוים אין אַמאָליקן פּוילן : ביי די גרענעצן וועלן מיר זיך אָוועקשטעלן און נישט דערלאָזן דעם תלמוד אַריינבאַקומען זיך אין ארץ־ישראל.

ניין, די קאָנטראַבאַנדע פון דער תלמודישער גלות־פּראָדוקציע צו־

זאַמען מיט דער גאַנצער גלות־גייסטיקייט האָבן זיך אַריינבאַקומען. אַלע צייטונגען, די סאַמע מאָדערנסטע, די סאַמע סענסאַציאָנעלסטע קאָנקורירן צווישן זיך און פאַרטיילן דעם ש״ס אַלס מתנה פאַר זייערע אַבאָנענטן, און די ישראל־סנאָבן — און דער דאָזיקער סנאָביזם איז דווקא פון די גע־זונטסטע — איילן זיך אַריינצושטעלן אויף זייערע ברייטע ספרים־פּאָליצעס נייע פינקלדיקע ש״סן און קוקן אויף זיי מיט גרויס שטאָלץ.

און דער מאַרק פון רבנישע ספרים האָט אויך אויפגעלעבט. און די וועלטלעכע און רעליגיעזע פּאָעזיעס פון די שפּאַניער, פון רבי יהודה הלוי, פון אבן עזרה, אבן גבירול, און פון די גרויסע איטאַליענער און אשכנזים ווי ר׳ עמנואל הרומי, ווי רבי מאיר מרוטענבערג קוקן אַרויס פון אַלע שוי־פענצטער פון די בוכהאַנדלונגען.

און ביאַליק און טשערניכאָווסקי און אַלע נייע דערציילער און פּאָעטן אין העבּרעאיש און אין יידיש, וועט איר געפינען אין אַלע ביבליאָטעקן פון אַלע דערפער און אַלע שטעט. און די ספרים־שענק פון אַלע פּריוואַטע בי־בליאָטעקן, וואָס זייער צאָל איז באמת אימפּאָזאַנט.

איר זענט נישט אין קיין דאָרף, אין קיין קיבוץ, אָדער מושב, ווו די געמיינדע עלטסטע זאָלן זיך נישט באַרימען מיט די גרויסע קולטור־הייזער, מיט די ריזיקע בית־העמס, מיט קינאָ־זאַלן און טעאַטער־בינעס, וואָס זענען ביי זיי אויפגעבויט געוואָרן, אָדער האַלטן אין געבויט ווערן.

דאָס גרויסע, רייכע, יידישע פּאַריז, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע עיר־ואם בישראל אין די רייכע און יידיש־באַפעלקערטע לענדער, וואָלטן זיך געמעגט אַראָפּנעמען אַ מוסר, וואָס מען קען אַלץ טאָן ווען מען גלייבט אין עפּעס.

איך האָב געזען דערפער, וואָס האָבן טעאַטערס וואָס נעמען אַריין אַן עולם פון טויזנט מענטשן. שבת איז דער זאַל אויסגעפילט דורך אַלע איינ־וווינער פון דאָרף און פון די נאָענטע אַרומיקע דערפער, וואָס קענען אַליין נישט האָבן אַזעלכע קולטור־צענטערס. אַזאַ געביידע באַזיצט נישט בלויז טעאַטער, קינאָ און זאַלן צו רעפעראַטן און פאַרזאַמלונגען, נאָר אויך ביב־ליאָטעקן מיט צענדליקער טויזנטער בענדער, תמיד אויך מיט יידישע ביכער.

אגב, האָבן אומעטום די ביבליאָטעקאַרן און קולטור־טוער פון די ער־טער געבעטן, אַז ווער עס האָט צו דיספּאָזיציע איבעריקע עקזעמפּלאַרן פון

ל. דאָמאַנקעוויטש

יידישע ביכער און אַ גוט האַרץ אויך דערצו, זאָלן זיי אַזעלכע ביכער אַריינ־שיקן.

טוען מיר דאָ אונזער חוב.

עס איז אַן גוזמא היינט נישטאָ אין דער וועלט אַזאַ אָרט, וווּ יידיש לשון זאָל אַזויפיל גערעדט ווערן, וווּ יידישע ביכער, זאָלן אַזויפיל געלייענט ווערן, וווּ יידיש טעאַטער זאָל אַזויפיל געשפּילט ווערן ווי אין ישראל.

דזשיגאַן און שומאַכער שפּילן טעאַטער יעדן טאָג אין אַן אַנדערער שטאָט אָדער גרויסן מושב אָדער קיבוץ, און שבת צוויי מאָל ביי אויסגע־פילטע זאַלן.

— איר האָט זיך נישט שטאַרק צו פאַרקלאָגן, — זאָג איך צו דזשי־גאַנען.

— און דאָך, זאָגט ער מיר, זענען פאַראַן געוויסע דיסקרימינאַציעס.

— אַזוי? פרעג איך אַ פאַרוווּנדעטער.

— יאָ, מען רייסט ביי מיר צופיל שטייערן...

טענה איך צו אבו חושי, דעם בירגערמייסטער פון חיפה, דערציילט מיר ווייטער דזשיגאַן: איר וועט ביי מיר רייסן פונטן און איך וועל ביי אייך רייסן ווילערס. (דורך „בומערן" פון קריטיק).

נו, אין אַ לאַנד וווּ אַ טעאַטער באַלעבאָס קען געבן אַזעלכע תשובות צו אויטאָריטעטן, איז די דיסקרימינאַציע נישט קיין שרעקלעכע...

אַן אַ שיעור פּנימער האָט איצט דאָס גייסטיקע ישראל, פּונקט ווי פילפּנימדיק און פילשפּראַכיק עס איז נאָך די באַפעלקערונג פון ישראל. עס איז אַ לאַנד פול מיט קאָנטראַסטן, פול מיט טעזעס און אַנטי־טעזעס. עס געהערט צו דער צייט און צו די אינערלעכע און אויסערלעכע באַדינגונגען די קומענדיקע אויספאָרמירונג פון דער גרויסער סינטעזע.

דאָס אַלטע פאָלק און זיין באַנייט לאַנד

פון אָקערשט־פאַרשטאָרבענעם חיים גרינבערג ז״ל איז אונז צווישן אַנדערע אינטערעסאַנטע מאמרים און מימראס געבליבן אַ גוט וואָרט: ישראל סבא איז געוואָרן ישראל סברא — דער אַלטער ישראל האָט איבער זיך אַדורכגעפירט אַ פאַריונגערונגס־אָפּעראַציע. עס געהערט צו די יסוד־דותדיקע שטאָם־שטריכן פון דער יידישער אומה, זיך צו קענען באַנייען. שוין דער באַרימטער השכלה־פילאָזאָף נחמן קראָכמאַל האָט דעם פענאָמען אַנט־פּלעקט און פעסטגעשטעלט ווי אַ ספּעציפישע אויסשליסלעך יידישע אייגנ־שאַפט. אחרי בלתי היתה לי עדנה, נאָך מיין פאַרוועלקונג האָב איך ווידער אַ בלי־צייט. ווי יענער לעגענדאַרער פעניקס וואָס לעבט צוריק אויף פון דעם אַש פון זיין אייגענעם פאַרברענטן גוף.

דאָס מיינט זיכער נישט, אַז דאָס יידישע פאָלק קען זיך זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך רואיק פאַרלאָזן אויפן נצח ישראל לא ישקר. אָבער דאָס מיינט אַז אויף זיין ווילן עס זאָל אַזוי זיין, קען עס זיך זיכער יאָ פאַרלאָזן. און אַזוי לאַנג ווי דער דאָזיקער ווילן וועט זיך פאַרוואַנדלען אין ענערגיע פון מעשים אויפצולעבן פון דער אַש פון פאַרברענטע גופים, אַזוי לאַנג וועט דער נצח ישראל זיך נישט פאַרלייקענען.

דאָס ווידערגעבוירן ווערן פון אונזער אַלט־נייאַנד דאַרף קודם־כל טאָקע באַנומען ווערן ווי אַן אויסדרוק פון פאָלקס־ווילן ממשיך צו זיין דעם קיום ביי נייע אומשטענדן און אויף נייע יסודות, נאָכדעם ווי די ביז־איצ־טיקע יסודות זענען געוואָרן אונטערגעגראָבן, עס מיינט צופלוס פון ניי בלוט נאָכן לעבנס־געפערלעכן בלוט־שטורץ פון דער קאַטאַסטראָפע. עס האָט געהערט צו אַ גאַנץ באַזונדערן פאַרזיכטיקן גאַנג אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק צו קענען מאַנעווירן מיט די צוויי זייטן פון דעם איינעם גוף — נאַציע; איך וויל זאָגן צו קענען סעפּאַרירן ווען מען ברויך און אויף ווי לאַנג מען ברויך צווישן די צוויי באַגריפן: פאָלק און מלוכה.

נאַציע מיינט פאַרבינדונג צווישן פאָלק און מלוכה. עס האָט זיך אָבער

ל. דאָמאַנקעוויטש

נאָך קיינמאָל און ביי קיין שום פאָלק נישט געטראָפן אַז די דאָזיקע צוויי אָרגאַניזמען זאָלן זיך אַזוי צוזאַמענגיסן ביז צום ווערן אידענטיש, אָבער קיין שום פאָלק האָט אַזוי נישט געקענט פונאַנדערטיילן צווישן די צוויי טיילן פון איין גוף ווי דאָס יידישע. עס וועט אפשר אויסזען ווי אַ פּאַראַ־דאָקס און דאָך זעט אויס דער גאַנצער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע צו באַשטעטיקן דעם אמת, אַז דווקא דערפאַר וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געקענט אַזוי עלאַסטיש זיך אומגיין מיט די באַגריפן פון פאָלק און לאַנד, זיי אָפּטיילן, ווען אַנדערש וואָלט געהייסן אונטערגראָבן און צוריק באַהעפטן, ווען סעפּאַראַציע וואָלט ווידער באַדייט טויט־געפאַר, דווקא די דאָזיקע איי־גנשאַפט האָט באַשטימט דעם קיום און דעם המשך פון פאָלק אויף לאַנגע צייטן.

און דאָך וואָלט געווען פאַלש אַרויסצוציען אַ מסקנה אַז יידן קאָנען טאַקע לעבן אָדער האָבן געלעבט אָן מחיצות פון אָן אייגענער טעריטאָריע אַפילו אין די צייטן פון גלות. זיי האָבן בלויז אויסגעביטן דעם באַגריף פון מלוכה אויף אַ צווייטן, זיי האָבן די קאָנקרעטע ערדישע מלוכה פון ירושלים של מטה אויסגעביטן אויף דער אַבסטראַקטער גייסטיקער מלוכה פון ירושלים של מעלה. די גייסטיקע מנהיגים און מורי־דרך פון יידישן פאָלק האָבן אין אַ לאַנגער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון דורות סיגים און גדרים, דורך מצוות מעשיות און איינגעשטעלטן סדר פון טראַדיציע און שטייגער, איינגעשטעלט מחיצות צווישן יידן און די אַנדערע פעלקער און אַזוי אַרום געקענט אויף אַ לאַנגער צייט דערהאַלטן אַ מערקווירדיקן יידישן עקס־טערי־טאָריאַליזם אויף די טעריטאָריעס פון אַנדערע פעלקער און די בענקשאַפט צום אייגענעם לאַנד, דאָס לעכצן צו אייגענער מלוכהשאַפט האָט ווי עס איז געקענט פאַרנעמען דאָס אָרט פון לאַנד אַליין.

איז עס דער גרויסער וווּנדער פון אונזער צייט, דער נס פון קיום פון אונזער פאָלק, וואָס דאָס פאָלק האָט אין אַ צייט ווען די מחיצה פון סיגים, גדרים און טראַדיציע איז געפאַלן, דורך די צוויי קלעפּ פון צוויי עקסטרעמע זייטן — דורך דער עמאַנציפּאַציע (שרעקלעך אילוזאָרישע ווי מיר זעען עס הייגט) פון איין זייט, און דורך דעם היטלער־חורבן פון דער צווייטער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט מיט אַזאַ שנעלקייט און מיט אַזאַ ענערגיע ווידער

צוריק אויפגעריכט די קאָנקרעטע מחיצות און די טעריטאָריאַלע גרענעצן פֿון זײַן מלוכהשקייט. נישט אַלץ שטעלן אויפֿן לאַנד האָט דיקטירט דעם קיום־ווילן פֿון ייִדישן פֿאָלק נאָכן חורבן פֿון לאַנד פֿאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק; נישט שטעלן מער בלויז אויף פֿאָלק נאָכן חורבן פֿון פֿאָלק אין אונזער צײַט, איז געוואָרן דער סטימול פֿאַרן וווּנדער, דעם נס און דער גרויסקייט פֿון פֿאָלק אין אונזער דור.

וועלכער ייִד עס דערזעט נישט דעם דאָזיקן כוח, וואָס האָט חורבן און פֿאַרצווייפֿלטן אונטערגאַנג פֿאַרוואַנדלט אין אַ דינאַמישע ענערגיע פֿון ווי־דערגעבורט, דער זעט נישט אונזער צײַט, שאַצט נישט אָפּ די לעבנס־כוחות פֿון זײַן פֿאָלק און שטעלט זיך דעריבער מחוץ למחנה, אַפֿילו ווען זײַן מויל זאָל פֿול זײַן מיט פֿראַגן וועגן דער „אייביקייט פֿון וועלט־פֿאָלק" און וועגן „דער גרויסקייט פֿון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור".

ווער עס זאָגט „וועלט־פֿאָלק" מיט דער כוונה אַקעגנצושטעלן דעם באַגריף ווי אַ צווייטן קעגנגעזעצטן ווערט צו מדינת ישראל, פֿאַרשמירט בלויז די אויגן פֿון פֿאָלק און זײַנע אייגענע. די תקופֿה פֿון וועלט־פֿאָלק ווי אַן איינציקער נאַציאָנאַלער ווערט, האָט זיך געענדיקט, אירע יסודות זענען געוואָרן אונטערגעשניטן. בלויז אין דער באַהעפֿטונג פֿון מדינת ישראל מיט די תפֿוצות, אין דער ווידערבאַהעפֿטונג צווישן פֿאָלק און לאַנד, ליגן ווײַטערע מעגלעכקייטן פֿון קיום. די דאָזיקע באַהעפֿטונג איז אַליין, ספּאָנ־טאַן געקומען, זי איז נישט געקומען בחינם, נאָר ווי אַ היסטאָרישע נויט־ווענדיקייט.

זי איז געקומען נישט בלויז — און אפֿשר איבערהויפּט נישט — ווי אַ מעגלעכקייט פֿון פֿיזישן אויפֿהאַלט, נאָר ווי די איינציקע מעגלעכקייט פֿון אַ ווײַטערדיקן גײַסטיקן אויפֿהאַלט ווי דאָס איינציקע און ווירקזאַמסטע מיטל קעגן אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציע און זעלבסט־פֿאַרלייקענונג.

שווער איז דער וועג פֿון אידענטיפֿיצירן מלוכה מיט פֿאָלק, קיין שום נאַציע האָט עס נישט באַוויזן. ייִדן האָבן עס געפּרוווט אין זייער ערשטן שריט פֿון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע צו גרינדן אי אַ ממלכת כהנים און אי אַ גוי קדוש. געשען איז, אַז דער גוי קדוש איז לאַנג געווען אָפּגעטיילט פֿון ממלכת כוהנים. האָבן מיר אָבער דעם פֿאָלקישן אינהאַלט קיינמאָל נישט פֿאַרלוירן. האָט אינהאַלט געבענקט טויזנטער יאָרן נאָך פֿאָרם. איצט האָט

ל. דאָמאַנקעוויטש

דער אינהאַלט אָפּגעפּונען זיין פאָרם, מעג די פאָרם אַליין זיין אַ כאַאָטישע, מעג דער אינהאַלט נאָך זיין אַ פּליסיקער, מעג ער נאָך דערוויל זיין אַ פּיינפולער פּרווו צו געפינען אַן אייגענעם וועג.

די געזונטע כוחות פון פאָלק וועלן דעצידירן אַז דער וועג זאָל זיין נישט קיין „כנעניישער" און נישט קיין פּסיידאָ־פּראָגרעסיווער, נאָר אַ וועג ווי דאָס אַלטע און דאָס נייע זאָלן ווי איין גאַנצעס זיך האַרמאָניש צונויפגיסן אין איין ליניע און איין ווילן, נישט בלויז צו זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, נאָר אַ פאָלק אויסגעצייכנט צווישן אַלע פעלקער, אַזוי ווי עס איז שטענדיק געווען אין פאַרלויף פון זיין געשיכטע.

די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל נאָך דעם שרעקלעכן חורבן איז פאַר אונז פאַר אַלעם דער באַווייז, אַז די האַנט פון דער געשיכטלעכער השגחה לענקט נאָך מיט אונז און פירט אונז נאָך צו וויטערע וועגן פון נצח ישראל.

□

די יאָרצייט פון חורבן און דער יאָרטאָג פון גאולה האָבן זיך היי־יאָר צונויפגעטראָפן. איז עס, נאַטירלעך אין סימבאָלישן זין, אַז דער זכרון פון חורבן זאָל נישט פאַריאָגן די פרייד פון ווידעראויפלעבונג. אָבער אַזעל־כע צוזאַמענשטויסן דאַרפן אויסגעמיטן ווערן און פאַרן יאָרצייט פון חורבן דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלט ווערן אַ יידישע דאַטע, באַלד פאַר, אָדער האַרט נאָך די פסח־טעג.

דער באַזונדערער גאַנג פון יידישן פאָלק צו זיין לאַנד

„העם ההולכים בחושך ראו אור גדול.״ (ישעיה)

דאָס פאָלק וואָס האָט געטאָפּטשעט אין אַלע פינצטערנישן האָט דער־זען אַ גרויס ליכט. און אונזער דור, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט דער שוואַרצער פינצטערניש פון דער נאַכט פון דער לאַנגן מעסער, האָט זוכה געווען צום אָנהויב פון אַן אויסלייז.

כה לחי! אַזוי זאָל עס זיין צום לעבן און צום המשך פון אַ פאָלק, וואָס איז תמיד געווען דאָס איינציקע אין דער וועלט, וואָס האָט געקענט דעם סוד פון סעפּאַראַציע צווישן פאָלק און ערד, אָבער אויך קיינמאָל נישט אויפ־געהערט צו בענקן צו אָט דער באַהעפטונג און צוריקקער אל המנוחה ואל הנחלה.

עס האָט געהערט צום באַזונדערן גאַנג פון יידישן פאָלק, קודם כל, צו זיין אַ פאָלק. לענדער קען מען באַצווינגען. לענדער קען מען אַנעקסירן, איינגעמען און באַהערשן. אַ פאָלק מוז מען פון זיך אַליין אויספאָרמירן, גייס־טיק און נשמהדיק געשטאַלטיקן. פאַר אַ לאַנד איז דערוויילל גענוג אַ הבטחה, אַ צוזאָג, אַ בענקשאַפט: אַ פאָלק מוז מען זיין, מען מוז זיך טראָגן מיט אָט דער בענקשאַפט און זי ווערט זיין.

יידן זענען אַזוי אַרום תמיד געווען דאָס פולקאָמסטע פאָלק, דאָס פאָלק אָן תנאי, אָן באַדינג, אָפּהענגיק פון זיך אַליין, פון זיין גייסטיקן ווילן, פון זיין נשמהדיקער דעצידירטקייט צו זיין און צו בלייבן אַ פאָלק.

די שונאים האָבן אונז געמאָרדעט, זיך נישט געוואָלט טיילן מיט זייער ערד, אַנדערע פיינט האָבן אונז נישט אָנערקענט פאַר קיין פאָלק ווייל זיי האָבן נאָר אָנערקענט די מאַטעריעלע שייכותן פון פאָלק מיט לאַנד. אין אונז האָבן זיי נישט געוואָלט זען דאָס אַבסאָלוטע פאָלק אָן שום אַנדערע שייכותן, ווי בענקשאַפט צו נחלה.

ל. דאָמאַנקעוויטש

ווען די אומשטענדן האָבן אונז געשטעלט פאַרן שרעקלעכסטן נסיון פון זיין אָדער נישט זיין, האָבן מיר מיט איין פלוצימדיקער ווענדונג באַ־האַפטן דאָס אַבסאָלוטע פאָלק מיטן אָביעקט פון זיין בענקשאַפט: פאָלק און לאַנד.

בדמיך חיי, בדמיך חיי. אין דיין בלוט לעב ווי אַ פאָלק, אין דיין בלוט גרייט דיך צו דער באַהעפטונג פון פאָלק מיט לאַנד, רייף צו זיין צו אַ מלוכה.

רייף צו זיין צו אַ מלוכה — קען נישט מיינען און קען נישט אינטע־רעסירן בלויז די 2 און אַ האַלבן מיליאָן תושבים פון דער מדינה נאָר דאָס מיינט די רייפקייט און דעם אינטערעס פון גאַנצן צעשפּרייטן פאָלק. מיר מוזן אַלע ראוי זיין אַריינצוגיסן פאָלקישן תוך אין דער פאָרם פון אַ מלוכה, און די מלוכה מוז ווערן ראוי, צו געבן אַ נאַציאָנאַלע פאָרם צום תוך פון פאָלק, ווו עס געפינט זיך נאָר.

אפשר וועלן קיינמאָל די אַלע מיליאָנען פון יידישן פאָלק נישט אויס־פילן זייער לאַנד, אָבער פון איצט אָן מוזן פאָלק און לאַנד זיין צוגעפּאַסט צו אַ ניי לעבן פון זיווג צווישן זיך און מיזוג צווישן צורה און אינהאַלט. אונזער לאַנד מוז באַלד זיין אויסגעבויט פאַר אַ גרויס פאָלק און נישט בלויז פאַר זיינע תושבים, און דאָס פאָלק מוז זיך איבערבויען צו זיין מוכשר פאַרן לאַנד.

מיר האָבן זיך אין די פריערדיקע תקופות פון גלות געשאַפן אייגענע פאָרמען צו אונזער תוכן. היינט זענען מיר געבונדן צו דער צורה, וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט געבן דעם בשותפותדיקן תוכן פון גאַנצן פאָלק און צורה מיינט דאָ, עפּעס וואָס פאָרמירט, בילדעט אויס, באַפאַרבט כסדר, און באַווירקט כסדר דעם תוך.

מיר וואַרטן עס זאָל שטיל ווערן אַרום אונז, עס זאָל שטיל ווערן אַרום דעם אויפבוי פון אונזער לאַנד. נישט בלויז רו דערוואַרטן מיר, נאָר טאָג־טעגלעכע שטילקייט. דער היינטיקער טומל, דאָס, וואָס מיר פילן אויס אַזוי פיל פלאַץ אין דער וועלט־כראָניק, איז קינסטלעכער טומל, פוסטער, שעד־לעכער פּאָליטישער טומל, פון וועלכן מיר האָבן מער סיבות צו זיין אומ־רואיק ווי שטאָלץ.

ווען אונזערע נביאים האָבן געשטעלט דאָס קליינע לענדל און דאָס קליינע פאָלק פון יהודה אין צענטער פון דער וועלט, עס געזען ווי „נס לכל

הגויים״, האָבן זיי נישט דאָס געמיינט, נאָר דעם „מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

אויף דעם דאָזיקן בכבודיקן אויבנאָן וואַרטן מיר. מיר וואַרטן אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן דער צענטער וואָס גיט אונזער גייסט אַ פאָרם און איז משפיע פון זיין אויספאָרמירטן יידישן גייסט אויף אַלע פעלקער און לענ־דער, אַזוי ווי מיר האָבן עס שוין באַוויזן אין אַמאָליקע צייטן.

דאָס דיקטירט אונז נישט אַ פוסטער שאָוויניזם, נאָר די זיכערקייט, אַז נישט געשפּאַרנטע אימפּעריעס דעצידירן וועגן אידעען און קולטורן, נאָר דווקא קליינע פעלקער, וואָס פאַרשווענדן נישט זייערע גייסטיקע כו־חות אויף מיליטערישע און פּאָליטישע עקספּאַנסיעס, נאָר אויף אַ קאָנ־צענטרירט און אינטענסיוו אינערלעך לעבן.

די קליינע דייטשע פירשטנטימער פון די צייטן פון געטע און שילער האָבן מער בייגעשטייערט צו דער וועלט־קולטור, ווי די גרויסע שפּעטערע אימפּעריעס פון ביסמאַרק און ווילהעלם. און וואָס דאָס דריטע רייך פון היטלערן האָט באַדייט פאַר דער דעסטרוקציע פון דער וועלט־קולטור האָבן מיר אַלע צוגעזען.

די קליינע סקאַנדינאַווישע פעלקער קענען זיך גאַנץ היפשלעך פאַר־מעסטן אין זייערע ליטעראַטורן מיט די גרעסטע ליטעראַטורן פון די אימ־פּעריעס פון אונזער צייט. און נאָך קיינמאָל זענען די קולטורן און ליטע־ראַטורן פון די מעכטיקע פעלקער נישט געווען אַזוי נעבעכדיק און אָרעם ווי אין די צייטן ווען זיי זענען געוואָרן אַטאָמישע, חללדיקע גרויסמאַכטן און זייער גאַנצער אָנשטרענג גייט צו פאַרניכטן אַלע אַנדערע מאַכטן און פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

מלוכה — מיינט טאָקע אַקטיווע באַטייליקונג אין לעבן פון די פעל־קער, נישט מער זיין קיין פּאַסיווער אָביעקט אין דער וועלט־געשיכטע, נאָר ווערן אַן אַקטיווער פאַקטאָר, אָבער נישט די בלויז פּאָליטיש־מיליטערישע באַטייליקונג באַדאַרף אונז פאַרבלענדן די אויגן. נישט די דאָזיקע באַטיי־ליקונג איז פרוכטבאַר פאַר די פעלקער. זי איז דווקא צומייסט אַן אומ־נוצלעכע און ווען עס גייט פאַר ישראל איז זי אַן אָנגעוואָרפענע דורך די אויסערלעכע אומשטענדן.

אונזער שטרעבונג און אונזער האָפנונג צום אַכצנטן יאָר פון מלכות ישראל איז: נישט זיין געצוווּנגען צו זיין באַטייליקט מער פּאָליטיש און

ל. דאָמאַנקעוויטש

מיליטעריש אין לעבן פון די מדינות, ווי עס פאַלט אויס אויף אונזערע כו־חות, און דאָס אויך צום ווייל און צום פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט די שכנים פון דער נאָענט און מיט די פעלקער פון וויטנס. און צו קענען אַלע אונ־זער'ע באמת גרויסע כוחות, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס מיר האָבן באַוויזן אויף אַלע שעפערישע געביטן, ווידמען דער פאַרמערונג פון מאַטעריעלן און מאָראַלישן ווילשטאַנד פון זיך אַליין און פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

אויפן דאָזיקן קליינעם פאָלק, וואָס האָט זיך באַטייליקט און אפילו אָנגעפירט, אין אַזויפיל רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין דער וועלט, וואָס האָט דער וועלט געגעבן אַזויפיל דערפינדער און אַנטדעקער, אַזאַ שפע פון אידייען און אידעאַלן, אויפן דאָזיקן קליינעם פאָלק וואַרטן אין זיין לאַנד אַ סך גרויסע לייסטונגען. פאַר דער גרויסער וועלט בעטן מיר בלויז, אַז זי זאָל אונז נישט שטערן, נישט דערדריקן מיט איר פיזישער לאַסט.

אויף פון דער אידייע פון אַ וועלט־פאָלק זאָגן מיר זיך נישט אָפּ. מיר זענען עס געבליבן פראַקטיש און פאַקטיש. מיר זענען דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט באַוויזן איינצוהאַלטן זיין פאָלקישקייט, נישט געקוקט אויף זיין אויסגעשפרייטקייט צווישן פעלקער און לענדער.

אונזער מדינה האָמערט טאַקע אונזער באַשלוס און פאַרפעסטיקט אונזער ווילן צו קענען בלייבן אַ פאָלק, און אין דער צוגעבונדנקייט פון דער מדינה צו וועלט פאָלק, און פון וועלט־פאָלק צו אונזער מדינה זעען מיר די צוקונפט און אפילו אויך די צוקונפט פון דער וועלט, וועלכע מוז זיך אויס־לערנען קוקן אויף פעלקער מיטן קוק פון נאַציאָנאַלער טאָלעראַנץ און אָן פאָליטישע חשדים.

יידישע מלוכה מיינט: דערפאַרונג פון נייעם וועלט־קוק אויף באַציאונג צווישן פאָלק און מדינה, וואָס איז דער פאַרקערטער קוק, וואָס עס האָבן געהאַט די פעלקער צו דעראָבערן און קאָלאָניזירן פרעמדע טעריטאָריעס, ליקווידירן קולטורן און ציוויליזאַציעס.

יידישע מלוכה מיינט אַ לערע אַז אַלע פעלקער מוזן זיך תמיד אידעאיש קענען קאָמפלעטירן מיט זייערע לענדער, אָבער מוזן זיך נישט אייביק אידענטיפיצירן מיט זיי.

אונזערע אויגן און הערצער צו ציון

טויזנטער יאָרן האָבן יידן ביים תפילה טון געווענדט זייערע ווייגענ־דיקע אויגן מיט בענקשאַפט צום פאַרוויסטן ציון, היינט זענען אַלע הערצער און אויגן פון יידן אין דער גאָרער וועלט געווענדט צו ציון אין קאַמף פאַר איר שווער־אויסגעראַנגלטע עקזיסטענץ.

טראַגישער פּאַראַדאָקס! דאָס לאַנד, וואָס האָט מער ווי אַלע לענדער ליב שלום, וואָס האָט מער ווי אַלע לענדער נויטיק דעם שלום, וואָס מער ווי אַלע לענדער ציטערט עס פאַר דער צעשטערונג פון שלום, דאָס דאָזיקע לאַנד איז געצוווּנגען געוואָרן אַרויסצוציען זיין שווערד כדי איבערצושניידן די פּעטליע וואָס זיינע שונאים האָבן פאַרלייגט אַרום זיין האַלדז, עס צו דערשטיקן און צו דערווערגן.

לאַנד ישראל און פאָלק ישראל, אין לאַנגע תקופות פון צעריסנקייט און אין תקופות פון ווידערבאַהעפטונג, תמיד איז אייער גורל געווען אידענטיש! תמיד האָט איר געגאַרט נאָך שלום, תמיד איז דער שלום עליכם געווען אין מויל פון וואַנדערנדיקן יידן און דער גרוס „שלום” אויף די ליפּן פון נייעם דור אין זיין נייער היים, אָבער שטענדיק האָבן אַנדערע געטראַכט פון שנאה און מלחמה, און תמיד האָט מען אים האַס און פּאָגראָם אָנגעוואָנדן צו אים:

וכי אדבר שלום המה למלחמה.

אָבער עפּעס האָט זיך פאַרט געענדערט. צום ערשטן מאָל אין אונזער געשיכטע זייט לאַנגע הונדערטער יאָרן, זענען מיר נישט געבליבן זיצן אין די לעכער און בונקערס, ביז דער שונא וועט קומען מיטן חלף, ביז ער וועט באַשטימען די שעה פון דער פאַרניכטונג. דאָס מאָל האָבן מיר באַשטימט די שעה און דאָס אָרט פון פאַרמעסט, אין אַ מאָמענט וואָס איז נאָך די שונאים נישט באַקומען געווען צו אַנטפּלעקן זייער פּאָגראָם־סוד.

דעם 15־טן מאַי 1948 האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אַנגאַזשירט אין אַ ניי לעבן, עס האָט זיך גורלדיק געוואָרפן אין אַ נייער אומבאַקאַנטער

צוקונפט, פול מיט גרויסע האָפענונגען, מיט דערוואַרטונגען אָן אַ שיעור, נישט פריי פון לויערנדיקע סכנות. און עס וועט קיינעם, קיין שום טייל פון יידישן פאָלק גאָרנישט העלפן, אַלע זענען מיר, צי מיר ווילן עס, צי מיר ווילן עס נישט, מיטאַנגאַזשירט אין דאָזיקן אומבאַקאַנטן גורל. אַזוי ווי ביים באַרג סיני זענען אַלע דורות, לויט דער אגדה, געווען מיטאַנגאַזשירט מיט די עשרת הדברות.

אַלע זענען מיטאַנגאַזשירט, ציוניסטן ווי סימפּאַטיקער, ווי גלייכגילטיקע און אפילו נישט־ציוניסטן און אפילו אַנטי־ציוניסטן, אַלע יידן און סתם יידן, יידיש־רעדנדיקע און העברעאיש־רעדנדיקע, אַלע פרעמדשפּראַך־רעדנדיקע, און יידן פון אַלע ישובים אין אַלע ארבע פינות העולם זענען זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה און ביז אייביק געבונדן מיט איר גורל. מיט איר געראַנגל און אירע קאָנסעקווענצן, מיט אירע אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען. צופיל איז ישראל אידענטיש מיט דעם יידישן פאָלק, צופיל איז זייער גורל געקניפּט און געבונדן, אַז טיילן פון פאָלק זאָלן זיך קענען באַפרייען פון אחריות און עול וואָס בינדט זיי מיטן לאַנד ישראל.

מעגן זיך אַנטי־ציוניסטן וואַרפן פון כעס און פון פחד. מעגן זיי האַלטן די גיגאַנטישע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגן פאַר אַן אַנגעוואָרפענע אַוואַנטורע, מעגן זיי מאַניפעסטירן זייער פּאַסיוויטעט, זייער „נייטראַליטעט״, זייער שנאה ; זייער פּאַסיוויטעט און נייטראַליטעט וועט פאַרשריבן ווערן אויף זייער קאָנטאָ, אָבער פון בשותפותדיקן פאָלקס־גורל וועט עס זיי נישט באַפרייען, זיי וועלן פון דער אַנגאַזשירונג פון יידישן פאָלק זיך נישט אַרויסדרייען, פּונקט ווי עס האָבן זיך אַסימילאַטאָרן און משומדים אפילו נישט געקענט אַרויסדרייען פון די הענט פון גורל אין די טעג פון דער היטלער־תוכחה.

***

עס האָבן די ערשער פון מצרים, פון בבל (איראַק) פון עמון (עבר הירדן), פון אדם (סיריע) און פון לבנון, די פרינצן, מלכים און דיקטאַטאָרן בשום אופן נישט געוואָלט אנערקענען די עקזיסטענץ פון ישראל, דער עיקר האָבן זיי נישט געוואָלט אָנערקענען די קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען און

מבטל זייענדיק מדינת ישראל האָבן זיי (על פּי דין פון קאָראַן) מיט דעם אַליין מבטל געווען די באַקומענע פּעטש.

די ערשטער פון די רייכע האַרעמס און טראַכאָמישע פעלקער, וואָס האָבן אונטער זייער „רומפּולער" ממשלה פאַרוואַנדלט זייערע לענדער אין רחבותדיקע וויסטעניִשן, אין איין גרויסן מדברדיקן לעבנסרוים פאַר זייערע קעמלען און קאַלירפּולע קאַראַוואַנען, האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס זענען געקומען אַנדערע, פאַר וועלכע דער באָדן פון הייליקן לאַנד איז נישט געווען אַ פרעמדער אַ פרייער רוים פאַר שטעכיקע פליגן און שטינקענדיקע זומפּן, נאָר אַ מקלט פאַר אַנדאַכיקע, אַ היים פאַר מענטשן, וואָס זענען דאָרט אַהין צוריקגעקומען אַרבעטן און לעבן, און זיי האָבן אויס־געטרוקנט די זומפּן, אַראָפּגענומען דורך זייער אַרבעט, די קלעפּיקע טראַ־כאָמע פון די אַראַבישע קינדער און האָבן אפשר באַדראָט אויך אַראָפּצו־נעמען די שלייערן וואָס זענען פאַרצויגן אויף די פּנימער פון די אַראַבישע פרויען און אפשר חלילה וואָלט נאָך געמוזט קומען אַ מאָמענט, ווען די פּילאָזאָפיש־נאַרגיל־ציִענדיקע לאַפּונדיסטן, וואָלטן געמוזט אַליין נעמען אין דער האַנט אַריין אַ לאָפּעטע און אַן אַרבעטס־אינסטרומענט, ניין, צו דעם קענען זיי נישט דערלאָזן. פאַר אַזעלכע פּריווילעגיעס איז כדאי צו שטיין אין אַן אייביקער מלחמה, איז כדאי צו שיקן אין פייער אַריין גאַנצע פעלקער.

און זיי האָבן די אייביקע מלחמה געפירט מיט כיטרעקייט, מיט פאַר־ביסנקייט, מיט עקשנותדיקער שנאה ביז דאָס מעסטל איז איבערגעגאַנגען...

און איצט גייט עס נישט בלויז אין קיום פון יידישן לאַנד, נאָר אין קיום פון יידישן פאָלק. קיין שום אילוזיעס זענען נישט מעגלעך און נישט דערלויבט.

מדינת ישראל איז געקומען ווי אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט און אָן איר אַנטשטייאונג איז נאָכן חורבן מער נישט מעגלעך געווען קיין שום נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

דאָס האָט אונז די השגחה פון דער געשיכטע מזכה געווען מיט אַ לאַנד אין אַ מאָמענט ווען קיין שום אַנדערע פאָרם פון נאַציאָנאַלן קיום איז נישט מעגלעך געווען. ישראל איז געווען דער באַוויַז, דער היסטאָרי־שער און נאַציאָנאַלער באַווייז פון נאָך עקזיסטירנדיקן ביי אונז לעבנס־כוח און לעבנס־ווילן.

ל. דאָמאַנקעוויטש

עס האָט געהייסן: אַן אַ לאַנד, בלויז מיט דער בענקשאַפט צו אַ לאַנד, אַזוי לאַנג ווי דאָס איז מעגלעך, אָבער מיט לאַנד, ווי נאָר אַנדערש איז אומ־מעגלעך. די גרינדונג פון דער מדינה איז געווען דער באַווייז פון אַ נאָך געװענונגדיקער וויטאַליטעט פון פאָלק. און לאָמיר עס זאָגן אָפן: אַ באַווייז פון אונזער גייסטיקער שטאַרקייט, אָבער אויך אַ באַווייז פון אונזער גייסטי־קער שוואַכקייט. איך וויל דערמיט זאָגן: אַ באַווייז אַז מיר קענען מער נישט, ווי אונזערע אָבות, לעבן בלויז מיט ירושלים של מעלה, מיר מוזן אין אונ־זער גייסטיקער און פיזישער אָפּגעשוואַכטקייט, אין אונזער נטיה צו אַסימי־לאַציע אין אונזער אומצופרידנקייט אין די גלות־לענדער, האָבן אַ ירושלים של מטה, אַ מאַטעריעל־פיזישע טעריטאָריע צו דערהאַלטן אונזער ווייטער־דיקע אייגנאַרטיקייט.

היסטאָריש איז אַנגעגאַנגען אַ ויכוח צווישן די ר׳ יוחנן בן זכאיס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז „יבנה וחכמיה" איז גענוג פאַר אונזער עקזיסטענץ און די בריונים, וואָס האָבן נישט דערלאָזט דעם געדאַנק פון אַן עקזיסטענץ אָן פיזישן כוח. צום גליק פון יידישן פאָלק האָבן זיך אין אַלע צייטן, אין אַלע דורות אָפּגעפונען די באַשיצער, וואָס זענען אים נויטיק געווען. אַמאָל די ר׳ יוחנן בן זכאיס מיט זייערע פאַנצערס פון גייסט און אַמאָל די נישט ווייני־קער וויכטיקע שיצער, די בריונים מיט זייערע פאַנצערס פון מענטשלעכן פלייש; גענוג אָפּטביידע צוזאַמען און נישט איינמאָל שוין וואָלט געקומען אַ סוף צו די ר׳ יוחננס ווען נישט די בריונים.

היינט שטייען אין אַ מלחמה וועגן לעבן אָדער אונטערגאַנג פון אונזער פאָלק סיי די ר׳ יוחנן׳ס, סיי די בריונים, סיי די כוחות פון גייסט, סיי די פיזישע כוחות. סיי בחיל סיי ברוח. דער גורל פון מדינת ישראל און דער גורל פון עם ישראל זענען איצט פאַרבונדן מיט אַן אומסעפּאַרירנדיקן בונד, וואָס קיינער קען מער נישט פונאַנדערשיידן אָן שאַדן פאַרן לעבן פון ביידן.

עס איז מער נישט פאַראַן קיין סעפּאַראַטע ישראל־פראַגע און אַ באַ־זונדערע יידן־פראַגע. בלויז אין דער פאַראייניקונג און פאַרטיידיקונג פון די ביידע ווי איין פּראָבלעם פון זיין אָדער נישט זיין, ליגט די תשובה.

אַ שפּאַציר איבער גליל און עמק יזרעאל

(איינדרוקן און מסקנות פון אַ רייזע)

עס איז דער ערשטער מאַי. עס איז נאָך פרי, די זון איז נאָך זייער ני־דעריק. אין חלל קיין שום באַוועגונג, קיין רויש פון אַ ווינטל, קיין סימן פון אַ וואָלקנדל, גאָרנישט דאָ אַזעלכעס אין דער לופט, וואָס זאָל קענען שטערן דער זון צו בראָטן אַ גאַנצן אַ גרויסן טאָג. אָבער איצט איז דערווייל קיל, רואיק און יום־טובדיק. פון אַלע זייטן איילן גרופּעס אַרבעטער און יוגנט־לעכע מיט פּענער און טראַנספּאַרענטן. אַלץ ציט צום זאַמלפּונקט אויפן טעאַ־טער־פּלאַץ, צום פּלאַץ פון הבימה.

מיר אָבער, אַ גרופּע פריינט, פאַרלאָזן דווקא איצט תל־אביב. לאָדזשער פריינט פון די יונגע יאָרן, איצט בכבודיקע אינדוסטריעלער אין תל־אביב, שטעלן צו אונזער רשות זייערע „מאַשינען" און אַפילו זיך אַליין אויך, אונז צו פירן איבערן לאַנד. אַ קאַראַוואַן פון אַריבער אַ מניך, לאָזן מיר זיך אַרויס אין אַ שפּאַציר איבערן צענטער און צפון פון לאַנד, איבערן גליל און עמק יזרעאל.

אויפן וועג, כסדר דאָס זעלבע בילד: וועגענער אָנגעפּאַקט מיט אַר־בעטער און יוגנטלעכע, מחנותווייז, מיט רויטע און בלוי־ווייסע פּענער, ציט מען פון אַלע זייטן צו די מאַניפעסטאַציעס פון אַרבעטס־יום־טוב קיין תל־אביב. אונזערע מאַשינען לויפן. אָט איז חדרה און אָט איז שוין עפולה. מיר זענען אין האַרץ פון עמק יזרעאל, אַ טאָל פון זומפּן און חולאתן מיט פופציק יאָר צוריק, אַ טאָל פון לעבן און פּרוכטבאַרקייט איצט. שמאָלע סטעזשקעס פירן אין דער גאַנצער לענג פון שאָסיי צו ישובים. אין איינער אַזאַ סטעזשקע פול מיט גרינס און צעוואַקסענע ביימער, פאַרקערעווען מיר זיך און מיר זענען אין דער שיינער קבוצה גניסאַר.

אונזער רוישיקער אַריינפאָר ציט די אויפמערקזאַמקייט. עס באַווייזן

ל. דאָמאַנקעוויטש

זיך עטלעכע יונגע מענטשן און נאָך זיי דער עקאָנאָם, ח. יאַפע. אַ ייד אַ הדרת־פּנימדיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ באָרד סטיל י. ח. ברענער. עטלעכע מענטשן פון אונזער גרופּע, קען ער; מ׳באַגריסט זיך וואַרעם און ח. יאפע נעמט אונז באַווייזן את כבוד עשרו ורוב בניו.

ער האָט טאַקע וואָס צו באַווייזן און וואָס צו דערציילן. ער האָט נחת. אָבער נישט אַלעמאָל איז עס געווען אַזוי פריילעך און אַזוי איינפאַך. און עס גייט די געוויינלעכע געשיכטע פון דער קאָלאָניע. די געשיכטע פון אַלע קאָלאָניעס. אַ געשיכטע פון אַרבעט און פון אַנטוישונגען, ווידער אַרבעט און ווידער אַנטוישונגען. ביז צום נצחון פון עקשנות, ביז צום זיג פון אַר־בעט, ביז צום דערזען מזל־ברכה פון דער סאַכע.

אוודאי פעלן נאָך אויך איצט נישט קיין קלאָפּאָטן און קיין צרות, אָבער גיט נאָר אַ קוק — זאָגט אונז דער עקאָנאָם — אויפן וואַלד דאָ אַרום, דאָס איז דער יער באַלפור, נישט לייכט איז ער אָנגעקומען. זעט די תבואה און דאָס גרינוואַרג אַרום און אַרום, זעט די אַלייען, די הייזער, די אינסטי־טוציעס, די שולן, די קינדער־גערטנער, דעם וואַסער־טורעם, דעם שפּייכ־לער און דעם שטאַל. דער ענטוזיאַזם שטייגט ביי יאפען, ווען ער נעמט רעדן וועגן שטאַל, אַ מוסטער־שטאַל, אַ מוסטער פון ריינקייט און פון טעכ־ניק.

מען מוז האָבן אַליין מיטגעלעבט אַלע נויטן, אַלע אַנטוישונגען, אַלע פריידן און ליידן פון דערגרייכונגען צו באַנעמען די התפעלות פון אַ שטאַל... אָבער אָט קוקן מיר אָן, און ווירקלעך, מיר ווערן מיטגעריסן. דער שטאַל אָן ווענט איז אָפן צו די פעלדער און צום וואַלד. דער דאַך אויף סלופּעס, פון אונטן, אונטערן מיסט אַ בעטאָנירטע פאַדלאָגע. דאָס מיסט קען צו יעדער צייט אַוועקגענומען ווערן און דער שטאַל קען גרינטלעך גערייניקט ווערן. ביי יעדן סלופּ אַ רונדיקע קאָריטע. אינדיווידועלע קאָרי־טעס פילן זיך אָן מיט וואַסער, ווען די בהמה שטעקט אַריין איר קאָפּ און הערן אויף צו פונקציאָנירן, ווי נאָר די בהמה נעמט איר קאָפּ אַרויס.

וואונדער איבער וואונדער! אויך אַ שטאַל קען זיין היגיעניש! יאַפע דערציילט נאָך: זייט דער עצמאות, מאַכט די קאָלאָניע דורך אַ תקופה פון שנעלער אַנטוויקלונג. נישט בלויז איז זי מפרנס מיט איר פּראָדוקציע און אַרבעט אַלע איינוווינער פון דער קבוצה, נאָר זי נעמט נאָך אַוועק און באַ־

שעפּטיקט הונדערטער עולים חדשים פון פאַרשידענע לענדער און דערציט צענדליקער יתומים, שיפסברוכיקע פון גרויסן מבול.

מיר גיבן נאָך אַ קוק אין די גרויסע עס־צימערן. עס איז גראד מיטאָג־צייט. די טישן זענען באַפּוצט לכבוד דעם ערשטן מאַי מיט אַ סך רויטס און אַ סך גרינס. דאָס עסן איז היינט באַזונדערס יום־טובדיק. די קינדער לערנען, די גרויסע אַרבעטן, די יוגנט לערנט און אַרבעט. אַלץ ווערט אַריינגעצויגן אין ווערק פון אַרבעט און בוי.

עמק, עמק אדמה, עמק עבודה.

אונזער קאַראַוואַן לויפט ווייטער: אָט זענען מיר אין נצרת. דאָס באַרימטע נצרת, דאָס „מעקא" פון קריסטנטום, וואָס איז אַ שטאָט אין דער יידישער מדינה און די איינציקע שטאָט, וואָס איז אויסשליסלעך באַוווינט פון אַראַבער. וואָס פאַראַ משונהדיקער חוט המשולש! איך וואָג קוים צו זען דעריך אַ סימבאָל פון דער צוקונפט. עס דערגענטערט זיך פּאָליציי. מיר באַקומען אַ פאַראָרדנונג דורכצופאָרן די שטאָט, נישט אָפּשטעלן זיך. מיר האַנדלען אונטער, פאַרט יידישע פּאָליציי! גאָרנישט צו מאַכן: „די אינסטרוקציעס זענען שטרענגע", דערקלערן אונז די טונקל־הויטיקע פּאָליציאַנטן. דער העברעאיש אין זייער מויל איז עפּעס אויך נישט אַזוי גלאַטיק. איך ווער שפּעטער געוואָר, אַז דאָס זענען אַראַבער אין דינסט פון דער יידישער פּאָליציי, זייער האַלטונג זייער אַ קאָרעקטע.

מיר פאָרן אַלזאָ דורך און באַווייזן בלויז אַ בליק צו וואַרפן אויף דער גרויסער 1־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע, וואָס ציט זיך איבער די גאַסן. אַ פאַרבנרייך געפלאַטער פון אַראַבישע ווייסע וואַלן, פון פּראָלעטאַרישע רויטע פענער און פון מלוכהשע בלוי־ווייסע. „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך" און אויב עס איז צופיל געפאָדערט, פאַראייניקט אייך אפשר דערווייל, בלויז אַרבעטער פון איין לאַנד און פון צוויי פעלקער.

איז עס בלויז אַ ווונטש פון אַ חלום אין אַ זומער־טאָג?

אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג קומען מיר אָן אין קיבוץ אפיקים. די שאָסייען אַרום פול מיט מענטשן, ווענגער און פענער. דער פּלאַץ אין צענטער פון דאָרף פול מיט פאַרזאַמלטע. די הילכער צעשפּרייטן נאָך די לעצטע רעדעס פון די שוין הייזעריקע רעדנער. דער עולם אַ מידער נעמט זיך צעפאָרן אין די ארומיקע ישובים, פונוואַנען מען איז דאָ אַהערגעקומען

ל. דאָמאַנקעוויטש

צוזאַמען פּראַוועןּ דעם פּראָלעטאַרישן יום־טוב. מיר דאַרפן נאָך היינט זיין אין אשדוד־יעקב... מיר וועלן דאָרט איבעראַשן פריינט, וואָס מיר האָבן שוין נישט געזען אַ 25 יאָר.

די איבעראַשונג איז ווירקלעך אַ גרויסע. פּאַר גרויס שמחה פאַר־שווינדט מיין חבר, אַ חלוץ ותיק, וועלכן איך האָב שוין מיט זיין פרוי נישט געזען זייט אַ פערטל יאָרהונדערט. ווען ער קומט צוריק באַלאָדנט מיט קאַנען פול מיט משקה, זאָגט ער: — געמוזט ערשט באַקומען גרויע האָר, כדי אין אַן אומגעריכטן ערשטן מאַי־טאָג דערגיין אַ פּירוש פון אַזאַ פשוטן פסוק ווי ואל הבקר רץ אברהם. אָט זענען געקומען טייערע פריינט, איז דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געטאָן, איז ואל הבקר... געלאָפן אין שטאַל אַריין...

פון וואָס רעדט מען פריער, אויף וואָס פרעגט מען זיך פריער, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלן שוין אונזערע מאַשינען איילן נאָך טבריה, וווּ מיר האַלטן נאַכט. אין די שפּעטע שעהן זיצן מיר אין אַ קאַפע אין טבריה ביי די ברעגעס פון כנרת. עס איז שטיל און קיל. שווער צו גלויבן, אַז ס׳איז נאָך אַלץ דער אָוונט פון ערשטן מאַי, אַז איין טאָג איז בלויז אַדורך און אַז דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער און אַז מיר האָבן גע־וואַנדערט איבער די וועגן פון גליל.

תל־אביב־יפו — אַ צווילינג פון נישט גלייכן עלטער

טביהס בטחון און מנחם־מענדלס פאַנטאַזיע האָבן געבויט מדינת יש־ראל. אויב גאַנץ ישראל איז דער חלום פון יידישן פאָלק, איז תל־אביב דער באַזונדערער חלום פון מנחם־מענדלען. זיין חלום, זיין ווערק און זיין רעהאַ־ביליטאַציע. אַ שטאָט, פאַרטראַכט געוואָרן מיט פופציק יאָר צוריק קעגן אַלע געזעצן פון עקאָנאָמיק און קעגן אַלע געזעצן פון לעבן בכלל. אַ ריין יידישע שטאָט אין אַ פרעמדן אַרום. אַ קערן פון עפּעס, וואָס די בויער אַליין האָבן נישט געאַנט, וואָס עס איז אַזוינס (און געשען איז: אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה).

שלום־עליכם אַליין האָט אַ טעות געהאַט מיט זיין מנחם־מענדלען. געמיינט ער קען בלויז בויען שלעסער אין דער לופטן, לאָזט זיך אויס, ער קען אויך בויען שלעסער אין די זאַמדן. און טאַקע שלעסער, וואָס האָבן אַ ממש, געגרונטפעסטיקטע אויף די גליטשיקע זאַמדן, לויט ספּעציעלע מע־טאָדן. און דווקא פון מאָדערנסטן טיפּ; געבויט מיט אַ גרעסערער זאָרג פאַר אינערלעכער באַקוועמלעכקייט, ווי פאַר אויסערלעכער שיינקייט, זענען זיי אויסערלעך כמעט פון איין טיפּ: ווייסע קוביק־קאַסטנס אין אַלע לענגן און אַלע ברייטן פון תל־אביב, אָבער אינעווייניק באַקוועם אויסגעבויט, מיט וועראַנדעס און האָלן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, לויטן לעצטן וואָרט פון „קאָנפאָר מאָדערן".

און אַ שווערע מלחמה גייט כסדר אָן צווישן די זאַמדן און די בויער. ווו נאָר אַ פרייער מעטער באָדן, טראָגן זיך גלייך אָן קופּעס זאַמדן פון די ים־ברעגעס, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרנעמען זייערע פאַרלוירענע פּאָזיציעס, אָבער די נייע געביידעס פאַריאָגן און פאַרשטויסן כסדר די זאַמדן ווייטער און טיפער. די גאַנצע תל־אביבער הינטער־שטאָט בילדעט איין גרויסן בוי־פּלאַץ. אומעטום פול מיט קאַלך, צעמענט, ליים, ציגל און רושטאָוואַניעס, מען מויערט, מען בויט, מען קאַלערט, מען קלעפּט, מען ווייסט. אין אַ

ל. דאַמאַנקעוויטש

געוויסן טאָג, מיין איך, וועט מען מוזן אַ געשריי טאָן: עד כאן, סטאָפּ! אויב נישט, וועט זיך די מנחם־מענדלשע פֿאַנטאַזיע אַזאַ צעשפּיל טאָן, אַז עס וועט דראָען די סכנה אַז תל־אביב זאָל זיך נישט צעוואַקסן איבערן גאַנצן לאַנד און איינשלינגען קבוצות און דערפֿער, שטעט און שטעטלעך, בערג און טאָלן.

תל־אביב איז אַזוי דינאַמיש, אַזוי קוועקזילבערדיק, ווי עס וואָלט גע־ווען אַ שטאָט אויף רעדער. און ווירקלעך, אַלץ פֿאָרט און אַלע פֿאָרן, די אויטאָבוסן זענען שטענדיק געפּאַקט, די „תורים", די רייען שטענדיק לאַנג. אויף דער „תחנה מרכזית", דער צענטראַלער סטאַציע, פֿון ווו עס צעגייען זיך אויטאָבוסן איבער גאַנץ תל־אביב, איבער אירע פֿאָרשטעט און איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון לאַנד, קאָכט עס און זידט עס ווי אין אַ קעסל. און פֿונוואַנען אונזערע געוויינלעך אַזוי אומגעדולדיקע יידן נעמען אַזויפֿיל געדולד צו שטיין אין די רייען — ווייסט איין גאָט.

אַזוי זידט עס און עס קאָכט די גאַנצע ששת ימי המעשה. אָבער אָט אין פֿרייטיק נאָכמיטאָג און מיטאָמאָל, דאָס ראָד האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס ווערט שטיל און רואיק. די אויטאָבוסן קורסירן מער נישט. די געשעפֿטן שליסן זיך איינציקווייז. די פֿאַרבייגייער ווערן זעלטענער. עס לאָזט זיך אַראָפּ אַן אומגעוויינלעכע מנוחה איבער דער יידישער שטאָט. דער שבת דרינגט אַריין אין אַלע שטובן, אין דער שטוב פֿון וועלטלעכן ייד, ווי אין דער שטוב פֿון פֿרומען. אין אַלע וווינונגען, בלומען לכבוד שבת. דאָס איז דער שיינער מנהג, וואָס האָט זיך אָנגענומען אין ישראל, צו באַצירן די וווינונגען מיט בלומען לכבוד שבת און יום־טוב. פֿריינט און באַקאַנטע שיקן זיך אָפּילו קעגנזייטיק בלומען לכבוד שבת. אין אָוונט דערהערן זיך געזאַנ־גען פֿון די שטובן, פֿון ווו אַ געמיטלעך שפּילן פֿון פּיאַנאָ, פֿון אַנדערשוווּ אַ היימיש געזאַנג פֿון זמירות מיט אַ טרעלעדיק קעלכל, וואָס דער „צנע" האָט גאָרנישט געמינערט פֿון זיין זעלבסט־צופֿרידנקייט.

צומאָרגנס אינדערפֿרי, אין גלאַנץ פֿון דער גאָלדענער זון, באַקומט דער יום־טוב־טאָג אַ ניי באַלעבט פּנים. עס הויבן זיך אָן שיטן אין די שולן, בתי־מדרשים און מנינים יידן מיט „דייטשע" צילינדערס, יידן מיט גאַלי־ציאַנער פֿליושענע קאַפּעליושלעך, יידן מיט שטריימלעך, מיט קאַפּלען און פּאַצעטישע קאַפּעליושן; יידן אין זיידענע יופּיצעס, אין טוכענע בעקעשעס און דריי־פֿערטל רעק, און פֿאַרגלוסט זיך אַ ייד צו טראָגן דעם טלית אָנגע־

טאָן איבער דער גאַס, איז מהיכא תיתא, פאַרוואָס טאַקע נישט? מי יאמר לו מה תעשה?

אין דער זעלבער צייט, אין דער „שול־צייט", קענט איר דערוויל זען אויף עק שדרות ראָטשילד און אַלענבי אַן אַנדערע מאַסע, וואָס זאַמלט זיך אויך צונויף לכבוד שבת אין דער גאַס, צו פירן פּאָליטישע דעבאַטן. דער עולם איז פריי, מען אַרבעט נישט, מען האַנדלט נישט, צו דאַווענען איז נישטאָ קיין חשק, פירט מען דיסקוסיעס און עס בילדעט זיך אויס אויף דעם דערמאָנטן ראָג אַ פאָלקס־כנסת. אַ מין ישראלדיקער שבתדיקער הייד־פּאַרק. עטלעכע מאָל האָב איך מיך אויסגעמישט מיט די דיסקוטאַנטן. יעדעס מאָל האָט די „טריבונע" געהאַלטן אַן אָפּאָזיציאָנער. געשיט פּעך און שוועבל אויף דער רעגירונג און... די אַמעריקאַנער, מיטן נוסח פון מק״י אָדער מיטן לשון פון מפּ״ם. די דעבאַטן זענען יעדנפאַלס פאַרגעקומען מיט מער ליידנשאַפט און ווייניקער טאָלעראַנץ, ווי די באַרימטע דיסקוסיעס אין הייד־פּאַרק.

אַז איר זיצט אַזוי פאַר דעם שבתדיקן שפּאַציר לענגאויס רחוב אַלענבי, צו זיין סאַמע צפון־עק און איר פאַרקערעוועט זיך צום ים־צו, האָט איר ווידער אַ ניי פּנים פון אַ ישראלדיקן שבת, ס'שטראַלנדיקסטע פון אַלע פּני־מער. געדיכטע מחנות פון יונגע צופרידענע פּנימער, פון שטראַלנדיקע פאַר־לעך ציען זיך דעמאָלט לענגאויס דער פּליאַזשע. די נאָך פרימאָרגנדיקע זונען־שטראַלן באַגיסן זייערע פריילעכע פּנימער, דעם זעלבן ים־ברעג און די גראַנאַט־בלויע ים־כוואַליעס מיט אַ גאָלדענער בלענדעניש און ווער עס האָט דאָס נישט געזען, האָט נאָך קיין אמת צופרידענע יידישע יוגנט נישט געזען אין זיין לעבן.

עס איז מיר גוט געווען זיך אַריינצוגליטשן אין די שפּאַצירנדיקע רייען, ווערן געוויגט און געשטויסן דורך די כוואַליעס יונגע יום־טובדיקע שפּאַצירער. אַלע זייער גוט באַגרינדעטע טעאָריעס וועגן דער וויכטיקייט פון אַ יידיש לאַנד זענען מיר דעמאָלט געווען לגמרי איבעריק... אָבער מיינט נישט, אַז שבת און יום־טוב איז טאַקע יעדער רעדער־טראַנספּאָרט אָפּגעטאָן פון דער שטאָט תל־אביב. פאַראַן אַ „שרות", אַ טאַקסי־דינסט אין אַלע ריכטונגען פון דער שטאָט. וואָס שייך מיר, האָב איך מיך אין פאַר־לויף פון די עטלעכע שבתים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין לאַנד, נישט געקענט אויסלערנען דעם „פאַרטל" צו באַקומען אַ טאַקסי. זאָל איך עס

צושרייבן דעם קאָמפּליצירטן סיסטעם אָדער מיין אייגענער צעטראָגנקייט? וואָס בלייבט צו פאַרענטפערן.

אַ באַזונדערע הנאה האָט מיר פאַרשאַפט דאָס לייענען די נעמען פון די גאַסן. אַ רחוב הנביאים און אַ רחוב המשפטים, אַ רחוב ר׳ יהודה הלוי און אַ רחוב אחד העם, אַ רחוב פרישמאַן און אַ טראַנספּאָרט־קאָמפּאַני „מענדעלי״. אויב מיר וועלן דאַרפן האָבן גאַסן פאַר אַלע גרויסע נעמען פון אונזער געשיכטע צווישן אברהם אָבינו און פּאַביאַניצער רב, וועט תל־אביב האָבן אַ שיין ביסל גאַסן. מילא, כן ירבו!

בנוגע די פּרנסות, וואָס גייען אָן אויף די גאַסן, איז שוין אַן אַנדער ענין. אויף רחוב יהודה הלוי למשל, וועט איר געפינען זייער וויניק פּראַקטישעס. דאָרט האָבן זיך דווקא אַהין פאַרקליבן די גרויסע טעקסטיל־סוחרים. דער שוק־השחור, דער שוואַרצער מאַרק (אַזעלכעס איז אויך פאַראַן) האָט זיך גענומען אַלס זיץ־אָרט די גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון השכלה־שריפטשטעלער ליליענבלום, און אַלע ספרים־ און כלי־קודש־געשעפטן געפינען זיך גראַד אויף דער הויפּט־גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון ענגלישן גענעראַל אַלענבי.

ירושלים וועט מסתם וואָס אַמאָל מער ווערן דער פּאָליטיש־אָפיציעלער צענטער פון לאַנד, דאָס וואַשינגטאָן פון ישראל, אָבער דער הויפּט־נערוו, דער „ניו־יאָרק״ פון יידישן לאַנד וועט בלייבן תל־אביב. דאָ קלאַפּט דער דופק פון לאַנד־לעבן. אַלע פעדעם פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן צעגייען זיך פון דאָ איבערן לאַנד און פון לאַנד צוריק דאָאַהער. דאָ איז דער קעסל, אין וועלכן עס קאָכן זיך און שמעלצן זיך אַלע פאַרשידענע שבטימדיקייטן און אַלע אידעאָלאָגיע־וואַריאַציעס, און ווו עס טראָגן זיך די קלאַנגען פון אַלע שפּראַכן און אַלע אידיאָמען וואָס די איינגעזאַמלטע שבטים פון יהודה האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט.

אין תל־אביב האָבן זיך העברעאיש און יידיש איינגעטיילט מיט די איינפלוס־זאָנעס. אין די אַמטן און אָפיציעלע אינסטיטוציעס, אין דער שולע הערשט העברעאיש, אָבער אין דער גאַס און אין אויטאָבוס, פאַרנעמט יידיש דאָס ערשטע אָרט. די איינפלוס־פאַרטיילונג איז אויך חל אויף די ליטעראַרישע קאַפעס. אין „מאור״ דאָמינירן די יידיש־שרייבנדיקע, אין „שניר״ וואָס געפינט זיך אין צווייטן עק פון דער זעלבער אַלענבי־גאַס, הערשט

דער שטאַב פון די העברעאישע שרייבער. די פאַרטיילונג איז אָבער נישט קיין זייער שטרענגע. די איינפלוסן רייסן זיך אריין איבער די „באַריערעס״ פון די זאַנעס.

תל־אביב איז אַ שמעלץ־טאָפּ פון אַלע יידישע „ראַסעס״, אָבער יעדע עדה האָט ליב צו האָבן איר אייגענעם ווינקל. אין קוואַרטאַל „התקווה״ האָט איר גאַסן, ווו עס וווינען די פּערסער מיט זייערע קאָלירטע ברייטע אַבאַ־דיעס, איר האָט די דאַרע תימנער מיט פּעך־שוואַרצע בערד און לאַנגע געקרייזלטע פּאות, עגיפּטישע יידן, יידן פון טערקיי און פון אַנדערע מוזול־מענישע לענדער. אין כרם התימנים וווינען אַלט־באַזעסענע תימנישע פאַ־מיליעס. איצט זענען צוגעקומען די ניי־אָנגעקומענע, דריקט מען זיך אַביסל צונויף און מען מאַכט אָרט פאַר די קרובים. די געסלעך זענען ענג, די ווױ־נונגען אָנגעפּילט מיט קליינוואַרג. אין זאַמד און אין שטויב פון די גאַסן שפּילן זיך די טונקלהויטיקע באַפּאהטע קינדערלעך אין באַלעם, ווי אַלע קינדער פון דער גאַנצער וועלט.

אַלע פאַר הייזער פון כרם התימנים איז פאַראַן אַ שולעכל, אַ פּשוטע שטוב מיט אַן ארון קודשל, אַ באַלעמער, בענק לענגאויס די ווענט, באַדעקט לויטן מזרח־מנהג מיט געוועבטער. איך קום אַריין אין אַזאַ שולעכל צווישן מנחה און מעריב. אַ גרופּע תימנער יידן שטייען אַרום באַלעמער און לער־נען רמב״ם. ווייסן זיי, אַז ערגעץ ווייט אין פּוילישן שטעטל זענען אויך אַזוי יידן מיט בערד און פּאות געשטאַנען צווישן מנחה און מעריב און זיך גע־אַמפּערט אין לערנען?

איך קוק אָן די יידן מיט די ציגיינעריש־אָפּגעברענטע פּנימער. עס קומט מיר אויס ווי זיי וואָלטן זאָגן: אל תראוני שאני שחרחרת שזפתני השמש. „קוקט מיך נישט אַזוי אָן, וואָס איך בין שוואַרץ. דאָס האָט מיך די זון אַזוי פאַרסמאַליעט. איך בין דער זעלבער ייד. קיין שום מחיצה פון צייט און פון אָרט האָט מיך נישט געענדערט. מיט דער זעלבער תורה, מיט דער זעלבער יידישקייט, האָב איך געוואַרט און מיך דערוואַרט אויף דער גאולה״.

איין תימנער דערקלערט מיר, אַז זייער גלות שטאַמט נאָך פון בית ראשון. בעת דער גאולה פון בית־שני האָבן זיי זיך נישט אומגעקערט, ווייל זיי האָבן געוווּסט דורך זייערע נביאים, אַז עס איז נאָך נישט די גאולה שלמה, איצט אָבער ווייסן זיי, אַז עס איז טאַקע די גאולה שלמה. דעריבער

האָבן זיי אַלץ ליקווידירט און געקומען. און איך קען דערויף נאָר ענטפערן אַ פרומען אמן, הלוואי זאָל עס אַזוי זיין!

אין אַ שבת נאָכמיטאָג עפן איך אַ טיר פון אַ תימנער שטוב.

— שבת שלום.

— שבת שלום.

דער אומגעבעטענער גאַסט ווערט אופגענומען מיט אַביסל פאַרחי־דושטע אויגן. אָבער ווען דער בעל־הבית זאָגט עפּעס אַ פּאָר פסוקים און איך בלייב אויך נישט אונטערשטעליק, ווערט ער זייער אויפגעלייגט, הייסט דעם ווייב אַריינברענגען שבת־כיבוד און מען ווערט היימיש. ביים טיש זיצן צוויי ייִנגלעך, איינער איבערן פסוק דניאל, דער צווייטער ביי דער פרשה פון דער וואָך. אויף דער וואַנט הענגען „בילדער" פון אַלע „גאוני ישראל": רש״י, רבנו תם, ר׳ יוסף קאַראָ. ווען איך זאָג אים, אַז איך בין אַ „צרפתי", פון פראַנקרייך, ווייזט ער מיר אָן אויף רש״ין, ווי אויף מיין לאַנדסמאַן. די היימישקייט ווערט גאָר גרויס. איך זע צווישן די בילדער דעם בעל שם־טוב. איך פרעג אים:

— און ווער איז דער?

— דאָס איז — ענטפערט מיר גלייך דער ייד — האחרון שבגאונים. דער לעצטער פון די גאונים און גיט צו: — אַ גאון פון רוסלאַנד. עפּעס אַנדערש האָט ער נישט געוווסט וועגן גרינדער פון חסידות. מיר טוט אָבער הנאה, וואָס דער ייד פון ווייטן תימן רעכנט אַריין דעם מעזשיבעזשער ייד צווישן „זיינע" גרויסע יידן.

אויף דרום פון דער ייִנגסטער שטאָט תל־אביב הויבט זיך אָן די גרע־נעץ פון דער אַלטער, זייער אַלטער יפו, אַ סברה, אַז יפו איז שוין אַלט אַ 3.500 יאָר. זי ווערט שוין יעדנפאַלס דערמאָנט אין יהושע ביי דער ערש־טער נחלות־פאַרטיילונג צווישן די שבטים. און יונה הנביא איז שוין מיט אַ שיף פון יפוער פּאָרט אַנטלאָפן, אויסצומיידן גאָטס שליחות.

יפו האָט זיך באַצויגן צו תל־אביב ווי צו אַ פיינטלעכער שוועסטער, געלויערט אויף איר און פון לאָקער־לעכער געמאָרדעט פרידלעכע איינ־וווינער פון תל־אביב. איצט בילדעט יפו די פאַרלענגערונג פון תל־אביב און צוזאַמען אַריבער 300.000 איינוווינער. צווישן יפו און תל־אביב געפינט זיך איצט אַ ברייטער פרייער שטח. די שטיקער מויערן, די צעוואָרפענע

שטיינער, וואָס געפינען זיך נאָך אויפן דאָזיקן שטח, זאָגן עדות אויף די טרויעריקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך דאָ מיט עטלעכע יאָר צוריק אָפּגע־שלאָסן די תקופה פון סכנות פאַר תל־אביב.

איצט זענען אַלע הויפּט־גאַסן פון יפו פאַרנומען דורך יידן, אויף אַלע געשעפטן — העברעאישע שילדן. פאַר יעדער קראָם שטייט אַ ייד, אַמייס־טן אַן ערשט נישט לאַנג צוגערייזטער, אָבער אויסערלעך האָט די שטאָט איינגעהאַלטן איר אַבאַדישן סטיל. די טורעמס און די שפּיצן פון מעטשעטן זאָגן עדות אויף אַ נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זעט שוין אויס זייער, זייער ווייט... דאָ און דאָרט זעט מען שפּאַצירן קליינע גרופּעס אַראַבער מיט זייערע פאַמעלעכע טריט. אין ווייסע, אויף די פּלייצעס אַראָפּהענגנדיקע וואַלן, זעען זיי אויס ווי לעבעדיקע אַנאַכראָניזמען. דער אויסדרוק פון די פּנימער, אַ זייער געשלאָסענער, פאַראַט נישט קיין שום געדאַנק. וואָס טראָגן זיי מיט זיך? וואָס טראָגן זיי אין זיך?

טויט און לעבן אויף די וועגן פון סדום

„און גאָט האָט געזען אַז גרויס איז דאָס שלעכטס פון סדום, האָט ער געזאָגט: איך וועל אַראָפּגיידערן און זען צי עס איז טאַקע ווי דאָס געשריי וואָס הערט זיך (הכצעקתה) און אויב נישט, וועל איך וויסן וואָס צו טאָן...
דאָס געשריי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס באַרעכטיקט. גאָט באַשליסט צו פאַרדאַרבן סדום און די גאַנצע אומגעגנט און עס הויבט זיך אָן דאָס באַ־ווּסטע דינגעניש צווישן גאָט און אברהם אבינו. וועט גאָט חרוב מאַכן די שטאָט, אַפילו ווען דאָרט וועלן זיך געפינען פופציק צדיקים? — פרעגט אברהם. ניין, ער וועט נישט פאַרדאַרבן צוליב פופציק צדיקים. און אפילו נישט צוליב פינף און פערציק און נישט צוליב פערציק, און אַזוי ביז צען. אברהם האַנדלט אָפּ און גאָט ווערט ווייכער. אָבער אין סדום זענען אַפילו קיין צען צדיקים נישט פאַראַן און די שטאָט ווערט חרוב.

שוועבל, זאַלץ, פּאָטאַש און פאָספאָטן

אַ האָגל פון שוועבל, זאַלץ און פייער פאַלט אויף דער גאַנצער געגנט וואָס ווערט פאַרוויסט אויף אייביק, בלויז לוט און זיין משפחה ווערן געראַטע־וועט. לוט׳ס ווייב איז נייגעריק, זי קוקט זיך אום צו זען דעם האָגל פון פייער, שוועבל און זאַלץ און זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק זאַלץ. מסתם איז די דאָזיקע אַלטע חומש־מעשה געקומען דערקלערן די סיבה פון דער קללה וואָס רוט אויף סדום, פונוואַנען עס נעמט זיך דאָרט אַזויפיל זאַלץ און שוועבל, פון וואַנען די וויסטעניש, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר די זינד פון די אור־מענטשן פון דער געגנט.

דער ניי־צוריקגעקומענער באַווינער פון ישראל האָט באַשלאָסן אָפּ־צוטאָן די קללה פון סדום און זי פאַרוואַנדלען אין אַ ברכה. שוועבל, זאַלץ, פּאָטאַש און פאָספאָט זענען פאַרן מאָדערנעם מענטשן און הייַנטצייטיקן ייִד מער נישט קיין שטראָף פאַר דער באַגאַנגענער זינד, נאָר שטאָפן וואָס

באַרייכערן די פּראָדוקציע און אַ מקור פון פּראָספּעריטעט אויף וויפל מען וועט זיי אַרויסבאַקומען אין וואָס גרעסערע קוואַנטומס צום עקספּאָרטירן און אימפּאָרטירן פאַר זיי דעוויזן. די לעגענדע פון אונטערגאַנג איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון גרויסע האָפענונגען און פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט.

און ביי די ברעגעס פון ים המלח אין אַמאַליקן לעגענדאַרישן סדום, ווו די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט שאַרפע ריחות פון שוועבל, ווו די שוואַרצע בערג זענען ריזיקע זאַלץ־קלעצער און דער געזאַלצענער ים איז פול מיט אַ שפע פון געמישטע שטאָפן. ביי די דאָזיקע ברעגעס גייט אָן אַן אינטענ־סיווע אַרבעט פון אַרויסציען רוי־שטאָפן פון ים און פון די געלע און שוואַרצע בערג, זיי רייניקן, טראַנספאָרמירן און עקספּאָרטירן איבער לענ־דער און קאָנטינענטן.

ביים ברעג פון ים־המלח

טאָג־טעגלעך שיטן די אויטאָבוסן פון באר־שבע און פון דער געגנט אַרום באר־שבע אַרויס פון זיך הונדערטער אַרבעטער, וואָס ווערן אין אָוונט דורך די זעלביקע אויטאָבוסן צוריקגעפירט. זיי האָרעווען אין אַ געגנט, וואָס איז עטלעכע הונדערט מעטער נידעריקער ווי דער ים־פלאַך. די לופט איז פול מיט שוועבל, די טעמפּעראַטור שטענדיק אַ היצע, אָבער דער לוין איז דאָ אַ העכערער. און יונגע מענטשן וואָס ווילן אָפּשפּאָרן אַ פּאָר לירעס קומען אַהער אַרבעטן, ווער אויף אַ יאָר, ווער אויף עטלעכע יאָר, ווער אויף ווייניקער.

אין די מיטאָג־שעהן און אָפּרו־מאָמענטן זיצן זיי אַרום לאַנגע טישן אין דער טיי־בודע ביים ברעג פון ים המלח, זיי עסן, טרינקען, ווישן זיך און מאַכן זיך מער גאָרנישט פון די שאַרפע ריחות פון שוועבל, זאַלץ, פּאָספּאַט, פּאָטאַש און אַנדערע שטאָפן מיט וועלכע די לופט איז דאָרט אָנגעזאַפּט.

די זון הויבט זיך אָן זעצן וואָס מער די „טוריסטן־דעלעגאַטן" אַביסל פאַרשעמטע פאַרלאָזן דעם ים־המלח, די מאַסיווע זאַלץ־בערג פון דער סדום־געגנט און די קעגנאיבערדיקע בערג וואָס רינגלען אַרום דעם ים און בילדן די גרענעץ פון עבר־הירדן. בייטן יעדע מינוט זייערע פאַרבן, פון געל

און גרין גייען זיי איבער אין ברוין און גרוי און אין אַלע ניואַנסן צווישן זיי. מיר אַלע פֿאַרטיפֿן זיך ווידער אין דער מדבר, הימל און זאַמד, ימים פֿון זאַמד.

מה נורא המקום הזה ואנכי לא ידעתי — ווי פּאַרכטיק איז דאָס דאָזיקע אָרט און איך האָב גאָרנישט געוווּסט. אפשר זענען די ווערטער פֿון יעקבן געזאָגט געוואָרן אויפֿן דאָזיקן אָרט? די נידעריקע געלע בערג פֿון זאַמד און שטיינער זענען כסדר געהויקערטע און זעען אַליין אויס ווי ריזיקע קעמלען. און אויף די דאָזיקע פֿאַרגליווערטע וויסטע קעמלען שפּאַצירן לעבעדיקע קעמלען אויף זייערע רוקנס, טראָגן זיך מאַיעסטעטיש, בעדואינער, זיי טראָגן זיך אויפֿן רחבותדיקן שטח אין זייערע טראַכטן פֿון אברהם אבינו׳ס צייטן מיט פֿאַרדאַרטע און פֿאַרברענטע פּנימער.

דאָס דאַרפֿן זיי, די בעדואינער און אַראַבער: לעבנס־רוים פֿאַר זייערע קעמלען, אומבאַרירלעכקייט פֿון זייער וויסטעניש.

איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרנעמען יענע פֿאַרביטערטקייט וואָס טראָגט זיך פֿון אַלע זייערע רעאַקציעס און וואָס ווערן צום בעסטן אויסגעדריקט אין די ווערטער פֿון אַ בריוו, וואָס אַ לערער פֿון עזה, האָט געשריבן צו דוד בן־גוריון אין די טעג פֿון מבצע סיני. אין ישראל דערציילט מען, אַז בעת דער אָקופּאַציע פֿון עזה, האָט דער ראש הממשלה באַקומען אַ בריוו פֿון אַן אַראַבישן אינטעליגענט, אַ לערער אין אַ שולע פֿון עזה. אין בריוו דריקט דער אַראַבער אויס זיין רעספּעקט, זיין באַגייסטערונג אַפֿילו פֿאַר די טאַטן פֿון יידן, פֿאַרן פּראָגרעס, וואָס די יידן ברענגען מיט זיך מיט אין מיטעלן מזרח איין און פֿאַר זייער אויפֿבוי־ווערק. און ער פֿאַרענדיקט זיין בריוו: צוליב דעם טאָקע איז אונזער שנאה צו אייך אַן אייביקע און אומבאַגרענעצטע. איר האָט באַרויבט אונזער רו, איר האָט צעשטערט אונזער ציוויליזאַציע, איר האָט אַרויסגעריסן די וויסטעניש פֿון איר פֿאַרגליווערטקייט, און דערמיט געצ׳גזלט אונזער גלייכגעוויכט און אונזער מנוחה.

עס ווערט טונקעלער און טונקעלער. מיר זינקען אַלע אין אַ טיפֿן שווייגן, פֿאַרטיגט אין שווערע געדאַנקען.

מה נורא המקום הזה...

איך פֿאַרגין נישט די דאָזיקע ווילדע מעכטיקע שיינקייט פֿאַר ישראל.

נצח יידישקייט

ווי אַזוי פאַרוואַנדלען די שיינקייט אין נוצלעכקייט? ווי אַזוי אויפבליען דעם מדבר? וויפל טייכן פון שווייס וועט דאָס קאָסטן?

אַ גאַנצע צייט אויפן וועג צוריק פון באר־שבע ביז סדום פיל איך זיך דערדריקט פון דער רויער שיינהייט, פון די בערג זאַמד און פון די געדאַנקען וואָס שווימען כסדר אַרויף. אָבער ווען מיר דערנענטערן זיך צו באר־שבע, ווען די ליכטער פון דער שטאָט וואָס באַוואַכט דעם מדבר, באַווייזן זיך, ווען עס טויכן אויף די ריזיקע הייזער־בלאָקן, ווען דער טומל און דינאַמיזם פון דער אַלט־נייער שטאָט אַנטפּלעקט זיך, האָב איך פּלוצים צוריקבאַקומען צוטרוי צום דאָזיקן פאָלק, וואָס מיר קענען אויך נישט און שאַצן נישט אָפּ, און דערשאַצן נישט די גרויסע קוועלן פון ענערגיע וואָס ער פאַרמאָגט און פון וואָס בלויז אַ קליינעם טייל האָט ער ביז איצט אויסגענוצט פאַר זיך און דאָס איבעריקע, דעם ווייט גרעסטן טייל — פאַר אַנדערע.

דאָס דאָזיקע פאָלק, ווער איך זיכער, וועט נאָך באַווייזן אַנדערע וווּנדער... אין דעם וועט זיך נאָך פרייען דער סטעפּ און עס וועט נאָך בליען דער מדבר.

נאָוועמבער 1958.

אויבנאויפיקע אויספירן

ישראל איז אַ קליין לאַנד, וווּ עס איז דאָ אַ סך צו זען, אַ סך צו באַוווּנדערן און אַ סך צו קריטיקירן.

אָבער די מלאכה איז פאַרטיילט: די זעערס די „טוריסטן" (דאָס וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט אין ישראל מיט נישט ווייניק שפּאָט) — באַוווּנדערן די ותיקים — אַלט־איינגעזעסענע — שטאָלצירן; די ניי־אָנגעקומענע — קריטיקירן.

אָבער די וואָס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געהערט צו די „אויסרעדער" זאָגן איצט מוסר די הייַנטיקע אויסרעדער, און די וואָס רעדן הייַנט אויס וועלן צום וואַרשיינלעכסטן געהערן אין עטלעכע יאָר אַרום צו די, וואָס לאָזן נישט קיינעם ס׳מויל עפענען אויף ישראל.

עס איז אַ פּיאָנעריש לאַנד מיט שווערע באַדינגונגען און אַ שווערן קלימאַט, מיט אָן אַ שיעור שווערע ווענט דורכצוברעכן פאַרן כלל ווי פאַרן יחיד.

ווער עס ברעכט זיי איין, איז דאָס אַליין זיין שכר און די סאַטיספאַקציע זייער גרויס. ער פילט זיך באַטייליקט אין זייער אַ גרויסער זאַך. און אין זיין אייגענע זאַך.

ווער עס קומט ברעכן די ווענט וועט שעלטן און בייסן, ביז ער וועט איינבייסן — און אַלע געדולדיקע בייסן איין — און ווער עס האָט איינגעביסן ווערט אַ בענטשער.

די צאָל בענטשער ווערט וואָס גרעסער און די צאָל שעלטער געפינט זיך נאָר בלויז צווישן די זייער פּרעטענציעזע נייע עמיגראַנטן, צומייסט פון פּוילן.

דער אמת איז, אַז אַלץ האָבן זיך שוין יידן אויסגעלערנט, זיין פּאָליציאַנטן, זיין קאָנדוקטאָרן, באַן־פירער און לאַנדווירטן, זיין מויערער און

ל. דאָמאַנקעוויטש

שטיינהאַקער, נאָר איין זאַך האָבן זיי זיך נאָך נישט אויסגעלערנט: פאַר־טראָגן יידן, פאַרטראָגן דעם געדאַנק צו וווינען צווישן בלויז יידן, לעבן מיט יידן און האָבן פּרנסה פון יידן.

ווען זיי וועלן זיך האָבן דאָס אויסגעלערנט, וועט דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט זיין אָפּגעטאָן.

אין די קולוואַרן פון ישראל

איינדרוקן און מסקנות פון אַ באַזוך אין ישראל אין 1950

פריינט האָבן מיר געראָטן פליען כדי אויסצומיידן די שוועריקייטן פון אַ לאַנגער ים־רייזע.

פאָלגן וואָלט געהייסן רעדוצירן די נסיעה צו אַ בלויז מיטל... איך מיין אָבער אַז די נסיעה אַליין איז אַ ציל פאַר זיך און מען דאַרף אויף איר נישט מוותר זיין. דאָס האָבן פאַרשטאַנען אַמאָלקע חסידים. נישט בלויז זיין ביים רבין איז געווען אַן ענין נאָר אויך דאָס „פאָרן צו אים". „צו וועלכן רבין פאָרסטו?" פלעגן חסידים ליב האָבן צו פרעגן. און אַז מען איז אַמאָל געקומען דערציילן דעם קאַצקער, אַז עס איז אויסגעפונען געוואָרן אַ „קאָליע" און מען וועט שוין אין געציילטע שעהן קענען קומען פון ווארשע קיין קאָצק, האָט ער אַ הויב געטאָן זיינע לאַנגע קפדנישע ברעמען און מיט כעס אויס־געוופן: „און וואָס איז ס׳בייזע געאייל?"

וואָס איז טאַקע, איך בעט אייך, ס׳געאייל? קאַרג גרויסע יידן מקוב־לים, חסידים און סתם בנימין השלישיס האָבן חדשים און אַמאָל יאָרן גע־וואָגלט, אויף זעגל־שיפן בעת שטורעמס און וויכערס צו דערגרייכן די ברעגעס פון הייליקן לאַנד? און איצט זאָל אָפטמאָל אפילו נישט סטייען קיין געדולד צו מאַכן אַ שפּאַציר פון עטלעכע טעג צו אונזער אַלטן לאַנד וואָס איז געוואָרן די יונגע מדינה פון ישראל סבא?

בקיצור, איך פלי נישט. איך שווים און עס איז כדאי. ישראל־אַט־מאָספער, אווירא דארץ־ישראל הייבט זיך שוין אָן אין מאַרסייל. אַ מאַרסיי־לער שאָפער ווייסט שוין אויפן ווונק וווהין צו פירן זיינע יידישע פּאַסאַזשירן. מאַרסילער דאָקערס און צאָל־באַאַמטע האָבן שוין זייערע ספּעציעלע מע־טאָדן וויאַזוי צו באַדינען די שווער־באַלאָדנטע און סתם אַזוי אויך נישט גאַנץ לייכטע יידן.

נצח יידישקייט

די פראַנצויזישע קעלנער פון די קאַפעען און רעסטאָראַנען אין מאַרסייל שלאָגן אייך פאָר וואַלוטע־אויסטויש, ארץ־ישראל לירעס אויף פראַנקן און פאַרקערט. בקיצור „איזראַעל" איז אַ גוט באַקאַנטע פירמע אין גרויסן פראַנצויזישן האַפן און דאָס פרייט מיך מער ווי די אָנערקענונג פון אַלע שבעים אומות מיט דער אָנ"ו צוזאַמען. די נאַטירלעכע אָנערקענונג פון די דאָקערס, שאָפערס, פישערס, קעלנערס, ווייזט מיר אַמבעסטן, אַז ישראל איז טאַקע אַ יש. און הלמאי זאָל איך עס לייקענען? איך דאַרף נאָך אַלץ האָבן אַ באַווייז, אַז מדינת ישראל איז טאַקע אַ יש.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך שנעל און גוט מיט דער פראַנצויזישער זייט, דערוואַרט אייך, לײדער אַן ערשטע אומאָנגענעמע איבערראַשונג פון דער יידישער זייט. די שיף־קאָמפּאַניע־אָנגעשטעלטע ווייסן אייך אָנצוואַרפן אָן אַ שיעור פּאָרמאַליטעטן, וואָס דערשעפּן אייער געדולד און אייער ענערגיע. ענדלעך קומט מען אויך דאָס איבער. עס הייבט זיך אָן דאָס אַרויפשטייגן אויפן שיף. עס קומט אויך ענדלעך אָן דער מאָמענט ווען דאָס בריקל — די לעצטע פאַרבינדונג מיט דער יבשה ווערט אַוועקגענומען און איר דערזעט זיך אין פּרוזדור פון ישראל.

— „מיר זענען שוין אויף דער טעריטאָריע פון ישראל" — רופט זיך אָפּ אַ לץ, אַ סימן מען הערט שוין פון אַלע זייטן רעדן דייטש. באמת, אויף דער שיף „ארצה" מיט וועלכער איך פאָר, איז די מאַנשאַפט אַ „יעקישע". איך קוק אויף די שלאַנקע שיין־אוניפאָרמירטע, אויסגאַלאָנירטע מענער און שעפּ פון זיי נחת. קיינער אויסער דעם דייטשן שבט פון יהודה וואָלט נישט געטראָגן מיט אַזאַ שטאָלץ די סטיואַרט־גאַלאָנען און וואָלט נישט אַזוי אָפּגעהיטן די דיסציפּלין אויף אונזער שווימענדיק וועלטל ווי זיי, די יעקעס. אגב, רעדן זיי אויך אַ גאַנץ קאָרעקטן העברעאיש און זייער דייטש איז שוין היפּשלעך פאַריידישט.

אונזער שיפל, וואָס איין גאָט ווייס וויאַזוי די קאָמפּאַניע האָט געקאָנט אויסגעפינען אויף איר פלאַץ פאַר אַזויפיל קלאַסן, אונטערקלאַסן און צווישןקלאַסן הייבט ענדלעך אָן רירן, און ווי נאָר דער באָדן גליטשט זיך אַוועק פון אונטער די פיס, טוט זיך שוין חושך. מענטשן ווערן בלאַס און קראַנק און שוואַך. עס פעלט דאָס שטיקל יבשה אונטער די פיס. ערשט צומאָרגנס הייבט מען זיך אָן צוגעוווינען צום וואַקלענדיקן לעבן. מען באַקומט צוריק

דאָס ביסל זיכערקייט. מענטשן הייבן זיך אָן באַוויזן אויפן בריק. עס הייבן זיך אָן אויסשיילן פנימער, פנימער פון יחידים, פון משפחות און פון גרופּן.

אָט פאָרט אַ גרופּע בעלזער חסידים פון אַנטווערפּן, צום רבין אויף פּסח. דער רבי וווינט אין תל־אביב. אָט פאָרן עלעגאַנטע טוריסטן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. עס פאָרן יונגע עמיגראַנטן פון האָלאַנד און אַ גרעסערע גרופּע יוגנט־עולים פון טוניס. עס פאָרט אַ האָלענדער, וואָס ערשט שפּעטער ווער איך געוואָר, אַז ער איז נישט קיין ייד. כדי נישט אויסצוזען ווי אַ יוון אין דער סוכה באַווייזט ער, אַז ער איז בקי אין אַלע יידישע פּראָבלעמען. ער ווייס, וואָס עס טיילט מפּ״ם פון מפּא״י און מיט וואָס עס אונטערשיידט זיך די אגודה פון מזרחי. ער האַלט עס אָבער נישט פאַר גענוג. „ער וויל שטודירן, זאָגט ער, די יידישע פּראָבלעמען אויפן אָרט״.

איך פאַרפיר אַ שמועס מיט אַ יונג סימפּאַטיש פּאָרפאָלק פון האָלאַנד:

— וואָס ווייסן זיי פון ציוניזם? גאָרנישט. פון יידישקייט? כמעט ווי גאָרנישט; פון ישראל? כמו גאָרנישט. זיי ווייסן אָבער, אַז זיי זענען יידן. אַז עס איז געווען אַ היטלער, (אוי ווייסן זיי דאָס) און זיי ווייסן, אַז עס איז אויפגעקומען אַ יידישע מדינה.

ווען גרויע אַנאָנימע מאַסן ווערן אָנהענגער פון אַן אידעאַל איז אַ סימן, אַז דער אידעאַל איז אין דער סטאַדיע פון פאַרווירקלעכונג. אַ פּאָר מיליאָן אַזעלכע נישט־ציוניסטן, אַזעלכע נישט־וויסערס, אַזעלכע נישט־טראַכטערס, גיבן אונז, אַ גאָט, פאַרן לאַנד, און די עקזיסטענץ פון ישראל וועט זיין אַ געזיכערטע!

און עס זענען דאָ, האָב איך געזאָגט, די בעלזער חסידים. איך מיין, אַז זיי פאָרן אינגאַנצן נישט אויף דער שיף. פאַראַן אויף דער שיף אַ שילעכל, עס איז דאָ אַן ארון־קודש, עס איז דאָ אַ לאַנגער טיש. עס זענען דאָ לאַנגע בענק, סידורים און ספרים. פאַרמאַכט מען די טירן און מען זיצט גאַנצע טעג אין שול. מען דאַוונט, מען לערנט, מען זינגט, מען טאַנצט, מען עסט און דער עיקר מען טרינקט. אַ גאַנצן טאָג הערט מען: לחיים, לחיים. מען טרינקט כוסות און מען פרייט זיך, וואָס מען פאָרט נאָך ארץ־ישראל און צו אים זאָל לעבן: ר׳ אהרעלע פון בעלז.

פרייטיק־צו־נאַכטס הערשט אַ רירנדיקע סאָלידאַריטעט צווישן די

בעלזער און די טוניסער. די טוניסער יונגעלייט און יונגע מיידלעך זענען פרום. זיי האָבן אַלע געלערנט אין מזרחי־שולן און צו לכה דודי גיסן זיך צונויף די געזאַנגען און די העוויות פון די בעלזער מיט די טוניסער און עס איז עם ישראל חי.

אויבן אין באַר פון ערשטן קלאַס הערשט אויך אַ האַרציקע סאָלידאַריטעט צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. די מוזיק שפּילט, יונגע פּאָרפעלקער טאַנצן רומבאַס און טאַנגאָס, ענגלענדער, האָלענדער און יעקישע סטיור־אַרטן פאַרגייען אין האַרמאָנישע באַוועגונגען.

איך גיי אַרויס אויפן דעק. אונזער שיפל, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ געדיכטער פינצטערניש, באַוועגט זיך קוים. איך טראַכט: די האַרמאָניע צווישן די בעלזער וואָס זינגען מיט אַזאַ דביקות התנערי מעפר קומי... און די טוניסער עולים, וואָס גרייטן זיך טאַקע מקיים צו זיין די ווערטער: „אַפּשאָקלען און צעשאָקלען די האַרטע ערד פון לאַנד וווהין זיי גייען, איז אפשר אַ סימבאָלישע, אָבער וויאַזוי וועלן זיך צווישן די צוויי עלעמענטן אַריינגלידערן די גלאַטע הערן און גלאַטע דאַמען, וואָס טאַנצן אַזוי עלאַסטיש די טאַנגאָס ?״

אויפן פינפטן טאָג, ווען עס פאַלט צו די נאַכט, דערזעען מיר דעם הר הכרמל אַ צעצונדענעם. חיפה טויכט אויף ווי אַן אויסגעפּוצטע כישופדיקע בת מלכה.

די עמאָציע איז גרויס. אַ יידישער פּאָרט, אַ יידיש לאַנד ! יעדעס ליכטל אויפן באַרג — אַ יידישע היים. יעדעס פּייערל אויפן הר־הכרמל — אַ רואיקע יידישע שטוב. דו ווילסט זיין רואיק, אָבער דאָס האַרץ צעשפּרינגט פון פרעגנדיקע געפילן.

די שיף שטעלט זיך, פּאַראַנקערט זיך אַביסל ווייטער פון דער יבשה. באַלד קומט אָן אַ קליין שיפל. ברענגט מיט זיך דעם ערשטן גרוס פון יידישן לאַנד יידישע פּאָליציי.

טאַקע יידישע פּאָליציי ? בנאמנות, אַזוי אוניפאָרמירט און אַזוי שטייף ווי אַלע פּאָליצייען פון אַלע לענדער.

מה נשמע בארצנו ? פרעג איך אַ פּאָליציאַנט ? אַבי עפּעס צו רעדן

ל. דאָמאַנקעוויטש

העברעאיש צו אַ יידישן פּאָליציאַנט. „איר וועט באַלד זען וואָס פאַראַ לאַנד דאָס איז״.

די פאָרמאַליטעטן אויך צו לאַנגע און מאַטערנדיקע, נעמען אַ סוף, מיר גייען אַראָפּ, מיר זענען אויף יידישן באָדן. של נעליך מעל רגליך...

געקומען, געזען און באַזיגט געוואָרן

רעדע פון ל. דאָמאַנקעוויטש געהאַלטן אין ראַדיאָ פון ירושלים אין 1951

איך וויל אייך, מײַנע הערער פון נאָענט און ווײַט, אָפּגעבן אַ גרוס פון ייִדישן פראַנקרײַך, פון וווּ איך קום און גלײַכצײַטיק זיך מיט אייך טיילן מיט מײַנע ערשטע אײַנדרוקן פון ישראל.

פראַנקרײַך איז, ווי איר ווייסט, געוואָרן נאָך דער מלחמה דער באַדײַטנדיקסטער ייִדישער צענטער אין אייראָפּע. גלײַך נאָך דער באַפרייאונג האָט מען געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער אַנטשטייאונג פון ייִדישן קיבוץ אין פראַנקרײַך, בפרט, אַז דורכן צופלוס פון נײַע עלעמענטן פון מזרח־אייראָפּע און פון די דײַטשע לאַגערן, איז אין ייִדישן לעבן פון פראַנקרײַך צוגעקומען אַ נײַער קרעפטיקער בלוט־שטראָם. די דאָזיקע האָפענונגען האָבן זיך נישט פאַרווירקלעכט אין דער פולער מאָס, ווײַל דער רוב פון די אימיגראַנטן האָט גלײַך נאָכן שאַפן פון מדינת ישראל עולה געווען דאָ אַהער אין לאַנד אַרײַן.

די אויסווירקונג פון ישראל איז ביזן הײַנטיקן טאָג אַ שטאַרקע און מען קען זאָגן, אַז נאָר דער ישראל־געדאַנק איז בײַם הײַנטיקן טאָג די אײנציקע צענטראַלע אידייע, אויף וועלכער עס איז מעגלעך צו זאַמלען די פאַרשידנסטע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פראַנקרײַך, די יוגנט אַרײַנגערעכנט. איך מיין די ייִדישע יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פון דער פראַנצויזישער קולטור. אויך די גאָר אַסימילירטע קרײַזן האָט די מדינה־אַנטשטייאונג אַרײַנגעוואָרפן אַ באַאומרואיקונג, וואָס קען בהדרגה געלענקט ווערן אין דער ריכטונג פון אַ שאַפערישער אַקטיוויטעט לטובת ישראל.

דער ייִדישער ישוב אין פראַנקרײַך פילט זיך בלב ונפש געבונדן מיט אַלעם, וואָס געשעט אין ישראל. די פאַרבינדונג קומט קודם כל צום אויסדרוק אין געוואַלדיקן אינטערעס, וואָס דאָס ייִדנטום אין פראַנקרײַך ווײַזט

ל. דאָמאַנקעוויטש

אַרויס צו די ידיעות, וואָס קומען פון ישראל אויף אַלע געביטן: פון מיליטערישן, פּאָליטישן,ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון ישראל. און צווייטנס — דורך דער ברייטער אונטערשטיצונג פון וועלכער עס געניסן די הילפס־אַקציעס פאַר ישראל מצד די ברייטסטע קרייזן פון פראַנצויזישן יידנטום.

איך מוז אָבער צוגעבן, אַז איצט, נאָכדעם ווי איך האָב זיך ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל, כאָטש טיילווייז באַקענט מיט דעם גיגאַנטישן אויפבוי־ווערק, זעט מיר אויס די מאַטעריעלע הילף פון די יידן אין פראַנקרייך ווייט נישט פּראָפּאָרציאָנעל. זי איז בלויז אַ מינימום פון דעם, וואָס דאָס פראַנצויזישע יידנטום וואָלט געקענט און באַדאַרפט טאָן פאַר ישראל.

אָבער לאָמיר איבערגיין צו מיינע פערזענלעכע איינדרוקן פון לאַנד. זייט אַ דריי צענדליק יאָר בין איך געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַלעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל און מיט דעם טיפסטן אינערלעכן אינטערעס האָב איך נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן פאַר און נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. עס האָט זיך מיר דעריבער אויסגעדוכט אַז קיין שום איבעראַשונג איז פאַר מיר נישט מעגלעך; אָבער די רעאַליטעט האָט ווייט איבערגעשטיגן מיינע דערוואַרטונגען.

איך בין געקומען, געזען, און באַזיגט געוואָרן.

עס האָט אָבער זיכער קיינמאָל נישט קיין זיגער געפרייט זיך מיט זיין נצחון, ווי איך מיט מיין באַזיגט ווערן דורך דער ווירקלעכקייט פון ישראל.

דעם ערשטן גרויסן איינדרוק האָב איך באַקומען נאָך אַ שפּאַציר אין ערשטן פסח־טאָג, איבער די גאַסן פון תל־אביב. צום ערשטן מאָל האָב איך באַנומען יידישע שלווה, יידישע שטילקייט. נאָכדעם, ווי מיר קענען אַלע אַזוי גוט אונזער אייגענע בהלהדיקייט, אונזער נערוואַזיטעט, אונזער אומרו, האָב איך צום ערשטן מאָל דאָרט אין לעבן באַנומען יידישע געמיטלעכקייט, יום־טובדיקייט אין אַזאַ מאָס, ווי מיר האָבן קיינמאָל נישט געקענט אַפילו אין דעם אַמאָליקן פרומען יידישן שטעטל.

צום ערשטן מאָל האָב איך אינערלעך דערפילט דעם מה טבי אוהליך יעקב אַן דער גאַליק איראָנישער באַגלייטונג צו די דאָזיקע ווערטער. איך בין אַרומגעפאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט פון ישראל. איך האָב אומעטום געזען דעם פיבער פון דער אַרבעט און נאָכאַמאָל באַדויערט די

רואיקייט פון דעם שאָסיי־אַרבעטער, די שטילקייט פון אַקערער, כאָטש אָפּטמאָל בלויז עטלעכע קילאָמעטער פון פּיינטלעכע גרענעצן, פון לויערנ־דיקע שכנים. די אינטענסיווקייט פון בויען און שאַפן מאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק און קען דינען ווי אַ באַווייז, אַז ווו עס הערשט נאָך היינט וויסט־קייט און פאַרשטיינערונג, וועט מאָרגן זיך באַווייזן פּרוכטבאַרער באָדן און רויש פון לעבן, אַזוי ווי עס געשעט איצט אויף טריט און שריט אין גאַנצן לאַנד.

געוויס, איך האָב דערזען די גרויסע שוועריקייטן און דערהערט דאָס קול פון די מתלוננים. צי איז אָבער נישט צו באַוווּנדערן דעם נס פון קענען באַזאָרגן יעדן ישראל־איינוווינער מיט זיין טעגלעכע שפּייז, טראַץ דעם, וואָס יעדן טאָג קומען אָן טויזנט נייע עולים, באַרוועסע און נאַקעטע, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און פאַר יעדן איינעם פון זיי איז גרייט זיין טעג־לעכע פּאַרציע און אַ דאַך — זאָל זיין אין אַנהויב אַ געצעלט — איבערן קאָפּ?

איך בין באַזונדערס באַגייסטערט פון דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן אַקט פון הומאַניזם, וואָס שטעקט אין פאַרוואַנדלען מדבר אין אַ ישוב, שוין אָפּגעזען פון יידישן אַספּעקט פון פּראָבלעם. די גאַנצע וועלט האָט באַ־דאַרפט זיין אויף אונזער זייט און העלפן צום גרויסן הומאַניטאַרן ווערק פון אויפבוי און קאָנסטרוקציע, וואָס יידן פאַרווירקלעכן און דורך וועלכן עס ווערט פאַרזיכערט פאַר הונדערטער און טויזנטער געדרודפּטע און היימ־לאָזע אַ צוקונפט און אַ העכערער גיוואָ פון לעבן.

אין ישראל געשעט איצט אַזעלכעס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון פעלקער. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פעלקער, וואָס זייער פּאָליטישע באַפרייאונג באַדייט פאַר זיי אָן אָפּשלוס אין זייער קאַמף־פּעריאָד, איז די באַפרייאונג פון ישראל נאָר אַן אָנהויב צו אַ גרויסן שאַפע־רישן און הומאַניטאַרן אויפבוי־ווערק, אַן אָנהויב פון אַ נייעם גרויסן קאַמף פאַר אויסבויען פאַר זיך אַן אייגן נײַ לעבן.

גייט, לאָמיר גיין מיטן דאָזיקן כוח ווייטער און ווייטער!

ישראל: אַלגעמיינע איינדרוקן און קאָנקלוזיעס

ווען יידן זענען אין יענער האַלבער נאַכט פון מכות־בכורות אַרויס אין בהלה פון מצרים, האָבן זיי זיך נישט געקענט זוימען און זיי האָבן אָנ־שטאָט דעם געשמאַקן געזאָלצענעם ברויט זיך אָפּגעבאַקן אומבאַטעמטע קו־כנס, אָן הייוון און אָן זאַלץ. און שוין טויזנטער יאָרן ווי יידן עסן די דאָזיקע „מצות" ביי יום־טובדיקע טישן און שימערירנדיקע ווייגען און זיי פילן אין זיי טויזנט טעמים און זיי זענען זייער לוקסוס־ברויט.

אַז יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוגליטשן פון די גלותן אין אונ־זערע טעג, האָבן זיי אין גרויס איילעניש אויפגעבויט אַ שטאָט אין די מדבר־זאַמדן. אַ שטאָט אָן טעם, אָן פּלאַן, אָן סדר. איז תל־אביב די אורבאַניסטישע מצה פון יציאת־אייראָפּע אין אונזער תקופה. זי האָט דעם טעם פון יום־טוב. אַז דו קומסט אין איר אַריין קענסטו זיך נישט אָפּטשעפּען, קענסט פון דאָרט נישט אַרויס ווי פון דער אייגענער הויט.

דאָס אמתע ישראל, דאָס באַצויבערנדיקע, דאָס עקזאָטישע וואַרט אויף דיר אויף יענער זייט פון תל־אביב. עס וואַרטן אויף דיר, דאָס אַריסטאָ־קראַטישע ירושלים, דאָס מיסטישע צפת, דאָס דריי־גאָרנדיקע חיפה און דאָס אַרבעטנדיקע ישראל און די צוועלף מאָל צוועלף שבטים. אַלץ וואַרט אויף דיר. און אַלע זאָגן דיר: ווילסטו קענען ישראל פאַרלאָז תל־אביב, אָבער תל־אביב האַלט דיך געשמידט ווי אין קייטן, ציט ווי מאַגנעט.

מיט וואָס? דאָס איז דער סוד פון תל־אביב.

תל־אביב דערמאָנט שטאַרק אין לאָדזש מיט איר אינטימקייט, מיט איר רעש און רויש, מיט איר קליינשטעטלדיקע גרויסשטאָטישקייט. די שטאָט ווו יידן זענען געווען אינדוסטריעלער, פאַרבער און וועבער און גאַרנשפּינערס און חלום־שפּינערס. — מנחם מענדל פלוס אַרבעט.

און איצט שבת אין תל־אביב!

אַלץ וועט איר דאָרט געפינען: אַלע סטילן און אַלע נוסחאות, היימישער

פרומער שול־שבת און מאָדערנעם, וועלטלעכן ספּאָרטיוון רו־טאָג אַלע זונ־טיק; דעם ווייכן ספרדיקן, פֿאַנטאַפּלדיקן שבת פון אונזערע יידעס, און אַ גייעם שבת, ווו די פּראָמענאַדעס ביי די ים־ברעגעס און אויף די גאַסן זענען אָנגעפּראָפּט מיט רוישיקער פריילעכער יוגנט.

און אין די שטובן? אין די שטובן האָט איר אַ שבת, וואָס יידן האָבן אַמאָל נאָר געקענט אין די זמירות (באה שבת באה מנוחה) אָבער נישט אין לעבן.

איך בין איינגעלאַדן אויף אַזאַ שבת־מיטאָג ביי אַ נאָענטן קרוב. לכבוד דעם גאַסט קומען זיך צונויף צוויי ברידער, זייערע פרויען, זייערע זין און שנורס. פון די צוויי ברידער איז איינער פון יציאת פוילן און דער צווייטער פון יציאת מצרים. (דאָרט אַריין עמיגרירט מיט 30 יאָר צוריק גלייך פון דער פוילישער אַרמיי.

קיין גרויסע למדנים זענען זיי ביידע נישט געווען, קיין גרויסע שומרי־שבת אויך נישט. אונזער, בשותפותדיקער זיידע פלעגט ווייגען בלויז אָנקוקנ־דיק זיי: „איך בין אפילו נישט זיכער צי זיי קענען כאָטש דאַווענען״ — פלעגט ער זאָגן. און ער האָט גראָד געמעגט זיין זיכער...

איצט וואָלט ער געשעפּט נחת! אַ פיינע שבתדיקע שטוב מיט זין און שנורס וואָס קענען שוין מער ווי דאַווענען.

זיי זענען אַריין אין יידישקייט דורך אַן אַנדערער טיר. דורך דער טיר פון מדינה. איך זיץ די גאַנצע צייט ביים טיש אַ צעטראָגענער. קיינער וועט נישט פאַרשטיין מיינע נאָכטראַכטענישן.

ווען מען האָט אין ישראל געפייערט דעם 18־טן יום העצמאות
שתי פעמים ח״י

ח״י באַטרעפט 18 לויטן ווערט פון די אותיות, און ח״י איז טייטש געלעבט. אַז אַ ייד איז מנדר ביי דער עליה צום ספר, האָט ער אָפט זייער ליב מנדר צו זיין לויט דער צאָל ח״י, 18, כדי דערביי זיך צו ווינטשן פאַר יעדער מטבע אַ יאָר לעבן. אָפטמאָל איז אַזאַ ייד מנדר שתי פעמים ח״י, זוכה צו זיין צו טאָפלטע יאָרן פאַר יעדער מטבע.

היי־יאָר האָט די יידישע מדינה דערלעבט איר 18־טן יום העצמאות, אָבער נישט בלויז די מדינה איז געוואָרן אַכצן יאָר אַלט, אויך דער ישראל־דיקער סאָלדאַט איז געוואָרן אַכצן יאָר אַלט, דער בחור, וואָס ווערט היי־יאָר גענומען אין מיליטער אין ישראל, איז שוין אַ געבוירענער אין לאַנד. צום ערשטן מאָל איז עס מעגלעך אין תשכ״ו צו נעמען אין מיליטער די געבוירענע יידן אין לאַנד, אין יאָר פון ערשטן יום העצמאות. איז עס אַ שתי פעמים ח״י. חי דעם לאַנד און חי דעם סאָלדאַט, וואָס איז גערופן צו שיצן די ערד, אויף וועלכער ער איז געבוירן, וואָס ער קען און האָט ליב ווי זיין פערזענלעך פאַטערלאַנד און ווי דאָס פאַטערלאַנד פון זיין פאָלק. איז דער יום־טוב אַ טאָפלטער און די שמחה אַ צוויי־פאַכיקע.

וועלן טאַקע אָט די אַלע מיוחסים, די געבוירענע אין 1948, האָבן די פּריווילעגיע אין היי־יאָריקן יום העצמאות, אָנצוצינדן די פאַקלען אויפן הר הרצל. מיר קענען בלויז ווינטשן זיי, די געבוירענע אויף דער פרייער ערד פון מדינת ישראל, אַז זיי זאָלן זוכה זיין זיך צו עלטערן אין פריידן און אין פרידן אויף דער יידישער ערד. זיי זאָלן זיין תמיד גרייט זי צו פאַרטיידיקן, אָבער נישט דאַרפן עס צו טאָן, ווייל עס וועט נישט זיין קיין אָנגרייפער...

עס איז שוין פאַראַן אַ דור, וואָס געהערט שוין צום צה״ל און האָט קיינמאָל נישט געקענט קיין פרעמדע מאַכט, נישט די ציוויליזירטע ענג־

לענדער און נישט די יונגע טערקן און נישט די אַלטע טערקן. זיי האָבן בלויז געקענט ביז איצט דריי אייגענע רעגירונגען, אַלע דריי אונטער דער פירונג פון מפא״י, צוויי אונטער דער פירונג פון דוד בן־גוריון, איינע אונטער דער לייטונג פון נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם משה שרת ז״ל און די איצטיקע, אונטער דער פירונג פון אים צו לאַנגע יאָרן לוי אשכול שליט״א.

עס בלייבט נאָך דעם יידישן פאָלק פון אַלע תפוצות צו געבן דעם חג־העצמאות אַן אייגן פּנים, אַ פאָרם און אַ נאַציאָנאַלע קאָליר, וואָס זאָל אומעטום פאַרטראָגן און אָנערקענט ווערן מיט פריינטשאַפט און טאָלע־ראַנץ. אונזער שמחה דאַרף זיין די שמחה פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל געליטן, אַזויפיל געבלוטיקט, אַזויפיל דורכגענעצט די ערד פון דער גאַנ־צער מענטשהייט מיט בלוט און טרערן.

עס איז איצט צייט, אַז אונזער שמחה זאָל סימבאָליזירן אַ נייע ווענ־דונג אין דער מענטשהייט: צו פאַרוואַנדלען אין ליכט אונזער אבלות, אין פרייד — אונזער פינצטערניש, אונזער טרויער — אין מענטשלעכן יום־טוב, אין יום־טוב פון אַלע פעלקער, קליינע און גרויסע, שטאַרקע און שוואַכע, יונגע און אַלטע. דער סאָציאַלער אויפשטייג פון די פעלקער איז נישט געקומען זיי צו פאַרמינערן נאַציאָנאַל, נאָר צוצוגעבן אָנזען צו וואַלאָריזירן זייערע מעלות, זייערע קאַפּאַציטעטן און זייערע אינטעלעק־טועלע דערוווערבונגען.

צום אַכצנטן יום העצמאות פון ביז איצט אַזוי מאַרטיריזירטן יידישן פאָלק, ווינטשן מיר זיך, און דער גאַנצער וועלט, אַז עס זאָל זיך אָפּטאָן פון איר דער גייסט פון שאָוויניזם, פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער קנאה און שנאה, און עס זאָל מקוים ווערן דער אַלטער יידישער ווונטש פון „ויעשו כולם אגודה אחת״: עס זאָל פון אַלע פעלקער געשאַפן ווערן איין בונד פון נאַציעס, פון פאַרשטענדיקונג, אַז נישט די אַטאָמישע דעסטרוקציע־מיטלען זאָלן איר באַקומען די שליטה, נאָר די מיטלען פון פאַרברי־דערונג און פון אויפריכטיקער פריינטשאַפט און שלום צווישן פעלקער, לענדער און נאַציעס.

און דער ווונטש פון די נביאים: וכתתו חרבותם לאתים ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״, אַז די פעלקער זאָלן צעשטויסן

נצח יידישקייט

זייערע שווערדן אויף אַקער־אײַזנס און איין פאָלק זאָל נישט אויפהויבן זיין שווערד אויף אַן אַנדער פאָלק און זיי זאָלן מער נישט לערנען צו פירן מלחמות, זאָל אויף אַלע פעלקער — און צווישן זיי אויפן פאָלק ישראל — מקוים ווערן אויף אייביקע יאָרן.

דוד בן-גוריון

אין דער יידישער געשיכטע וועט דוד בן־גוריון אַרייַן ווי דער גרינדער און אָרגאַניזאַטאָר פון בית שלישי; אַזעלכע איבערמענטשלעכע אויפגאַבן האָט די געשיכטע נישט די געוווינהייט אַרויפצולייגן אויף דורכשניטלעכע פּלייצעס. מען מוז דערצו זיין ווי דער ערשטער קעניג שאול משכמו ומעלה גבוה מכל העם, און מען מוז דערצו, ווי דער ערשטער גרינדער פון אַ גרויס מלכות דוד מלך ישראל זיין גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט אַ גלות.

הערצל, וועמענס יאָרהונדערט פון געבוירן ווערן די יידישע וועלט פייערט איצטער, האָט אויסגעחלומט די יידישע מדינה, דער חלום איז אין זיין חזון טאָטאַל, ער באַגנוגנט זיך נישט מיט קלייניקייטן און מיט האַלב־קייטן. קלייניקייטן, האַלבקייטן זענען אַן ענין פאַר דער גרויסער ווירק־לעכקייט, פאַר דער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט, דער חלום, ער איז גראַנ־דיעז, ער קען זיך פאַרגינען אַלץ צו וועלן און אַלץ אויף אַמאָל. ער מאַכט דעם הונגעריקן זאַט און דעם אָרעמען — רייך. ער גיט דעם פאָלק אַ מלוכה און תיכף ומיד מיט פאָרטן, מיט שיפן, מיט פענער, מיט אַן אינ־דוסטרי.

אַ גרויסן חלום האָט הערצל געזען און געוואָרן דער פאָרגייער פון דער יידישער מדינה, צוערשט קומט די וויזיע, צוערשט מוז מען אַ רעאַליטעט אויסחלומען. ווייצמאַן דער וויסנשאַפטלער, ווייצמאַן דער ייד פון תחום המושב, האָט געזוכט דעם פתרון צום חלום. ווי אַן עקזאַקטער וויסנשאַפט־לער האָט ער געזוכט די פאָרמולע. ער האָט רייף געמאַכט דעם געדאַנק פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל. און ער האָט אַרויסבאַקומען ביי די ענג־לענדער, ביים פאַריאָגער פון אָטאָמאַנישן באַזיצער פון ארץ־ישראל, דעם טשאַרטער, וועגן וועלכן הערצל האָט געחלומט, אין דער פאָרם פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווי אַ פאַרגעלטונג צום זיג איבער די דייטשע אַגרע־סאָרן אין ערשטן וועלט־קריג. ער האָט דאָס געהאַלטן נישט ווי אַ פאַרענ־דיקונג פון עפּעס, נאָר ווי אַן אָנהויב, ווי אַ צוגרייטונג פון ארץ־ישראל צו

ל. דאָמאַנקעוויטש

אַ באָדן פאַר אַ יידישער מדינה, און ווי אַ צוגרייטונג פון יידישן פאָלק צו שטרעבן צו אַ מלוכה.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע זענען פון אַלע תפוצות, בעיקר יידן און יוגנט פון גרויסן, געדיכטן יידישן מזרח־איירָאפּע, אַריינגעגאַנגען אין אַ תקופה פון בהדרגהדיקן דעראָבערן דעם באָדן פון לאַנד. בן־גוריון איז געקומען ווי אַ סינטעז פון ביידע, פון הערצלען און פון ווייצמאַנען, ווי אַ טרוימער איז ער געגאַנגען מיט פופציק יאָר צוריק אויפן וויסטן היסטאָרישן באָדן און דאָרט, מיט די הענט, ממש געבויט דורך לייגן שטיין אויף שטיין, ציגל אויף ציגל, די געביידע פון מלכות ישראל.

הגשמה עצמית איז געווען און הגשמה עצמית איז געבליבן דער וועג צו פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון דער מדינה און דער וועג פון קאַמף פאַר דער דערהאַלטונג פון דער יידישער מדינה.

צוערשט אַרבעט און דערנאָך פּאָליטיק. הערצל האָט אָנגעהויבן פון פירן פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען מיט מלכים און שרים און תקיפים פון דער נישט־יידישער וועלט. ער האָט פון זיי גאָרנישט געקענט דערגרייכן, אָבער ביים יידישן פאָלק האָט ער געוועקט אַ גרויסן דורשט צו באָדן, צו היים.

קנה נעץ בים.

אַ שטעקעלע; אַ רויר, האָט ער אַריינגעוואָרפן אין ים, אַן אידייע געוואָרפן אין חלל, אַן אומרואיקייט אין די יידישע געמיטער פאַר אַ לייזונג, פאַר אַן אויסגאַנג. בן־גוריון איז געווען צווישן די יונגע, געוואַגטע, פון די דורך הערצלס חלום באַאומרואיקטע און ער איז געגאַנגען צווישן טויזנטער אַנדערע פּעאיקע פאַרווירקלעכן, רעאַליזירן מיט זיך, דורך זיך, דורך זיין איינער פון אַלע, איינער פון די בויער.

במתי מעט איז מען געגאַנגען, און מען האָט מיט שווייס און בלוט געצאָלט פאַר יעדן טראָפּן וואַסער, פאַר יעדן שפּאַן ערד. און אַנדערע זענען צוגעקומען, מיט אַרבעט, מיט אָרגאַניזאַציע, מיט מעטאָדע און עס איז געקומען דאָס, וואָס מיטן בלויזן חלום וואָלט עס קיינמאָל נישט געקומען. עס וואָלטן געמעגט טויזנט מאָל הערצל דערגרייכן דעם טשאַרטער פון די מלוכות, ער וואָלט גאָרנישט געקענט געבן. ער וואָלט נישט געקענט חל

זיין אויף לײדיקן, וויסטן באָדן. היסטאָרישער יחוס אַליין האָט נישט גע־קענט געבנוג זיין. עס האָט געמוזט צוקומען דער שווייס פון די חלוצים, דאָס בלוט פון די קעמפער, אַז עס זאָל קענען געשאַפן ווערן דורך דער סינטעזע פון אַרבעט און טרוים די יידישע מלוכה.

און ערשט דערנאָך, דער עטאַפּ פון פּאָליטיק, דער גאַנג צו מלכים און שרים. און מיר זעען היינט דעם גרויסן שר דוד בן־גוריון קומען צו הערשער, צו גרויסמאַכטן און רעדן און פּאַרלאַנגען און פּאַרהאַנדלען און שתדלנען פאַר זיין לאַנד, פאַר זיין פאָלק, אַמאָל ווי אַ גלייכער מיט גלייכע און אַמאָל ווי אַ פירער פון אַ קליין לאַנד און אַ קליין פאָלק צו גרויסע מלוכות און שטאַרקע הערשער, מיטן כוח פון אַרבעט, מיטן כוח פון קאַמף. דאָס איז די טאָג־טעגלעכע שפּראַך פון אַ פאָלק. דאָס פאָלק, וואָס האָט זיין וויזיע פון „ולא ישא גוי אל גוי חרב" קיינמאָל נישט פאַרגעסן און קיינ־מאָל זיך פון איר נישט אָפּגעזאָגט, אָבער וואָס האָט זיך צו איר נאָך נישט דערקעמפּט.

די געשיכטע האָט זיך אירע וועגן, אירע עטאַפּן און אירע מדרגות. זי בייט נישט די יוצרות: צוערשט חלום, דערנאָך בהדרגהדיקע רעאַליזירונג און ערשט דערנאָך די גרויסע וואגעניש צו געבן אַלע חלומות און אַלע עטאַפּן, פאָרם און אויסדרוק. מען האָט געמוזט אַ סך וואַגן, האָבן אַ סך מוט און אַ סך אהבת ישראל צו וואַרפן נאָכן חורבן די צוויי מיסטעריעזע און דאָך אַזוי פּראַקטישע ווערטער: „מדינה לאלתר" און דער עיקר האָט מען דערצו געמוזט האָבן אומבאַגרענעצטן צוטרוי צום יידישן פאָלק, וואָס איז נאָך אין אונזער צייט גרעסער ווי אהבת ישראל.

ווער האָט געהאַט צוטרוי צום דאָזיקן גלות־פאָלק, צום דאָזיקן פאָלק וואָס האָט נאָרוואָס געברענט אויף די שייטערס, נאָר וואָס פאַרקנעכט מיט דער שווערסטער קנעכטשאַפט פון אַלע צייטן? ווער האָט געהאַט צו־טרוי צו דער דאָזיקער שארית הפליטה, צו די אַנדערע היימלאָזע, די יידישע שבטים פון אַלע לענדער, אַז זיי קענען בויען, העלפן בויען אַ יידיש לאַנד? בן־גוריון האָט דעם צוטרוי געהאַט, ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצו־חזרן: אונזער בעסטער און טרייסטער שותף איז דאָס יידישע פאָלק אין זיין אויסגעשפּרייטקייט.

דאָ האָט דער דאָזיקער בן־גוריונס צוטרוי באַוויזן וונדער. דאָס איז

ל. דאָמאַנקעוויטש

געוועזן דער כוח, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען און דערמיט געהאָלפן דעם יידישן פאָלק אַרויסקומען פון די פלאַמען פון געטאָ און פון די אומ־קום־לאַגערן. פאַרן דאָזיקן צוטרוי האָט דער פרעמיער פון ישראל פאַרדינט אונזער אומבאַגרענעצטע דאַנקבאַרקייט. דער דאָזיקער צוטרוי האָט אונז אַלעמען געשטאַרקט און צעמענטירט ווי אַ פאָלק. דערמיט האָט בן־גוריון נישט בלויז געבויט אַ לאַנד, נאָר וואָס איז פיל מער — אַ ניי פאָלק.

דוד בן-גוריון געזען דורך זיין ביאָגראַף *)

דער געניטער זשורנאַליסט און גוטער אַמעריקאַנער שרייבער, ראָ־בערט סען־דזשאָן, איז נישט קיין ייד, אָבער ער האָט אַ סך ערלעכע און אויפריכטיקע סימפּאַטיעס צום פאַרפאָלגטן פאָלק. ער קען זיין געשיכטע, זיינע טראַדיציעס. ער קען אויסגעצייכנט דעם תנ״ך, האָט ליב די יידישע פאַרגאַנגענהייט און ער פרייט זיך אויפריכטיק מיטן אויפקום פון דער מדינה און דעם בוי־ווערק, וואָס גייט אין איר אָן. ער קען דאָס יידישע קאָלאָניזאַציע־ווערק אויף דעם היסטאָרישן באָדן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נישט מיט באַהערשן מענטשן, נאָר מיט באַהערשן אַרבעט. ער ווייס ווי אַזוי און דורך וועמען די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, אויף וואָס פאַראַ אויסטערלישע שטרויכלונגען, קנאה׳ס, און שנאה׳ס זי האָט זיך אָנגע־טראָפן און מיט וואָס פאַראַ שוועריקייטן מען האָט די מכשולים בייגע־קומען. סען־דזשאָן האָט באַקומען אינטערעס און אַן אינטימע באַציאונג צו די אַלע מענטשן, וואָס האָבן די גרויסע זאַך דורכגעפירט און פירן זי נאָך איצט, איבער אַלע שווערע און דאָרנדיקע וועגן, דורך מדבריות ממש, און דורך מדברדיקע הערצער פון אוממענטשלעכע הערשער און בייזווי־ליקע דיפּלאָמאַטן, אַז אין דער יידישער געשיכטע וועט דער איצטיקער ערשטער רעגירונגס־שעף פון ישראל, דוד בן־גוריון, אַריין ווי דער בויער, גרינדער און אָרגאַניזאַטאָר פון בית שלישי. אַזאַ ריזיקע שליחות האָט די פעלקער־געשיכטע נישט די געוווינהייט אַרויפצולייגן אויף דורכשניטלע־כע פּליצעס, מען מוז ווי דער ערשטער קעניג פון די בני־ישראל, שאול דערצו זיין משכמו ומעלה גבוה מכל העם.

און די יידישע געשיכטע — פאַרשטייט נאָך ראָבערט סען־דזשאָן — וועט זיך נאָך ווייניקער ווי די געשיכטע פון אַלע אַנדערע פעלקער דער־

---

*) „אַ געשיכטע פון אַן אומגעוויינלעכן מענטש״; יידיש: ק. שבתאי; פאַר־לאַג „מנורה״, תל־אביב, 1960.

ל. דאָמאַנקעוויטש

לויבן צו באַלאַסטן דורכשניטלעכע פּלייצעס מיט אַזאַ יאָך ווי שאַפן, פירן אַ יידישע מדינה. אפשר וועט אַמאָל קומען אַזאַ גליקלעכע צייט, ווען דער שר פון אונזער אומה, דער באַוואַכער פון אונזער גורל, וועט זיך קענען פאַרגינען אַ דורכשניטלעכן מדינה־מנהיג, אַ קליין פּרעמיערל, ווי עס קע־נען זיך דערלויבן אַנדערע קליינע, זאַטע, פרידלעכע פעלקער, אָבער פאַר אונז, פאַר אונזער מדינה, איז נאָך אַזאַ גליקלעכע צייט נישט געקומען. און עס ווייס דער אַמעריקאַנער מחבר פון דער ביאָגראַפיע פון דוד בן־גוריון אַז, צו דער עקשנות פון אַ יידישער „מדינה לאלתר" האָט די הש־גחה נאָר געקענט אויסוויילן אַ מענטש מיט אַ שטאָלערנעם ווילן, מיט אַ כאַראַקטער, דעם האַרטנעקיקסטן צווישן האַרטנעקיקן פאָלק, אָבער אַ מענטש, וואָס קען אויך אין גורלדיקע מאָמענטן זיין בויגעוודיק און נאָכ־גיביק, כדי צו ראַטעווען דעם עיקר.

האַבנדיק די פעסטע איבערצייגונג, אַז ער האָט פאַר זיך אַן אויסנע־טישע פּערזענלעכקייט, וואָס שטייגט ווייט אַריבער יעדן דורכשניט, פאָלגט ראָבערט סען־דזשאָן נאָך דאָס לעבן פון דוד בן־גוריון פון זיינע סאַמע אָנ־הויבן אין פוילישן שטעטל פּלאָנסק, אין הויז פון זיין טאַטן, דעם משכיל, דעם ווינקל־אַדוואָקאַט אביגדור גרין. ביי צוועלף יאָר געפינט ער אים אַ פאַריתומטן פון זיין מוטער און ביי פערצן יאָר אַ גרינדער פון אַ ציוניס־טישן פאַראיין „עזרא". דער נאָמען זאָגט שוין עדות אויף זיין צוגעבונדנ־קייט צום תנ׳כישן עבר און צום פאַרשטיין ציוניסטישע אַרבעט, נישט ווי אַ כלל־טוערײַ, נאָר ווי אַ באַוועגונג, וואָס מוז כסדר זיין געווענדעט צו שיבת ציון.

ראָבערט סען־דזשאָן באַנוצט זיך נישט מיט קיין שום ליטעראַרישע שמינקע. ער דערציילט פּשוט, אָבער נישט צעצויגן, נאָר מיט אימפּעט. ער איז האַסטיק, דינאַמיש. ער רייסט אַרויס שטיקער לעבן, כאַראַקטעריס־טישע עפּיזאָדן און שפּינט אויס אַ שטיק וואָר געמישט מיט חלום, אַ שטיק רעאַליטעט געמישט מיט מיסטיק און שטעלט דערפון צוזאַמען אַ לעבן, אויסגעפילט פון אַרבעט, פון אידעאַל, פון גרויסע פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונגען, אַ לעבן פול מיט בטחון, וואָס לאָזט זיך נישט ברעכן פון קיין שום אַנטוישונגען און דורכפאַלן, וואָס פעלן אים נישט זינט זיין ער׳שטן שריט אַלס עולה, ביז צום הייַנטיקן טאָג אַלס פּרעמיער.

איז דוד בן־גוריון באַשיידן? אַפילו זיינע קעגנער וועלן בכל אופן

מודה זיין, אַז ער איז זייער באַשיידן אין אומגאַנג מיט זיינע מיטאַרבע־טער, אין זיין לבוש, אין הויז־פּירונג. ער איז האַרציק מיט זיינע יוגנט־פריינט, האָט ליב צו לערנען און זיך צו לערנען. איז ער באַגרענעצט ? ער האָט זיכער די נאַטירלעכע באַגרענעצטקייט פון אַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געווידנט אַוועקצוגעבן זייער גאַנצע צייט, זייער גאַנץ לעבן אין ציל, איין איינציקן אידעאַל.

און ראָבערט סען־דזשאָן באַווייזט, ווי דער שפּעטערדיקער פּרעמיער פון ישראל האָט שוין פון די יינגסטע צייטן אָן, געטראַכט מיט קאַטעגאָריעס פון געשיכטע, וואָס האָבן אים שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין עליה, מיט אַריבער פופציק יאָר צוריק, געפירט צו טראַכטן, אַז דאָ, אין דער מדבר־ווירקלעכקייט, צווישן אַראַבער, מוז מען אַוועקוואַרפן אַ סך אייראָפּעאישע געוווינהייטן און מחשבות און אָנווענדן מעטאָדן צו־געפּאַסטע צו דער מענטאַליטעט פון מדבר־מענטש.

דער ביאָגראַף פון דוד בן־גוריון גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז צו שילדערן אַ מענטש מוז מען קענען זיין סביבה, דעם קלימאַט און דעם קרייז, אין וועלכן ער לעבט, מאָלט ער אויך די נאָענטסטע מענטשן פון זיין סביבה, וויצמאַנען, דעם ערשטן פּרעזידענט פון ישראל, דעם עקזאַקטן מאַטעמאַ־טיקער, דער פולער היפוך פון בן־גוריונס כאַראַקטער, דער סאַלאָן־מענטש, דער מאַן פון שאַרפן וויץ און גוטן טאָן ; און ווי אַזוי די צוויי מענטשן דערגאַנצן זיך, נישט געקוקט אויף זייער פאַרשידענע באַציאונג צום ענג־לישן מאַנדאַטאַר.

ער מאָלט בן־צבי, דעם גוטן חבר, דער היינטיקער פּרעזידענט, אַ „צווילינג" וואָס האָט זיך זעלטן געשיידט. ביידע יונגע עולים פון דער זעלבער תקופה ; ביידע סטודענטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אגב צוזאַמען מיטן שפּעטערדיקן מלך פון עבר הירדן, דעם דערמאָרדעטן אַבדאַלאַ, ביידע פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַר־ברענגען אין אַמעריקע און פאָרן ביידע צוריק אַלס לעגיאָנערן מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי פון ארץ־ישראל ; ביידע גרינדער פון דער „הסתדרות", ביידע אומדערמידלעכע בויער פון בית שלישי און ביידע איצט אין דער שפּיץ פון דער מלוכה־אָנפירונג.

אָן אַ שיעור דאָקומענטן, ביכער, פּאַטאָס, בריוו פון אַ פּאָליטישן, אינטימען און סאָציאַלן כאַראַקטער, האָט דער ביאָגראַף סען־דזשאָן גע־

ל. דאָמאַנקעוויטש

זולדיק דורכשטודירט, דורכגעטראַכט, אַז ער זאָל קענען אויסבויען אַזאַ קאָנסטרוקציע ווי די פּילזייטיקע פּערזענלעכקייט פון דוד בן־גוריון, וועל־כער איז תמיד געווען רירעוודיק, תמיד פול מיט איניציאַטיוו. מיר דער־וויסן זיך, אַז פּונקט ווי עס פליט נאָך היינט דער פּרעמיער פון ישראל אין עלטער פון קרוב צו 75 יאָר נאָך וואַשינגטאָן און נאָך לאָנדאָן, ווען ער האַלט, אַז די שעה פאָדערט עס, אַזוי איז ער שוין אין ערשטן וועלט־קריג, אַזוי איז ער אין צווייטן וועלט־קריג געלאָפן נאָך לאָנדאָן, קיין וואַשינגטאָן איבער ימים פול מיט סכנה, עפּעס אויסצושתדלן פאַר ארץ־ישראל, פאַר דער צוקונפט פון אַ יידישער מדינה.

בעת דעם ערשטן וועלט־קריג האָט ער לכתחילה צוליב דער שנאה צום צאַרישן רוסלאַנד, געהאַט אַ פּראָ־טערקישע אָריענטאַציע, אָבער ווען רוסלאַנד איז צוליב דער רעוואָלוציע אַרויס פון קריג און די טערקן האָבן אָנגעהויבן רדיפות קעגן ישוב, האָט ער זיך נישט געוואַקלט, זיך גע־שלעפּט און דערשלעפּט קיין אַמעריקע דאָרט העלפן אויפשטעלן דעם לע־גיאָן, דאָס ערשטע קערנדל פון אַ יידישער אַרמיי.

ווען אין פינצטערן יאָר 1940 פראַנקרייך קאַפּיטולירט, לאָנדאָן ליגט אונטערן דייטשן פייער, און דאָס איראָפּעאישע יידנטום — אין אייזערנעם נאַצישן צוואַנג, געפינען מיר ווייטער בן־גוריונען אין לאָנדאָן. דאָס ווייס־בוך אין יאָר 1939, וואָס האָט פאַרבאָטן יידן צו קויפן ערד און האָט אָפּ־געשטעלט יעדע נייע אימיגראַציע, האָט אַרויסגעגראָבן אַ תהום צווישן ישוב און ענגלאַנד, אָבער ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט בן־גוריון געזאָגט: „לאָמיר העלפן ענגלאַנד ווי דאָס ווייס־בוך וואָלט נישט עקזיס־טירט, און לאָמיר אַזוי באַקעמפן דאָס ווייס־בוך ווי מיר וואָלטן נישט גע־ווען אויף דער זייט פון ענגלאַנד אין דער מלחמה".

אין לאָנדאָן איז ער געזעסן אין אַ בוידעם־שטיבל, בעת די באָמבעס זענען געפאַלן, און געלערנט אַלט־גריכיש צווישן איין פּאָליטישן שמועס און דעם צווייטן. צום סוף האָט מען אים פון די אָפיציעלע קרייזן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וועט בעסער טאָן פאָרן קיין אַמעריקע באַאיינפלוסן וואַשינגטאָן אַריינצוטרעטן אין קריג קעגן דייטשלאַנד. איז ער געפאָרן צו די אַמעריקאַנער יידן...

ער איז אַ מענטש פון בוך און ער דרייט זיך אַרויס פון אַלע כיבודים און אויפנאַמעס, ווען ער קען אנשטאָט דעם זיין ביסל פרייע צייט, אין

דער שפעטער נאַכט, אַוועקגעבן זיינע שטודיעס. ער האָלט זיך נישט פאַר קיין מבין אויף מאָלעריי און האָט נישט קיין חשק אָוועקצוגעבן צייט אויף קאָנצערטן און טעאַטער. אַ האָטעל־אייגנטימער האָט אים אַמאָל געפרעגט מבינות אויף בילדער פון באַרימטע קינסטלער, האָט ער געענטפערט אַז ער קען זיי נישט.

— ווי אַזוי — האָט אים געפרעגט דער האָטעל־בעל־הבית — זיי הענגען דאָך ביי אייך אין צימער ?

— איך האָב גאָרנישט באַמערקט — האָט דוד בן־גוריון געענטפערט, נישט זשענירט, נישט סנאָביסטיש.

די נאַטור האָט אָפּטמאָל ליב צו באַפרייען מענטשן מיט אַ גרויסער מיסיע פון אַ סך אינטערעסירונגען, כדי זיי צו האַלטן געבונדן צו זייער שווערער אויפגאַבע.

שארית „בונד" אין ישראל

איז עס חלום? האָט זיך אַ בלעטל פון דער נאָענטער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט צונויפגעמישט און מיר געפינען זיך אַ שבת אינדערפרי אויף אַ מיטינג אין לאָדזש. אָדער אין וואַרשע? איז עס סתם אַ בינע־ספעקטאַקל?

ניין, עס איז אַן אמת, אַן אמת פון אַ שבת פאַרמיטאָג אין תל־אביב.

דער טעאַטער־זאַל פון „אוהל" אין צענטער שטאָט איז אָנגעפילט מיט אַ שבתדיקן עולם פון אַרבעטנדיקע יידן. די בינע איז דעקאָרירט מיט רויטע פענער. עס קומט דאָ פאָר די פייערונג פון „60 יאָר בונד".

ביי דער געלעגנהייט ווערט געהייליקט אַ נייע פאָן. עס ווערט גע־שאַפן אַ נייער „סקיף", אַ גרופע קינדער מאַרשירן אַרויף אויף דער בינע. אַ מיידעלע פון אַ צוועלף יאָר דערקלערט אויף אַ פיינעם ריינעם יידיש, די אויפגאַבן פון „סקיף".

און ווען אין זאַל שאַלט אויף די „שבועה" און דער אָנגעפילטער עולם אין זאַל זינגט, „שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט" שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן און איך שוידער אויף פון די סטאָפּעס ביז צו די האָר.

פון וואַנען די גערירטקייט?

איך בין קיינמאָל קיין בונדיסט נישט געווען. אָבער דאָס בילד האָט מיך צוריקגעפירט צום אַמאָל פון אַלע גרויסקייטן און אַלע אומעטיקייטן.

איך בין אויך גערירט דערפון, וואָס דער „בונד", דער „שונא ציון" האָט געפונען אַ היים ביי די ציוניסטן. וואָס רעד איך „ביי די ציוניסטן"? ניין, ביי יידן. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ציוניסטן האָבן נישט געבויט קיין ציוניסטישע מדינה נאָר אַ יידישע, ווו אַלע יידן קענען זיך פילן ביי זיך. עס וועגדעט זיך נאָר אין זיי אַליין.

ח' אַרטוסקי, דערקלערט מיר דערנאָך, אַז דאָס מיידעלע מיטן ריינעם

יידיש איז אַ סאַברע און פּונקט ווי די איבעריקע סקיפּיסטן באַזוכט זי די מלוכה־שולע און אַלע רעדן זיי זייער גוט העברעאיש. פאַרוואָס נישט? גיט ער צו. עס איז דאָך די מלוכה־שפּראַך. און טאַקע יאָ, פאַרוואָס נישט?

בונדיסטן האָבן שטענדיק געערדט פון דאָאיקייט: נאָר פון דער דאָאי־קייט האָבן זיי אויסגעשלאָסן ארץ־ישראל. איצט זענען פיל פון זיי דאָרט, און זיי האַלטן די ישראלדיקע דאָרטיקייט פאַר אַ דאָאיקייט. עס איז גאַנץ פּשוט. עס וואָלט געווען נאָך פּשוטער, ווען זיי וואָלטן אין דער אַמאָליקער דאָרטיקייט געקומען מאַכן דאָאיקייט ווען זיי וואָלטן געקומען מיט אידעאָ־ליזם און חלוציזם פאַר יידיש. אפשר וואָלט עס גורם געווען צו אידעאָלאָ־גישע קאַמפן. אָבער עס וואָלט געווען אַ מחלוקת לשם שמים.

האָבן זיי אָבער לייכט געמאַכט דעם וועג פאַר ציוניסטן־העברעאיסטן און איצט זענען זייערע טענות אומבאַרעכטיקטע. הגם — דאָס מיידל, די סקיפּיסטקע אויף יידיש איז מסתם געווען פון די איינציקע עקזעמפּלאַרן אין דער גאַנצער יידיש־וועלט, אַמעריקע אַריינגערעכנט.

זאַמלען פאַרשטויסענע יידן און באַהעפטן גרים

פראָפעסאָר ישראל בן־זאב

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אין יענע טעג וועלן צען מענטשן פון אַלע לשונות פון די פעלקער אָנכאַפּן די פּאָלעס פון אַ ייד אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין מיט אייך, ווייל מיר האָבן געהערט גאָט איז מיט אייך".

האַלטן זיך אָט די ווערטער פון דער וויזיע פון נביא זכריה ביים פאַרווירקלעכן אין אונזערע טעג צוזאַמען מיטן אומקער פון יידן פון אַ סך לענדער אויף דעם באָדן פון זייערע אבות?

וואָס שייך מיר, בין איך נישט גענויגט צו גלויבן, אַז מען רייסט אונז שוין ביי די פּאָלעס, כדי זיך אין אונז אָנצושליסן. זיכער זענען אַ סך פילבאַרע נאַטורן פון יחידים פון צווישן די פעלקער גענויגט צו אונז מיט נייגיר און סימפּאַטיע. עס זענען אפשר איצט פאַראַן אַ סך עמפּינדלעכע נשמות, וואָס האָבן אַ געפיל פון שולדיקייט לגבי אונז און וועמענס נייגונג גייט ביז צו אַ באַגער פון באַהעפטן זיך אין יידישן פאָלק.

קען מען אפשר צוליב דעם רעדן מיט דער שפּראַך פון מגילת אסתר ורבים מעמי הארץ מתיהדים, און פיל פון די פעלקער פון דער ערד יידישן זיך. אָבער פון דאָ ביז רעדן וועגן אַ מאַסן־באַוועגונג, זיך אין אונז אָנצו־שליסן, איז נאָך זייער אַ גרויסער מהלך.

אָבער פראָפעסאָר ישראל בן־זאב, דער גאַסט פון ישראל, אינספּעק־טאָר פון ישראלדיקן שול־וועזן, גרויסער ספּעץ פון אַראַבישער פילאָלאָ־גיע און שעף פון דער „באַוועגונג פאַר זאַמלען פאַרשטויסענע יידן און אַריינגעמען בבריתו של אברהם נישט־יידן און פאַרשפּרייטן אהבת ישראל צווישן פעלקער", גלויבט יאָ, אַז די צייט איז פאַר אונז געקומען צו טראַכטן פון אונזערע פאַרשטויסענע ברידער, אין דער ערשטער ריי און פון דער באַהעפטונג פון גרי צדק אין אונזער פאָלק. און ער אַנטוויקלט, דער דאָזיקער פראָפעסאָר, אַ גרויסע אַקטיוויטעט אין שריפט און אין וואָרט אַרום דער דאָזיקער באַוועגונג, צו איבערצייגן, קודם־כל יידן גופא, אין

דער גויטוועדיקייט און נוצלעכקייט פון אַזאַ באַוועגונג. און ער פירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צו איבערצייגן די רעגירונג און די רבנים אין ישראל, אַז דער ענין לוינט זיך.

אין דער ערשטער ריי גייט אים וועגן די קינדער פון געמישטע פּאָר־פּעלקער אין ישראל גופא. מיר קענען זיך היינט נישט אַזוי באַציען ווי עזרא און נחמיה האָבן זיך באַצויגן צו די געמישטע פּאָרפּעלקער אין די צייטן פון דער עליה פון בית שני. אַ פאַרשאַרפטער ראַסיזם איז אַ גיפטי־קע פייל, געווענדט קעגן אונז אַליין. און מיר מוזן אויפנעמען מיט סימפּאַ־טיע און ליבע די קינדער פון די געמישטע פּאָרפּעלקער, וואָס קומען צו אונז אין אונזער לאַנד אַריין. און מיר זענען מחויב אויפצונעמען די ברוי־דער פון די פאַרשטויסענע שבטים און זייערע קינדער, ווי למשל, די בני ישראל פון אינדיע, די פאַלאַשן פון אַביסיניע, די מאַראַנען פון מאַיאָרקע, וואָס ציען אויס צו אונז זייערע הענט אין די טויזנטער, די גרים פון איטאַ־ליע, די סובאָטניקעס פון רוסלאַנד און די מאַסן יאַפּאַנער, וואָס לעכצן צו אַ מאָנאָטעאיסטישער אמונה מיט אַ תורת חיים פון טאָג־טעגלעכקייט, פון מצוות־מעשיות און וואָס האָבן סימפּאַטיעס צו יידן: „מיר דאַרפן אויך דערגענטערן — מיינט פּראָפ. בן־זאב — די יחידים פון קריסטלעכע פעלקער, וואָס האָבן אַ נייגונג צו אונז צוליב פאַרשידענע מאָטיוון פון שולד־געפיל, אָדער פון ביבלישע סענטימענטן" א. א. וו.

די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין ישראל און וואָס פּראָפ. ישראל בן־זאב איז איר פּרעזידענט, האָט זיך געשטעלט אָט די צילן און זי האָט אירע קאָמיטעטן אין אַלע וויכטיקע פונקטן פון לאַנד. און צו אירע רייען געהערן רבנים, שריפטשטעלער און מאָדערנע אַקטיוויסטן.

זאָלן מיר, הייסט עס, ווערן אַ מיסיאָן־פאָלק? אַ פאָלק, וואָס זוכט צו פאַרשפּרייטן איר אמונה צווישן פעלקער און צו באַקומען אַדעפּטן צווישן גויים? איז עס אָבער אַ שטעקן מיט צוויי עקן.

מיר מיינען, אַז דער שאָדן און די קאָנפליקטן, וואָס אַזאַ פּראָפּאַ־גאַנדע קען אַרויסרופן, איז שעדלעכער ווי דער נוצן, וואָס די פּראָפּאַגאַנדע קען אונז ברענגען. אגב, האָבן מיר ערשט לעצטנס אַרויסגעוויזן אומטאָלע־ראַנץ, און נישט איינגאַנצן אומבאַגרינדעט, לגבי קריסטלעכע מיסיאָנערן אין ישראל, וועלן מיר איצט אַליין גיין אויף זייערע וועגן און פאַרלאַנגען טאָלעראַנץ לגבי אונזערע שליחים צו פעלקער?

אָבער איך בין מודה, אַז געוויסע אַספּעקטן פון אָט דעם נייעם פּראָ־בלעם קענען אונז רייצן, זענען פאַר אונז זייער צוציִעוודיק. גאַנץ באַזונ־דער די השפעה אויף גרויסע קרייזן פון יאַפּאַנישן פאָלק. אַ מאַסן־השפעה אויפן יאַפּאַנישן פאָלק קען האָבן אַ געוואַלדיקע היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון אונזער פאָלק. מיר ווייסן נישט היינט, וואָס פאַר אַ באַדייט עס האָט געהאַט פאַרן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום די באַגערונג פון וואָלגאַ־פאָלק אין מיטלאַלטער, די כוזרים, צום יידנטום. אָבער זי האָט זיכער געהאַט פסיכאָלאָגיש און דעמאָגראַפיש אַ גרויסע השפעה. און אַ יאַפּאַנישע מאַסן־באַוועגונג, זי וואָלט זיכער אויסגעאיבט אין אונזערע צייטן נאָך אַ פיל גרעסערע השפעה. אָבער מיר טאָפּטשען דאָ אין געביט פון אילוזיע. לאָמיר עס איבערלאָזן פאַר טרוימער און וויזיאָנערן.

ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר אין אונזער שבועות־אַרטיקל גראַד קאָמענטירט דעם פאַל פון דער ביבלישער גיורת רות אָן שום כוונות צו אַקטואַליזירן דעם ענין און פון אים אַרויסבאַקומען ראיות פאַר דער צוועקמעסיקייט פון באַהעפטן גרים צו אונזער פאָלק. אָבער די אַנווענזנהייט פון ספּעץ אויפן געביט פון גרים אין ישראל און אין דער וועלט, פון פּראָפ. בן־זאב, האָט אונז אומגעקערט צום דאָזיקן פּראָבלעם.

מיר מיינען, אַז מיר דאַרפן זיך צום דאָזיקן פּראָבלעם דערנענטערן מיט פאָרזיכט. ראשית, צוליב דעם מאָטיוו פון קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ, וואָס מיר האָבן שוין אויבן באַרירט; צווייטנס, האָט די יידישע טראַדיציע זיך באַצויגן מיט אומווילן צו גרים. קשים גרים לישראל כספחת. עס זענען שווער גרים פאַר יידן ווי אַן אויסשיט — האָבן אונזערע חכמים געזאָגט.

עס ווערט אָבער אויך עפּעס אַנדערש געזאָגט: ואהבת את הגר, זאָלסט ליב האָבן דעם פרעמדן, כאָטש דאָ ווערט געמיינט דער פרעמדער אין זין פון פרעמדע איינוווינער פון לאַנד און עס ווערט מער געוואָרנט קעגן קסענאָפאָביע ווי קעגן שנאה צום גר. דאָס אַלץ איז אָבער געזאָגט געוואָרן וועגן גר, וואָס קומט צו אונז און נישט, אַז מיר זאָלן זיך נאָך אים יאָגן.

אָבער פון דער צווייטער זייט, לעבן מיר היינט אין אַ תקופה פון אויס־נאָם: מען האָט אונז טראַגיש אַמפּוטירט פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק. און פון אַקטיוויסטן און טרייעסטן דריטל; צווייטנס, לעבן מיר איבער אַן אינערלעכן קריזיס. די פרייוויליקע און געצוווּנגענע אַסימילאַציע עסן

אונז מיטן פולן מויל. אין אַזאַ תקופה וואָלט אפשר נישט שלעכט געווען זיך צו ווענדן צו אַ טראַנספוזיע פון אַ פריש און ניי בלוט. אַפילו אין פראַנקרייך קענען מיר פיל פאַלן פון געפילן פון יוגנטלעכע געניגטע צו אונז. ביי מיין אייגענעם טיש איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק איינגעלאַדן געווען אַ פראַנצויזישער יונגערמאַן, אַ גר. ער איז אַ זון פון אַן אַריסטאָ־קראַטישער פראַנצויזישער משפחה אין דער פראָווינץ, אַ פּראָפעסאָר אין אַ מיטל־שולע.

איך דערלויב מיר אים צו פרעגן, וואָס האָט אים באַוויגן זיך מגייר צו זיין, אפשר אַ ליבע צו אַ יידיש מיידל? אָבער ניין, ענטפערט מיר דער 24־יעריקער בחור מיט אַ פאַרשעמטער מינע. בכן, צוליב וואָס האָט איר זיך אָנגעשלאָסן אין אַ געדרודפּטן פאָלק מיט אַ פאַרפאָלגטער אמונה? — פרעג איך ווייטער.

פאַרוואָס נישט טאַקע צוליב די רדיפות אַליין? — ענטפערט מיר דער יונגערמאַן. די היטלער־תקופה, וואָס איך ווייס פון איר בלויז פון הערן, און די בשורה פון אויפריכטונג אין ישראל — ענטפערט מיר דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַליין, אָן פּראָפּאַגאַנדע מגייר געווען און היט אָפּ כשרות מער ווי דער שרייבער פון די שורות, און לערנט זיך העב־רעאיש און יידיש און האָט הנאה צו זיין אין יידישער געזעלשאַפט.

אָנהאַלטן און אויסנוצן אַזעלכע סימפּאַטיעס און נייגונגען, זענען פאַר אונז זייער נוצלעך, אָבער דאַרפן מיר גיין אויפן וועג פון גרויס־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פעלקער?

דער פּראָפעסאָר בן־זאב און זיין געזעלשאַפט זענען איבערצייגט אַז יאָ. ער איז געקומען אין פראַנקרייך אונז באַקענען מיט זיין אַקטיווי־טעט און ער האָלט רעפעראַטן אויף אָט דער טעמע.

מיר דאַרפן אים הערן און זיך פאַרטראַכטן.

דיאַלאָג צווישן די תפוצות און ישראל

זינט מדינת ישראל איז געבוירן געוואָרן, נאָך אַזויפיל יאָרהונדערטער פון בענקשאַפט און אַזויפיל יאָרן פון לעצטע בלוטיקע חבלי־לידה; זינט דעם ערשטן טאָג פון איר געבוירנשאַפט, גייט אָן אַ פּערמאַנענטער דיאַלאָג צווישן די תפוצות און דער מדינה — זייער ווערק.

די תפוצות טענהן, אַז זיי דערקענען נישט זייער קינד. היתכן, ביסט דאָך ערשט אַוועק פון אונז, נאָר־וואָס זיך אָפּגעגעזעגנט, אָפּגעווינדלט, דיר מיטגעגעבן אַ שפּאָרן באַגאַזש פון אַלטן, גאָר־אַלטן מיטל־אַלטן און נייעם און דו זעסט אויס ווי פון גאַנצן גרויסן פּאַק האָסטו דיר אויסגעקליבן דעם גאָר אַלטן און אַלץ איבעריקע האָסטו פאַרוואָרפן? און מיר, מיר זענען גראד דער עיקר באַהאַפטן מיטן נייעם; קומט אויס, אַז מיר זאָלן זיך חלילה מיט דער צייט אָפּפרעמדן, נישט דערקענען.

די מדינה, דאָס מוזינקל, ענטפערט: און דאָס נייע, צו וואָס דו ביסט בעיקר באַהאַפטן, ציסטו דען אָפּ? די קינדער, וואָס זענען נאָך געבליבן דאָרט, ביי דיין טיש באַקומען זיי דען עפּעס פון גאַנצן באַגאַזש אַלטן און נייעם? אונז, ווען קיין דאגות פעלן נישט, וואָלסטו וועלן באַלאַסטן מיטן גאַנצן שווערן לאָדונג פון אַלע דורות ביז היינט און אַליין זיך פאַרגרינגערן, אַראָפּוואַרפנדיק די גאַנצע לאַסט שווערע טענות. און דאָך איז גוט, וואָס דער דיאַלאָג איז אַ פּערמאַנענטער און אָפּטמאָל אַ העפטיקער. ערגער וועט זיין, ווען די טענות וועלן אויפהערן און דער איבערשמועס וועט איבערגע־ריסן ווערן.

און דער פּראָצעס דויערט דערווייל. וואָס מער די תפוצות ווענדן אָן זייער אָנשטרענג צו שטאַרקן דעם וווקס פון זייער זעלבסטשטענדיק קינד, אַלץ מער לאָזן זיי אָפּדאָרן און אויסטרוקענען אַלע ענערגיעס לטובת די קינדער, וואָס זי האָט נאָך אין דער שטוב ביי זיך. ביידע, די תפוצות אין די מדינה, זענען איבערצייגט, אַז דאָס איז שלעכט, אַן אָפּגעדאַרטע, גייסטיק־אויסגעליידיקטע תפוצות וועלן זיין אַן אומגליק פאַר ביידע.

דאַרף מען דערפון דרינגען, אַז כסדר מוז עס אַזוי גיין, אַז איין גייס־טיקע זייט פון יידישן פאָלק וועט געבויט ווערן אויף די חורבות פון צווייטן? עס וועט נישט אַזוי גיין כסדר, אַפילו ווען מען זאָל עס וועלן. נאָר גייסטיק שטאַרקע תפוצות וועלן שטאַרקן ישראל. ישראל, דאָס גייסטיקע ישראל דער עיקר, מוז נישט און באַדאַרף נישט געבויט ווערן אויפן חשבון פון די תפוצות און די תפוצות קענען ווייט נאָך נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון גייסטיקע פליכטן פאַר קיום האומה.

מיט צען יאָר צוריק איז פאָרגעקומען די ערשטע קולטור־קאָנפע־רענץ. איצט קומט פאַר די צווייטע. איז די מערכה פון יידיש אינצווישן בע־סער געוואָרן? ליידער ניין. איז די מערכה פון ישראל אין צווישנצייט גע־שטאַרקט געוואָרן? צום גליק — יאָ.

קענען קאָנגרעסן לייזן אַזעלכע האַרבע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, ווי שפּראַך, קולטור, חינוך? עס איז געווען נאַטירלעך, אַז מיט צען יאָר צוריק, אַ פּאָר יאָר נאָכן חורבן, צו רופן אַ גרויסע אסיפה פון קולטור־פאָרשטייער, אונטערצוציען דעם טרויעריקן סך־הכל פון פאַרלוירענעם און אויפשטעלן אַ חשבון פון די פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט.

איצט זענען די אילוזיעס קלענער, דער אַלאַרם גרעסער און עס איז שווער צו גלויבן, אַז פון אַ בלויזן קאָנגרעס, ווי שטאַרק זיין שאַפונג־ווילן זאָל נישט זיין, זאָלן אַרויסקומען אַזעלכע וויכטיקע פּאָזיטיווע מעשים, וואָס זאָלן מיט זיך אַליין ענדערן די סיטואַציע. מיר האָבן עס נישט געזען פון די צוגרייטונגען. מיר ווייסן נישט צו וועלכע ברייטקייטן און טיפקייטן ער צילט, און עס איז מער נישט דער מאָמענט צו קליינע מעשים און קליינע איניציאַטיוועס. קולטור מיינט שפּראַך, מיינט חינוך, מיינט אַ פּולע, אַרומ־נעמענדיקע יידישע שטוב, עס מיינט המשך צווישן נעכטן און מאָרגן, צווישן אַלע תפוצות און צווישן זיי און דער מדינה.

דאָס אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן ביז צום דערעסן ווערן, אָבער אַ קאָנגרעס מוז דאָך דאָס אַלץ האָבן פאַר די אויגן, פאַר אים זענען דאָך די אַלע זאַכן געזאָגט געוואָרן. דער פריערדיקער ניו־יאָרקער קולטור־קאָנגרעס האָט געשאַפן געוויסע פּערמאַנענטע אינסטיטוציעס, געוויסע חינוך־אויס־גאַבעס, וואָס האָבן זייער ווערט, אָבער וואָס זענען ווייט נישט פּראָ־נאַציאָ־נאַל צו דער ס.אָ.ס.־סיטואַציע פון יידיש אין דער וועלט. זיכער איז שוין

ל. דאָמאַנקעוויטש

אין צוזיפקום אַליין, הגם דאָס מאָל איז ער עפּעס אין זייער איינגעשרומפּענע מאָסן צונויפגערופן געוואָרן — אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג.

אָבער נישט פון בלויזע קולטור־מאַניפעסטאַציעס אַליין וועט צוריק אויפגעבויט ווערן די זייער רואינירטע קולטור־געביידע. איך וויל נישט דערשיינען צום יום־טוב פון אַ וועלט־קולטור־אסיפה ווי אַ פּעסימיסט, אָבער איך גלויב נישט, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע יום־טובדיקע טעג, ווי קאָנגרעס־טעג, בעת וועלכע מען שאַפט, מען בויט, מען שטעלט צוריק די פונדאַמענטן פון אַ קולטור פאַר אַ פאָלק. אַזאַ אַרבעט פאָדערט טאָג־טעגלעכע מאָזאָלנע אַרבעט נישט קיין יום־טוב, נאָר וואָכנטעג. אַ קאָנגרעס בלויז אָפּצוצייכענען מאָזאָלנע און אָנמערקן נייע וויטערע המשך־ליניעס.

מיר זענען נישט דער ערשטער דור צו מאַכן קאָנגרעסן. אונזערע אבות, פון די עלטסטע צייטן אָן, פון דער כנסת הגדולה ביז צום וועד ארבע הארצות, האָבן שוין געוווסט וואָס עס הייסן פאָלקס־אסיפות צו שטאַרקן די יסודות פון קולטור־קיום. אָבער פון זיי ביז צו אַלע טיילן פון פאָלק האָבן זיך געצויגן שטראָמען פון מסורה, באַנדן פון נאַענטקייט, פון טיפער אייניקייט און אייגנקייט. דער איצטיקער כנסת הגדולה פון אונזער וועלטלעכער קולטור פעלט פון דעם זייער אַ סך. אירע אויפגאַבן זענען פיל שווערערע, אירע אויסזיכטן פיל באַשיידענערע.

מיר פרעדיקן נישט קיין אָפּהענטיקייט, אַ שאָד אָבער, וואָס מיר האָבן נישט געזען די ערנסטע, די אַלזייטיקע צוגרייטונג און פאַרשטענדיקונג מיט אַלע יידישע ישובים, וואָס דאָס האָט געפאָדערט. אָבער מיר האָפן אַז די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן זיך יאָ פאַרשטענדיקט מיטן וויכטיקסטן פאַקטאָר אין דער היינטיקער יידישער וועלט אויפן געביט פון יידישן באַוווסטזיין — מיט דער יידישער מדינה. און מיר דערוואַרטן, אַז פון פערמאַנענטן און נאַטירלעכן דיאַלאָג, וואָס פירט זיך צווישן די תפוצות און ישראל, וועט אויפן קאָנגרעס אויפגיין אַ פאַרשטענדיקונג פון אַ כסדרדיקער און ווירקעוודיקער צוזאַמענאַרבעט לטובת די צוויי טיילן לאַנד און פאָלק, וואָס קענען מער נישט אָפּגעשיידט ווערן און קענען זיך אויך נישט דערלויבן, אַז די קולטור פון יידישן פאָלק זאָל ענדגילטיק גיין אין צוויי, גאָר באַזונדערע ריכטונגען.

דער באַדייט פון פייערן פורים

דער תנ״ך, דאָס נאַציאָנאַלסטע ווערק, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז פון זיך אַרויסגעגעבן און וואָס נאָר צוליב דעם טאָקע האָט עס געקענט ווערן אַ חלק פון דער גאַנצער מענטשהייט, דאָס דאָזיקע ווערק, אין וועלכן עס קומען צום אויסדרוק דער גורל און כאַראַקטער פון יידישן פאָלק, זיין מאָראַל און זיין געשיכטע, דער דאָזיקער תנ״ך וואָלט נישט געווען גאַנץ, וואָלט נישט געווען פולקאָם, עס וואָלט אים אַפילו עפּעס געפעלט פון זיין אייביקייט־ווערט, ווען עס זאָל אין אים נישט זיין איינגעשלאָסן די גלות־מעשה פון מגילת אסתר.

דער תנ״ך הויבט נישט אָן די געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווי עס הייבן זיך אָן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע געשיכטעס מיט דעראָבערן אַ לאַנד, מיט די ערשטע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויפן דערוואָרבענעם נאַציאָנאַלן באָדן. דער תנ״ך הויבט אָן נאָך אַ סך פריער. ער הויבט אָן מיט דער פאָר־מירונג פון אַ פאָלק, איידער עס האָט נאָך אַ לאַנד, מיט גלות־מצרים און יציאת מצרים. פאַרן תנ״ך זענען נישט דער עיקר די היסטאָרישע געשעע־נישן, אַפילו די העראָאישסטע געשעענישן, נאָר דאָס גורלדיקע וואָס לענקט מיט זיי, וואָס דאָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דאָזיקן פאָלק.

און דאָס גורלדיקע, דאָס כאַראַקטעריסטישע האָט זיך שוין מאַניפעס־טירט נאָך איידער דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אַן אייגן לאַנד, אָבער איז שוין געווען אויספאָרמירט ווי אַן אייגנאַרטיקע עטנישע גרופּע אין אַ פּראָווינץ פון אַ פרעמד לאַנד, אין מיטן פון מצרים.

**
*

אַן דער מגילה וואָלט אין די כתבי הקודש געפעלט אַ קאַפּיטל וועגן אַ תקופה, וואָס איז פון דעמאָלט ביז איצט געווען דאָס לענגסטע אין דער יידישער געשיכטע. מיט מגילת אסתר ווערט דער גורל און דער כאַראַק־

ל. דאָמאַנקעוויטש

טער פון יידישן פאָלק פיקסירט אין תנ״ך אין אַלע זיינע גילגולים. די באַציאונג מיטן אַרום ווערט אויפסניי פעסטגעשטעלט, שוין נישט בלויז ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, נאָר ווי אַ ייד צווישן גויים, ווי אַ יידישער יחיד צווישן נישט־יידן.

ביז איצט האָבן די בני־ישראל זיך געטראָפן מיט די פעלקער פון דער וועלט אין מלחמה און אין שלום, אין נאָכמאַכן די געצנדינער, אָדער אין אָפּוואַרפן עבודה זרה לויט די רייד פון די נביאים. די אַנדערשקייט איז געווען אַ טעריטאָריאַלע — אַן אַנדער פאָלק צווישן פעלקער. איצט אָבער הייבט זיך אָן אויסבילדן אַן אַנדערער מענטש צווישן מענטשן — אַ ייד צווישן גויים. דער ייד־יחיד הייבט זיך אָן טרעפן מיט גויים יחידים, יעדער ייד קאָן אויף זיך ציען דעם צאָרן פון גוי, יעדער צאָרן פון גוי קען ווערן דער צאָרן פון גויים אויף אַלע יידן.

אויף דער היסטאָרישער אַרענע הייבט אָן צו דערשיינען דער ייד אַזוי ווי מיר קענען אים, און דער שונא ישראל אַזוי ווי מיר קענען אים. ביז איצט האָבן מיר נישט אָנגעטראָפן, אַז צום נאָמען פון אַ ייד זאָל צוגעגעבן ווערן זיין אָפּשטאַם ווי אַ באַצייכענונג. איצט הויבט עס זיך אָן: מרדכי היהודי. און דער אַנטי־ייד, המן, איז גאָר נישט קיין צופעליקע געשטאַלט וואָס איז ראַוי אויפגעפירט צו ווערן אויף דער בינע. לבן ארמי איז נישט מער ווי עפּעס אַ צופעליקער שונא, ווי עס טרעפט זיך ביי אַלע פעלקער. עס איז אַ באַזונדערער מין מענטש, אַ יידן־פיינט, צורר כל היהודים. מרדכי איז דער ערשטער „נייצייטיקער ייד״, וואָס ציט אויף זיך די שנאה פונעם גוי, בלויז מיט זיין עקזיסטענץ. המן איז דער ערשטער „מאָדערנער״ אַנטיסעמיט, מיט אַלע מאָדערנע טענות: „אַ פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער, זייערע געזעצן זענען אַנדערש, ווי די געזעצן פון אַלע פעלקער, און די געזעצן פון קעניג היטן זיי נישט״.

המן איז נישט דער פּערזענלעכער שונא פון מרדכין. אין אים זעט המן אַ רעפּרעזענטאַנט פון אַ שטאַם, וואָס ער האָט פיינט: „און עס איז גרינג געווען אין זיינע אויגן אויסצושטרעקן זיין האַנט אויף מרדכי׳ן אַליין, ווייל מען האָט אים געזאָגט ווער עס איז מרדכי׳ס פאָלק. האָט המן געוואָלט פאַרטיליקן אַלע יידן״.

עס איז געבוירן געוואָרן די יידן־פראַגע. פרעה האָט פאַרשקלאַפט אַ נאַציע, וואָס באַוווינט איינע פון די עגיפּטישע פּראָווינצן, עס איז נאָכנישט

קיין וועלט־יידן־פראַגע. עס איז אַן עגיפּטיש־יידישער ענין. אין דער מגילה האָבן מיר שוין די יידן־פראַגע, אַזוי ווי זי ווערט אויפגעפרישט און באַנייט אין אַלע דורות, אַלע המנס.

לויט אונזערע היינטיקע באַגריפן וועגן נאַציאָנאַלן כבוד, קרימען מיר זיך אַביסל לייענענדיק די מגילה: עפּעס אַ מעשה מיט אַ ייד, וואָס האָט איבערגעגעבן ווי מען דאַרף וועגן אַ פאַרשווערונג אויפן מלך און אפשר צוליב דעם באַקומען אַן אַריינטריט „בשער המלך״; אַ מעשה מיט אַ יידיש מיידל, וואָס דערגרייכט צו מלכות, און דערגרייכנדיק זאָגט זי נישט אויס „איר פאָלק און איר שטאַם״. פון איר שיינעם העברעאישן נאָמען (הדסה) ווערט אין פערסישן גילגול אסתר (איסטאַר), און בכלל דער גאַנצער טאָן און דער גאַנצער מאָראַלישער קלימאַט פון מגילת אסתר איז שוין אַ גלותדיקער און אַ נעבעכדיקער, אַ קנעכטישער. אַלץ איז אָפּהענגיק פון שתדלנות, פון נס, פון אַ גוט וואָרט פון אַ באַרבאַרישן הערשער. און אַפילו מרדכי׳ס שטאָלץ, וואָס „בויגט זיך נישט און בוקט זיך נישט״, האָט פאַרן היינט נישט מער דאָס פּנים פון אַ נאַטירלעכן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, נאָר ווי אַ להכעיסדיקער, אַ כיטרער: „איך וועל אים וויַיזן, דעם הונט, דעם שונא־ישראל״, איך האָב מער פאַרדינסטן פאַרן מלך אחשורוש ווי ער״.

אָבער דווקא צוליב דעם, ווערט מגילת אסתר אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון תנ״ך. די כתבי־הקודש האָבן קיינמאָל נישט געהאַט די כוונה פאַר־צושטעלן יידן „סימפּאַטיש״, צו פאַרשענערן, נאָר אַזוי ווי מיר זענען. לא כחל ולא סרק. אַ פאָלק, וואָס ווי אַלע פעלקער, ציט עס נאָר צו געצנדינסט, מיטן אונטערשיד אָבער, וואָס זייט משה און זייט די נביאים, איז עס כסדר אונטערגעוואָרפן אַ שווערער מאָראַלישער דיסטילירונג, און ווען זיי ווערן ענדלעך דאָס פאָלק, וואָס די נביאים האָבן דערפון געוואָלט מאַכן, זענען זיי שוין אין גלות און זענען ווידער אונטערגעוואָרפן אַנדערע שווערע מאָראַלישע נסיונות.

ווי „אומסימפּאַטיש״ אונזערע מגילה־העלדן זאָלן אונז היינט נישט אויסזען, מוזן מיר איינס מודה זיין, זיי זענען אונזערע, אַזוי האָבן מיר גע־לעבט די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר. מיט נסים, מיט צופאַלן פון שתדלנות. אסתר, אונזער „זשאַן־ד׳אַרק״, פירט נישט, זיצנדיק אויף איר פערד, קיין גרויסע חיילות צו דער שלאַכט. זי איז אַן איידל, באַחנט מיידל, וואָס פאַלט אַריין אין אַ פרעמדער וועלט, אַ געפאַנגענע אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ, זי

ל. דאָמאַנקעוויטש

וואַגט נישט צו אַנטפּלעקן איר פאָלק און איר שטאָם. אָבער אין אַ געוויסן טאָג, ווען מען וועט דאַרפן, וועט זי דאָס טאָן מיט דער גאַנצער ליבע צו איר פאָלק אין טויט־סכנה, און מיט דער גאַנצער מסירת־נפש פון איר יונג און קעניגלעך לעבן.

מרדכי׳ס טרייהייט צו אחשורושן האָט דעם זעלבן גרונט. עס איז אַ טריישאָפט, וואָס קען צונוץ קומען. ווער ווייס דען וויאַזוי ניסים וועלן צוגע־גרייט ? ומי יודע אם לעת כזאת הגעת למלכות ? „מיר זענען אין גלות. די המנס לויערן. עס שאַדט נישט צו האָבן אין רעזערוו אַ פּאַטריאָטישע טאַט". עס גייט ווען דערהאַלטן דאָס לעבן פון אַ שטאָם אין דער פרעמד און מיר וועלן נאָך מער ווי איינמאָל מוזן פאַרבויגן אונזער כבוד אָבי איינהאַלטן דעם עיקר. עס איז אַ גלות פילאָזאָפיע, אַ פילאָזאָפיע פון אַ פאָלק, וואָס האָט באַשלאָסן איינצוהאַלטן דעם קיום ביי אַלע אומשטענדן. עס איז די אייבי־קע יידישע פילאָזאָפיע וואָס דער בעל־קהלת האָט פאָרמולירט אין די ווער־טער : טוב כלב חי מאריה מת.

מגילת אסתר טראָגט אין זיך דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע פון יידישן מענטש אין דער לאַנגער גלות־תקופה. צוזאַמען מיטן גאַנצן איבעריקן תנ"ך ווערט דערפון דאָס בילד פון ייד אין אַלע זיינע נאַציאָנאַלע גילגולים.

די גײַסטיקע יניקה פֿונעם ייִדישן פֿאָלק

די איינזאַמלונג פון יידישקייט

טראָצדעם וואָס אונזער לאַנד ישראל שטייט אין אַ שווערן געראַנגל פאַר איר עקזיסטענץ, פאַר וועלכער זי ברענגט כסדר שווערע קרבנות, פּו־רעמט זיך און וואַקסט כסדר איר גייסטיקער מצב. און כאָטש דאָס לאַנד שיינט נאָך געווען ווייט פון זיין דאָס אָרט פון געוואונטשענע קאָנצענטראַציע פון יידן, דערנענטערט זיך ישראל מיט ריזן־טריט צום פּונקט פון ווערן דאָס לאַנד פון איינזאַמלונג פון יידישקייט.

אויב די פאַרהעלטענישן צווישן די שאַף־כוחות פון ישראל פון איין זייט, און די אַסימילאַציע־כוחות אין די גלותן פון דער צווייטער זייט, ד.ה. אויב ישראל זאָל ווייטער אַזוי אינטענסיוו שאַפן, און דער גלות זאָל אַזוי שנעל קאַפּיטולירן ווי ביז איצט, וועט דער פּראָצעס פון מאַכן פון ישראל אין דער פולער מאָס, דאָס לאַנד פון איינזאַמלונג פון גייסטיקער יידישקייט במהרה בימינו פאַרווירקלעכט ווערן.

דאָס איז געזאָגט אגב אורחא. דערוויל איז פאַר אונז געווען אונ־טערצושטרייכן אַז פּונקט ווי עס וואַקסן אין ישראל איבערנאַכט הייזער און עס בויען זיך שאָסייען, ווי עס מערן זיך וועלדער און עס בליען גערטנער, אַזוי וואַקסט און עס שפּראָצט אַ גרויסע קולטור פון פאַרשידענע שטאַמען פון פראַגמענטן פון פאַרשידענע ציוויליזאַציעס. אין ישראל האָבן אַלע שבטים זייער גורל אַריינגעבראַכט, און דורך אַלע טענדענצן זענען אַריינ־געפלאָסן זייערע גייסטיקע אוצרות, זייערע נוסחאות, זייערע שטייגערס, זייערע שפּראַכן, זייערע אַלטקייטן און זייערע נייקייטן, וואָס פון יעדע פון זיי וועט זיך זיכער אויסבילדן אַ מין רעגיאָנאַליזם, און וואָס פון אַלע צו־זאַמען וועט זיך מיט דער צייט אויסבילדן איין גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע קולטור, ווייל אַלע צוזאַמען וועלן אָטעמען מיט דער זעלבער לופט, זיך איינלעבן מיט דער נייער בשותפותדיקער ווירקלעכקייט.

צום גליק פאַרשטייען דאָס די איצטיקע מנהיגים פון זיך־בויענדיקן

ל. דאָמאַנקעוויטש

ארץ־ישראל. אַ חוץ די נויטיקע באַזע פון אַן עלעמענטאַרער שולע, וואָס איז אגב אויסגערעכנט און צוגעפּאַסט אויף דער באַפרידיקונג און צו דער מענטאַליטעט פון יעדער עדה, און פון אַלע רעליגיעזע און וועלטלעכע טענדענצן, וועט איר קיין שום אינטערווענצן פון שטאַט, קיין שום ברוטאַלע צוויילעניש, מיט דער כוונה קינסטלעך און שנעל אַרויסצוברענגען אַ קול־טור־איינהייטלעכקייט, נישט באַמערקן.

די דאָזיקע קולטור־פּאָליטיק באַשטימט אגב אורחא דעם כאַראַקטער פון דער אינערלעכער ישראל־פּאָליטיק בכלל, וואָס איז אַ פּערפעקט־דעמאָ־קראַטישע — אויב פּערפעקציע איז מעגלעך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז אַפילו ווען די מנהיגים פון ישראל זאָלן אַליין נישט זיין די פּאַרפולקאָמסטע דעמאָקראַטן, וואָלטן זיי עס געמוזט ווערן צוליב די ספּעציעלע באַדינגונגען, צוליב דער גרויסער פאַרשידנ־קייט און פראַגמענטישקייט פון די ציוויליזאַציע־עלעמענטן פון יידישקייט, וואָס זענען אימפּאָרטירט געוואָרן אין לאַנד אַריין און וואָס קען לעתיד לבוא נאָר זיך צוזאַמענגיסן אין עפּעס אַלט־נייעס און איינהייטלעכעס, אין אַן אַטמאָספער פון מילדע געדייאונגס־באַדינגונגען, ווו צייט און אָרט האָבן זייער הויפּט־וואָרט.

און אַזוי האָבן אַלע יידישקייטן געפונען זייער פּלאַץ אין ישראל. און די גרויסע, די גרעסטע, די יידיש־יידישקייט בתוכם. איך מיין עס אין דער מאָס פון אַ ציוויליזאַציע, און נישט אין מאָס בלויז פון שפּראַכן. צוגיין צו דעם אַזוי־קאָמפּליצירטן פּראָבלעם מיט מאָס פון בלויז לשון, וואָלט רע־דוצירט דעם דאָזיקן ענין, וואָס איז איינער פון די עיקרדיקע פּראָבלעמען און אים אָפּגעוואָנדן פון אמתן וועג.

ישראל איז קודם־כל צוריק געוואָרן דאָס לאַנד פון תנ״ך. ישראל איז דער באָדן, דער סאַמע גינסטיקער פאַרן באַנעמען און פאַרשטיין דעם תנ״ך, פאַרן אָפּפילן זיינע חזיונות, פאַר אַריינשטעלן די תנ״ך־קולטור אין אירע פּאַסיקע ראַמען. דאָ איז אויך דער באָדן פאַרן אינטערפּרעטירן דעם תנ״ך אויפן סמך פון אַלע נאַציאָנאַלע געשעענישן, איבערהויפּט די לעצטע און נייע געשעענישן. אויך די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט באַקומען אַ תנ״כישע אויסטייטשונג. אויף די אומצאָליקע אויסגאַבעס פון תנ״ך און איינצעלנע

תנ״ך־ספרים מיט אָן אַ שיעור מפרשים, פלעג איך זיך נישט קענען געבוג זאַט־קוקן בעת מיינע אויפהאַלטן אין ישראל.

קיינמאָל האָבן יידישע קינדער געלערנט אַזויפיל תנ״ך און אַזויפיל געקענט תנ״ך, ווי עס קענען אים די טייערע „ווילדע״ סאַברעס, די כלומרשט „אומדערצויגענע״ סאַברעס. און ווער עס מיינט אַז תנ״ך קען אָפּפרעמדן יידן פון יידן, מיט דעם האָב איך דאָ נישט בדעה צו דיסקוטירן. און דער מאַרק פון רבנישע ספרים האָט אויך אויפגעלעבט. די וועלטלעכע און רע־ליגיעזע פּאָעזיע פון רבי יהודה הלוי, פון אבן עזרא, פון אבן גבירול און פון די גרויסע איטאַליענער, און אשכנזים, ווי עמנואל הרומי, ווי רבי מאיר מרוטענבערג, קוקן אַרויס פון אַלע שויפענסטער פון די בוכהאַנדלונגען.

און ביאַליק, און טשערניכאָווסקי, און אַלע נייע דערציילער און פּאָעטן, אין העבּרעאיש און אין יידיש, וועט איר געפינען אין אַלע ביבליאָטעקן פון אַלע שטעט און פון אַלע דערפער און קיבוצים, פון אַלע פּריוואַטע ביבליאָ־טעקן, וואָס זייער צאָל איז באמת אימפּאָזאַנט. ווען איך האָב באַזוכט די ישראלדיקע דערפער, די קיבוצים אָדער מושבים, האָבן אומעטום די ראשים זיך פאַר אונז געגרויסט (און מיט רעכט) מיט די גרויסע קולטור־הייזער, מיט די ריזיקע בית־עמס, מיט די קינאָ־זאַלן און טעאַטער־בינעס, וואָס זענען ביי זיי אויפגעבויט געוואָרן, אָדער האַלטן אין געבויט ווערן. און דאָס לייוויק־הויז, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק רעאַליזירט געוואָרן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע קולטור־באַזע אין מיטן קאָך פון אימ־פּולסיוון תל־אביב.

דאָס גרויסע, רייכע, יידישע פּאַריז, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע עיר ואם בישראל אין די רייכע יידישע באַפעלקערטע לענדער, וואָלטן זיך געמעגט אַראָפּנעמען אַ מוסר, וואָס מען קען אַלץ טאָן, ווען מען גלויבט אין עפּעס. איך האָב געזען דערפער, וואָס האָבן טעאַטערס, וואָס נעמען אַריין אַן עולם פון טויזנט מענטשן. שבת איז דער זאַל אויסגעפילט דורך אַלע איינוווינער פונעם ישוב און פון די אַרומיקע קיבוצים, וואָס קענען אַליין נאָכנישט האָבן אַזעלכע קולטור־צענטערס. אַזאַ געביידע באַזיצט נישט בלויז טעאַטער, קינאָ און זאַלן פאַר רעפעראַטן און פאַרזאַמלונגען, נאָר אויך ביבליאָטעקן מיט טויזנטער בענדער, תמיד אויך מיט יידישע ביכער, ווו עס

ל. דאָמאַנקעוויטש

זענען פאַרטרעטן אי די קלאַסיקער, אי די שפּעטערדיקע מאָדערנסטע שאַ־פער.

עס איז אָן גוזמא היינט נישטאָ אין דער וועלט אַזאַ אָרט ווו יידיש לשון זאָל אַפילו גערעדט ווערן, ווו יידישע ביכער זאָלן אין אַזאַ צאָל דער־שיינען און געלייענט ווערן, ווו יידיש טעאַטער זאָל אַזויפיל געשפּילט ווערן ווי אין ישראל. אָן אַ שיעור פנימער האָט נאָך איצט דאָס גייסטיקע ישראל פונקט ווי פילפנימדיק און פילשפּראַכיק עס איז נאָך די באַפעלקערונג אין ישראל. עס איז אַ לאַנד פול מיט קאָנטראַסטן, טעזעס און אַנטי־טעזעס און פּראָבלעמען. עס געהערט צו דער צייט, צו די אינערלעכע און אויסערלע־כע באַדינגונגען, די קומענדיקע אויספאָרמירונג פון דער גרויסער סינ־טעזע.

פון ווידערשטאַנד אין געטאָ ביז צום באַשולדיקונגס־אַקט אין ירושלים

„מזמור לאסף. באו גויים בנחלתך״.
אַ געזאַנג צו אספן. די גויים זענען
געקומען אין דיין נחלה אַריין.

(תהילים)

טאָ וואָס־זשע איז דער געזאַנג, וויבאַלד די גויים זענען געקומען אין דיין נחלה? — פרעגט אַ מאמר חז״ל. דאָס געזאַנג איז — ענטפערן די חז״ל — וואָס די גויים זענען נישט בלויז געקומען אין דער נחלה אַריין, זיי האָבן חרוב געמאַכט פעלדער, אַרויסגעריסןביימער, אָבער דאָס פאָלק האָבן זיי נישט חרוב געמאַכט.

דער היטלער־פּאָגראָם, דער דריטער חורבן, איז דערמיט געווען דער גרעסטער חורבן פון אַלע פריערדיקע, וואָס ער האָט יאָ חרוב געמאַכט דאָס פאָלק, וואָס ער האָט יאָ אויפגעהויבן די האַנט צו פאַרטיליקן אונזער גאַנץ פאָלק. אכצן יאָר נאָך דעם דאָזיקן גרויסן, גרעסטן חורבן, נאָך וועלכן עס האָט לויטן טרוים פון אונזערע פיינט, נישט באַדאַרפט בלייבן קיין שריד ופליט פון יידישן פאָלק, זענען מיר ווידער אַ פאָלק און האָבן ווידער אַ נחלה און שטייען אויף צו משפטן דעם גרעסטן שונא פון אַלע צייטן.

אין ירושלים, די הויפּט־שטאָט פון אונזער איצטיקייט, דער עיר מלוכה פון אונזער אייביקייט, שטייט דער צורר היהודים צום משפט. אין יעדן דור איז מען אויפגעשטאַנען אונז צו פאַרלענדן, אָבער נאָר אין איצטיקן אויסגעפּרוווטן דור זענען מיר אויפגעשטאַנען משפטן אונזערע פאַרלענ־דערס. ווען בלויז צו דעם וואָלט אויפגעשטאַנען מלכות ישראל — דיינו.

עס איז נישט קיין משפט קעגן איין מענטש, נישט קיין פּראָצעס קעגן איין מערדער. עס איז דער משפט פון אַלע מיליאָנען געשאָכטענע

ל. דאָמאַנקעוויטש

און פון גאַנצן שארית הפליטה און פון אַלע יידן אין דער וועלט קעגן די וואָס פאַרקערפּערן פאַר אונז דעם גאַנצן גרויל פון רציחה, די גאַנצע חיהשקייט פון אַנטי־מענטש, די אייביקע גלוסטעניש פון דער מענטש־לעכער רשעות צו פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק.

עס איז אַן אַנטקערפּערטער, סימבאָלישער פּראָצעס. נישט דאָס דאָזיקע נבזהדיקע נפשל, וואָס טראָגט דעם נאָמען אייכמאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע באַרבאַריש־טייוואָלנישע טיטלען פון אַן ס.־ס.־קאָלאָנעל־שטורמבאַנפירער און שטייף געטראָגן אויף זיך דעם יונקעריש־פּרייסישן אוניפאָרם; און איצט שטייט ער אין זיין גלעזערנער שטייג און ענטפערט מיט אַ הכנעהדיק־פּחדנותדיקן „יאַוואָל" אויף די פראַגן פון די שופטים — נישט דער דאָזיקער נפש ווערט געמשפּט. וואָס איז דען ווערט זיין קאָפּ קעגן אַ מיליאָן קעפּ פון בלויז די אומשולדיקע קינדער, וואָס ער האָט אומגעבראַכט?

ניין, נישט אים משפּט ירושלים.

אַן אויפריכטיקער שטאָלץ צו זיין אַ ייד, שטאָלץ צו האָבן אַ מדינה און שטאָלץ צו האָבן אַזאַ גרויסן יידישן מלוכה־מאַן ווי בן־גוריון, האָט מיך אָנגעפילט, ווען איך האָב געלייענט די פּופצן פּאַראַגראַפן פון באַשול־דיקונגס־אַקט. מיר קלאָגן אָן די שנאה, די אכזריות, דעם גענאָסיד קעגן יידישן פאָלק, קעגן אַנדערע פעלקער, קעגן די ציגיינער, טאַקע קעגן די ציגיינער. דאָס האָט מיך באַזונדערס אָנגעפילט מיט פרייד און שטאָלץ.

אַ יידישער דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דעפּאָרטאַציע, פון אוישוויץ, האָט מיר גלייך נאָך זיין אומקער דערציילט וועגן רייד פון אַ ציגיינער, וואָס איך קען נישט פאַרגעסן: „איר, יידן, האָט דער צי־גיינער אין אוישוויץ, פאַרן גיין אין דער קרעמאַטאָריע, אים געזאָגט, וועט כאָטש דערמאָנט ווערן, וועגן אייערע פּיינען און ליידן וועט מען שרייבן און רעדן. וועגן אונז ציגיינער וועט מען אַפילו נישט רעדן, קיינער וועט אונז נישט דערמאָנען".

יידן האָבן זיי דערמאָנט. דאָס יידישע פאָלק קלאָגט אָן זייער עוולה. דעם גענאָסיד קלאָגן מיר אָן. אַלע סיסטעמען פון גענאָסיד. אַלע „הבה נתחכמה׳ס" צו פאַרטיליקן פעלקער, אַפילו דורך מיתה בנשיקה. פון דאָ־זיקן משפּט, מוז אַרויס דאָס געשריי פון עק וועלט ביז עק וועלט, און פאַר

אַלע צייטן קעגן דער באַרבאַרישער תשוקה אָפּצוזאָגן פעלקער און ראַסן דאָס רעכט אויף אַן אייביקן לעבן און אייגענעם גייסט.

עס פעלן אָבער נאָך אַלץ אויך נישט קיין מורמלערס און פחדנים און שונאים, וואָס מיט פאַרשידענע אויסריידן, וואָלטן זיי נאָך אַלץ וועלן, אַז נישט ישראל זאָל משפּטן און נישט דאָס יידישע פאָלק זאָל דורכן אויפ־וויקלען די מגילה פון פּיין, דערמאָנען און מאָנען. זיי וואָלטן נאָר וועלן שווייגן, פאַרשווייגן און פאַרגעסן.

קומט טאַקע אָפּצוגעבן לויב און כבוד דעם איינגעשפּאַרטן פּרעמיער פון ישראל און די אַלע אַרום אים, וואָס האָבן מיט אַ זעלטענער עקשנות און מיט דער ריזיקע פון דיפּלאָמאַטישע און אַנדערע קאָנפליקטן, אויף זיך גענומען די גרויסע קאָמפּליצירטע אויפגאַבע צו פאַנגען, אַרעסטירן און משפּטן דעם צורר. אויך אַנדערע האָבן אַזעלכעס געטאָן. עס האָבן גענוג מלוכות און גענוג רעוואָלוציעס זיך באַנוצט מיט קידנאַפּן זייערע פּאָלי־טישע שונאים, זיי פאַרשלעפּט פון איבער די גרענעצן און פחדנותדיק דערמאָרדעט.

נישט אַזוי די נקמה־נעמער פון יידישן פאָלק. פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, האָבן זיי פאַרכאַפּט דעם אויסבאַהאַלטענעם פאַרברעכער, אים געשטעלט פאַר אַן אָפענעם משפּט און זיך נישט צוגעהערט צו די עצות פון פאַלשע פאַרזאָרגערס פון פחדנים. די מענטשן, וואָס ווערן פאַר־שריגן ווי פאַרגעסערס און פאַרלייקענערס פון נאָענטסטן עבר און וועלן אַריבערשפּרינגען די גלות־תקופה, כדי גלייך אַריינצושפּרינגען אין תנ״ך־אַריין, האָבן דעם בלוטיקסטן נאָענטסטן עבר, נאָר אים אַרויסגעריסן פון זיין אָנהויב־פאַרגעסנקייט, אַראָפּגעריסן דעם בלוטיקן מאַנטל און אים אויפגעדעקט פאַר דער יידישער וועלט, יידישער יוגנט און פאַר די אויגן פון דער דייטשער וועלט און פון דער גאַנצער וועלט.

דער ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ מיט אַכצן יאָר צוריק, איז געווען דער גרויסער נס. דער משפּט אין ירושלים פון דער בר־מצוה־מלוכה איז דער צווייטער גרעסטער נס אין אונזער נייער נאָך־חורבן־געש־שיכטע. די מענטשן, וואָס ווערן פאַרשריגן ווי פאַרגעסערס און פאַרליי־קענערס פון נאָענטסטן עבר, און אין וועלן אַריבערשפּרינגען די גלות־תקופה, כדי גלייך אַריינצושפּרינגען אין תנ״ך אַריין, האָבן דעם בלו־

ל. דאָמאַנקעוויטש

טיקסטן נאָענטסטן עבר נישט נאָר אים אַרויסגעריסן פון זיין אָנהייב־פּאַרגעסנקייט, אַראָפּגעריסן דעם בלוטיקן מאַנטל און אים אויפגעדעקט פאַר דער יידישער יוגנט פון דער גאַנצער וועלט, בפרט פאַר דער דייטשער יוגנט פון דייטשלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט.

„באַרג חורבן"

דאָס נאַצי־דייטשלאַנד האָט געלייגט דאָס געווער. צו פרי, אַז די דייטשע מפּלה זאָל זיין אַ צעשמעטערנדיקע לדורות, צו שפּעט, אַז אונזער קאַטאַסטראָפע זאָל נישט זיין קיין פולשטענדיקע. בערלין און אַנדערע דייטשע שטעט ליגן אין חורבות, אָבער אונטער די רואינען איז איינגעגראָבן ווי מוראַשקעס אַ פּיל צענדליק מיליאָנען פאָלק נידעריקע און קריכנדיקע זוי ווערים, אַזוי לאַנג ווי מען דאַרף, גרייט אַ שפּרונג צו טאָן דערווערגן אַ וועלט, ווען די שעה וועט ווידער קומען...

אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער ווייטער ציט זיך באַרג חורבן, וויסטער תל, טראַגישער יידישער חורבן סטערטשעט דאָרט ארויס אויפן פּאָן פון אַלגעמיינעם חורבן. עס האָבן זיך די גערמאַנישע וואַנדאַלן פון 20־טן יאָרהונדערט אַזוי געקליגלט, אַז אין דער פּאַרוויסטער פּוילישער הויפּט־שטאָט זאָל נאָך מעגלעך זיין אַרויסצוזען ספּעציעלע געכפּלטע יידישע פּאַרוויסטונג, „זאָנדער־אויסגאַבע" פון דער פליישיקער אַרבעטזאַמער העכערער ראַסע"...

אָבער הינטער די דאָזיקע רואינעס, הינטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, ליגן נישט פּאַרגראָבן קיין לעבעדיקע מענטשן־מאַסן. מיט אַלע מיתות משונות זענען זיי שוין פריער אומגעקומען, איידער די ווילדע האָרדעס האָבן אַלץ אַזוי גרינטלעך, אַזוי פּרייסיש טאָטאַל צעשטערט. ערשט אַ פּאָר געציילטע חדשים זענען פּאַרביי זינט דער פּאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איבער אונזער גרויסער קאַטאַסטראָפע. דאָס שרעקלעכע, וואָס מיר האָבן געאַנט און נישט געגלויבט, נישט געקענט גלויבן, האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער נאַקעטער ברוטאַלקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן איינשטעלן פּאַרבינדונגען צווישן יידישע ישובים. ח' זרובבל, וואָס שוין זינט צענדליקער יאָרן, טראָגט ער זיך פון ישוב צו ישוב, פון לאַנד צו לאַנד, פון יידישער שטאָט צו יידישער שטאָט, ווי דער „משולח" פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער ליטעראַטור, איז נאַטירלעך געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען אַראָפּגעקומען זיך טרעפן מיטן שארית הפליטה.

ל. דאָמאַנקעוויטש

עס דערוואַרט אים אָבער נאָך, חורבן ישוב־פראַנקרייך, אַ פיל נאָך שווערערע אונטערנעמונג: צו גיין זען דעם חורבן פון אַ גאַנץ פאָלק אויף דער ערד פון זיין טויזנט־יעריקער היים. שרעקלעך שווער פאַר אַ מענטש, וואָס האָט זיך געטראָגן אין פאַרלויף פון יאָרן איבער פוילן, פון שטאָט צו שטאָט, פון ווילנע ביז לעמבערג, פון קאָלאָמייע ביז וולאָצלאַוועק, פון לאָדזש ביז קראָקע, איבער אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון שפּרודלדיקן ישוב מיט דער מאָנונג און דערמאָנונג פון אַן אויפקומענדיקן ארץ ישראל און מיט דער אַנאַליז און פאַרטייטשונג פון אַ שטייגנדיקער יידישער ליטעראַטור. צו גיין אויף קבר־אבות פון אַ גאַנץ פאָלק צוהערער, פון אַ יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף זיין פלאַמיק וואָרט. ווי שווער אַזאַ באַזוך זאָל נישט זיין איז אָבער פאַר זרובבלן נאָך שווערער זיך אָפּצוהאַלטן פון אַ קוק טאָן כאָטש נאָך איינמאָל אויף זיינע שטעט און שטעטלעך, פון וועמענס היימען עס איז ברוטאַל אַרויסגעטריבן געוואָרן אַ רומרייך טויזנטיאָריק לעבן.

אָבער ווען זרובבל שטייט פאַרן גרויסן אומהיימלעכן ליידיקן שטח פון אָפּגעמעקטן יידישן לעבן, זעט ער נאָך עפּעס שרעקלעכערס ווי חורבן. ער זעט „אַז עס איז גאָרנישט דאָ וואָס צו זען". ער זעט אַ שרעקלעכן קאָנ־טראַסט צווישן „נאָרמאַלן" אַלגעמיינעם חורבן און ספּעציעל יידישן חורבן. „קיין הויף, קיין הויז, קיין בנין, קיין וואַנט, קיין פּאַרקאַן, קיין טויער, קיין טיר, קיין פענצטער, קיין ביימל, קיין גרעזל, קיין שפור, קיין זכר, קיין סימן, אַז דאָ — אָט דאָ איבערן גאַנצן ריזיקן שטח, וואָס האָט נישט קיין גבול און קיין ברעג — האָט געשטראָמט און הייס פולסירט צאַפּלדיק יידיש לעבן" און דער מחבר פון „באַרג חורבן" דריקט אויס זיין פאַרצווייפלונג אין אָט די שרעקלעכע ווערטער: „ס'האָט זיך אויפגעריסן פאַר מיר אַ תהום און כ'האָב שאַרף שניידיק מיטן גאַנצן וועזן, דערזען אַז עס איז נישטאָ וואָס צו זען". ווערטער וואָס דריקן אויס דעם גאַנצן גרויל, דעם גאַנצן אָפּגרונט, דעם גאַנצן יאוש פון אונזער אומגליק. עס איז נישט געבליבן וואָס צו זען. מ'דאַרף האָבן אַ סך פאַרשטעלונגס־קראַפט, אַ סך פאַנטאַזיע, בכדי צו באַנ־נעמען, אַז דער דאָזיקער „ריזיקער טאָל פון טויט" איז געוועזן באַוווינט פון הונדערטער טויזנטער אַרבעטנדיקע, דענקנדיקע, שטודירנדיקע, לאַכנדיקע יונגע און אַלטע מענער און פרויען.

זרובבל באַזוכט נאָך אַנדערע שטעט און שטעטלעך. ער באַזוכט טרע־בלינקאַ און מאַידאַנעק. די ערטער פון יידישן לעבן און די ערטער פון יידי־

שן אומקום. ער רעדט מיט יידן, ווען עס איז שווער געווען אויסצוטראָגן זייער יידישקייט און מיט יידן, וואָס איז זיי שווער אויסצוטראָגן זייער איצטיקע גוי׳אישקייט.

אויב עס איז שווער צו זיין אַ ייד, איז נאָך שווערער צו זיין אַ פּאָליאַק, ווייניקסטנס פאַר אַ ייד, אפילו אַן אַסימילירטן, וואָס האָט צוגעזען ווי פּאָליאַקן האָבן געליווערט יידישע קינדער צום תליון פאַר אַ לעבל ברויט, פאַר אַ פאָר קאַרטאָפל אָדער בלויז פאַר חיהשער סאַטיספאַקציע. ער אָבסערווירט אַלץ און פאַרצייכנט אַלץ אין „באַרג חורבן״.

אָבער זרובבל איז נישט בלויז קיין געניטער אָבסערוואַטאָר. ער איז געווינט כל ימיו צו אַנאַליזירן געשעענישן און פון זיי צו ציען קאָנקלוזיעס, מעגן די געשעענישן זיין ווי טראַגיש, מעגן די מסקנות זיין ווי געוואַגט. דער אָבסערווירער אין אים זעט בילדער פון גרויל און יאוש. דער אַנאַליטיקער אין אים ציט אַרויס די לאָגישע מסקנה און ער קאָנסטאַטירט: דאָס אַלץ איז נישט בלויז חורבן, עס איז איבערייס. ס׳איז דער בראָך פון גלות. עס איז אויס. עס איז געענדיקט.

דאָ האָבן מיר נישט קיין צענטער, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן ערגעץ אַנדערשווו, ווי עס האָט שוין איינמאָל געטראָפן אין אונזער וואַנדער־געשיכטע. דאָ האָט אַ פאָלק אַוועקגעוואַנדערט אין די שעכטהייזער און נישטאָ מער, אַזאַ לעבן קען מער נישט אויפגעבויט ווערן. עס איז אַ טראַגיש פאַרענדיקט קאַפּיטל.

***

עס איז געגאַנגען אַ דיסקוסיע, צי וועט בלייבן אַ יידישער ישוב אין פוילן, אָדער נישט. געוויסע „פּאָליטישע״ אָפּטימיסטן האָבן זיך שנעל „באַרואיקט״ און געפסקנט: דער יידישער ישוב אין פוילן מוז אויפגעריכט ווערן. זרובבל, אַ גאַסט אויף אַ ווייל, האָט שוין מיט העכער אַ יאָר צוריק געזען אויף מער ווי אַ מייל. אויף אַ בית־עולם קען נאָר ווינען אַ קברן, אָבער נישט קיין בויער. איצט, ווען די מאַסן רעפּאַטריאירטע פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן כמעט אַלע ליבער אויסגעקליבן די דייטשע לאַגערן, ווי ווינען מיט דער גיפטיקער שלאַנג אונטער איין דאַך, איז דער ענין מער נישט דיסקוטירבאַר.

ל. דאָמאַנקעוויטש

טראָץ זיין גרויסער און אויפריכטיקער סימפּאַטיע צו דער היינטיקער פּוילישער רעגירונג, האָט זרובבל געהאַט דעם מוט שוין אין בוך „באַרג חורבן" וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק, אין קעגנזאַץ צו פאַרשידענע דעמאַגאָגן, אַז אויב בויען אַ יידיש לעבן אין אַ נייעם צענטער, אין נידערשלעזיע, צו וועלכער קיין שום טראַדיציע פאַרבינדט אונז נישט, טאָ פאַר וואָס־זשע נישט פאַרווענדן די ענערגיע פאַרן בוי פון ארץ־ישראל? נידערשלעזיע איז דאָך נישט קיין המשך. אין ישראל ווערט דאָך געפּלאַנט עפּעס נייעס; טאָ פאַרוואָס נישט עפּעס גאַנץ ראַדיקאַל נייעס?

„באַרג חורבן" וואָלט געווען דאָס בוך פון יאוש, פון פאַרצווייפלונג, ווען נישט וואָס דער מחבר איז אויסער אַ שרייבער מיט אַ גוט אויג, און מיט מיטלען אויסצודריקן זיינע איינדרוקן, אויך דער פאַרשפרייטער פון דער אידיי פון דער סוף כל סופיקער אויסלייזונג. אַקעגן חורבן פּוילן שטעלט ער אַוועק אויפריכטונג פון ארץ־ישראל, גאולת ארץ־ישראל. קעגן גלות־פּוילן. אין „באַרג חורבן" ווערט אַזוי אַרום פון בוך פון פאַרצווייפלונג, דאָס בוך פון האָפענונג, פון חורבן־גלות, צו דער אויפריכטונג פון אַ נייַ לעבן.

פעברואַר 1947

ביבל און בבל

אונטערן דאָזיקן קעפּל האָט אַמאָל אַ דייטשער ביבל־קריטיקער, פראַנץ דעליטש, פאַרעפנטלעכט אַ ווערק, וואָס האָט שוין געשמעקט (ריכ־טיקער: געשטונקען) מיטן שפּעטערדיקן היטלעריזם. אין מיין דאָזיקן אַר־טיקל בין איך אָבער נישט אויסן נישט קיין ביבל־קריטיק און נישט דאָס אַלטע בבל נאָר דאָס ביבל פאָלק און די היינטצייטיקע בבל־אימפּעריע? — גרויס־בריטאַניע.

ווי דאָס אַמאָליקע בבל האָט ענגלאַנד „איינגעזאַמלט לענדער ווי מען זאַמלט פאַרלאָזטע אייער", ווי ביים אַמאָליקן בבל, האָט זיך דאָס מעסטל פון גרויסמאַכט איבערפולט און איצט פלאַטערן און ציטערן די הערן פון לאַנד פאַר דער גורל־האַנט, וואָס צייכנט אויף דער וואַנט פון דער געשיכטע דעם סוף פון אימפּעריעס... ווו נעמט מען יענעם נביא, וואָס זאָל אויסשרייען דעם משא בבל — ענגלאַנד, וואָס זאָל שעלטן, שטראָפן, וואָרענען אָבער אויך באַדויערן. וואָרום נישט בלויז שעלטן און שטראָפן ענגלאַנד גלוסט זיך, נאָר אויך וואָרענען און באַדויערן.

ווען די געוויינלעך אַזוי לאַנגזאַמע, אַזוי פלעגמאַטישע, אַזוי גלייכגע־וויכטיקע ענגלענדער פאַרלירן אַזוי זייער לאַנגזאַמקייט, זייער פלעגמאַטיש־קייט און זייער גלייכגעוויכט, ביז צום אַראָפּברענגען אויפן קליינעם יידישן דאָרף שדות ים, וואָס ציילט גאַנצע 160 נפשות, דערונטער 50 קינדער, אַזש 5000 מאַטאַריזירטע פון קאָפּ ביז פוס באַוואָפנטע זעלנער באַגלייט מיט שווערע טאַנקען און אַוויאָנען איז זי באמת באַדויערנסווערט; ווען דער רומרייכער ענגלישער קריגס־פלאָט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אָפּצוהיטן די גרויסקייט און גאַנצקייט פון דער אימפּעריע, לאָזט זיך אַראָפּ ביז צו אַזאַ אַמוזירנדער פּיראַטעריי ווי פאַרכאַפּן אַ שיף מיט אַ פּאָר הונדערט פאַרוואָגלטע פון שווערד און הונגער אַנטרונענע, רולעכצנדיקע יידישע מע־נער, פרויען און קינדער, איז עס באמת באַדויערונגס־ווערט און עס גלוסט

זיך אויסצושרייען די ווערטער פון נביא צו בבל: איך נפלת משמים הילל בן שחר — ווי האָסטו דאָס געקענט אַזוי פאַלן פון הימל, דו „ליכטיקער מאָרגנשטערן״?

גרויס־בריטאַניע, וואָס האָט אויפגעבויט און אויפגעהאַלטן איר אימפּע־ריע נישט ווייניקער מיט חכמה ווי מיטן שווערד, נישט ווייניקער מיט כיט־רעקייט און צביעות ווי מיט ברוטאַליטעט, ווי קומט זי מיט איינמאָל צו אַזאַ נאַקעטער ברוטאַליטעט אָן קונצן און אָן חכמות, כמעט אָן צביעות? עס באַווייזט, אַז „נישט אַלץ איז אין אָרדענונג אין דענישן קעניגרייך״...

ענגלאַנד האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און האָט אין אמתן פון וואָס אים צו פאַרלירן. הונדערטער יאָרן איז דאָס בריטישע פאָלק רואיק געזעסן אויף אירע אינזלען אין מאַיעסטעטישן „ספּלענדיד איזאָליישן״. איר ריזיקער פּלאַט האָט זי נישט בלויז געשיצט פון אָנפאַלן, נאָר אויך געבערענגט אומ־צאָליקע רייכטימער פון אַלע ווייטע לענדער. פון אירע אינזלען אַראָפּ האָט זי געוואַכט איבערן גלייכגעוויכט פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט, זיך בלויז אַריינגעמישט ווען איין צד האָט צופיל גענומען די אויבערהאַנט איבערן צווייטן. און אויך דעמאָלט האָט זי עס געמאַכט דורך געשיקטע קאָמבינאַציעס און קלוג־צונויפגעשטעלטע קאָאַליציעס. אין צווישנצייט האָט זי זיך באַגנוגנט מיט אָפּהיטן די קרוין פון דער אימפּעריע — אינדיע און די וועגן וואָס פירן צו די דאָזיקע וועגן...

דורות לאַנג האָט ענגלאַנד געשאָרט פייער מיט פרעמדע הענט און אָפילו אין איצטיקן קריג איז עס איר נאָך אַלץ געלונגען צו זיין כמעט אַ צושויער פון אַ הערלעכן ספּעקטאַקל, ווו מיליאָנען „קאַצאַפּן גייען אין פייער פאַר זייער און ענגלישן עקזיסטענץ. סטאַלין האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט שאַרן קיין קאַשטאַנעס פון פייער פאַר פרעמדע, אָבער דייטשע טפשות נאָכמער ווי ענגלישע חכמה האָבן אים פונדעסטוועגן דערצו גע־צווונגען. יעדנפאַלס איז עס אויך דאָס מאָל געגאַנגען ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, טשערטשיל האָט געקאָנט שמייכלען מיט דעם גראָבן ציגאַר אין מויל און אַלע חיילות פון דער וועלט אויף די פראָנטן: די ענגלישע אימפּעריע איז ווידער געראַטעוועט.

עס איז שוין דאָסמאָל שווערער געווען, די בריטישע אימפּעריע איז געווען אין דער גרעסטער סכנה, נישטאָ קיין לאַמאַנש־קאַנאַל אין דער לופט, אָבער נאָך איינמאָל האָט ענגלאַנד געזיגט דורך פרעמדע הענט און איצט

נצח יידישקייט

קאָן זי ווי יענער גענעראַל זאָגן: נאָך אַזאַ זיג און מיר זענען פאַרלוירן.

אין אַזאַ מאָמענט האָט דאָס ענגלישע פאָלק איבערגעגעבן די מאַכט זיינע אַרבעטער־פירער. טשערטשיל, דער גרויסער זיגער און טריאומפירער, איז געשטירצט געוואָרן. עס האָט מצד די ענגלישע אַרבעטער געהייסן: ערשטנס, מיר ווילן נישט מער קיין מלחמות און צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר: מיר באַוואונדערן דעם כוח פון סאָוויעטישן פאָלק. אָבער ווי נאָר די „אַרבעטער־פירער" האָבן זיך אויפן איינגעבויגענעם רוקן פון ענגלישן „גאַוואַרש" אַרויפגעדראַפּעט צו דער מאַכט, האָבן זיי באַלד זייערע צעשמייכלטע פּנימער געוואָנדן צו די לאָרדן און ליידיס און זיי באַרואיקט: איר וועט זען מיר וועלן אייערע פּריווילעגיעס און אינטערעסן בעסער פאַרטיידיקן ווי איר אַליין.

דאָס איז געווען נישט בלויז אַ פאַראַט לגבי די אָרעמע מענטשן פון זייער לאַנד און פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן אויף זיי געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען, נאָר אויך וואָס איז נאָך אפשר ערגער, אַ געוואַלטיקע שלימזלדיקייט. וואָרום צו פאַרטיידיקן אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן האָט טשערטשיל, האָבן די לאָרדן מער טראַדיציע, מער זאַכקענטעניש און אויך מער טאַקט און חכמה. סאָציאַליסטן, אַלס אימפּעריאַליסטישע נאָכמאַכער, זענען נישט בלויז פאַרעטער נאָר וואָס איז אפשר נאָך ערגער — קאָמישע לא־יצלחס.

אָבער דער וועג וואָס איז געווען פאַר זיי אָנגעצייכנט היסטאָריש, איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער. מיטן צוטרוי און די פולמאַכטן וואָס דאָס ענגלישע פאָלק האָט זיי געגעבן, האָבן זיי באמת געקענט אויספירן אַ שליחות פון אַן אומשאַצבאַרן ווערט. זיי האָבן געקענט מיטן דאָזיקן כוח טרעפן צום האַרץ פון די פעלקער, וואָס זענען איינגעשלאָסן אין דער ענגלישער אימפּעריע, זיי אָנרעגן צו אַ פרייער אויף גערעכטע יסודות געגרינדעטע' אוניע פון פעלקער. אין אויפריכטיקן ווילן צו שלום און גערעכטיקייט זיך פאַרשטענדיקן מיט יענער צווייטער גרויסער אוניע פון פעלקער און העלפן דער מענטשהייט אָנהויבן אַ נייע ערע פון פרידן און ווילשטאַנד. אָבער פאַראַט, טפשות און לא־יוצלחדיקייט האָט זיי געשטופּט אויף אַנדערע וועגן און דערפירט דערצו, אַז אַפילו דער אַנגלאָ־זאַקסישער ברודער, דער אַמעריקאַנער טיפּישער פאַרשטייער פון די געלט־זעק און די איינציקע שטיצע פון ענגלאַנד, זאָל זאָגן צו די סאָציאַליסטישע פירער פון ענגלאַנד: אַמעריקע

ל. דאָמאַנקעוויטש

וועט נישט שיקן איר פאָלק צום טויט פאַר דער גאַנצקייט פון דער ענגלי־שער אימפעריע און פאַרן נאַפט פון די ענגלישע טרעסטן.

די פירער פון דער איצטיקער ענגלישער פאָליטיק האָבן צו אַלעמענס אומגליק אַדורכגעלאָזט אַ גרויסע היסטאָרישע געלעגנהייט, זי אויסגעטוישט אויף אַ צעיושעטן, פאַרהאַסטן, מענטשן־פיינטלעכן אימפעריאַליזם, בלייבט אונז נישט בלויז צו זידלען און צו שעלטן, נאָר אויפריכטיק צו באַדויערן.

תנ״ך־אילוסטראַציעס פון מאַרק שאַגאַל

ווען מיט אַ קנאַפּע 57 יאָר צוריק (אין יאָר 1910) איז אין פּאַריז — אין צענטער פון ראַפינירטער קונסט און קולטור — אָנגעקומען דער יונגער קינסטלער פון תחום המושב מאַרק שאַגאַל, האָט מען אים באַמערקט. ווי אַזוי־זשע האָט מען געקענט אים נישט באַמערקן, אַז סך־הכל איז ער אַראָפּ־געקומען מיט וויטעבסק אויף די פּלייצעס — ווי שמשון הגבור מיט די טויערן פון עזה — און באַגלייט איז ער געווען פון פּורים־שפּילער, קלעזמאָרים, פאַרשלייערטע כלה׳ס, פאַרליבטע פּאָרפעלקער, הענער, קאָזעס, גייענדיקע לאָמטערנס און משוגהדיקע געשטאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און פיס אין דער הויך?

די ערשטע האָבן אים באַמערקט די פראַנצויזישע ראָמאַנטישע פּאָעטן פון יענער תקופה, סוף „בעל עפּאָק״. צווישן זיי גיאָם אַפּאָלינער, און זיי האָבן געגומען זינגען צו אים שירה. זיינע געשטאַלטן האָבן גערעדט צו זייער עקזאַלטירטער נשמה, זיין באַוועגלעכע וועלט, זיין „מיטן־קאָפּ־אַראָפּ־און־פיס־אין־דער־הויך״ וואָס צו אים זענען זיי געקומען פון מנחם מענדלס דינאַמיזם, פון יידישן וואַנדער־געביט, פון יידישן מאַרק אין שטעטל מיט אַלע זיינע פליענדיקע פּערסאָנאַזשן, האָט צו זיי גערעדט די שפּראַך פון אונזער פּלאַנעט און פון אונזער צייט.

און מאַרק שאַגאַל, דער פּראָווינצער יידישער בחור האָט אין דער שטאָט פון אַלע ראַפינירטסטע, פון אַלע אויפקומענדיקע און פאַרגייענדיקע „איזמען״ אַריינגעברענגט זיין אייגענעם „איזם״ און ער איז אים טריי געבליבן. ער איז זיך טריי געבליבן. ער האָט זיכער פון פּאַריז אַ סך געלערנט, אַ סך פאַרדייעט און אַ סך אַסימילירט אין זיך. אָבער דאָס האָט אים בלויז געדינט זיך אַליין צו קענען אויסדריקן מיט מער קראַפט, וואָס בעסער צו קענען מאַניפעסטירן זיין אייגענע וועלט. שאַגאַל איז געווען באַפרייט פון קאָמפּלעקסן, פון וואָס אַזויפיל אַנדערע גרויסע יידישע קינסטלער זענען נישט געווען. ער האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו קיין שום שולע,

ל. דאַמאַנקעוויטש

ער האָט אַלע שולן צוגעפּאַסט צו זיך. דאָ איז, מיין איך, געלעגן דער סוד פון זיין וועלט־דערפאָלג.

וויטעבסק — איך מיין וויטעבסק ווי אַ סימבאָל — איז אַ גרויסע וועלט. שאַגאַל האָט זי עקספּלואַטירט ביז צום עקסטרעם. ער האָט זיך עקספּלואַטירט ביז צום עקסטרעם. ער האָט זיך עקספּלואַטירט ביז צום עקסטרעם ווייל ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער סוד פון ברענגען צום אויסדרוק קונסט, ווי אַנטפּלעקן זיין אייגענע אינערלעכע וועלט, די אייגענע, אַריינגעאָטעמטע און איבערגעלעבטע בילדער און פייזאַזשן. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך אין בריסעלער מלוכה־מוזעאום געשלאָסן אַ גיגאַנטישע אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַלס בילדער, גראַווירן, סקולפּטורן און קעראַמיקס. איך האָב די אויסשטעלונג באַזוכט בעת מיין זיין אין בריסל מיט עטלעכע וואָכן צוריק. איך האָב דאָרט געזען גרופּירט צוזאַמען 316 „שאַגאַלס", וואָס אַלס גאַנצעס מאַכן זיי אַ קאָלאָסאַלן רושם.

עס איז נישט געגאַנגען אין קריטיק, נישט אין מבינות, נאָר אין מיט־געריסנקייט. יענער פייערדיקער רויט, ווי דער עמוד האש וואָס איז די יידן נאָכגעגאַנגען אין דער מדבר, יענץ פאָרפּאָלק וואָס שפּאַלט די זון מיט זייער ליבע, יענץ ראָמאַנטישע „פאָרפּאָלק פון אייפל־טורעם", יענער „גע־קרייציקטער" מיטן טלית־קטן וואָס דערמאָנט אין די געשטרייפטע פּיזשאַ־מעס פון די קאַצעטניקעס מיטן פאַרפּייניקטן צעקנייטשטן יידישן פּנים, יענע רייכע צונויפזאַמלונג פון סוזשעטן, פאַרבן, פאָרם, קאָמפּאָזיציע רייסט מיט, פאַרכאַפּט, לאָזט נישט גלייכגילטיק.

מיך האָט שטאַרק גערירט יענער פלעמער, פירער פון אַ גרופּע יונגע, בלאָנדע פלעמישע יינגלעך און מיידלעך פאַר וועלכע ער האָט אויסגעטייטשט שאַגאַלס קונסט. עס האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט די ווערטער: תלמוד, איזראַעל, יאַדיש, סלאַוויש. די יונגע מענטשן האָבן אים געהערט מיט עקס־טאַז און נישט אַוועקגענומען די אויגן פון שאַגאַלס צויבער־וועלט.

וויכטיק איז נאַטירלעך מיר נישט געווען דער אַריינטייטש און דער אויסטייטש, וועלכן איך האָב אגב, נישט פאַרשטאַנען, אָבער וויכטיק איז אַז שאַגאַלס קונסט איז אַ שטאָף פאַר טייטשענישן און ווירקונגען פאַר אַלע־מען. שאַגאַל האָט זיין אוניווערסאַליזם דערגרייכט דורך זיין פּערזענלעכן און פאָלקישן „איך", קיין אַנדערע וועגן און מיטלען זענען נישטאָ. דעם

דאַזיקן פּערזענלעכן און פֿאָלקישן „איך“ איז מאַרק שאַגאַל געבליבן טריי אין זיינע ווונדערלעכע תנ״ך־אילוסטראַציעס.

דער שטאַרקער איינדרוק קומט קודם פֿון דער קאָמפּאָזיציאָנעל־גרויסער, מאָלערישער שיינקייט וואָס שיילט זיך אַרויס פֿון די אילוסטראַציעס, פֿון דער פֿולקייט מיט וועלכער עס מאַניפֿעסטירן זיך די קעגנזעצלעכסטע שטימונגען און אויסדרוקן: די מגושמדיקע תאווה אין אַזאַ גראַוויר, ווי „לוט און זיינע טעכטער“, די מאַיעסטעטישע גרויזאַמקייט אין אַזאַ בילד ווי „דער טויט פֿון ווידערשפּעניקן נביא“, די ווונדערלעכע ראָמאַנטישע שיינקייט אין אַזאַ בילד ווי רבקה גיט צו טרינקען אליעזרן און דערזעט איר באַשערטן יצחק; די גרויסקייט פֿון אַזאַ מאַסן־סצענע ווי „יציאת מצרים“, און די ווילדע הייליקייט אין אַזאַ צייכענונג ווי דער נביא יחזקאל שלינגט די מגילה מיט גאָטס רייד.

אָבער אויך דער אופֿן פֿון באַהאַנדלען די סוזשעטן מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. געוויס ווען מען באַהאַנדלט דעם תנ״ך, איז מען שוין דורך דעם אַליין געבונדן צו באַשטימטע טעמעס, פֿון אַ פּרעציזן כאַראַקטער, אָבער שאַגאַל ברייטערט געוואַלטיק אויס די ראַמען פֿון דער באַשטימטקייט. אַזוי למשל דאָס בילד ווי ייִדן עסן דעם ערשטן קרבן פּסח אין מאָמענט פֿון דער מכה פֿון בכורים אין מצרים. דאָס בילד דערמאָנט שטאַרק אין דער „הייליקער סעודה“ פֿון נוצרי און זיינע תלמידים, וואָס איז אַזויפֿיל געמאָלן געוואָרן דורך די מייסטער פֿון רענעסאַנס. איך מיין, אַז דאָס איז נישט קיין צופֿאַל, אַז שאַגאַל האָט דאָ בכיוון צוריקגעשטעלט אַ סימבאָל אין זיין היסטאָרישער און נאַציאָנאַל־ייִדישער ריינקייט. דורכן פֿאַרבינדן דאָס עסן דעם קרבן־פּסח מיטן אויסלייז פֿון גלות־מצרים אין הסכם מיט דער מסורה פֿון חומש, האָט ער דעם סימבאָל פֿון שותּפֿות־סעודה צוריקגעגעבן זיין אמת גורלדיקן און היסטאָרישן אמת.

וואָס איז דען אין תוך דער אונטערשיד צווישן תנ״ך און דער עוואַנגעליע? אין אויסטייטש פֿון די סימבאָלן, אין די רייד פֿון די נביאים. אין ייִדישן תנ״ך, אין אַזוי־גערופֿענעם אַלטן טעסטאַמענט, איז דאָס ייִדישע פֿאָלק דער טרעגער פֿון די סימבאָלן פֿון פּיין און פֿאַר דער צוקונפֿט — דער סימבאָל פֿון וועלט־אויסלייז; און ברית חדשה ווערט דער צייכן פֿון פּיין און פֿון וועלט־אויסלייז געגעבן צו אַ יחיד. דער יחיד איז טאַקע אַ

ייד, אָבער ער איז אין דער זעלבער צייט דער קרבן פון זיין אייגן פאָלק. דאָ ווערט דורך דער איבערדרייאונג פון די סימבאָלן, דאָס יידישע פאָלק גאָטס מערדער. און דער אויסלייז פון דער וועלט, איז שוין לויט דער טעזע פון ברית חדשה דערגרייכט;

די זעלביקע געדאַנקען זענען אין מיר אויפגעקומען בעת איך האָב אין דער אויסשטעלונג אין בריסל שוין געזען דאָס אויבנדערמאָנטע בילד „דער מאַרטירער" ווו „דער געקרייציקטער" טראָגט אַ טלית־קטן און זיין פּנים דריקט אויס מיט דער פאַרקרומטקייט און צעקנייטשטקייט דעם גאַנצן יידישן פּיין. מיר ווייסן היינט נאָך אַ ביטערער דערפאַרונג פון טויזנטער טראַגישע יאָרן, אַז די טרויעריקע פּריווילעגיע פון אַ טרעגער פון צער און פּיין געהערט נישט „דעם געהאָנגענעם" יחיד, נאָר דעם פאָלק וואָס האָט אים אַרויסגעגעבן. אין דערמאָנטן בילד אין דער אילוסטראַציע פון „קרבן פסח" און אין אַ סך אַנדערע בילדער און צייכענונגען, האָט דער קינסטלע־רישער אינסטינקט פון מאַרק שאַגאַל און אפשר אויך דאָס באַוווסטזיניק יידישע אין אים, צוריקגעשטעלט די ריינקייט פון סימבאָל לויט די רייד פון אונזערע נביאים און די נאָענטקייט צום טראַגישן היסטאָרישן אמת.

עס וואָלט מיר נאָך געסטאַיעט אַ סך צו זאָגן וועגן די אילוסטראַציעס וואָס האָבן ביים קינסטלער אַבסאָרבירט 25 יאָר פון קינסטלערשער און אינטעלעקטועלער מי און שעפערישקייט, אָבער איך מוז זיך באַגרענעצן אין די פּרטים. אין אַלבום גייען אַריין צייכענונגען פון די אבות, משה, מלכים און נביאים, די אַלע תקופות און אינדיווידועלע בילדער אָטעמען מיט הייליקייט און שיינקייט, מיט גרויסקייט פון וועלט־געשיכטע און פון יידישער געשיכטע. די געשטאַלטן און די פּייזאַזשן טראָגן אין זיך אור־געשיכטע אָבער אויך היינטיקייט און יידישקייט פון אַלע צייטן. די פּנימער פון די אבות פון די מלכים און נביאים קענען לויט דער סיטואַציע זיין אָריענטאַלי־שע פּערסאָנאַזשן און טראָגן דעם אויסדרוק פון פּרימיטיווער הייליקער גבורה, אָבער זיי דריקן אויך אויס ביי אַנדערע סיטואַציעס, דעם אייביקן יידישן טרויער און מאַרטיראָלאָגיע פון די קומענדיקע יידישע דורות.

שאַגאַל מיט זיין צויבער־פּענזל האָט ווי איציק מאַנגער אין דער לי־טעראַטור אַ מיש געטאָן מיט די בלעטער פון אונזער געשיכטע און געלאָזט די אבות, די מלכים און די נביאים זיין די אָנזאָגער און די טרעגער פון גורל.

באַראַטאָריע. מיר זעען דעם מעכאַניזם ווי זי אַנטוויקלט זיך און ווי אַזוי זי שרייבט זיך. מיר זעען במילא אויך די טענדענצן, מיט וואָס זי קומט צום ווייטערן לעבן און וואָס זי באַהאַלט. מיט וואָס זי פּוצט זיך און וואָסערע גאַרדעראָבע זי לאָזט איבער צווישן די פאַרלעגענע מלבושים.

שטייט די פראַגע: איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע ערלעכע געשיכטע, אָדער איז דאָס וואָס מיר רופן נאַציאָנאַלע געשיכטע, מענטשלעכע געשיכטע, געשיכטע פון רעוואָלוציעס און באַוועגונגען, אַ קייט פון סוביעקטיווע טענדענצן, פעלשונגען און פאַרדרייאונגען פון פאַקטן, אָדער אין בעסטן פאַל טענדענציעזע קאָמענטירטע געשעענישן און פאַקטן?

אין דער אמתן, איז מוטל בספק דער גאַנצער ענין פון פאַרגאַנגענער געשיכטע. יעדע געשיכטע איז איצטיק. זי ווערט קעגנווערטיק געשריבן פון דור וואָס לעבט זי איבער און זי ווערט שפּעטער רעווידירט לויט דער דערפאַרונג פון שפּעטערע געשיכטע־שרייבער. אין אַלעם, וואָס מיר לייענען, לייענען מיר אַרויס אונזער אייגן לעבן. נישט בלויז געשיכטע־שרייבערס פעלשן געשיכטע, נאָר אויך געשיכטע־לייענערס פעלשן זי כסדר. מיר לייענען און קוקן מיט „היינטיקע" אויגן. און יעדער דור האָט זיינע היינטיקע אויגן.

און אגב איז עס גאָרנישט אַזוי פאַלש צו קוקן מיט היינטיקע אויגן אויף פאַרגאַנגענע געשעענישן. עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען אַזעלכעס. וואָס זאָל גרינטלעך און וועזנטלעך ענדערן די פסיכיק און מענטאַליטעט פון מענטש. ווען עס וואָלט אַנדערש געווען, וואָלטן מיר דאָך נישט אימ־שטאַנד געווען צו פאַרשטיין אָדער צו פילן די ווערטער פון די נביאים, די פילאָזאָפיע פון אַ פּלאַטאָן, דעם פעסימיזם פון אינדישן נירוואַנאַ. אָבער מיר פילן זיי יאָ און פאַרשטייען זיי. אַ סימן אַז עס ציט זיך אַן איינהייט־לעכער פאָדעם פון מענטשלעכן כאַראַקטער איבער דער גאַנצער געשיכטע פון מענטשלעכע מעשים און מחשבות.

די פראַגע צי עס איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע געשיכטע, שטעלט זיך דעריבער איבערהויפּט נישט. מיר זענען אינדיווידועל גענומען טענדענ־ציעז און מיר זענען עס קאָלעקטיוו. די יידישע געשיכטע האָט פון זיך אויסגעשניטן די תקופה פון קריסטנטום און מיר מוזן זי גיין זוכן ביי אונזערע שונאים, וואָס זענען אוודאי געווען טענדענציעז.

מיר האָבן די חשמונאים נישט אַריינגענומען אין תנ"ך. מיר מוזן

ל. דאָמאַנקעוויטש

אָנקומען צו אַפּאָקריפֿן און שפּעטער רעווידירטע מכבי־געשיכטעס. דאָס זעלבע די געשיכטע פֿון די צעזאַרן. בלויז עטלעכע רוימישע געשיכטע־שרייבערס (פֿון זיי אפֿשר דער אמתדיק־וויכטיקסטער און ערלעכסטער סועטאָן) האָבן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פֿון געבן אַ בילד פֿון זייערע טיראַנען, אָבער אויך דער אמת איז טענדענציעז און מיר ווייסן, אַז אַ טייל פֿון זיי זענען פֿון די טיראַנען באַעוולט געוואָרן און די פּערזענלעכע עוולות האָבן פֿון זייערע געשיכטעס אַרויסגערעדט.

אין אונזערע צייטן זענען מיר עדות פֿון אויסערגעוויינלעכע, מיט די ראַפֿינירטסטע מלוכה־מיטלען, אָרגאַניזירטע פֿעלשונגען פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, די נעמען פֿון די ערשטע אַרויסרופֿער און אָרגאַניזירער פֿון דער גרעסטער רעוואָלוציע אין דער וועלט־געשיכטע ווערן אָדער פֿון איר אַרויסגעוואָרפֿן און פֿאַרשוויגן, אָדער געשטעמפּלט אַלס אירע פֿאַררעטער. און ביי געוויסע ענדערונגען פֿון אַ פּאָליטישער קאָניונקטור, ווידער רעהאַ־ביליטירט. פּונקט אַזוי ווערט דאָס אָרט פֿון נעכטיקן אַבסאָלוטן הערשער איבערגערוקט אין דער געשיכטע דורך די, וואָס האָבן אַ טענדענץ זי צו רעווידירן.

אָבער פּונקט אַזוי ווי מיר נעמען היינט צונויף ראָבעספּיער און דאַנ־טאָן און מיר מאַכן צווישן זיי אַ געשיכטלעכן שלום, דאָס הייסט, מיר וואַרפֿן אויף זיי אָן אונזער היינטיקן טענדענציעזן קוק, אַזוי וועט אויך די צוקונפֿט וויסן צו פֿאַרבינדן מיט אַ שותּפֿות־געפֿיל די, וואָס האָבן די רעוואָלוציע באמת געפֿלעגט, אַרויסגערופֿן און אָרגאַניזירט צוליב אַן אמתן אָדער אי־לוזאָרישן הומאַניזם, און אונטערשיידן פֿון די, וואָס האָבן זי מיט אַ כיט־רער אכזריות רעווידירט פֿאַר דעספּאָטישע מאַכט־אינטערעסן.

די געשיכטע איז פֿול מיט טענדענצן מיט פֿאַרדרייאונגען און פֿעל־שונגען. עס קומען אָבער אַנדערע טענדענצן, פֿון דער ליידנשאַפֿט פֿון דער תּקופֿה אַרויסדרינגענדיקע קאָמענטאַרן, וואָס שטעלן צוריק אַ היס־טאָרישע גלייכגעוויכט. דאָס איז נישט קיין אַרבעט פֿון אַן אָביעקטיוון אמת, נאָר אַ המשך פֿון דער געשיכטע אַליין, וואָס רעווידירט זיך כּסדר מיט „היינטיקע" אויגן, און היינטיקע אויגן פֿאַרריכטן דאָס פֿאַרגאַנגענע און פֿעלשן דאָס היינטיקע.

מיר ווייסן היינט אַ סך מער אמת וועגן דער געשיכטע פֿון די פּריער־

דיקע דורות. להיפוך דער געשיכטע פון די לעצטע רעוואָלוציעס, וועט מען וויסן אין די שפּעטערדיקע דורות מער אמת. אין דיאַלעקטישן וויכוח, צווישן די פאַרשידענע טענדענצן, וועט דער אמת זיך אַנטפּלעקן, ווי די היסטאָרישע סינטעזע. אָבער וועט דאָס טאַקע זיין דער „ריינער" אמת, עס וועט זיין דער אמת פון דער צייט; דער אָביעקטיוו־סוביעקטיווער אמת פון דער געשיכטע?

שטאָט און דאָרף

(וואַקאַציע־רעפלעקסן)

וויפל שבחים זענען אויסגעדריקט געוואָרן אין אונזערע אַמאָליקע הייליקע ספרים און אין די תפילות פאַרן חסד און פאַר דער טייערער מתנה פון שבת, וואָס גאָט האָט געגעבן זיין פאָלק ישראל? און וויפיל שבחים וואָלטן די מענטשן היינט שולדיק געווען דעם רבונו של עולם פאַרן גרויסן געשאַנק פון אַ גאַנצן חודש אָפּרו? אָבער די היינטיקע געזעלשאַפט איז אַ וועלטלעכע, זי האַלט די מתנה פון וואַקאַציעס פאַר אַן אייגענער דערגרייכונג, אַ סאָציאַלן געווינס פאַר וועלכן זי איז קיינעם נישט שולדיק קיין דאַנק.

נו, וועלן מיר זיך נישט אָננעמען די קריוודע פון רבונו של עולם, אָבער איינס איז כדאי אונטערצושטרייכן: ווען מיר האָבן קאָנאָניזירט אונזערע ימים טובים, האָבן מיר אויך געוווסט מבחין און מבדיל צו זיין צווישן זיי און די וואָכן־טעג, צווישן קודש און חול. היינט פאַרהייליקן מיר מער נישט די רו־טעג. במילא זענען מיר מער נישט מסוגל צו אונטערשיידן צווישן רו און אַרבעט, צווישן יום־טוב און דער וואָכן, צווישן צעשטרייטקייט און קאָנצענטראַציע, צווישן שטימונג און פאַרהאַוועטקייט.

דער מאַנגל פון אַ געשריבענעם הבדלה־טעקסט, וואָס זאָל פאַנאַנדערשיידן צווישן די אַרבעטס־חדשים פון אַ גאַנץ יאָר און די וואַקאַציע־וואָכן, הייסט אָבער נאָך נישט, אַז אַזאַ טעקסט הענגט נישט אויף אונזערע ליפּן. עס הייסט נישט, אַז די מענטשן קערן זיך נישט אום צו זייער אַרבעט מיט דער בענקשאַפט צו נאַטור, צו שיינקייט און צו קאָנטעמפּלאַטיווער רו, ווי מען האָט אַמאָל געבענקט צום אַוועקגייענדיקן יום־טוב. וואָס זענען דען אייגנטלעך וואַקאַציעס, אויב נישט אַ באַפרייאונג פון טעגלעכן יאָך, כדי דער מענטש זאָל קענען ווערן אַ בעל־הבית איבער זיין צייט, און נישט

זיין מער אונטערגעוואָרפן דעם שטייענדיקן און שטענדיקן סדר, דער פאַר־גליווערטער רגילות?

פאַרן טאָקע מענטשן אָוועק פול מיט האָפענונג, פול מיט דערוואַר־טונג, זיכער אין זיך און אין זייערע פעאיקייטן אויסצונוצן די פרייע צייט אויפן בעסטן אופן. דערפילט מען די האָפענונג? רעאַליזירט מען די דער־גרייכונגען? נישט שטענדיק, נישט אַלעמאָל, איז עס אָפּהענגיק פון אונ־זער ווילן, און נישט אַלעמאָל ווייסן מיר צו געניסן פון דער טייערער מתנה. געניסן פון פרייהייט איז טאָקע איינע פון די שווערסטע זאַכן. פעל־קער, לענדער און דורות זענען אָפטמאָל בלויז פאַרשקלאַפט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו מאַכן מיט דער פרייהייט.

אַזוי איז עס אויך מיט יחידים. עס טרעפט אַז מענטשן קומען צוריק מידע און מאַטע, אויסגעשעפּטע און פאַרלאַנגווייליקטע פון לאַנגן אָפּרו; מיד פון דער זאַטער רו, אָדער אויסגעמאַטערט פון נאָכגעבן דעם איבער־געטריבענעם אַפּעטיט, פון וועלן איינשלינגען די גאַנצע רחבות, די גאַנצע קאָלירפולקייט און פראַכט פון דער אין שטאָט אונטערדריקטער בענק־שאַפט צו דער נאַטור. עס פעלט צומיינסט דער מיטלוועג, דער בהדרגה־דיקער איבערגאַנג. אין דער שטאָט אין כרך, הערשט די גרויסקייט פון מענטש: פון זיין אַרבעט, פון זיין מי, פון זיין קונסט, פון זיין וויסן, **אָבער** אויך פון זיין טומל, פון זיין צביעות, פון זיין קנאה און שנאה. זענען מיר, איינער מער, איינער ווייניקער — אָנגעפילט מיטן ערשטן און מיטן צווייטן אַ גאַנץ יאָר. קומט פעריען־צייט, רייסן מיר זיך אַרויס פון טומל, פון ווירוואַר. מיר קומען צו דער נאַטור, צום וואַרעמען שויס, פון וועלכן מיר קומען און וווהין מיר גייען... צו דעם, וואָס נישט דער מענטשלעכער כוח האָט געשאַפן, צום מעכטיקן, צו וועלכן דער מענטש האָט זיין האַנט נישט צוגעלייגט, און דאָך, און אפשר דערפאַר, איז עס ריזיק, מעכטיק, שטי־מונגספול און אייביק.

אָבער אין תוך זענען מיר אַלע היינט שטאָט־מענטשן, אַפילו דער דאָרפס־מענטש פון אונזער צייט איז אַ שטאָטישער, ער שטרעבט צו דער שטאָט און צו אירע געקינסלטקייטן, צו אירע אַרטיפיסן. אָבער די צו־קונפט געהערט אפשר דעם מענטש פון אַ תקופה, וואָס וועט וויסן צו געפי־נען אַ בייעם טיפ ישוב, נישט שטאָט און נישט דאָרף. די שטאָט האָט זיך צופיל דערווייטערט פון סוד, וואָס איז פאַראַן אין לעבן פון אייביקן רעטע־

ל. דאַמאַנקעוויטש

ניש, וואָס מיר זאָלן עס נישט אָנרופן, גאָט צי נאַטור, צי השגחה, וועלן מיר עס אַלץ נישט קענען אָפּפטרן מיט ווערטער; דאָס דאָרף ווידער קען נישט אויסמיידן די לאַנגווייליקייט, די איינטאָניקייט, וואָס באַהערשט דעם מענטשן נאָך די ערשטע איינדרוקן פון אַנטציקונג.

מען האָט שטענדיק דעבאַטירט צווישן סאָציאָלאָגן וועגן גרויסן סאָציאַלן אונטערשיד צווישן דאָרף און שטאָט און וועגן די מיטלען צו געפינען אַ באַהעפטונג צווישן די צוויי עלעמענטן פון מענטשלעכן ישוב. אָבער נאָך גרעסער און שווערער צו לייזן איז דער פסיכישער אונטערשיד צווישן מענטש, וואָס איז פאַרשלונגען דורך אַן אַרטיפיציעל־אויסגעבויטע וועלט (און אויך קונסט גייט אין אַ געוויסער מאָס אַריין אין חשבון פון געמאַכטקייט) און דעם מענטש, געוווינט צו אַ בראשיתדיקן קוק אויף דער שאַפונג. די סאָציאָלאָגן ווילן דעם קאָנטראַסט לייזן דורך צווינגען די שטאָט זיך מישן מיטן דאָרף, דורך לאָזן פאַרשלינגען די „פּאָליטישע חיה" אין תוהו ובוהו פון אַזאַ אָדער אַנדערן אויסגעטראַכטן סדר.

אָבער די צוקונפט געהערט צו אַ נייעם טיפּ, אַ נייעם מין ישוב, וואָס איז צווישן דאָרף און שטאָט, וואָס האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די שיינקייטן פון דער נאַטור, אָבער פאַרמאָגט אויך נישט די איינטאָניקייט פון דאָרף... געוויסע שטעטלעך אין דער שווייץ, וואָס דרעמלען צו פוסנס פון די אין וואָלקנס און נעפּל איינגעהילטע בערג, ביי אָזיערעס, וואָס פירן אַן אייביקן שפּיגל־שפּיל מיט די זונען־שטראַלן. שטעטלעך, וואָס פאַרמאָגן אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס די היינטיקע טעכניק קען געבן, אָבער נישט די אוממענטשלעכע פאַרהאַוועטקייט פון די ריזן־שטעט, שיינען מיר צו זיין די דאָזיקע געווונטשענע ישובים פון דער צוקונפט.

וועט ערשט פריער מוזן קומען אַ בלוט־מבול אָדער אַן אַטאָמישער מבול, וואָס זאָל חרוב מאַכן אונזער גרויס־שטאָט־ציוויליזאַציע און אויסבויען אַ נייע, אַ מענטשלעכע און הומאַניטאַרע וועלט?

אַ שלינגער פון גאָטס וואָרט אין אַ תפיסה פון פראַנקרייך

אויב די שטאָט ליאָן דערמאָנט אַביסל די אַמאָליקע שטאָט לאָדזש, מיט אירע לאַנגע, געאָמעטריש־געשניטענע גאַסן, דערמאָנט שוין דער ליאָנער קוואַרטאַל „קרוא־רוס" אינגאַנצן דעם לאָדזשער באלוט מיט זיין אָרעמקייט, שמוץ און דער עיקר מיטן גערויש פון זיינע וועב־מאַשינען. אין דעם אָרעמען קוואַרטאַל, וואָס געפינט זיך אויף אַ באַרג אַריינגע־שטופּט צווישן די ביידע טייכן פון ליאָן, דעם ראָן און דעם סאָאָן, זענען געווען צוזאַמענגעדריקט אַ שפּאָר ביסל פון אחינו בני ישראל, צונויפגע־קוועטשט און צוזאַמען געציטערט פאַר יעדן שאָרך פון אַ בלאַט, פאַר יעדן רויש פון אַן אויטאָ.

אַריבערגיין איינע פון די פיל בריקן פון ליאָן, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם דאָזיקן קוואַרטאַל מיט די אַנדערע טיילן פון דער שטאָט, אָדער אַראָפּנידערן פון באַרג און זיך לאָזן אין צענטער שטאָט, וואָס געפינט זיך אויפן האַלב־אינזל צווישן די טייכן, איז צו יענער צייט געווען פאַר־בונדן מיט סכנות נפשות. טראָץ דעם וואָס זייענדיק צוויי יאָר איינוווינער פון דער דריטער, גרעסטער שטאָט פון פראַנקרייך, קען איך פונדעסטוועגן זאָגן, אַז איך האָב ליאָן כמעט ווי נישט געזען און אירע אייגנטימלעכקייטן נישט קענען געלערנט.

אויב איינעם פון אונז, די אין ליאָן זיך אויפהאַלטנדיקע יידן בעת דער מלחמה, איז שווער געווען צו באַקענען דעם רייכערן און רוישנדיקן טייל פון דער שטאָט, אירע טעאַטערס, סינעמאַס, קאַפייען און אַנדערע מאָדערנע איינריכטונגען, דערפאַר איז אָבער נישט שווער געווען זיך צו באַקענען מיט אירע ערטער פון נויט און פיין, פון תפיסות און שפּיטע־לער. מיר איז אויסגעקומען צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט דער באַרים־טער תפיסה פון „הייליקן פּאָל". ווי אַזוי? צוזאַמען מיט אַ חבר פון לאָדזש, פלעג איך זיך כמעט יעדן טאָג טרעפן, כדי צו שפּילן אַ שאָך אין איינער פון די קאַפייען וואָס האָבן זיך געפונען אין יענער געגנט. ווי עס האָט

ל. דאַמאַנקעוויטש

זיך אָפּט געטראָפן אין יענע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז דווקא אין איינעם אַ טאָג ווען איך בין מיר אַזוי רואיק געזעסן, מיטן פּנים געווענ־דעט צום שאָך־ברעטל, מיט די פיגורן און קאַלקולירט אַ צוג, אַריין פּאָלי־ציי אין קאַפע און פאַרלאַנגט די אידענטיטעט־פּאַפּירן פון די אַנוועזנדיקע. מיין מיטשפּילער איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פונעם קאָנטראָל. איך אָבער בין, צוליב מיינע פאַלשע פּאַפּירן, גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה. אַלץ איז אין דעם קאַטוילישן ליאָן הייליק און אַזעלכע חשובע אינסטיטוציעס ווי תפיסות, אוודאי און אוודאי!

די תפיסה פון „הייליקן פּאָל" איז באַרימט מיט איר שמוץ און דיס־ציפּלין. אויב עסן איז דאָרט נישט געווען צופיל, האָבן דאָרט אָבער נישט געפעלט קיין פאַרשידענע ווערים, וואָס האָבן אַביסל צעשטרייט אונזער או־מעט. געזעסן זענען מיר זאַלבעפירט.. איינער פון אונזערע תפיסה־קאָלעגן, וואָס איז געווען אַן אַלטער קלאָשאַר, וואָס האָט זיך אויף דער פריי דער־נערט פון גנבה און אויב מען זאָל איינטיילן זיין לעבן צווישן פרייהייט און תפיסה, וועט זיכער דער פרייהייט קומען אַ רעשט. קיין קרובים אָדער באַקאַנטע, וואָס זאָלן אים אַמאָל שיקן אַ פּעקל עסנוואַרג, האָט ער נישט פאַרמאָגט. ער האָט אָבער דאָס פּראָבלעם פון הונגער געלייזט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן: ער האָט נעמלעך אַלץ געגעסן, וואָס ער האָט נאָר אַנגעטראָפן: שטרוי פונעם שטרוזאַק אַרויס, פּאַפּיר פון די פּעקלעך וואָס די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען. ווער שמועסט נאָך באַפעטסטע פּאַפּיר וואָס אַנדערע האָבן אַוועקגעוואָרפן פון זייערע פּעקלעך, איז אוודאי געווען אַ מציאה. ער האָט אויך געגעסן שטיקער פון זיינע אייגענע מלבושים, און אונטער דער צייט פון מיין אַנוועזנהייט זענען אַזוי אַרום איינציקווייז פאַר־שוואונדן זיין וועסטל, דאָס העמד פון לייב א. א. וו.

איינמאָל האָט דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר באַזוכט אין די צעלעס זיינע אַנהענגער. אַזוי ווי אונזער קלאָשאַר איז געווען אַ פּראָטעס־טאַנט, האָט ער אויך באַזוכט אונזער קאַמער.

— דאַרפסט עפּעס? פרעגט אים דער פּאַסטאָר.

— אָ, ווען איך וואָלט געקענט פון אייך באַקומען עפּעס אַ שפּייז־פּאַקעט, וואָלט דאָס פאַר מיר געווען אַ רעטונג. איך בין שטענדיק הונ־געריק — פאַרקלאָגט זיך דער אַלטער אַרעסטאַנט.

— ליידער — ענטפערט דער הייליקער מאַן — קיין פאָנדן אויף

פּעקלעך האָב איך נישט, נאָר איך קען אייך געבן, כדי אייך צו באַרואיקן און אייך דערלויבן צו פאַרטרייבן די צייט, די הייליקע ביבל.

און זאָגנדיק דאָס, האָט דער חשובער גייסטלעכער אים דערלאַנגט די עוואַנגעליע.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך מיך דערמאָנט אין דער מתּנה, וואָס מיין תּפיסה־קאָלעגע האָט באַקומען און זאָג צו אים:

— לאַמי (דאָס איז געווען זיין נאָמען), באָרג מיר נאָר אויס דאָס ביכל, וואָס דו האָסט באַקומען פון דיין פּאַסטאָר.

ער שטעקט אַריין די האַנט אין זיינע טיף־געלעכערטע טאַשן און ציט אַרויס אַ פּאָר טאָוולען.

— ווו זענען די אַלע בלעטער פון צווישן די טאָוולען? — פרעג איך אים.

לאַמי לייגט אַרויף די האַנט אויף דעם אָרט פון זיין מאָגן און ענט־פערט: „דאָ!".

לייזער דאָמאַנקעוויטש אין זיין דור

ד״ר ל. זשיטניצקי

ל. דאָמאַנקעוויטש אין זיינע „ווערטער און ווערטן״

(פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב)

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון ל. דאָמאַנקע־וויטש'ס „ווערטער און ווערטן״, איז דערשינען אין אַרגענ־טינע, אין דער צייטונג „די פרעסע״ פון 27־טן מאַי 1966. אַן אָפּשאַצונג פון ד״ר ל. זשיטניצקי, וועלכע מיר גיבן איבער אינטעגראַל.

אויך ווערטער זענען ווערטן, ענלעך ווי יעדער ווערט האָט זיין וואָרט. און ל. דאָמאַנקעוויטש אידענטיפיצירט אין געוויסע פאַלן וואָרט און ווערט, אָפטמאָל גייען זיי ביי אים צוזאַמען, קיינמאָל נישט אָפּגעטיילט. באַזונדערס ווען ער איז אויסן אָפּצושאַצן די ווערט פונעם יידישן וואָרט און די פאַרווענדונג פון די ווערטן אין דער יידישער דיכטונג און דער־ציילונג. ל. דאָמאַנקעוויטש פאַרמאָגט בכלל אַ לייכטן סטיל און דאָס פּאַ־סיקע וואָרט מסביר צו זיין פּראָבלעמען און ריכטיק איז זיין צוגאַנג דאָס יידישע פּראָבלעם צו זען, אויס אַן אוניווערסאַלן שטאַנדפּונקט, דאָך אויס אַ ספּעציפיש יידישער לייזונג.

אין אַ געוויסער מאָס שטעלט אַוועק ל. דאָמאַנקעוויטש דאָס יידישע פאָלק צווישן ציוויליזאַציע און קולטור, און ריכטיק איז זיין באַמערקונג. אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן „רק קולטור און נישט קיין ציוויליזאַ־ציע״. אין תוך איז קולטור געווען דער קדמון, פון וואָס עס איז אַרויס־געוואַקסן די ציוויליזאַציע. אַזוי אַרום איז דאָס יידישע פאָלק אויסשליס־לעך אַ פאָלק פון גייסט. יידן זענען דאָס פאָלק, וואָס האָט „אין זיינע לאַ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

טענטע טיפענישן צוגעגרייט אידייען און פאָלקס־איניציאַטיוועס, נביאים, משנה, תלמוד, און מדרש־בבלי נוסח ספרד און נוסח אשכנז, קבלה, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע אין שפּאַניע און אין פּראָוואַנסאַליע, קבלה אין צפת, משיח־באַוועגונגען, חסידות, השכלה, די נייע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, אַלע האָבן זיי פאַרמירט אַן אומאיבערגעריסענע קייט פון יצירה, אַרויסשלאָגנדיק פון זאַפטיקן באָדן, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער צייטן און שטחים און אויסגעפורעמט דאָס איינהייטלעכע פּנים פון כנסת ישראל. ערשט דער חורבן האָט די קייט איבערגעריסן".

ל. דאָמאַנקעוויטש האַלט, אַז אויך די קייט פון יידיש קען איבערגעריסן ווערן, הגם ער גלויבט אין איבעראַשונגען בשייכות יידיש. ער איז אַפילו פּאַראַדאָקסאַל, אָבער זעט די מעגלעכקייט פון אַן איבעראַשונג דווקא און אויסשליסלעך אין ישראל. ל. דאָמאַנקעוויטש האַלט אַז איבעראַשונגען קענען אויך פאָרקומען אויפן וועג פון היסטאָרישע טענדענצן. בשייכות יידיש, מיינט עס נאָכפאָלגן די היסטאָרישע טענדענץ, קאָנצענטרירונגען פון אַלע גייסטיקע כוחות פונעם פאָלק צו פאַרשטאַרקן די קוואַליטעט פון די יידיש־שאַפונגען אויפן חשבון פון דער פאַרשווענדערישער קוואַליטעט. „אַלע באַמיאונגען מוזן גיין אין דער ריכטונג פון מאָביליזירן די קוואַליטעט און פאַר דער שאַפונג פון אינסטיטוציעס צו דער פּראָדוצירונג פון קוואַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער — צו העלפן דעם גייענדיקן פּראָצעס פון טראַנספאָרמירן יידיש אין אַ מין לשון קודש".

ל. דאָמאַנקעוויטש קוקט אויף יידיש מיטן בליק פון אַן אָפּטימיסט. ל. דאָמאַנקעוויטש דרינגט עס אַרויס פון זיין רעזומירן: „די קאָנסערווירונג פון דער יידישער שפּראַך מוז אַזוי צוגעגרייט ווערן, אַז איר עווענטועלער אַרויספאַל פונעם ראַנג פון גערעדטע שפּראַכן, זאָל זיך נישט צונויפפאַלן מיט אַ קאַטאַסטראָפאַלער פאַרשווינדונג פון דער יידישער קולטור בכלל. אַז יידיש זאָל קענען בלייבן דאָס לשון וואָס האַלט זיך ווייטער לאַנגע, לאַנגע דורות אויף די פּלייצעס און פליגלען פון אויסגעוויילטן דור".

ל. דאָמאַנקעוויטש טראָגט נישט אַרויס קיין אורטייל אויף יידיש, ער איז נאָר אויסן אַ מין פּרעווענטיווקייט. אין תוך איז דאָמאַנקעוויטש פאַרליבט אין יידיש, ער איז פאַרליבט אויך אין דער יידישער קולטור.

אין אַלע זיינע סקיצירטע עסייען שפּירט מען אַזאַ ליבע, באַזונדערס ווען ער שרייבט וועגן יידישע דיכטער און דערציילער.

ל. דאַמאַנקעוויטש האָט איינגעטיילט „ווערטער און ווערטן" אין פיר רובריקן. ער שטעלט זיך אָפּ אויף איינצעלנע ווערק, אָבער ביי דער געלעגנ־הייט דרינגט ער אַריין בכלל אינעם פּאָעטישן און דערציילערישן אינגע־ווייד פונעם באַטרעפנדיקן דיכטער אָדער דערציילער אין דער באַמיאונג אַרויסצובאַקומען דעם דיכטערס אָדער שרייבערס שעפערישע תמציתדי־קייט און תוכיקייט. אַזוי, אַז ווען ל. דאַמאַנקעוויטש רירט זיך צו צו יעקב גלאַטשטיינען, אינטערעסירט אים אונטערצושטרייכן, אַז „יעקב גלאַטשטיין האָט ווייט אויסגעברייטערט די תחומים פון דער יידישער דיכטונג און אין איר אַריינגעפירט אַלע טעמים פון אונזער תקופה, וואָס וואָלטן זיך אפשר זייער שלעכט געפילט אין דער געזעלשאַפט פון קאָנווענציאָנעלער ליריק. אָדער אַפילו אין שטח פון אינטעלעקטועלן סימבאָליזם, וואָס גיט אַ באַריי־כערונג פון מעטאַפאָרן און אַנאַלאָגיעס, בכן פון ווערטער און ווערטן".

ל. דאַמאַנקעוויטש נעמט נישט אויף זיך די ראָל פון אַ פּוסק אין דער יידישער ליטעראַטור, ער איז אויסן נאָר מספּיד צו זיין און איינראַמען יעדן דיכטער און דערציילער אין דער פּאַנאָראַמע פון דער יידישער שאַפונג און ליטעראַטור. זיין באַציאונג איז מער אַן אינטימע. ער גייט אַרויס, אין גע־וויסע פּרטים פון אַ באַשטימטער סענטימענטאַלקייט. אָבער אַ באַווירקטע פון אינטעלעקט. סענטימענטאַלקייט און לאָגיק ווירקן אין זיין באַנעמען דעם דיכטער, אין זיין שאַפונג־פּראָצעס און דעפינירן דעם מהות פון דער דיכטונג. ער האַלט, אַז איציק מאַנגער'ס „קומט די קרוין פון מלכות פאָלקס־טימלעכקייט" און איז אים „אין איר גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ אָנגעמאָסטן. ער איז דער פאָלקסטימלעכער דיכטער פון אינסטינקטן און פון באַוווסט־זיין, און איז עס, ביז די וויטגייענדיקסטע און אַלזייטיקע קאָנסעקווענצן".

ל. דאַמאַנקעוויטש'ס סטיל ביי אָפּשאַצן דיכטער איז אַ געהויבענער, אָבער אַ ספּעציפיש אייגענער. זיינע אָפּשאַצונגען וועגן דיכטער און דער־ציילער צייכענען זיך אויס מיט עסייאיסטישע סכעמאַטישקייט. ער זוכט דעם דיאַגנאָז און אַרום דעם זעלבן וויקלט ער אויס אַ געדאַנקן־אָנוווקס. ער האָט אַזוי אַרום פאַר מלך ראַוויטשן דעם וויטערדיקן דיאַגנאָז: „דער סימפּאַטישער שרייבער, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געטראָגן צוגעבונדנ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

קייט צו זיין פאָלק, נישט געקוקט אויף לירישע אָפּנויגן און געטריישאַפט צום וואָכנדיקן לשון, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געשאַפן לפנים צום וואָכנדיקן געברויך, און וואָס איז געוואָרן די ליטעראַטור־שפּראַך, וואָס איז אַלעמאָל נישט בלויז נאָכן חורבן, נאָר פון די סאַמע אָנהייבן אָן געווען מער קודש ווי חול".

דאָס הויפּטזעכלעכע איז די דיכטערישע דעפיניציע און ל. דאָמאַנ־קעוויטש זאָל ווי שטרעבן צוצופּאַסן זיינע שפּראַכלעכע אויסדרוקן צו דער שפּראַכלעכער לירישקייט אָדער צו דער אימאַזשינירטקייט פונעם דיכטער און זיין דיכטונג. שרייבנדיק וועגן א. סוצקעווערן, איז ל. דאָמאַנקעוויטש געענוג צו זאָגן, אַז „א. סוצקעווער געהערט צו די דיכטער וואָס באַקומען השראה דורך געזאַנגען און נישט אין קיין פּאָעטישער אינספּיראַציע, וואָס זאָל זיין אינדיווידועלער, ווי די, וואָס קומט צוזאַמען מיטן בילד". אַזאַ טרעפלעכע דעטערמינירונג איז גענוג אַז מען זאָל פאַר זיך האָבן אַ פול־שטענדיק בילד פון א. סוצקעווערס פּאָעטישקייט.

אין זיינע דעפיניציעס איז ל. דאָמאַנקעוויטש באַזונדערס מקפּיד אויף שפּראַך. שפּראַך, אייגנטלעך, איז נישט קיין מיטל, נאָר דאָס פּסיכאָ־אויפנע־מענדיקע פון אַ פאָלק, פון אַ יחיד, וואָס קען נישט אַנדערש דענקען, ווי נאָר אין די קאַטעגאָריעס אָדער פון נוצלעכקייט אָדער פון שיינקייט, וואָס דרינגט אַריין אין אַ ספּיריטועלן אימאַזש, ווי ל. דאָמאַנקעוויטש שטעלט פאַר דעם דיכטער אריה שמרי: „א. שמרי האָט זיין פשטות, וואָס איז אָבער זייער ווייט פון פּרימיטיווקייט. אַלע זיינע געזאַנגען זענען דין ליריש און געדאַנקלעך ראַפינירט. מחשבה און הרגשה זענען אין זיינע לידער באַהאַפטן, ווי באַהאַפטן עס איז דער גייסט פון מענטש מיטן גייסט פון קאָמפּאָס".

אַזאַ איז אויך ל. דאָמאַנקעוויטש אין זיינע סכעמאַטישע עסייען וועגן דיכטער און דיכטונג. ער איז עסטעטיש און געדאַנקלעך ראַפינירט, מחשבה און הרגשה ווערן ביי אים באַהאַפטן אין אַ סינטעז. אַזוי איז אויך דאָמאַנקע־וויטש, ווען ער רעדט וועגן דערציילער. מען וועט דורכלאָזן זיינע דעס־קריפּטיווע עסייען וועגן שזרן, מאַרק שאַגאַל און י. זרבבל און מען וועט אָנהייבן מיטן עסיי וועגן י. באַשעוויס. דאָ האָט ל. דאָמאַנקעוויטש אויס־געווילט אַ ריכטיקן מיטל. ער רעדט וועגן יצחק באַשעוויסעס אוניווערסי־טעטן. מיר וועלן נישט זאָגן, אַז ל. דאָמאַנקעוויטש האָט געבאָרגט ביי מאַק־

באַראַטאָריע. מיר זעען דעם מעכאַניזם ווי זי אַנטוויקלט זיך און ווי אַזוי זי שרייבט זיך. מיר זעען במילא אויך די טענדענצן, מיט וואָס זי קומט צום ווייטערן לעבן און וואָס זי באַהאַלט. מיט וואָס זי פּוצט זיך און וואָסערע גאַרדעראָבע זי לאָזט איבער צווישן די פאַרלעגענע מלבושים.

שטייט די פראַגע: איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע ערלעכע געשיכטע, אָדער איז דאָס וואָס מיר רופן נאַציאָנאַלע געשיכטע, מענטשלעכע געשיכטע, געשיכטע פון רעוואָלוציעס און באַוועגונגען, אַ קייט פון סוביעקטיווע טענדענצן, פעלשונגען און פאַרדרייאונגען פון פאַקטן, אָדער אין בעסטן פאַל טענדענציעז קאָמענטירטע געשעענישן און פאַקטן?

אין דער אמתן, איז מוטל בספק דער גאַנצער ענין פון פאַרגאַנגענער געשיכטע. יעדע געשיכטע איז איצטיק. זי ווערט קעגנווערטיק געשריבן פון דור וואָס לעבט זי איבער און זי ווערט שפּעטער רעווידירט לויט דער דערפאַרונג פון שפּעטערע געשיכטע־שרייבער. אין אַלעם, וואָס מיר לייענען, לייענען מיר אַרויס אונזער אייגן לעבן. נישט בלויז געשיכטע־שרייבערס פעלשן געשיכטע, נאָר אויך געשיכטע־לייענערס פעלשן זי כסדר. מיר לייענען און קוקן מיט „היינטיקע" אויגן. און יעדער דור האָט זיינע היינטיקע אויגן.

און אגב איז עס גאָרנישט אַזוי פאַלש צו קוקן מיט היינטיקע אויגן אויף פאַרגאַנגענע געשעענישן. עס איז גאָרנישט פאַרגעקומען אַזעלכעס, וואָס זאָל גרינטלעך און וועזנטלעך ענדערן די פּסיכיק און מענטאַליטעט פון מענטש. ווען עס וואָלט אַנדערש געווען, וואָלטן מיר דאָך נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרשטיין אָדער צו פילן די ווערטער פון די נביאים, די פילאָזאָפיע פון אַ פּלאַטאָן, דעם פּעסימיזם פון אינדישן נירוואַנאַ. אָבער מיר פילן זיי יאָ און פאַרשטייען זיי. אַ סימן אַז עס ציט זיך אַן איינהייטלעכער פאָדעם פון מענטשלעכן כאַראַקטער איבער דער גאַנצער געשיכטע פון מענטשלעכע מעשים און מחשבות.

די פראַגע צי עס איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע געשיכטע, שטעלט זיך דעריבער איבערהויפּט נישט. מיר זענען אינדיווידועל גענומען טענדענציעז און מיר זענען עס קאָלעקטיוו. די יידישע געשיכטע האָט פון זיך אויסגעשניטן די תקופה פון קריסטנטום און מיר מוזן זי גיין זוכן ביי אונזערע שונאים, וואָס זענען אוודאי געווען טענדענציעז.

מיר האָבן די חשמונאים נישט אַריינגענומען אין תנ"ך. מיר מוזן

ל. דאָמאַנקעוויטש

אָנקומען צו אַפּאָקריפן און שפּעטער רעווידירטע מכבי־געשיכטעס. דאָס זעלבע די געשיכטע פון די צעזאַרן. בלויז עטלעכע רוימישע געשיכטע־שרייבערס (פון זיי אפשר דער אמתדיק־וויכטיקסטער און ערלעכסטער סועטאָן) האָבן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון געבן אַ בילד פון זייערע טיראַנען, אָבער אויך דער אמת איז טענדענציעז און מיר ווייסן, אַז אַ טייל פון זיי זענען פון די טיראַנען באַצאָלט געוואָרן און די פּערזענלעכע עוולות האָבן פון זייערע געשיכטעס אַרויסגערעדט.

אין אונזערע צייטן זענען מיר עדות פון אויסערגעוויינלעכע, מיט די ראַפינירטסטע מלוכה־מיטלען, אָרגאַניזירטע פעלשונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, די נעמען פון די ערשטע אַרויסרופער און אָרגאַניזירער פון דער גרעסטער רעוואָלוציע אין דער וועלט־געשיכטע ווערן אָדער פון איר אַרויסגעוואָרפן און פאַרשוויגן, אָדער געשטעמפּלט אַלס אירע פאַררעטער. און ביי געוויסע ענדערונגען פון אַ פּאָליטישער קאָניונקטור, ווידער רעהאַ־ביליטירט. פּונקט אַזוי ווערט דאָס אָרט פון נעכטיקן אַבסאָלוטן הערשער איבערגערוקט אין דער געשיכטע דורך די, וואָס האָבן אַ טענדענץ זי צו רעווידירן.

אָבער פּונקט אַזוי ווי מיר נעמען היינט צונויף ראָבעספּיער און דאַנ־טאָן און מיר מאַכן צווישן זיי אַ געשיכטלעכן שלום, דאָס הייסט, מיר וואַרפן אויף זיי אָן אונזער היינטיקן טענדענציעזן קוק, אַזוי וועט אויך די צוקונפט וויסן צו פאַרבינדן מיט אַ שותפות־געפיל די, וואָס האָבן די רעוואָלוציע באמת געפלעגט, אַרויסגערופן און אָרגאַניזירט צוליב אַן אמתן אָדער אי־לוזאָרישן הומאַניזם, און אונטערשיידן פון די, וואָס האָבן זיי מיט אַ כיט־רער אכזריות רעווידירט פאַר דעספּאָטישע מאַכט־אינטערעסן.

די געשיכטע איז פול מיט טענדענצן מיט פאַרדרייאונגען און פעל־שונגען. עס קומען אָבער אַנדערע טענדענצן, פון דער ליידנשאַפט פון דער תקופה אַרויסדרינגענדיקע קאָמענטאַרן, וואָס שטעלן צוריק אַ היס־טאָרישע גלייכגעוויכט. דאָס איז נישט קיין אַרבעט פון אַן אָביעקטיוון אמת, נאָר אַ המשך פון דער געשיכטע אַליין, וואָס רעווידירט זיך כסדר מיט „היינטיקע" אויגן, און היינטיקע אויגן פאַרריכטן דאָס פאַרגאַנגענע און פעלשן דאָס היינטיקע.

מיר ווייסן היינט אַ סך מער אמת וועגן דער געשיכטע פון די פריער־

דיקע דורות. להיפוך דער געשיכטע פון די לעצטע רעוואָלוציעס, וועט מען וויסן אין די שפּעטערדיקע דורות מער אמת. אין דיאַלעקטישן וויכוח, צווישן די פאַרשידענע טענדענצן, וועט דער אמת זיך אַנטפּלעקן, ווי די היסטאָרישע סינטעזע. אָבער וועט דאָס טאַקע זיין דער „ריינער" אמת, עס וועט זיין דער אמת פון דער צייט; דער אָביעקטיוו־סוביעקטיווער אמת פון דער געשיכטע?

שטאָט און דאָרף

(וואַקאַציע־רעפלעקסן)

וויפל שבחים זענען אויסגעדריקט געוואָרן אין אונזערע אַמאָליקע הייליקע ספרים און אין די תפילות פאַרן חסד און פאַר דער טייערער מתּנה פון שבת, וואָס גאָט האָט געגעבן זיין פאָלק ישראל? און וויפיל שבחים וואָלטן די מענטשן היינט שולדיק געווען דעם רבונו של עולם פאַרן גרויסן געשאַנק פון אַ גאַנצן חודש אָפּרו? אָבער די היינטיקע געזעלשאַפט איז אַ וועלטלעכע, זי האַלט די מתּנה פון וואַקאַציעס פאַר אַן אייגענער דערגרייכונג, אַ סאָציאַלן געווינס פאַר וועלכן זי איז קיינעם נישט שולדיק קיין דאַנק.

נו, וועלן מיר זיך נישט אַננעמען די קריוודע פון רבונו של עולם, אָבער איינס איז כדאי אונטערצושטרייכן: ווען מיר האָבן קאַנאַניזירט אונזערע ימים טובים, האָבן מיר אויך געוווסט מבחין און מבדיל צו זיין צווישן זיי און די וואָכן־טעג, צווישן קודש און חול. היינט פאַרהייליקן מיר מער נישט די רו־טעג. במילא זענען מיר מער נישט מסוגל צו אונטערשיידן צווישן רו און אַרבעט, צווישן יום־טוב און דער וואָכן, צווישן צעשטרייטקייט און קאָנצענטראַציע, צווישן שטימונג און פאַרהאָוועטקייט.

דער מאַנגל פון אַ געשריבענעם הבדלה־טעקסט, וואָס זאָל פאַנאַנדערשיידן צווישן די אַרבעטס־חדשים פון אַ גאַנץ יאָר און די וואַקאַציע־וואָכן, הייסט אָבער נאָך נישט, אַז אַזאַ טעקסט הענגט נישט אויף אונזערע ליפּן, עס הייסט נישט, אַז די מענטשן קערן זיך נישט אום צו זייער אַרבעט מיט דער בענקשאַפט צו נאַטור, צו שיינקייט און צו קאָנטעמפּלאַטיווער רו, ווי מען האָט אַמאָל געבענקט צום אָוועקגייענדיקן יום־טוב. וואָס זענען דען אייגנטלעך וואַקאַציעס, אויב נישט אַ באַפרייאונג פון טעגלעכן יאָך, כדי דער מענטש זאָל קענען ווערן אַ בעל־הבית איבער זיין צייט, און נישט

זיין מער אונטערגעוואָרפן דעם שטייענדיקן און שטענדיקן סדר, דער פאַר־גליווערטער רגילות?

פאַרן טאָקע מענטשן אַוועק פול מיט האָפענונג, פול מיט דערוואַר־טונג, זיכער אין זיך און אין זייערע פעאיקייטן אויסצונוצן די פרייע צייט אויפן בעסטן אופן. דערפילט מען די האָפענונג? רעאַליזירט מען די דער־גרייכונגען? נישט שטענדיק, נישט אַלעמאָל, איז עס אָפּהענגיק פון אונ־זער ווילן, און נישט אַלעמאָל ווייסן מיר צו געניסן פון דער טייערער מתנה. געניסן פון פרייהייט איז טאָקע איינע פון די שווערסטע זאַכן. פעל־קער, לענדער און דורות זענען אָפטמאָל בלויז פאַרשקלאַפּט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו מאַכן מיט דער פרייהייט.

אַזוי איז עס אויך מיט יחידים. עס טרעפט אַז מענטשן קומען צוריק מידע און מאַטע, אויסגעשעפּטע און פאַרלאַנגווייליקטע פון לאַנגן אָפּרו; מיד פון דער זאַטער רו, אָדער אויסגעמאַטערט פון נאָכגעבן דעם איבער־געטריבענעם אַפּעטיט, פון וועלן איינשלינגען די גאַנצע רחבות, די גאַנצע קאָלירפולקייט און פראַכט פון דער אין שטאָט אונטערדריקטער בענק־שאַפט צו דער נאַטור. עס פעלט צומיינסט דער מיטלוועג, דער בהדרגה־דיקער איבערגאַנג. אין דער שטאָט אין כרך, הערשט די גרויסקייט פון מענטש: פון זיין אַרבעט, פון זיין מי, פון זיין קונסט, פון זיין וויסן, אָבער אויך פון זיין טומל, פון זיין צביעות, פון זיין קנאה און שנאה. זענען מיר, איינער מער, איינער ווייניקער — אָנגעפילט מיטן ערשטן און מיטן צווייטן אַ גאַנץ יאָר. קומט פעריען־צייט, רייסן מיר זיך אַרויס פון טומל, פון ווירוואַר. מיר קומען צו דער נאַטור, צום וואַרעמען שויס, פון וועלכן מיר קומען און וווהין מיר גייען... צו דעם, וואָס נישט דער מענטשלעכער כוח האָט געשאַפן, צום מעכטיקן, צו וועלכן דער מענטש האָט זיין האַנט נישט צוגעלייגט, און דאָך, און אפשר דערפאַר, איז עס ריזיק, מעכטיק, שטי־מונגספול און אייביק.

אָבער אין תוך זענען מיר אַלע היינט שטאָט־מענטשן, אַפילו דער דאָרפס־מענטש פון אונזער צייט איז אַ שטאָטישער, ער שטרעבט צו דער שטאָט און צו אירע געקינסלטקייטן, צו אירע אַרטיפיסן. אָבער די צו־קונפט געהערט אפשר דעם מענטש פון אַ תקופה, וואָס וועט וויסן צו געפי־נען אַ נייעם טיפּ ישוב, נישט שטאָט און נישט דאָרף. די שטאָט האָט זיך צופיל דערווייטערט פון סוד, וואָס איז פאַראַן אין לעבן פון אייביקן רעטע־

ל. דאָמאַנקעוויטש

ניש, וואָס מיר זאָלן עס נישט אָנרופן, גאָט צי נאַטור, צי השגחה, וועלן מיר עס אַלץ נישט קענען אָפּפטרן מיט ווערטער; דאָס דאָרף ווידער קען נישט אויסמיידן די לאַנגווייליקייט, די איינטאָניקייט, וואָס באַהערשט דעם מענטשן נאָך די ערשטע איינדרוקן פון אַנטציקונג.

מען האָט שטענדיק דעבאַטירט צווישן סאָציאָלאָגן וועגן גרויסן סאָציאַלן אונטערשיד צווישן דאָרף און שטאָט און וועגן די מיטלען צו געפינען אַ באַהעפטונג צווישן די צוויי עלעמענטן פון מענטשלעכן ישוב. אָבער נאָך גרעסער און שווערער צו לייזן איז דער פּסיכישער אונטערשיד צווישן מענטש, וואָס איז פאַרשלונגען דורך אַן אַרטיפיציעל־אויסגעבויטע וועלט (און אויך קונסט גייט אין אַ געוויסער מאָס אַריין אין חשבון פון געמאַכטקייט) און דעם מענטש, געוווינט צו אַ בראשיתדיקן קוק אויף דער שאַפונג. די סאָציאָלאָגן ווילן דעם קאָנטראַסט לייזן דורך צווינגען די שטאָט זיך מישן מיטן דאָרף, דורך לאָזן פאַרשלינגען די „פּאָליטישע חיה" אין תוהו ובוהו פון אַזאַ אָדער אַנדערן אויסגעטראַכטן סדר.

אָבער די צוקונפט געהערט צו אַ נייעם טיפּ, אַ נייעם מין ישוב, וואָס איז צווישן דאָרף און שטאָט, וואָס האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די שיינקייטן פון דער נאַטור, אָבער פאַרמאָגט אויך נישט די איינטאָניקייט פון דאָרף... געוויסע שטעטלעך אין דער שווייץ, וואָס דרעמלען צו פוסנס פון די אין וואָלקנס און נעפּל איינגעהילטע בערג, ביי אָזיערס, וואָס פירן אַן אייביקן שפּיגל־שפּיל מיט די זונען־שטראַלן. שטעטלעך, וואָס פאַרמאָגן אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס די היינטיקע טעכניק קען געבן, אָבער נישט די אוממענטשלעכע פאַרהאַוועטקייט פון די ריזןשטעט, שיינען מיר צו זיין די דאָזיקע געוווּנטשענע ישובים פון דער צוקונפט.

ווער ערשט פריער מוזן קומען אַ בלוט־מבול אָדער אַן אַטאָמישער מבול, וואָס זאָל חרוב מאַכן אונזער גרויס־שטאָט־ציוויליזאַציע און אויסבויען אַ נייע, אַ מענטשלעכע און הומאַניטאַרע וועלט?

אַ שלינגער פון גאָטס וואָרט אין אַ תּפֿיסה פון פראַנקרייך

אויב די שטאָט ליאָן דערמאָנט אַביסל די אַמאָליקע שטאָט לאָדזש, מיט אירע לאַנגע, געאָמעטריש־געשניטענע גאַסן, דערמאָנט שוין דער ליאָנער קוואַרטאַל „קרוא־רוס" אינגאַנצן דעם לאָדזשער באַלוט מיט זיין אָרעמקייט, שמוץ און דער עיקר מיטן געררויש פון זיינע וועב־מאַשינען. אין דעם אָרעמען קוואַרטאַל, וואָס געפינט זיך אויף אַ באַרג אַריינגעשטופּט צווישן דיביידע טייכן פון ליאָן, דעם ראָן און דעם סאַאָן, זענען געווען צוזאַמענגעדריקט אַ שפּאַר ביסל פון אחינו בני ישראל, צונויפגעקוועטשט און צוזאַמען געציטערט פאַר יעדן שאָרך פון אַ בלאַט, פאַר יעדן רויש פון אַן אויטאָ.

אַריבערגיין איינע פון די פיל בריקן פון ליאָן, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם דאָזיקן קוואַרטאַל מיט די אַנדערע טיילן פון דער שטאָט, אָדער אַראָפּגיידערן פון באַרג און זיך לאָזן אין צענטער שטאָט, וואָס געפינט זיך אויפן האַלב־אינזל צווישן די טייכן, איז צו יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. טראָץ דעם וואָס זייענדיק צוויי יאָר איינוווינער פון דער דריטער, גרעסטער שטאָט פון פראַנקרייך, קען איך פונדעסטוועגן זאָגן, אַז איך האָב ליאָן כמעט ווי נישט געזען און אירע אייגנטימלעכקייטן נישט קענען געלערנט.

אויב איינעם פון אונז, די אין ליאָן זיך אויפהאַלטנדיקע יידן בעת דער מלחמה, איז שווער געווען צו באַקענען דעם רייכערן און רוישנדיקן טייל פון דער שטאָט, אירע טעאַטערס, סינעמאַס, קאַפייען און אַנדערע מאָדערנע איינריכטונגען, דערפאַר איז אָבער נישט שווער געווען זיך צו באַקענען מיט אירע ערטער פון נויט און פּיין, פון תּפֿיסות און שפּיטעלער. מיר איז אויסגעקומען צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט דער באַרימטער תּפֿיסה פון „הייליקן פּאַל". ווי אַזוי ? צוזאַמען מיט אַ חבר פון לאָדזש, פלעג איך זיך כמעט יעדן טאָג טרעפן, כדי צו שפּילן אַ שאָך אין איינער פון די קאַפייען וואָס האָבן זיך געפונען אין יענער געגנט. ווי עס האָט

ל. דאָמאַנקעוויטש

זיך אָפּט געטראָפן אין יענע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז דווקא אין איינעם אַ טאָג ווען איך בין מיר אַזוי רואיק געזעסן, מיטן פּנים געווענדעט צום שאַך־ברעטל, מיט די פיגורן און קאַלקולירט אַ צוג, אַריין פּאָליציי אין קאַפּע און פאַרלאַנגט די אידענטיטעט־פּאַפּירן פון די אַנוועזנדיקע. מיין מיטשפּילער איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פונעם קאָנטראָל. איך אָבער בין, צוליב מיינע פאַלשע פּאַפּירן, גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה. אַלץ איז אין דעם קאַטוילישן ליאָן הייליק און אַזעלכע חשובע אינסטיטוציעס ווי תפיסות, אוודאי און אוודאי!

די תפיסה פון „הייליקן פּאָל" איז באַרימט מיט איר שמוץ און דיסציפּלין. אויב עסן איז דאָרט נישט געווען צופיל, האָבן דאָרט אָבער נישט געפעלט קיין פאַרשידענע ווערים, וואָס האָבן אַביסל צעשטרייט אונזער אומעט. געזעסן זענען מיר זאַלבעפירט.. איינער פון אונזערע תפיסה־קאָלעגן, וואָס איז געווען אַן אַלטער קלאָשאַר, וואָס האָט זיך אויף דער פריי דערנערט פון גנבה און אויב מען זאָל איינטיילן זיין לעבן צווישן פרייהייט און תפיסה, וועט זיכער דער פרייהייט קומען אַ רעשט. קיין קרובים אָדער באַקאַנטע, וואָס זאָלן אים אַמאָל שיקן אַ פּעקל עסנוואַרג, האָט ער נישט פאַרמאָגט. ער האָט אָבער דאָס פּראָבלעם פון הונגער געלייזט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן: ער האָט נעמלעך אַלץ געגעסן, וואָס ער האָט נאָר אָנגעטראָפן: שטרוי פונעם שטרויזאַק אַרויס, פּאַפּיר פון די פּעקלעך וואָס די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען. ווער שמועסט נאָך באַפּעטסטע פּאַפּיר וואָס אַנדערע האָבן אַוועקגעוואָרפן פון זייערע פּעקלעך, איז אוודאי געווען אַ מציאה. ער האָט אויך געגעסן שטיקער פון זיינע אייגענע מלבושים, און אונטער דער צייט פון מיין אַנוועזנהייט זענען אַזוי אַרום איינציקווייז פאַרשווונדן זיין וועסטל, דאָס העמד פון לייב א. א. וו.

איינמאָל האָט דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר באַזוכט אין די צעלעס זיינע אָנהענגער. אַזוי ווי אונזער קלאָשאַר איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט, האָט ער אויך באַזוכט אונזער קאַמער.

— דאַרפסט עפּעס? פרעגט אים דער פּאַסטאָר.

— אָ, ווען איך וואָלט געקענט פון אייך באַקומען עפּעס אַ שפּייזפּאַקעט, וואָלט דאָס פאַר מיר געווען אַ רעטונג. איך בין שטענדיק הונגעריק — פאַרקלאָגט זיך דער אַלטער אַרעסטאַנט.

— ליידער — ענטפערט דער הייליקער מאַן — קיין פאָנדן אויף

פעקלעך האָב איך נישט, נאָר איך קען אייך געבן, כדי אייך צו באַרואיקן און אייך דערלויבן צו פאַרטרייבן די צייט, די הייליקע ביבל.

און זאָגנדיק דאָס, האָט דער חשובער גייסטלעכער אים דערלאַנגט די עוואַנגעליע.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך מיך דערמאָנט אין דער מתנה, וואָס מיין תפיסה־קאָלעגע האָט באַקומען און זאָג צו אים:

— לאַמי (דאָס איז געווען זיין נאָמען), באָרג מיר נאָר אויס דאָס ביכל, וואָס דו האָסט באַקומען פון דיין פּאַסטאָר.

ער שטעקט אַריין די האַנט אין זיינע טיף־געלעכערטע טאַשן און ציט אַרויס אַ פּאָר טאָוולען.

— ווו זענען די אַלע בלעטער פון צווישן די טאָוולען? — פרעג איך אים.

לאַמי לייגט אַרויף די האַנט אויף דעם אָרט פון זיין מאָגן און ענטפערט: „דאָ!".

לייזער דאָמאַנקעוויטש אין זיין דור

ד״ר ל. זשיטניצקי

ל. דאָמאַנקעוויטש אין זיינע „ווערטער און ווערטן״

(פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב)

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון ל. דאָמאַנקע־וויטש׳ס „ווערטער און ווערטן״, איז דערשינען אין אַרגענ־טינע, אין דער צייטונג „די פרעסע״ פון 27־טן מאַי 1966 אַן אָפּשאַצונג פון ד״ר ל. זשיטניצקי, וועלכע מיר גיבן איבער אינטעגראַל.

אויך ווערטער זענען ווערטן, ענלעך ווי יעדער ווערט האָט זיין וואָרט. און ל. דאָמאַנקעוויטש אידענטיפיצירט אין געוויסע פאַלן וואָרט און ווערט, אָפטמאָל גייען זיי ביי אים צוזאַמען, קיינמאָל נישט אָפּגעטיילט. באַזונדערס ווען ער איז אויסן אָפּצושאַצן די ווערט פונעם יידישן וואָרט און די פאַרווענדונג פון די ווערטן אין דער יידישער דיכטונג און דער־ציילונג. ל. דאָמאַנקעוויטש פאַרמאָגט בכלל אַ לייכטן סטיל און דאָס פּאַ־סיקע וואָרט מסביר צו זיין פּראָבלעמען און ריכטיק איז זיין צוגאַנג דאָס יידישע פּראָבלעם צו זען, אויס אַן אוניווערסאַלן שטאַנדפּונקט, דאָך אויס אַ ספּעציפיש יידישער לייזונג.

אין אַ געוויסער מאָס שטעלט אַוועק ל. דאָמאַנקעוויטש דאָס יידישע פאָלק צווישן ציוויליזאַציע און קולטור, און ריכטיק איז זיין באַמערקונג, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן „רק קולטור און נישט קיין ציוויליזאַ־ציע״. אין תוך איז קולטור געווען דער קדמון, פון וואָס עס איז אַרויס־געוואַקסן די ציוויליזאַציע. אַזוי אַרום איז דאָס יידישע פאָלק אויסשליס־לעך אַ פאָלק פון גייסט. יידן זענען דאָס פאָלק, וואָס האָט „אין זיינע לאַ־

טענטע טיפּענישן צוגעגרייט אידייען און פֿאָלקס־איניציאַטיוועס, נביאים, משנה, תלמוד, און מדרש־בבלי נוסח ספרד און נוסח אשכנז, קבלה, פילאָ־זאָפֿיע און פּאָעזיע אין שפּאַניע און אין פּראָווענסאַליע, קבלה אין צפֿת, משיח־באַוועגונגען, חסידות, השכלה, די נייע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, אַלע האָבן זיי פֿאַרמירט אַן אומאיבערגעריסענע קייט פֿון יצירה, אַרויסשלאַגנדיק פֿון זאַפֿטיקן באָדן, וואָס האָט זיך פֿאַנאַנדערגע־שפּרייט איבער צייטן און שטחים און אויסגעפֿורעמט דאָס איינהייטלעכע פּנים פֿון כנסת ישראל. ערשט דער חורבן האָט די קייט איבערגעריסן".

ל. דאַמאַנקעוויטש האַלט, אַז אויך די קייט פֿון יידיש קען איבער־געריסן ווערן, הגם ער גלויבט אין איבעראַשונגען בשייכות יידיש. ער איז אַפֿילו פּאַראַדאָקסאַל, אָבער זעט די מעגלעכקייט פֿון אַן איבעראַשונג דווקא און אויסשליסלעך אין ישראל. ל. דאַמאַנקעוויטש האַלט אַז אי־בעראַשונגען קענען אויך פֿאַרקומען אויפֿן וועג פֿון היסטאָרישע טענ־דענצן. בשייכות יידיש, מיינט עס נאָכפֿאָלגן די היסטאָרישע טענדענץ, קאָנצענטרירונגען פֿון אַלע גייסטיקע כוחות פֿונעם פֿאָלק צו פֿאַרשטאַרקן די קוואַליטעט פֿון די יידיש־שאַפֿונגען אויפֿן חשבון פֿון דער פֿאַרשווינ־דערישער קוואַליטעט. „אַלע באַמיאונגען מוזן גיין אין דער ריכטונג פֿון מאָביליזירן די קוואַליטעט און פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אינסטיטוציעס צו דער פּראָדוצירונג פֿון קוואַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער — צו העלפֿן דעם גייענדיקן פּראָצעס פֿון טראַנספֿאָרמירן יידיש אין אַ מין לשון קודש".

ל. דאַמאַנקעוויטש קוקט אויף יידיש מיטן בליק פֿון אַן אָפּטימיסט. ל. דאַמאַנקעוויטש דרינגט עס אַרויס פֿון זיין רעזומירן: „די קאָנסערווי־רונג פֿון דער יידישער שפּראַך מוז אַזוי צוגעגרייט ווערן, אַז איר עווענ־טועלער אַרויספֿאַל פֿונעם ראַנג פֿון גערעדטע שפּראַכן, זאָל זיך נישט צונויפֿפֿאַלן מיט אַ קאַטאַסטראָפֿאַלער פֿאַרשווינדונג פֿון דער יידישער קולטור בכלל. אַז יידיש זאָל קענען בלייבן דאָס לשון וואָס האַלט זיך ווייטער לאַנגע, לאַנגע דורות אויף די פּלייצעס און פֿליגלען פֿון אויסגעוויילטן דור".

ל. דאַמאַנקעוויטש טראָגט נישט אַרויס קיין אורטייל אויף יידיש, ער איז נאָר אויסן אַ מין פּרעווענטיווקייט. אין תוך איז דאַמאַנקעוויטש פֿאַרליבט אין יידיש, ער איז פֿאַרליבט אויך אין דער יידישער קולטור.

אין אַלע זיינע סקיצירטע עסייען שפּירט מען אַזאַ ליבע, באַזונדערס ווען ער שרייבט וועגן יידישע דיכטער און דערציילער.

ל. דאָמאַנקעוויטש האָט איינגעטיילט „ווערטער און ווערטן" אין פיר רובריקן. ער שטעלט זיך אָפּ אויף איינצעלנע ווערק, אָבער ביי דער געלעגנ־הייט דרינגט ער אַריין בכלל אינעם פּאָעטישן און דערציילערישן אינגע־ווייד פונעם באַטרעפנדיקן דיכטער אָדער דערציילער אין דער באַמיאונג אַרויסצובאַקומען דעם דיכטערס אָדער שרייבערס שעפערישע תמציתדי־קייט און תוכיקייט. אַזוי, אַז ווען ל. דאָמאַנקעוויטש רירט זיך צו צו יעקב גלאַטשטיינען, אינטערעסירט אים אונטערצושטרייכן, אַז „יעקב גלאַטשטיין האָט וויט אויסגעברייטערט די תחומים פון דער יידישער דיכטונג און אין איר אַריינגעפירט אַלע טעמים פון אונזער תקופה, וואָס וואָלטן זיך אפשר זייער שלעכט געפילט אין דער געזעלשאַפט פון קאָנווענציאָנעלער ליריק, אָדער אַפילו אין שטח פון אינטעלעקטועלן סימבאָליזם, וואָס גיט אַ באַריי־כערונג פון מעטאַפאָרן און אַנאַלאָגיעס, בכן פון ווערטער און ווערטן".

ל. דאָמאַנקעוויטש נעמט נישט אויף זיך די ראָל פון אַ פּוסק אין דער יידישער ליטעראַטור, ער איז אויסן נאָר מספּיד צו זיין און איינראַמען יעדן דיכטער און דערציילער אין דער פּאַנאָראַמע פון דער יידישער שאַפונג און ליטעראַטור. זיין באַציאונג איז מער אַן אינטימע. ער גייט אַרויס, אין גע־וויסע פּרטים פון אַ באַשטימטער סענטימענטאַלקייט. אָבער אַ באַווירקטע פון אינטעלעקט. סענטימענטאַלקייט און לאָגיק ווירקן אין זיין באַנעמען דעם דיכטער, אין זיין שאַפונג־פּראָצעס און דערפינירן דעם מהות פון דער דיכטונג. ער האַלט, אַז איציק מאַנגער׳ס „קומט די קרוין פון מלכות פאָלקס־טימלעכקייט" און איז אים „אין איר גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ אָנגעמאָסטן. ער איז דער פאָלקסטימלעכער דיכטער פון אינסטינקטן און פון באַוווסט־זיין, און איז עס, ביז די וויטגייענדיקסטע און אַלזייטיקע קאָנסעקווענצן".

ל. דאָמאַנקעוויטש׳ס סטיל ביי אָפּשאַצן דיכטער איז אַ געהויבענער, אָבער אַ ספּעציפיש אייגענער. זיינע אָפּשאַצונגען וועגן דיכטער און דער־ציילער צייכענען זיך אויס מיט עסייאיסטישע סכעמאַטישקייט. ער זוכט דעם דיאַגנאָז און אַרום דעם זעלבן וויקלט ער אויס אַ געדאַנקן־אָנוווקס. ער האָט אַזוי אַרום פאַר מלך ראַוויטשן דעם ווייטערדיקן דיאַגנאָז: „דער סימפּאַטישער שרייבער, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געטראָגן צוגעבונדנ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

קייט צו זיין פאָלק, נישט געקוקט אויף לירישע אָפּנויגן און געטריישאַפט צום וואָכנדיקן לשון, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געשאַפן לפנים צום וואָכנדיקן געברויך, און וואָס איז געוואָרן די ליטעראַטור־שפּראַך, וואָס איז אַלעמאָל נישט בלויז נאָכן חורבן, נאָר פון די סאַמע אָנהייבן אָן געווען מער קודש ווי חול".

דאָס הויפּטזעכלעכע איז די דיכטערישע דעפיניציע און ל. דאָמאַנ־קעוויטש זאָל ווי שטרעבן צוצופּאַסן זיינע שפּראַכלעכע אויסדרוקן צו דער שפּראַכלעכער לירישקייט אָדער צו דער אימאַזשינירטקייט פונעם דיכטער און זיין דיכטונג. שרייבנדיק וועגן א. סוצקעווערן, איז ל. דאָמאַנקעוויטש געענוג צו זאָגן, אַז „א. סוצקעווער געהערט צו די דיכטער וואָס באַקומען השראה דורך געזאַנגען און נישט אין קיין פּאָעטישער אינספּיראַציע, וואָס זאָל זיין אינדיווידועלער, ווי די, וואָס קומט צוזאַמען מיטן בילד". אַזאַ טרעפלעכע דעטערמינירונג איז געענוג אַז מען זאָל פאַר זיך האָבן אַ פול־שטענדיק בילד פון א. סוצקעווערס פּאָעטישקייט.

אין זיינע דעפיניציעס איז ל. דאָמאַנקעוויטש באַזונדערס מקפּיד אויף שפּראַך. שפּראַך, אייגנטלעך, איז נישט קיין מיטל, נאָר דאָס פּסיכאָ־אויפנע־מענדיקע פון אַ פאָלק, פון אַ יחיד, וואָס קען נישט אַנדערש דענקען, ווי נאָר אין די קאַטעגאָריעס אָדער פון נוצלעכקייט אָדער פון שיינקייט, וואָס דרינגט אַריין אין אַ ספּיריטועלן אימאַזש, ווי ל. דאָמאַנקעוויטש שטעלט פאַר דעם דיכטער אריה שמרי: „א. שמרי האָט זיין פּשטות, וואָס איז אָבער זייער ווייט פון פּרימיטיווקייט. אַלע זיינע געזאַנגען זענען דין ליריש און געדאַנקלעך ראַפינירט. מחשבה און הרגשה זענען אין זיינע לידער באַהאַפטן, ווי באַהאַפטן עס איז דער גייסט פון מענטש מיטן גייסט פון קאָמפּאָס".

אַזאַ איז אויך ל. דאָמאַנקעוויטש אין זיינע סכעמאַטישע עסייען וועגן דיכטער און דיכטונג. ער איז עסטעטיש און געדאַנקלעך ראַפינירט, מחשבה און הרגשה ווערן ביי אים באַהאַפטן אין אַ סינטעז. אַזוי איז אויך דאָמאַנקע־וויטש, ווען ער רעדט וועגן דערציילער. מען וועט דורכלאָזן זיינע דעס־קריפּטיווע עסייען וועגן שזרן, מאַרק שאַגאַל און י. זרבבל און מען וועט אָנהייבן מיטן עסיי וועגן י. באַשעוויס. דאָ האָט ל. דאָמאַנקעוויטש אויס־געוויילט אַ ריכטיקן מיטל. ער רעדט וועגן יצחק באַשעוויסעס אוניווערסי־טעטן. מיר וועלן נישט זאָגן, אַז ל. דאָמאַנקעוויטש האָט געבאָרגט ביי מאַק־

סים גאָרקי, ער זאָגט גאַנץ ריכטיק וועגן י. באַשעוויסן: „באַשעוויס קומט מיר טאַקע אויס ווי אַ קינסטלער אָן אַנטימיסטיפיקאַטאָר און געפירט דערצו האָט אים דווקא זיין טאַטנס בית־דין שטוב, וואָס איז ווי ער אַליין דריקט זיך אויס אין דער הקדמה צו זיין בוך: „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב" — „אַ מין קאָמבינאַציע פון אַ געריכט, אַ געבעט־הויז, אַן אוניווערסיטעט און — אויב איר ווילט — אַ קאַבינעט פון אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער".

י. באַשעוויס איז אָפּטמאָל דער שרייבער פון אויסטערלישע געשיכטעס און עפּיזאָדן, אָבער מען דאַרף אָנערקענען, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ נייעם טיפּ ייד, אַן אייגנאַרטיקן פּערסאָנאַזש מיט אַלע זיינע סאָציאַלע עלעמענטן.

און מען מוז דורכויס מסכים זיין מיט ל. דאָמאַנקעוויטשעס אויספיר, אַז „אין גרויסן אָרקעסטער וואָס שפּילט אויס די סימפאָניע פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, הערט זיך אַרויס דער באַזונדערער אינסטרומענט פון י. באַשעוויס, אַ סאָלאָ־מוזיק, וואָס איז מוסיף צו דער אַלגעמיינער האַרמאָניע".

מען שפּירט ביי ל. דאָמאַנקעוויטשן די גרויסע סימפּאַטיע צום יידישן שרייבער, צו דער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער. עס איז אויסער דעם ווייל ל. דאָמאַנקעוויטש איז פאַרליבט אין יידיש, גליבט אין יידיש. ער זעט און באַנעמט די שיינקייט פון יידיש. ווען דאָס יידיש־וואָרט פאַרוואַנדלט אין פלאַסטישן אימאַזש. אַזוי זאָגט ער וועגן יאָסל בירשטיין: „בירשטיין פאַרמאָגט אַ באַזונדערע שפּירעוודיקייט פאַר דער נאַכט, אַ וואַכעדיק אויער פאַר אירע שטילקייטן און אַ פאַספּאָריש אויג פאַר אירע פינצטערנישן אין די סצענעס פון שפּאַצירן, פאַרבייגיין זיך, זיך קרייצן אין דער נאַכט. פון אויפשטייענדיקע פענצטער, בליצנדיקע הימלען, שמועסן פון די רפתנים (ראַפּטאַנים) און פאַסטעכער אין דער קיבוץ־קאַנטינע ביי־נאַכט — געהערן צו די בעסטע און שטימונגספולע" און פירט אויס: „אַזוי ווי ער איז, בלייבט בירשטיין אַ שרייבער מיט פיינע קינסטלערישע מאַניערן, אַ מענטש, וואָס האָט טיף פאַרדייעט אין זיך גוטע ליטעראַרישע השפּעות".

מיט עטלעכע ווערטער קאָן מען אויך דעפינירן ל. דאָמאַנקעוויטשן דורך זיינע „ווערטער און ווערטן": ל. דאָמאַנקעוויטש איז אין זיינע סכעמאַטישע עסייען, אין זיינע זשורנאַליסטישע עטיודן, דער קינסטלער, וואָס

ל. דאָמאַנקעוויטש

איז מקפּיד אויף דער ציכטיקייט און שיינקייט פון דער שפּראַך, אויפן לאָגיש־געדאַנקלעכן און סענטימענטאַל־אינטימען, פונעם ווערט, וואָס האָט און זאָל ווערן אַ ווערט. ל. דאָמאַנקעוויטש לייגט אַריין אַ טיפן אינהאַלט און זין ביים אָפּשאַצן דעם שרייבער און זיין ווערק. דאָס דיכטערישע און דאָס דערציילערישע, ווי עס ווערט באַשטעטיקט, אַז וואָרט ווערט טראַנספאָרמירט אין ווערט, און ווערט באַקומט קיום און תיקון נאָר דורכן וואָרט.

ד״ר שלמה ביקל

... צום בעסטן האָט דאָמאַנקעוויטש אויטאָ־כאַראַקטעריזירט זיינע עסייען אין דעם ערשטן באַנד, וואָס הייסט „פון אייביקן און אַקטועלן״ און לאָזט זאָגן אי אַז אַקטועלע און אייביקע טעמעס זענען גלייכבאַרעכטיקט ביי דאָמאַנקעוויטשן, דעם שרייבער, און אי אַז זיין שרייבערישע מעטאָדע איז צו זען דאָס אַקטועלע אונטערן אַספּעקט פון דאָס אייביקע און צו באַהאַנדלען דאָס אייביקע מיטן ציל מתקן צו זיין דאָס אַקטועלע. און מערקווירדיק איז, וואָס דער עלעמענט פון „אַקטועלן און אייביקן״ כאַראַקטעריזירט נישט בלויז דאָמאַנקעוויטש׳עס אופן שרייבן, נאָר אויך זיין פיזישן אויסזען.

... דאָמאַנקעוויטש זעט אויס גלייך נישט נאָר ווי זיין בוך, נאָר טאַקע ער אַליין זאָל הייסן „פון אַקטועלן און אייביקן״. ער האָט אַ קיילעכיק לבנה־פּנים, וואָס לייכט מיט זשורנאַליסטישער נייגעריקייט און אין דער זעלבער צייט ווייעט פון זיין געשטאַלט, פון זיין פּנים און פון זיינע באַוועגונגען מיט סטאַטישער פילאָזאָפישער מנוחה, וואָס דערציילט שוין אויפן ערשטן בליק אַז דער מאַן איז פאַרטאָן מיט זיין געדאַנק און מיט זיין געמיט אין די פּראָבלעמען פון אייביקן.

נישט ווייניקער ווי מיט דעם נאָמען פון זיין ערשטן בוך עסייען, האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש זיך אויטאָ־כאַראַקטעריזירט מיט דעם טיטל „ווערטער און ווערטן״ פון זיין דריטן בוך (דער צווייטער באַנד עסייען הייסט „צעשאָטענע קערנער״, וואָס דערמיט איז דער מחבר, מן הסתם מרמז אויף דעם בכיוון נישט אָרגאַניזירטן אָפּקלייב פון די עסייען). „ווערטער און ווערטן״ איז אין תוך אַ וואַריאַנט פון „פון אַקטועלן און אייביקן״. די ווערטער פאַרפליען (ווערבאַ וואָלאַנט) און די וואַלאָרן, די ווערטן פאַרשריבן אויף די בלעטער בלייבן (סקריפּטאַ מאַנענט).

און צי עס זענען דאָס אַקטועלע ווערטער אָדער פאַראַגראַפן און

ל. דאַמאַנקעוויטש

זייטלעך וועגן בלייבנדיקע ווערטן, קומט אַלעמאַל צום אויסדרוק אין דאַ־מאַנקעוויטשעס עסייען זיין גרויסע ליטעראַרישע ערודיציע און זיין היימיש־קייט אי אין דער יידישער און אי אין דער נישט־יידישער וועלט פון מחש־בות. און ווייל ער איז אַ היימישער מענטש אין אונזער אייגענער און אין דער אייראָפּעאישער קולטור, רעדט ער כמעט דורכאויס אין איר לשון אָן באַזונדערן אָנשטרענג. ער רעדט מיט וואַרעמקייט, מיט ישוב הדעת און פאַלט נישט אַריין נישט אין היפּערקלוגשאַפט און אויך נישט אין צופיל התפּעלות.

די קולטור־היימישקייט איז דער עיקר קענטיק אין דאַמאַנקעוויטשעס כלאחר יד׳יקע פאָרמולירונגען, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן דעם גוטן טעם פון אינטואיטיווער חכמה געפּאָרט מיט ניכטערנעם שכל הישר. רעדט דאַ־מאַנקעוויטש וועגן דער אָנגעווייטיקטער פראַגע: צוקונפט פון יידיש באַ־ווייזט ער זיך אויסצוהיטן אי פון פלאַכן אָפּטימיזם און אי פון לייכט־רעדנ־דיקן און דערפאַר רשעותדיקן פּעסימיזם.

„צי יידיש קאָן לייזן (פאַרענטפערן — ש. ב.) די פראַגע פון יידישקייט אין די תפוצות — פאַראַפראַזירט דאַמאַנקעוויטש ה. ד. נאָמבערגן, איינעם פון די קליגסטע אין אונזער עסייאיסטיק דעם געדאַנק פאָרמולירט אין שייכות פון די לעצטע צוויי דורות, וואָס האָט גלות און ארץ ישראל — זענען מיר מסופק, אָבער מיר מוזן מיט דער גאַנצער פעסטקייט פאָדערן, אַז אין די ברייטע ראַמען פון יידישקייט זאָל געזאָרגט ווערן פאַר דער דערהאַלטונג פון יידיש, פאַר דער קאָנסערווירונג פון די פונדאַמענטאַלע ווערטן, געשאַפענע אין יידיש לשון, אין וועלכע עס איז געקומען צום אויס־דרוק אַזוי פיל דורותדיקע געפיל און נשמה״.

עס קאָן זיין, אַז די פאָדערונג בנוגע יידיש, וואָס דאַמאַנקעוויטש שטעלט אַרויס אין דעם נאָר וואָס ציטירטן פאַראַגראַף, וועט פאַר אַ סך פון אונז קלינגען צו באַשיידן. אָבער אַז די פאָדערונג טרעפט, אַזוי צו זאָגן, אין היסטאָרישן פּינטל אַריין, ווייל זי רירט אָן דעם סאַמע עיקר פון דער צוקונפט־פּראָבלעם פון יידיש, וואָס איר נאָמען איז „פון קוואַנטיטעט צו קוואַליטעט״, דאָס קאָן קיינער נישט לייקענען, אויך נישט דער עקסטרע־מער מאַקסימאַליסט. אין דער שפּראַך גופא איז דאַמאַנקעוויטש דווקא ווייט פון מייסטערשאַפט. אָבער אין געדאַנקלעכע און אין ליטעראַטור־

קריטישער פאַרמולירונג איז ער אָפט מלא טעם און מיט חריפותדיקער צו־דער־זאַכיקייט".

דאָס ווערטפולע פון דאַמאַנקעוויטשעס עסייען זענען זייערע געראָ־טענע פאַרמולעס פון מחשבה. און אין דעם פּרט איז אפשר די געראָטנסטע עסיי וועגן שלום־עליכמען. אָט למשל, וואָס דאַמאַנקעוויטש האָט צו זאָגן, און אין קאָרב אַריין צו זאָגן, וועגן דעם הומאָר ביי שלום עליכמען:

„נאָר דער הומאָר מאַכט שלום עליכם'ס סיטואַציעס און פּערסאָנאַזשן ציבורדיק. הומאָר איז בכלל ציבורדיק. עס ווײַנט זיך גוט ביחידות, אָבער עס לאַכט זיך צום בעסטן בציבור". שלום עליכם, זאָגט מיט רעכט דאַמאַנ־קעוויטש, האָט דורך דעם הומאָר, אין וועלכן ער הילט די רייד פון זיינע מענטשן און דורך דעם קאָמישן דעקאָר פון די סיטואַציעס טראַנספאָרמירט די טראַגישע יחידים מיט טראַגישע איבערלעבונגען אין רעפּרעזענטאַנטן פון אַ קאָלעקטיוו. דער הומאָר פאַרוואַנדלט טביה'ס יחידישע רייד און אי־בערלעבענישן און רייד פון פאָלק".

און פון דער זייער געראָטענער עסיי וועגן שלום עליכמ'ס הומאָר איז אויך כדאי צו ציטירן דאַמאַנקעוויטשעס קורצן און חריפותדיקן היסטאָרישן איבערבליק פון הומאָר אין דער יידישער שעפערישקייט ביז שלום עליכמען:
„די נביאים האָבן זייערע שטרענגע רייד געמישט מיט איראָניע, אָבער נישט מיט הומאָר; די בעלי־אגדה האָבן פאַרזיסט די שטרענגקייט פון דער הלכה מיט דער פאַנטאַזיע, אָבער נישט מיט געלעכטער; נישט די רבנישע ליטע־ראַטור און נישט אונדזערע דיכטער פון מיטלאַלטער (אַ חוץ עמנאל הרומי), נישט די מקובלים און נישט די חסידים האָבן ערגעץ־ווו אַרויסגעבראַכט דעם שמייכל פון פאָלק. די משכילים האָבן געקענט אויסלאַכן, אָבער נישט מיטלאַכן".

דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ היסטאָרישער איבערבליק, וואָס מען וואָלט געדאַרפט פּרטימדיקער נאָכפאָרשן, כדי אים צו באַשטעטיקן אָדער צום טייל אָפּצוּוואַרפן, אָבער אַזוי ווי ער איז אַוועקגעשטעלט, בלענדט ער מיט חריפות און מיט אמת.

יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט זעקס פאָרטרעטן פון יידיש־סאָוויעטישע שרייבער. דאַמאַנקעוויטש שרייבט וועגן דעם בוך מיט לויב און פלוצים „באַפאַלט" אים אַ קאַפּריז אַרויסצוציען פון יאַנאַ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

סאָוויטשעס פּאָרטרעטן זיינע אייגענע בליץ־כאַראַקטעריסטיקעס און די כאַראַקטעריסטיקעס זענען לפי דעתי שאַרף מיט זייער צמצום און טרעפיק מיט זייערע דעפיניציעס. אָט זענען זיי, די זעקס, על פּי דאָמאַנקעוויטשעס בליץ־כאַראַקטעריזירונגען: „לייב קוויטקאָ — אַ תם; דער נסתר — אַ צדיק; איציק פעפער — אַ שפּירעוודיקע נאָז; האָפשטיין — לובש צורה ופושט צורה; בערגעלסאָן — אַ פאַרנאַרטער פון פחד; פרץ מאַרקיש — אַ געפאַלענער פּרינץ״.

רעדנדיק וועגן אברהם סוצקעווערס פּאָעמע „סיביר״, ברענגט דאָמאַנ־קעוויטש אַרויס די קריטישע טעזע, אַז „דאָס אויג צו זען די בילדער פון חורבן און די זעאונג פון נגב איז שוין פריער געשאַרפט געוואָרן אין די לויטערקייטן פון „סיביר״. איך האַלט, אַז די טעזע איז אַ ריכטיקע און איך אַליין בין אין מיינע עסייען וועגן סוצקעווערן אויך געגאַנגען דעם זעלבן קריטישן וועג.

... איך בין באמת צופרידן, וואָס אויך לייזער דאָמאַנקעוויטש זעט אין סוצקעווערס פּאָעמע „סיביר״ דעם קוואַל פון דיכטערס שאַפן און דעם שליסל צו דער קריטישער באַליכטונג פון זיינע וויזיעס און פון דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פון די דאָזיקע וויזיעס.

... דאָמאַנקעוויטש איז בפירוש גערעכט ווען ער זאָגט, אַז „פאַר וואָג־לערן איז די היימישע לאַנדשאַפט נישט בלויז אַטמאָספער און דעקאָר, (נישט בלויז) ראַם פאַרן געוועב פון זיין ליד, ניין. ס׳איז דער תוך גופא פון זיין שאַפן. נאָך מער (עס איז) זיין אייגענער באַשאַף. אָן אַ צאָל זענען די ערטער אין וואָגלערס לידער, ווו ער מאַכט פון דער יצירה דאָס ווערק פון מענטשנס געמיט״.

... איבער אַלע עסייען וועגן דיכטער וואָס דאָמאַנקעוויטש האָט אַריינ־געשטעלט אַריין געבראַכט. זיי זענען צוויי לעצטע אין קאַרב אַריין פאַרמולעס וואָס זענען אי ריכטיק און אי שיין. וועל איך בלויז דערמאָנען די קורצע, פּשוטע און זייער טרעפיקע באַמערקונג וועגן פּאַפּירניקאָווס בוך „די זון הינטער מיר״. „אויב פּאַפּירניקאָוו — זאָגט דאָמאַנקעוויטש — איז פון זיינע פריערע לידער־זאַמלונגען געווען דער באַזינגער פון זיין בענקשאַפט, איז ער איצט אין זיין נייעם בוך דער בענקער נאָך זיין בענקשאַפט, דער טרוימער נאָך זיין טרויער״.

מלך ראַוויטש

לייזער דאָמאַנקעוויטש איז אַ ליטעראַטור־עסייאיסט און אַ זשורנאַליסט, אַ לאָדזשער (ביז 1931) און אַ פּאַריזער, אַ שרייבער אין העברעאיש און יידיש. איינע פון זיינע עסייען־זאַמלונגען האָט ער אָנגערופן: „פון אַקטועלן און אייביקן" און דאָס אַנדערע: „ווערטער און ווערטן". דאָס אַלץ זענען נישט קיין סתירות, און נאָר פאַרשידנקייטן, וואָס דערגאַנצן זיך. אַ מין קאָעקזיסטענץ — רעדנדיק מיט אַקטועלן לשון — פון עלעמענטן, וואָס זענען ביידע ווערטיקע.

און טאַקע וועגן דער זאַמלונג „ווערטער און ווערטן" שרייבן מיר דאָ אַן אַרטיקל, אָדער אַ רעצענזיע, אָדער אַן עסיי — אָדער רופט עס ווי איר ווילט. ווי עס טרעפט ביי מחברים, וואָס זענען גלייכצייטיק זשורנאַליסטן, האָט זיך אין דעם בוך פון ל. דאָמאַנקעוויטש אין אַ געוויסער צאָל פון אַרטיקלען, אַריינגעכאַפּט די בחפזונדיקייט. דאָמאַנקעוויטש איז בדרך כלל אַ גוטער סטיליסט אין יידיש דעמאָלט ווען ער גיט זיך די מי. ער קען — מיט איין וואָרט — די נישט־גרינגע מלאכה פון גוטן יידישן לשון.

... עס באַמערקט זיך אין די מאמרים דאָמאַנקעוויטשעס אַ סאָלידע באַזע פון טראַדיציאָנעלן יידישן וויסן און אַ היפּשע באַהאַוונקייט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. חדר און ישיבה און דרייסיק יאָר לעבן מיט אָפענע אויגן און אויערן אין פּאַריז זענען אַ גוטע קאָמבינאַציע פאַר אַ יידישן ליטעראַטור־עסייאיסט.

אין דעם „פאָרווערטס" מעדיטירט דאָמאַנקעוויטש אַ ביסל וועגן זיין אייגענעם בוך „ווערטער און ווערטן". ער איז מפרש דעם דאָזיקן בוך־נאָמען גאָר פּראָסט און פשוט: אייגענע ווערטער וועגן נישט־אייגענע ווערטן. מען וואָלט געקענט אויך אַנדערש אינטערפּרעטירן און מעדיטירן. למשל: אויבנאויפיקע ליטעראַטור און בלייבנדיקע, אידעאָלאָגיש, פּאַרטיפּטע, ווער־

ל. דאָמאַנקעוויטש

טיקע אַנטקעגן ווערטערדיקע. אונז דאַכט זיך, אַז גיכער: די אַנטקעגנשטע־לונגען פון סתם ליטעראַרישע ווערטער קעגן ליטעראַרישע ווערק מיט אַריינגעטראַכטע און אַריינגעשאַפּענע אייביקע און טיפע ווערטן — אָט דאָס איז געווען און איז די כוונה פון דאָמאַנקעוויטשן.

... יעדער שרייבער, וואָס שרייבט אַ לאַנגע צייט — און דאָמאַנקע־וויטש איז ליטעראַריש שעפעריש שוין קנאַפּע פערציק יאָר, און האָט וואָס צו זאָגן, און האָט דערצו דעם טאַלענט אַרויסצוברענגען אין אַ גע־העריקער ווירקעוודיקער פאָרם דאָס געזאָגטע — אַרבעט זיך אויס אַ גע־וויסן מעטאָד. דער מעטאָד ווערט אַ געוווינשאַפט — און גוט אַזוי. מיר זאָגן עס לשבח. זוכן מיר דעם דאָמאַנקעוויטשעס־מעטאָד און דאַכט זיך אַז מיר האָבן אים געפונען.

כמעט יעדער מאמר אין די ווערטער און ווערטן הייבט זיך אָן מיט אַ דייטלעכער און קאָנטיקער טעזע — און דאָס ווייטערדיקע זענען שוין די באַגרינדונגען, אַרומרעדונגען און דאָקומענטירונגען דורך ציטאַטן. לדוגמא: אָט אַזוי הייבט זיך אָן דער צענזייטיקער מאמר וועגן יעקב גלאַטשטיין: איך קען נישט קיין צווייטן יידישן שרייבער, וואָס זאָל מיטן פשוטסטן יידישן וואָרט און אַפילו מיטן לכאורה, באַנאַלסטן יידישן וואָרט, אַזוי אַרויסברענ־גען די אָריגינעלסטע תוכיקייטן אין דער פּאָעזיע און אין דער פּראָזע, ווי יעקב גלאַטשטיין.

און אָט האָט איר אַ פּאָר אָנהייב־שורות פון מאמר וועגן דעם יידישן פּאָעט־חלוץ אריה שמרי: זיין פּאָעטישער נאָמען איז אריה שמרי. ער איז אַ וותיק פון קיבוץ עין־שמר; פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן איז ער פּאָר־מירט דורך השומר הצעיר; פון וועלכער זייט איר נעמט אים, איז דער עלעמענט פון שמירה אין אים פּאָראַן. און ווייטער: אַ געבענטשטן סינטעז האָב איך אויסגעפונען ביי אָט דעם שומר הצעיר; פון יידיש און העברעאיש, פון אַרבעט און פּאָעזיע, פון מאָראַל און סאָציאַל, פון אַלט־יידישקייט און באַנייאונג.

און נאָך אַ דוגמא — וועגן יצחק באַשעוויס, דעם דערציילער: מיט וואָסערע מאָסן מיר זאָלן נישט צוגיין צו דערציילונגען, אַז זיי דאַרפן אָפּ־שפּיגלען דאָס רעאַלע און באַקאַנטע — מוזן מיר בכל אופן פעסטשטעלן, אַז אַ דערציילונג מוז קודם כל זיין אינטערעסאַנט, גוט דערציילט און טאָר

נישט זיין לאַנגווייליק. אַט דעם באַדינג דערפילט י. באַשעוויס לכל הדעות. זיינע טעמעס זענען תמיד אינטערעסאַנט, די שפּראַך אַ קערנדיקע, זיין סטיל אַ פאַרביקער און געפּאַסטער צום ענין. ער פאַרמאָגט אַן אַנגעשאַרפטן קינסטלערישן אינסטינקט און שפּירעוודיקע חושים. איצט קומט אָבער די פראַגע, צי אַ קינסטלער מעג אַלץ שילדערן, און אַזוי ווייטער.

מיר האָבן דאָ געבראַכט דריי דוגמאות פון דאָמאַנקעוויטשעס בוך אויף צו באַווייזן זיין מעטאָד פון אַריינצושרייבן זיין באַהאַנדלטן אָביעקט גלייך, תוך כדי דבור, מיט אַ דייטלעכער און כאַראַקטעריסטישער טעזע. ווען מיר וואָלטן געזוכט אַ דוגמא אין דער יידישער ליטעראַטור, צום גאַנצן שאַפן פון לייזער דאָמאַנקעוויטש — וואָלטן מיר געזאָגט, אַז צום נאָענטסטן שטייט ער צו בעל־מחשבות, איינעם פון די ראשונים פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַרישער קריטיק.

י. גלאַטשטיין

איינע פון די טרויעריקסטע זאַכן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער ליטעראַטור, ווי נאָר זי האָט גענומען שטעלן די ערשטע טריט ביזן היינטיקן טאָג, איז די באַזאָרגטקייט וועגן איר גורל. אַפילו אין די פרייידיקסטע צייטן פון איר באַרג־אַרויף האָבן זיך גלייך געהערט טע־נער פון אומזיכערקייט, נישט נאָר וועגן איר צוקונפט, נאָר אַפילו וועגן דעם לשון גופא, וואָס אויף אים האָבן אויפגעשפּילט די שענסטע שאַפערי־שע כוחות. ס'איז געווען אַ למי אני עמל און אַ למה אני עמל. די גרויסע יידיש־מייסטער אונדזערע האָבן נישט צו שטאַרק געגלייבט אין דער צו־קונפט פון יידיש און נישט געהאַט קיין צו גרויסן צוטרוי, אַז ס'וועט לאַנג אויסהאַלטן. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך לכתחילה אַריינגענאַרט ווי אַ ליטעראַטור נעבעך פאַרן פאָלק, וואָס „זשאַרגאָן" איז זיין שפּראַך. מען דאַרף באמת גאָר שטאַרק באַוואונדערן, אַז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל קאָמפּלעקסן און ציטערנישן, איז פאַרט געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע און פאַרכאַפּנדיקע ליטעראַטור און אַ קינסטלעריש לשון פאַר אַלערליי שעפע־רישע אויסדרוקן.

ס'איז דערפאַר נישט קיין וווּנדער, וואָס אין דעם עסייען־בוך מיט דעם אויסגעצייכנטן נאָמען — „ווערטער און ווערטן" פון ל. דאָמאַנקעוויטש, וואָס איז דערשינען אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב, פאַרנעמט זיך דער מחבר גלייך אין זיין ערשטן עסיי מיט דער זאָרג, אַז דער „פאַקטאָר" פון יידיש זאָל חלילה פאַרשווינדן. אַז מען וויל, קען מען זאָגן, אַז דאָ־מאַנקעוויטש דריקט נאָך אויס די מורא אין זיין הקדמה, אַז ס'נעמט אַרום „אַן אומעט און אַן אומרו" אַ יידישן מחבר, וואָס שיקט אַרויס זיין בוך אויף אַ יאַריד „וווּ עס רודערט זיך נישט. און אויף וויפל עס רודערט זיך און יאַרידעט זיך יאָ, איז עס מער מצד די מחברים ווי מצד די לייע־נער".

האָבן מיר דאָ ממש גלייך ביים אַרויספאָר אי די זאָרג וועגן לשון, אי וועגן דעם עניגמאַטישן לייענער, וואָס קויפט נישט קיין יידיש בוך. אין צווייטן עסיי „פון קוואַנטיטעט צו קוואַליטעט" וואָרנט דאַמאַנקע־וויטש קעגן „אָפּנאַרערישן אָפּטימיזם" בנוגע דער צוקונפט פון יידיש. דער מחבר עצה׳ט מען זאָל צוגרייטן פאַר יידיש אַ באַזונדערע ראָלע, כדי אונזער לשון זאָל אינטעגרירט ווערן „אין דעם נצח" פון יידישן פאָלק. דער צוגרייט דאַרף באַשטיין אין אַ „יידיש־אינטעלעקטועלע עלי־טע פון יוגנט אין שטודיע־עלטער", כדי אין אַ צוויי הונדערט יאָר אַרום זאָלן „יידיש־פּראָפעסאָרן, סטודענטן, בני־ישיבה", קענען פאָרשן „אונדזע־רע צייטן, דאָס שטעטל פון שלום־עליכמס ווערק אַרויס".

ל. דאַמאַנקעוויטש איז אַ באַגאַבטער און ערנסטער פּובליציסט. ער איז דער רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזער צייטונג „אונזער וואָרט" און אַלץ וואָס דערשיינט דאָרט אונטער זיין נאָמען איז געוויינלעך אַ געוויסער צושטייער צו אונזער רעפלעקטירנדיקער פּילקאַלירטער צעזייט־ און צעשפּרייטקייט. ער געהערט צו דער קאַטעגאָריע יידישער פּובליציסטיק, וואָס האָט איר צוגרייט געפונען אין אַ גוטער יידישער און העברעאישער דערציאונג. דאַ־מאַנקעוויטש שרייבט אויך זייער אָפט קריטיק און ער וויזט אַרויס באַ־טייטנדיקע אָפּשאַץ־פעאיקייטן. ער איז נישט קיין מבינות־זאָגער, נאָר זיי־נע בעסערע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור פאַרמאָגן אַן אייגענעם ווערט, ווייל דער מחבר גייט צו לכתחילה מיט דעם גלויבן אין דער שעפערישקייט פון קריטיק, וואָס איר טעמאַטיק איז אַ בוך, אָדער דער מחבר פון אַ בוך.

דאַמאַנקעוויטש, אַ ייד פון פוילן, האָט אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז מיט אַ 35 יאָר צוריק. ער האָט פרי אָנגעהויבן שרייבן, אָבער ער איז אַ גרויסער מפונק אויף זיין אייגענעם ליטעראַרישן פאַרמעגן און נישט גע־קוקט דערויף, וואָס ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט הונדערטער ערנסטע עסייען וועגן ליטעראַטור און יידיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, האָט ער ביזן היינטיקן טאָג אַרויסגעלאָזט בלויז צוויי ביכער. זיין ערשט בוך, אַ זאַמלונג עסייען „פון אַקטועלן און אייביקן", איז דערשינען מיט אַן ערך צען יאָר צוריק און איצט איז אַרויס זיין צווייט בוך — „ווערטער און ווערטן", אַ זאַמלונג פון עטלעכע און פופציק קורצע עסייען.

דאָס נייע בוך איז אייגנטלעך אין פיר אָפּטיילונגען. מיך האָט קודם

ל. דאַמאַנקעוויטש

כל פאַראינטערעסירט זיין לעצטע אָפּטיילונג, וואָס זאָגט עדות אויף דער קולטור, וואָס דאַמאַנקעוויטש האָט איינגעזאַפּט דורך זיינע רייפערע יאָרן אין פראַנקרייך. ער איז נישט געבליבן מחוץ דעם דאָזיקן לעבן, נאָר ער איז פון אונדזערע בעסטע „ראַפּאָרטערן" וואָס די יידישע ליטעראַטור פאַר־מאָגט איבער דער וועלט און וואָס גיט אונדזער יידיש־שעפערישקייט דאָס רעכט אָנגערופן צו ווערן אַ וועלט־קולטור מיט ברייטע וועלט־אינטערעסן.

אין דער פערטער אָפּטיילונג שפּיגלט זיך אָפּ אין די עסייען דאַ־מאַנקעוויטשעס טיפער אינטערעס אין דעם גורל פון יידישן פאָלק, בעסער געזאָגט, אין זיין געשטאַלט, וואָס דער פראַנצויזישער לייענער איז עלול צו קריגן, ווען ער לייענט אַ פראַנצויזיש בוך פון אַ מחבר אַ ייד. כ׳זאָג אַ מחבר אַ ייד, כדי עס צו אונטערשיידן פון אַ יידישן מחבר. טייל ביכער פון יידן אויף פרעמדע לשונות זענען אַנטלויף־ביכער פון יידישן פאָלק, אָפט מאָל באַוווסטזיניקע צעקרימונגען פון יידישן לעבן, אָבער אויך נישט זעלטן אַ פּועל־יוצא פון פרעמדער דערציאונג אין אַן אָפּגעפרעמדטער מיליע.

אין דער פערטער אָפּטיילונג פון זיין עסייען־זאַמלונג רעדט דאַמאַנ־קעוויטש וועגן עטלעכע אַזעלכע ביכער פון פראַנצויזיש־יידישע מחברים פון ביידע קאַטעגאָריעס. ער פאַרענדיקט די אָפּטיילונג מיט אַלבער מע־מי׳ס „פּאָרטרעט פון אַ ייד", אַ בוך, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוויסן אינ־טערעס אויך אין דער ענגלישער איבערזעצונג.

דאַמאַנקעוויטש קאָן געוויינטלעך זיין גאָר שאַרף ווען ער וויל און דאַרף, אָבער מייסטנס באַציט ער זיך צו אַזעלכע אָפּגעפרעמדטע יידן מיט אַ פאַרשטייענדיקער טאָלעראַנץ. ער קאָן זיך בייזערן, אָבער ער ווייסט אויך ווען בייזערן זיך איז אַרויסגעוואָרפן, אויב מען דערגייט נישט צו די וואָרצלען. אַלבער מעמי איז אַ ייד פון טוניס. זיין דערציאונג איז געווען אין דער פראַנצויזישער קולטור. זיין וויסן וועגן יידן איז באַגרע־נעצט און ווען ער קען נישט מאָלן אין דער טיף יידישן שטייגער און אים געבן אַ גרונטיקן יידישן אינהאַלט, ווערט ער ציניש און יידישקייט קומט ביי אים אַרויס ווי ביי היינען — אַ קראַנקהייט.

דאַמאַנקעוויטשעס אָפּהאַנדלונג וועגן דעם פראַנצויזיש־יידישן היס־

טאַריקער פון קריסטנטום, ראַבער אַראַן; וועגן דעם אַנטי־יידישן ראָמאַן פון דעם פראַנצויזיש־יידישן שרייבער ראָזשע איקאָר; וועגן דעם וואַרע־מען יידישן מעמואַרן־בוך פון ראָמאַן גאַרי, וואָס איז אויך דערגאַנגען צו אונדז קיין אַמעריקע, מיט דער אינטערעסאַנטער שילדערונג פון אַ יידי־שער מאַמע, וואָס האָט פאַר איר טויט צוגעגרייט פאַר דעם זון אירן אויפן שלאַכטפעלד, בריוו אויף צוויי יאָר; וועגן דעם בוך פון פיאָטר ראַוויטש „בלוט פון הימל", פון דער היטלעריסטישער גרויל־צייט — די אַלע אָפּ־האַנדלונגען, אַ ביסל צו קורצע, צוגעפּאַסטע צו צייטונג־פּלאַץ, זענען גע־שריבן מיט אינטעליגענץ, פאַרשטענדעניש און פון אינעווייניק, מיט פאַר־זיכטיקן יידישן בליק אויף דער יידישער ליטעראַטור אין פראַנצויזיש, אַ געביט, וואָס איז נאָך דערוויייל זייער מאַגער, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מען רופט אַ „דורכברוך" פון יידישע שרייבער אין דער אַמעריקאַ־נער און טיילוויז אויך אין דער ענגלישער ליטעראַטור.

ל. דאָמאַנקעוויטש פאַרמאָגט תמיד אין זיינע עסייען עטלעכע זאַצן, וואָס ווייזן אויף דער מיטשאַפונג פון עסייאיסט, בעת ער רעפלעקטירט וועגן די ווערק, וואָס ער באַהאַנדלט. שרייבנדיק וועגן די „שריפטן פון פאַרמשפּטע צום טויט" פון מיכאל באַרוויטש, זאָגט דאָמאַנקעוויטש, אַז „די טעמע איז זיכער נאָך נישט גענוג וויסנשאַפטלעך רייף פאַר היסטאָ־ריקער, וועלכע האָבן ליב צו רעדן און שרייבן וועגן אַ טויט, וואָס גע־הערט שוין צום טויט און נישט וועגן אַ טויט וואָס געהערט נאָך צום לעבן". דאָס איז נישט גלאַט אַ שפּיל מיט ווערטער, נאָר אַ טיפע כאַראַקטעריס־טיק וועגן דער טעמע יידן אונטער די נאַציס אין מזרח־אייראָפּע, ווי אין פאַריז גופא, וואָס באַרוויטש באַהאַנדלט אין זיינע כתבים.

די ערשטע אָפּטיילונג פון בוך „ווערטער און ווערטן" איז אָפּגע־געבן צו טעמעס פון יידישער פּראָבלעמאַטיק. אַפילו די אָפּהאַנדלונגען וועגן לייוויקן, שלום־עליכמען און יוסף אָפּאַטאָשו'ן, וואָס מען געפינט אין דער אָפּטיילונג, זענען מער פון אַן אַלגעמיין־יידישן באַטראַכט־ווינקל, ווי פון ליטעראַרישער אָפּשאַצונג. דאָמאַנקעוויטשעס צוגאַנג צו שלום־עליכמ'ס „ציבורדיקן הומאָר" איז אינטערעסאַנט. „עס ווײַנט זיך", זאָגט דאָמאַנ־קעוויטש, „גוט ביחידות, אָבער עס לאַכט זיך צום בעסטן בציבור". וועגן פּרצן שרייבט דאָמאַנקעוויטש, ווי פון ערשטן יידישן פּובליציסט. ס'האָט

ל. דאָמאַנקעוויטש

„י. ל. פרץ פשוט געשאַפן אַ יש מאין; ביז אים איז די יידישע פובליציס־טיק געווען כמעט אַ נישט־עקזיסטירנדיקע". ער באַוואָרנט זיך מיט דעם וואָרט „מאמריסטיק", אַנטקעגן דער ברענענדיקער „אַקטועלער פובלי־ציסטיק", וואָס לויט דאָמאַנקעוויטשן, איז זי געווען פרצ'ס שאַפונג אויף יידיש.

אַליין אַן אויסגעצייכנטער יידישער פובליציסט, ווייסט דאָמאַנקע־וויטש וואָס אַרויסצוהייבן אין זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע פּערזענ־לעכקייטן, וואָס זייערע ווערק זענען אויך אָנגעלאָדן מיט אַ יידיש־געזעל־שאַפטלעכן אינטערעס. אַזעלכע אָפּשאַצונגען האָט דאָמאַנקעוויטש איינגע־שלאָסן אין זיין דריטער אָפּטיילונג. דאָרט געפינען מיר אַרטיקלען וועגן זלמן שזר, י. זרובבל, „גמרא מיט יידיש־טייטש" און אַ שמועס מיט „עד־מאָנד פלעג — דער יידן־באַזינגער אין דער פראַנצויזישער שפּראַך", וואָס איז געשטאָרבן אין הויכן עלטער פון 88 יאָר. דאָמאַנקעוויטש גיט איבער אַ וואָרענונג פון דעם אַלטן פּאָעט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט יידיש און אַפילו איבערגעזעצט פון יידישע קלאַסיקער אויף פראַנצויזיש — אַ וואָ־רענונג, וואָס מען מעג זיך גוט נעמען אין זין אַריין:

„איר, יידיש־רעדנדיקע יידן, האָט מיט שפּראַך פּרעזערווירט יידיש־קייט, אָבער איצט גיט איר די שפּראַך נישט איבער אייערע קינדער און איר זענט מער אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פון אונטערגאַנג ווי די פראַנצוי־זיש־רעדנדיקע יידן. יידישקייט מיינט נישט בלויז עבר, יידישקייט מיינט דער עיקר צוקונפט".

וועגן צוועלף פּאָעטן שרייבט און זינגט ממש ל. דאָמאַנקעוויטש אין זיין צווייטער אָפּטיילונג פון בוך, ווו דער עסייאיסט דערשיינט ווי אַן אויס־טייטשער און מיטשאַפער, ווייל ער אינספּירירט זיך מיט די „פליענדיקע אותיות" פון די פּאָעטן, ועמענס „ווערטער און ווערטן" ער ברענגט אַרויס פאַרן לייענער אין פראַצעס פון אייגענעם לייענען די ווערק פון די באַ־ליבטע זינגערס. די גרעסטע צאָל זייטן שענקט דאָמאַנקעוויטש א. סוצקע־ווערן, אָבער ער קריוודעט חלילה נישט קיינעם אַפילו אין די קירצערע עסייען. זיינע קריטיק־עסייען זענען ליריש. פון זיינע ציטאַטן קען מען זען, אַז דאָמאַנקעוויטש איז אַ גוטער און אויפנעמענדיקער לייענער, וואָס איז דער ערשטער גוטער סימן פון אַ ווערטפולן קריטיקער. די לויב־רייד זיינע

ל. דאָמאַנקעוויטש

זענען נישט קיין אַלגעמיינע, נאָר פּאַרטרעטישע, וואָס ווייזן די באַזונדערע געשטאַלטן פון די פּאָעטן. דאָמאַנקעוויטש זעט איין, אַז „עס איז טאַקע דאָס מזל און די גרויסקייט פון דער יידישער פּאָעזיע, וואָס אַלע אירע גרויסע פאַרשטייער זענען זייער פאַרשידן אין פאָרם און אין אינהאַלט און פאַרמירן אין צאָל און אין קאָליר אַלע פאַרבן און ניואַנסן פון נאַציאָנאַל־פּאָעטישן רעגנבויגן". ס'איז גרינג אַוועקצושטעלן די דאָזיקע טעזע, אָבער דאָמאַנקעוויטש באַווייזט עס מיט זיין אייגענער התלהבות, ווען ער שאַצט אָפּ די דיכטערס, וואָס ער לייענט פאַר פאַר די לייענערס מיט זיינע באַמערקונגען און קאָמענטאַרן. „אַז מען זוכט גאָט, סטייעט עס אויף אַ לעבן לאַנג", זאָגט דאָמאַנקעוויטש וועגן ראַוויטשן. דאָמאַנקעוויטש קען אויך זייטיק און שטיל אַ זאָג טאָן אַ נעגאַטיוו וואָרט וועגן זיינע באַליבטע דיכטער, אָבער ער ווייסט ווי עס צו פאַרהילן אין גוטסקייט.

בכלל איז דאָמאַנקעוויטש אַ קריטיקער, וואָלט איך געזאָגט, מיט אַ מעסיקן טעמפּעראַמענט. פון זיינע הענט קומט קיינער נישט אַרויס קיין באַליידיקטער. בלויז אין דורכאויס בייזן צוגאַנג צו אַ שרייבער האָב איך געפונען אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן ח. סלאָוועס'עס שפּינאָזע־דראַמע — „ברוך פון אַמסטערדאַם". איז עס טאַקע אַ יוצא מן הכלל און עס האַרמאָנירט נישט מיטן אַלגעמיינעם טעמפּעראַמענט פון דעם גוט־באַהערשטן דאָמאַנקעוויטש.

„ווערטער און ווערטן" איז אַ באמת ווערטפול בוך. אַ צאָל עסייען לאָזן זיך לייענען מער ווי איין מאָל. אַ גרויסע צאָל זאַצן לאָזן זיך אונטערשטרייכן אויף צו געדענקען, ווייל דאָמאַנקעוויטש אַרבעט זיך תמיד אַרויף אויף אַן עקסטאַז פון דעם גוטן אויפנעמער, וואָס שטייט צווישן שרייבער און לייענער. מען קען דאָמאַנקעוויטשעס שרייב־געמיט כאַראַקטעריזירן מיט עטלעכע ווערטער פון זיין אייגענער אָפּשאַצונג וועגן מלך ראַוויטשן: „סקעפּטיציזם איז נישט פאַרצווייפלונג, זי איז אַ קלוג לאָזן גיין די וועלט אויף אַלע אירע זיגזאַג־וועגן, ווייל זי איז שלעכט, נאַריש און דערהויבן, און זי איז אונדזער גורל".

מענדל מאַן

עס איז געוואָרן אַכט טעג ווי לייזער דאָמאַנקעוויטש איז אַוועק פון אונז, נאָך אַ שווערער און לאַנגער קראַנקהייט, וועלכע האָט אים צוגענומען די מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך זייט די לעצטע יאָרן, אין אַקטיוון געזעל־שאַפטלעכן לעבן, האָט ער אָבער מיט די לעצטע כוחות געהאַלטן די פען אין דער האַנט און אָפּגערופן זיך מיט אַזאַ וואַכעדיקייט, מיט אַזאַ פּילעוו־דיקייט צו אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אונזער צייט.

נישט איין מאָל זענען מיר געבליבן שטיין אַזוי ווי פאַר אַ נס: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? וואָס פאַראַ גייסטיקע כוחות זענען פאַראַן אין לייזער דאָמאַנקעוויטשן וועלכע קענען בייקומען די פיזישע יסורים? ער איז זיי בייגעקומען אַזוי לאַנג ביז ער איז געפאַלן, און מען קאָן זאָגן, ממש מיט דער פען אין זיינע ציטערנדיקע הענט.

דער נאָמען פון לייזער דאָמאַנקעוויטש, אַלס יידישער פען־מענטש, האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין פאַר יידישע לייענער ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן דער גרויליקער סך־הכל פון דער יידישער טראַגעדיע אין גאַנצן פאַרנעם. מען מוז זאָגן, אַז לייזער דאָמאַנקעוויטש איז געווען גוט צוגעגרייט צו זיין סופרישער שליחות. ער האָט פיל געלערנט, געלייענט, געקענט נישט נאָר די יידישע און העב־ברעאישע ליטעראַטור — נאָר געקענט די קוואַלן פון יהדות צו וועלכע נישט יעדן איז באַשערט צוצוקומען. ער האָט געהערט צו די יידישע קול־טור־מענטשן וואָס האָבן מיט וואַכעדיקע חושים, מיט אַן אָפן אויג און אַ פילעוודיק האַרץ אויפגענומען אַלץ וואָס איז שעפעריש און ביי אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און קולטור.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צוריק אויפצובויען דאָס גייסטיקע יידישע לעבן אין פראַנקרייך, באַלד נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן צו באַ־

נצח יידישקייט

נייען דער יידישער ישוב, נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, איז געקומען לייזער דאָמאַנקעוויטש. ער האָט געשטעלט זיך אויפן ליידיקן אָרט פון די פאַרשניטענע יידישע שרייבער און קינסטלער און אָנגעהויבן טאָן די הייליקע אַרבעט אין יידישן פראַנקרייך.

„אונזער וואָרט״ איז געוואָרן זיין טריבונע. פון אירע שפּאַלטן, האָט ער וואָך נאָך וואָך גערעדט צו טויזנטער לייענער. נישט געווען קיין ניי בוך, קיין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעם, וואָס זאָל דורכגיין אומבאַמערקט פאַר לייזער דאָמאַנקעוויטשן. ער האָט מיט אחריות, מיט זאָרג, מיט ליבשאַפט און מיט קענטעניש אַנאַליזירט, אָפּגעשאַצט און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער אויף אַלעם וואָס איז פּאָזיטיוו און ווערטפול אין דער יידישער יצירה.

אַנאַליטיש, שטיצנדיק זיך אויף אויטענטישער יידישקייט, אויף דערפאַרונגען פון דער יידישער קולטור־געשיכטע, אויף די דערגרייכונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש באַוויזן צו געווינען די פאַרערונג און דעם צוטרוי פון זיינע לייענער.

אַזוי ווי דעמאָלט, ווען דאָס יידישע פראַנקרייך און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך גענויטיקט אין ממשיך זיין די קולטור־ירושה פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און דער גורל אַליין האָט גערופן לייזער דאָמאַנקעוויטשן צו גיין אין די דרכים פון די יידישע ליטעראַטור־ און קולטור־שעפער, וועמענס ליכטיקערביישפּיל עס זענען געווען בעל־מחשבות, ניגער, מוקדוני — אַזוי וועט דער גורל אויך איצט זיין פול מיט רחמים צו דער יידישער ליטעראַטור און עס וועט זיין אַ המשך. עס וועט מוזן קומען פון צווישן אונז דער, וואָס זאָל ממשיך זיין דעם דרך אין דער יידישער ליטעראַטור, באַגלייטן איר מיט אַ וואַרעם וואָרט, מיט אַן עסיי, מיט אַן אָפּשאַצונג, מיט אָנווייזונג, מיט איינספּירירונג.

עס איז אַוועק פון אונז אַ חבר, אַ מיטאַרבעטער, אַ פאַרליבטער אין יידיש און יידישקייט, וואָס איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען צום רשות פון דעם גייסטיקן יידישן שאַפן.

משה גראָסמאַן

ווערטער מיט פליגל

(פראַגמענט)

אין שוועדן, אין יאָר 1946, איז צו מיר צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו לייענען אין אַ וואָכנצייטונג אַן אַרטיקל פון ל. דאָמאַנקעוויטש. איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל און געווען פאַרחידושט. דאָס איז דאָך עפּעס אינגאַנצן ווייט פון דעם מין אַרטיקלען געשריבן אין קאַזאַרמע־סטיל; ווייל פון שאַבלאָנעס, באַנאַלן, וווּלגאַרן פּאַרטיי־זשאַרגאָן. ווייט פון דלותדיקן בראַשורן־לשון, ווי מ׳איז געוווינט געווען צו לייענען אין רוב פּאַרטיי־זשורנאַלן. ווייט פון דעם אָרעמאַנסקן, גייסטלאָזן, געדאַנקלאָזן, ווערטלאָזן ווערטעריי. דאָס אַרטיקל האָט דאָך עפּעס אַן אייגן פּנים, אייגענע מחשבות. און די טעמע איז גראד געווען אַ גראָע, אַ וואָכיקע, אָבער געהאַט דעם טעם — טאַקע פון פּשוט ברויט — אָבער דורכגעקנעטן מיט קימל און מאָן. די טעמע — וואָכיק, דער טאָן — יומטובדיק. זעט אויס, אַז אַפילו די אָרעמסטע טעמע קאָן באַקומען אַ טעם ביי אַ מחבר אַ בעל־טאַלאַנט.

שוין זייענדיק אין פּאַריז, לייענענדיק זיינע עסייען אין „קיום״ און אַנדערע אויסגאַבן, האָבן זיך אַלץ מער אַרויסגעוויזן זיינע אייגנשאַפטן, אַנאַליז און אימפּולס, לאָגיק און עמאָציע. דאָס האָט אים צוגעהאָלפן אין סינטעטיזירן אגדה און הלכה, טראַדיציע מיט פּראָגרעס. איז שוין ממילא ציוניזם און סאָציאַליזם, חסידיזם מיט אוניווערסאַליזם, אַקטועלקייט און אייביקייט.

אין דעם בוך פון „אַקטועלן און אייביקן״ באַהאַנדלט דאָמאַנקעוויטש אַ בינטל פּראָבלעמען. ער באַהאַנדלט זיי גרויסצוגיק, מיט פּערספּעקטיוו און פאַרנעם. הגם זיי האָבן אין זיך אויך פּובליציסטיש־פּאָלעמישע עלעמענטן, זענען זיי אָבער אין כאַראַקטער פון פול־סאָלידע שטודיעס. פּאָליטישע מאָטיוון באַדעקט מיט אַ פילאָזאָפישן פליוש. געבויט אויף יוסטע יסודות פון וויסן און באַהויכט פון געלייטערט געוויסן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש (תל־אביב, מאַי 1974)

לייזער דאָמאַנקעוויטש ז״ל

(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

לייזער דאָמאַנקעוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן מסתמא נאָך העט־העט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער פאַרעפנטלעכן ליטעראַריש־פּובליציסטישע אַרבעטן האָט ער גענומען ערשט נאָך דער מלחמה. ער האָט זיך דערביי באַלד אַנטפּלעקט פאַרן לייענער ווי אַ רייפער שרייבער מיט אַן אייגענעם געדאַנק און מיט אַן אייגענער וואָג און מאָס. ער האָט אויסגעמיטן די בלאָנדזשענישן, וואָס אַ סך פון זיין דור האָבן דורכגעמאַכט, כדי זיך ענדלעך צו דערשלאָגן צו אַן אייגענעם וועג און איז באַלד געקומען מיט אַ וואָרט אַזאַ, וואָס האָט געהאַט אין זיך די געפּרוווטקייט פון יידישן גורל אין די שווערסטע יאָרן פון אונזער פאָלקס־געשיכטע.

זיין ערשט בוך וואָס איז דערשינען מיט אַ וואָסערע צוואַנציק יאָר צוריק, האָט ער אַ נאָמען געגעבן: „פון אַקטועלן און אייביקן״ און מען קאָן זאָגן, אַז דער דאָזיקער נאָמען כאַראַקטעריזירט אויסערגעוויינלעך דעם שרייבערישן מהות פון ל. דאָמאַנקעוויטשן. און מען קאָן אויך זאָגן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט מקריב געווען דעם געדאַנק און דעם תוכן אויף דעם מזבח פון שיין־שרייבעריי. עס וועט ריכטיק זיין צו זאָגן, אַז ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קיין חנדלעך, און דאָך האָט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, געהאַט נישט נאָר אַ מעסאַזש, ווי די פראַנצויזן דריקן זיך אויס, נייערט אויך אַ שטילן און קלוגן ליטעראַרישן חן.

על פּי רוב האָט ל. דאָמאַנקעוויטש געשריבן ווי ער וואָלט געלערנט אַ שווערע סוגיא — אַ סוגיא פון אַ יידישער קולטור־שעפערישקייט, אַ סוגיא פון יידיש־גייסטיקן לעבנס־גאַנג. ער האָט טיף־טיף געגראָבן, כדי

ל. דאָמאַנקעוויטש

צו אַנטפּלעקן דעם פאַרהוילענעם פּשט פון די פּראָבלעמען — פילאָזאָ־פישע, היסטאָרישע, ליטעראַרישע — און דעם לייענער איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אים צו קנייטשן דעם שטערן און דערביי זיך צו פאַר־טיפן אין די באַהאַלטענע ענינים. אין דער אייגענער צייט האָט מען אָבער הנאה געהאַט פון לערנען צוזאַמען מיט אים און מען איז פאַרכאַפּט גע־וואָרן דורך דעם אויפבליץ פון אַן אָריגינעלן געדאַנק, אָדער פון דער אומגעריכטער צונויפטרעפונג פון צוויי באַזונדערע געדאַנקען, וועלכע האָבן געבוירן אַ נייעם רעיון, אָפטמאָל אַ פּאַראַדאָקסאַלן, אָבער תמיד אַ ריכטיקן.

די דאָזיקע מעלות האָבן ל. דאָמאַנקעוויטשן פאַרשאַפט אַ גאָר בכבו־דיק אָרט אין דער יידישער עסייאיסטיק פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און זיי האָבן געגעבן אים אַן אויבן־אָן־פּאָזיציע אין דער סביבה פון די יידישע שרייבער אין מערב־אייראָפּע פון אונזערע טעג.

אין די לערך 25 יאָר וואָס דאָמאַנקעוויטש איז געווען שעפעריש־אַקטיוו, האָט ער זייער אַ סך אָנגעשריבן, אָבער איינצוזאַמלען צווישן די טאָוולען פון אַ בוך האָט ער באַוויזן נישט קיין סך: קוים דריי ביכער פון וועלכע דאָס וויכטיקסטע איז דאָס לעצטע בוך „ווערטער און ווערטן" — אַ בוך וועגן וועלכן איך האָב אַמאָל געזאָגט אַז ס'פאַרמאָגט „אייגענע ווערטן אַרויסגעבראַכט מיט אייגענע ווערטער".

געטריי זיין דרך צו קאָנפראָנטירן די אַקטועלע יידישע קולטור־פּראָבלעמאַטיק מיט די ווערטן פון דער יידישער גייסט־אייביקייט, ווי אויך צו זוכן אין די אייביקע קולטור־אוצרות פון אונזער געשיכטע דעם שליסל צו אונזערע היינטיקע עקזיסטענץ־ און שאַפונגס־רעטענישן, האָט ל. דאָמאַנקעוויטש אויך אין זיין בוך „ווערטער און ווערטן" באַהאַנדלט אַ ריי פראַגן, וואָס מאַטערן יעדן יידישן קולטור־שאַפער אין אונזער איבער־גאַנגס־דור. ס'קאָן טאַקע זיין, אַז ביים באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגן, האָט ער מער געפרעגט ווי פאַרענטפערט. אָבער דאָס איז שוין דער גורל פון אַ היינטצייטיקן יידישן דענקער. קיין פאַרטיקע ענטפערס זענען נישטאָ. אָבער אין אומרו פון זוכן אַן ענטפער, אין דעם פרעגן אַליין, ליגט, דאַכט מיר, די שלימות פון אַ היינטצייטיקן יידישן שרייבער. און ס'איז געווען דאָמאַנקעוויטשעס גרויסער פאַרדינסט, וואָס אין זיינע עסייען „קולטור און פאָלק", „פון קוואַנטיטעט צו קוואַליטעט", „באַטייליקונג פון

פאָלק אין דער חורבן־ליטעראַטור״ און אַנדערע, האָט ער געשטעלט די פראַגן מיט זייער גאַנצן פאַרנעם און האָט נישט געפּרוווט אָפּקומען מיט קיין גרינגע, שאַבלאָנע, פאַרענטפערונגען.

דאָס בוך „ווערטער און ווערטן״ איז געטיילט אין פיר אָפּטיילונגען. קיין באַזונדערס שאַרפע גרענעץ צווישן איין אָפּטיילונג און דער צווייטער איז אָבער נישט פאַראַן. בלויז אין דער ערשטער אָפּטיילונג זענען פאַראַן דריי אַלגעמיינע עסייען, וואָס רירן אָן די וויכטיקסטע געביטן פון דער יידישער עקזיסטענץ און קולטור־שאַפן. אַלע איבעריקע אַרבעטן אין די פיר אָפּטיילן זענען אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער, צום מערסטן יידיש־יידישע, אייניקע אויך יידיש־פראַנצויזישע.

אין די אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און שרייבער דערשיינט דאָמאַנקעוויטש ווי אַ וואָגיקער ליטעראַטור־קריטיקער וואָס אַנאַליזירט, מעסט און וועגט דעם שרייבער און זיין ווערק. די גוטע זייט פון זיין קריטיק איז אויך דאָס, וואָס ער איז נישט סתם קיין פרשן, קיין איבערדערציילער פון אינהאַלטן און קיין מבינות־זאָגער, נאָר ער איז אַן אַרויסהייבער פון שרייבערישע אויפטוען און אַן אָפּשאַצער פון זייער באַדייט אינעם אַלגעמיינעם ליטעראַטור־בנין. צומאָל געלינגט אים צו ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף אַ פּרט אין אַ ווערק, וואָס גיט אונז אַ שליסל אי צום ווערק און אי צו דער שרייבערישער פערזענלעכקייט. אַפילו ווען ער באַהאַנדלט אַ ווערק פון אַ פראָנטאַלער פּאָזיציע, וואַרפט ער אַ ריכטיקן ליטעראַטור־קריטישן רעפלעקטאָר אויף זיין תוכן און מאַכט אונז דערזען די שרייבערישע קוואַליטעטן און באַזונדערקייטן מיט וועלכע דאָס ווערק צייכנט זיך אויס. ווען דאָמאַנקעוויטש שרייבט וועגן דעם אָריגינעלן פּאָעט אריה שמרי, זאָגט ער זייער טרעפלעך אַז „שמרי אַנטלויפט נישט אין פאַרפרומטע דביקות צו אַן אויסגעבענקטן פּאָעטישן שבת. ער קאָן פון יעדן מאָמענט פון די ששת ימי המעשה אַרויסציען זיין חלק יום־טובדיקייט״.

ביי דעם פּאָעט אלחנן וואָגלער באַטאָנט דאָמאַנקעוויטש דאָס סימבאָליש־בשותּפותדיקע צווישן דעם פּסעוודאָנים פון פּאָעט און די נעמען פון זיינע ביכער „צוויי בעריאָזעס אויפן טראַקט״ און „פרילינג אויפן טראקט״, און ער זעט ווי „די טראַקטן״ פאַר וועלכע וואָגלער געפינט

ל. דאַמאַנקעוויטש

אַזויפיל סינאָנימען און צערטלעכקייטן (טראַקטן, שליאַכן, וועגן, סטעזש־קעס), זענען ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, די טויערן פון זיין געמיט און פאַר אונז — די טויערן וואָס עפענען דעם תוך פון זיין פּאָעטיש גע־מיט״.

„ראַוויטש — שרייבט ל. דאָמאַנקעוויטש — איז פון כאַראַקטער, און נישט בלויז פון געדאַנק, אַ דיאַלעקטיקער, אַ מענטש, וואָס זעט די וועלט און אירע געשעענישן אין רעזולטאַט פון סתירות און אַט דער כאַראַקטער קומט צום אויסדרוק אין זיינע בעסטע שאַפונגען״. דאָמאַנ־קעוויטש קומט דערביי צום אויספיר, אַז ווי אַ דיאַלעקטיקער, זוכט ראַ־וויטש נישט בלויז די סתירות, נאָר אויך זייער סינטעזע און דאָס איז ביז גאָר ריכטיק דעם דיכטערישן מהות פון מלך ראַוויטש, פּונקט ווי ס'איז שיין און קלוג געזאָגט אַז ראַוויטש איז אַ סקעפּטיקער אָבער נישט קיין פּאַרצווייפלער.

כ'האָב דאָ געבראַכט אַ צוויי־דריי ציטאַטן אויפן שפּיץ מעסער. אין דער אמתן וואָלט מען אפשר דעם גאַנצן מאמר געדאַרפט אויספילן מיט ציטאַטן, וואָס ווייזן ווי אַזוי דאָמאַנקעוויטש האָט כאַראַקטעריזירט און צעגלידערט אַ שרייבעריש ווערק און אַ שרייבערישע פּערזענלעכקייט, שטעלנדיק די ליטעראַטור־קריטישע טעמי־הנגינה אויפן ריכטיקן אָרט. פּונקט אַזוי האָט ער באַוויזן, שרייבנדיק וועגן יענעם, אַרויסצוזאָגן זיך אַליין, אַרויסצוברענגען זיינע רעיונות, זיינע דערפאַרונגען און זיין אני מאמין — סך־הכל אויפן מאַרגינעס פון באַהאַנדלטן ווערק. און געטאָן האָט ער אָט דאָס אַלץ מיט דער רייפקייט פון אַן עסייאיסט אויף די ליטעראַ־טור־קריטישע געמאַרקן.

און אַז מיר ציילן שוין זיינע מעלות ווי אַן עסייאיסט און אַ ליטעראַטור־קריטיקער, לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם־אַ פּאַקט, וואָס אין זיין בוך „ווערטער און ווערטן״ געפינען מיר אָפּהאַנד־לונגען און עסייען נישט בלויז וועגן די אויסגעקלונגענע יידישע שרייבער איבער וועלכע עס שרייבט „די גאַנצע גוּבערניע״. מיר טרעפן ביי אים אויך קריטישע אַרטיקלען וועגן ביכער פון שרייבער, וואָס ציילן זיך נישט צווישן די פּני פון אונזער ליטעראַרישער מזרח־וואַנט. דאָס וויל זאָגן אַז דאָמאַנקעוויטש האָט געהאַט אַ טיפן אינטערעס פאַר דעם גאַנצן לי־טעראַטור־גאַנג אונזערן און ער האָט געטריי באַגלייט אַלע אירע שעפערס

אַפילו ווען זיי האָבן זיך געפינען אויף פאַרשידענע מדרגות. ווען דאָס איז נויטיק געווען, האָט ל. דאָמאַנקעוויטש געקאָנט נעמען אַ שאַרפן און קעמפעריש טאָן, און האָט נישט מורא געהאַט מחלל צו זיין די ליטע־ראַטור־קריטיק מיט קיין פובליציסטישע ווענדונגען.

פון אַ גאָר גרויסן אינטערעס פאַרן יידישן לייענער זענען זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן די פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין די ווערק פון יידן, וואָס שרייבן פראַנצויזיש. זיי עפענען אונז אַ פענצטער צו אַ היימיש־פרעמדער וועלט, וואָס איז פאַר אונז פאַרשטעלט דורך דעם פאַרהאַנג פון שפּראַך. דאָמאַנקעוויטש האָט געזאָגט וועגן זיך און זיין ליטעראַטור־קריטיק, אַז אָפּטמאָל איז זי פאַר אים נאָר אַן אויסרייד „דורך יענעם צו זאָגן אייגנס". אָט דאָס זאָגן „אייגנס" דורך „יענעם" האָבן מיר שוין אונטערגעשטראָכן ביי ל. דאָמאַנקעוויטשן דעם עסייאיסט, דעם לי־טעראַטור־קריטיקער און פובליציסט. מען קאָן זאָגן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין ליטעראַטור־קריטיקער משרת ביי די באַהאַנדלטע שריי־בער און אַפילו ווען ער האָט אַנאַליזירט, געשאַצט און באַהאַנדלט פרעמדע ווערק, האָט ער עס געטאָן כאדם העושיה בתוך שלו, ווי אַ מענטש, וואָס קוקט זיך אַרום און ציילט צונויף זיין אייגן פאָלקיש קולטור־פאַרמעגן, זיין אייגן גייסטיק עשירות.

ווי געזאָגט, האָט דאָמאַנקעוויטש אין משך פון מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט געטריי געדינט דעם יידישן וואָרט און דער יידישער מחשבה. בלויז אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז געזאַמלט אין בוך־פאָרם און איז מיט עפּעס פאַרזיכערט קעגן דעם שר של שכחה. עס וואָלט דעריבער געווען גאָר אַ גרויסער יושר, ווען צו זיין ערשטער יאָרצייט זאָל די יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך טאָן אַ חסד של אמת און אַרויסגעבן כאָטש נאָך איין פאַרנעמיקן באַנד פון זיין עזבון, אַ צעוואָרפענעם איבער צייטונגען און זשורנאַלן. דאָס וואָלט געווען אַן אויפטו פון וועלכן עס וואָלט פיל געווינען זיין שרייבערישער גוטער נאָמען, אָבער דערביי וואָלט דערפון אויך זייער פיל געווינען אונזער יידישע קולטור און אונזער יידישע עסייאיסטישע ליטעראַטור.

יחזקאל קאָרנהענדלער

צו דער צווייטער יאָרצייט

ס׳איז מיר שווער צו גלויבן, אַז עס וועט צוויי יאָר זינט לייזער דאָמאַנקעוויטש איז אַוועק פון דער וועלט. אַז מיר האָבן אים נישט מער אין אונזערע ליטעראַטור־שעפערישע רייען.

ל. דאָמאַנקעוויטש איז שפּעט אַריינגעקומען אין אונזער ליטעראַטור, ווארעם ער האָט דעביוטירט ערשט אינעם עלטער פון עטלעכע און פערציק יאָר אין „אַרבעטער־וואָרט״; און טראָץ זיין אַזוי שפּעטן אַריינקומען אין אונזער ליטעראַטור, האָט ער גיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך און גיך זיך אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון אונזער עסייאיסטיק.

אין לאָדזש, אין זיין היים־שטאָט, האָט ל. דאָמאַנקעוויטש געשמט אַלס בעל־תנ׳ך. ער האָט געשריבן העברעאישע שירים און אויך איבערגעזעצט לידער פון יידיש אויף עברית. ער איז אויך געווען אַ העברעאישער לערער און אויב ער האָט אַזוי שפּעט זיך גענומען צו דער פעדער, איז עס גאַנץ וואַרשיינלעך געווען דער רעזולטאַט פון די מלחמה־געשעענישן און מלחמה־איבערלעבענישן וואָס האָבן אים אַריינגעלייגט די פעדער אין האַנט און אים גיך פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די אינטערעסאַנטע שרייבער אונזערע.

ל. דאָמאַנקעוויטש פלעגט נישט שרייבן קיין לאַנגע אָפּהאַנדלונגען; וואָס פאַראַ טעמע ער זאָל נישט האָבן באַהאַנדלט, האָט ער געהאַט די גרויסע מעלה פון זיין אַלעמאָל ביז גאָר קורץ. ער האָט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון קוואַנטיטעט און קוואַליטעט, אַרויספירנדיק דעם סאַמע עיקר פון באַהאַנדלטן פּראָבלעם אַריינגעבנדיק און באַלויכטנדיק דעם באַהאַנדלטן סוזשעט מיט אַן אייגענעם בליק, אייגן וואָרט און אייגענער אידייע.

נצח יידישקייט

כאָטש אַריינקומענדיק אַזוי שפּעט אין אונזער ליטעראַטור, האָט ער אָבער גיך זיך אָנגעהויבן אויסצוצייכענען מיט זיינע וואָגיקע ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און שרייבער און דורך זיינע ביז גאָר פּילזאָגנדיקע עסייען אין וועלכע ער האָט באַהאַנדלט תנ״ך־מחשבותן, מענטשן און אידייען, קריטישע עסייען און סאָציאַלע אידייען.

ל. דאָמאַנקעוויטש איז געווען אַ גרויסער און ביז גאָר ערנסטער לייענער. זייענדיק טיף באַקאַנט מיט דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, איז ער אָבער אויך געווען אַ קענער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור און פּונקט ווי מיר זעען ביי אים אָפּהאַנדלונגען וועגן ש. אַש, יצחק קאַצענעלסאָן, ה. לייוויק, אָפּאַטאָשו, גלאַטשטיינען און אַנד. — אַזוי זעען מיר אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער — יידן און נישט־יידן, וואָס האָבן געשאַפן אין פרעמדע ליטעראַטורן, ווי: ראָמען גאַרי, שוואַרץ־באַרד, אַלבערט מעמי, בערגסאָן, היינריך היינע, היפּאָליט טען און פיל אַנדערע.

אַ חוץ אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור און אירע שעפער, איז ל. דאָמאַנקעוויטש געווען אויך אַ מחבר פון אַ ריי עסייען וועגן יידישע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פּאַרטיפּטקייט, ווי „קאָלעקטיווע דיסציפּלין און יידישע אחריות״; „דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אין יידישן וועלט־באַנעם״; „יידן אין וועלט־שפּיגל פון די חומש־מיטאָסן״ און אַנד.

דאָס אַריינקומען פון ל. דאָמאַנקעוויטשן אין אונזער שרייבערישער וועלט, איז געווען אַ גרויסער געווינס פאַרן יידישן וואָרט און ליטעראַטור און זיין אַוועקגיין פון אונז, איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט, וואָרעם מיר האָבן פאַרלוירן אַ זעלטענעם טרעגער פון יידישן וואָרט און יידישן געדאַנק.

א. דערטשאַנסקי

ווי ביי יעדן עכטן שרייבער האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש זיין באַזונ־דער קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. ער האָט באַוויזן צו פאַרנעמען דאָס אָרט וואָס איז געווען זיינס מיט די מעלות פון דעם אימי־גראַנט, וואָס האָט געשלאָגן וואָרצלען אין פראַנקרייך.

ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין דעם יידישן פּאַריז, וואָס פון די טיפע־נישן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, זאָל אַרויסדרינגען אַזאַ פּערזענלעכ־קייט וואָס האָט נישט געהאַט הינטער זיך אַ פולע רבנישע בילדונג, נישט קיין אַקאַדעמישע שולע. און דאָך איז ער אַרויסגעוואַקסן פון אַ לייענער צו אַ קריטיקער, דאָס הייסט אַ מענטש וואָס לעבט מיט דעם שרייבער, מיט דעם לייענער, אָבער אויך מיט זיין צייט, ד. ה. מיט די פּראָבלעמען פון זיין תקופה.

דיסקרעט האָט ער באַוויזן צו באַשרייבן די ליבשאַפט צו זיין היימ־שטאָט לאָדזש. אָבער ער האָט דער עיקר אונדז אַריינגעפירט אינעם יידישן לעבנס־שטייגער. ער האָט אָנגעשטעלט דעם זייגער פון אונדזער באַוווסט־זיין פאַר טראַדיציע, פאַר נאַציאָנאַלער ווירדע.

לייזער דאָמאַנקעוויטש האָט געקענט ווערן אַ העברעאישער שרייבער, ער האָט געקענט פאַר דעם פראַנצויזישן ישוב שפּילן די ראָל וואָס עס האָבן געשפּילט אין אַמעריקע זיינער צייט, ישראל אפרת, און היינט צו טאָג נאָך גבריאל פּרייל.

פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו שרייבן נאָר אין יידיש?

איך גלויב, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם נישט־דערזאָגטן ביי אים: די צוויי־שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אַז פוילן האָט לשון קודש געטייטשט: „פּה־לין”. דעם טייטש האָט אונ־

טערגעשטראָכן במשך דער ערשטער וועלט־מלחמה ש״י עגנון אין דעם דייטשן בוך געווידמעט די פּוילישע יידן.

ס׳הייסט, זאָגט אַן אַלטע לעגענדע, אַז יידן האָבן געוואָגלט אין די וועלדער פון מזרח־איראָפּע, אַנטלויפנדיק פון אשכנז און פּלוצים זענען אַרונטערגעפאַלן בלעטער פון אַ בוים וואָס האָבן געטראָגן אויפשריפטן: פּה־לין — דאָ וועסטו נעכטיקן. דער סימבאָל איז געווען אַ טויזנטיאָריקער און איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע הערצער, אָבער ס׳איז פאַר־בליבן דער זכר פון אונדזערע שטעט, שטעטלעך, פון די מענטשן וואָס האָבן זיי געבויט, און דער עיקר פון דער ליטעראַטור וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט ווען די ערד האָט זיך געוואַקלט אונטער די פיס, און נאָך מער, ווען ס׳איז דערגאַנגען צו דער עקספּלאָזיע וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער חורבן.

נאָך דעם חורבן איז באַנייט געוואָרן די יידישע זעלבסטשטענדיקייט. און דאָמאַנקעוויטש האָט געוווסט אונדז צו פירן פון דעם עבר צו דער קעגנ־וואַרט וואָס וועט זיין דער זייגער פונעם יסוד פונעם מאָרגן: דאָס איז דאָס באַנייטע אַלטלאַנד, דאָס לאַנד פון דער בענקשאַפט, ארץ־ישראל.

וואָס פאַרוווּנדערט מיך ביים לייענען דאָמאַנקעוויטשן, איז זיין חוש פאַר דער יידישער אייביקייט, וואָס איז נישט קיין פאַרגעטערונג פונעם עבר, ער קען אונדזערע שוואַכקייטן און אונדזערע פעלערן, אָבער ער איז דער טרעגער פונעם המשך וואָס איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן. לייענט למשל זיינע שטודיעס וועגן חסידות און ליטעראַטור, זיין אָפּשאַצונג פון חיים גראַדע, למשל, און דאָס וואָס עס האָט אים אַממייסטן באַווירקט איז די ראָל פון יידישע ימים טובים וואָס זענען דער צייכן פון דער יידי־שער אייביקייט.

לייזער דאָמאַנקעוויטשעס סקיצן זענען מער ווי געלעגנהייטס־אַרטיק־לען; דאָס זענען לעקציעס פון אַן עלטערן ברודער צו די יינגערע, ווי אַזוי צו זיין אַ ייד נאָך דעם חורבן און נאָך דעם אויפקום פון מדינת ישראל. ער איז אויך אַ וועג־ווייזער נישט מיאוש צו זיין און צו געפינען די אמתע סי־בות פון אונדזער נייעם גלגול! ראשית־כל, מיר באַדאַרפן נישט ווערן באַ־פאַלן פון שולד־געפילן, מיר באַדאַרפן פאַרשטיין, אַז אייביקייט און המשך הדחים דערפאַר האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש אַזוי ליב געהאַט דעם יידישן

ל. דאָמאַנקעוויטש

מענטשן און האָט אים באַדינט נישט ווי איינער וואָס וויל לערנען יענעם, נאָר באַרייכערן אים און אים געבן דעם געהעריקן מוט גובר צו זיין די נסיונות וואָס וועלן אויף אונדז אָנקומען.

די ירושה פון ל. דאָמאַנקעוויטש איז שווער צו טראָגן; איז זיין התנהגות אונדז מתחייב צו זיין געטריי זיין שליחות וואָס איז אַזוי טיף געטריי, אַז מען קען זיך פאַרווונדערן פאַרוואָס מיר האָבן נאָר געהאַט איין דאָמאַנקעוויטש. אַז דער פאָלקס־אינטעליגענט האָט געקענט ווערן אַ מורה הדרך, איז איינער פון די ניסים פון פאַריז.

מיר פאַרגעסן אַז יידיש איז איינער פון די גלגולים פון ישראל, און אַז מיר באַדאַרפן באַטאָנען אַז נצח ישראל איז אויך נצח יידיש. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן און מיר באַטאָנען, אַז נצח יידיש איז געווען דער נצוץ אין וועלכן זכות נצח ישראל קען ווייטער געדייען, ווייל די ווערטער, די ווערטן פון יידיש־לאַנד זענען אויך די מידות פונעם יידישן מענטשן, און לייזער דאָמאַנקעוויטש איז דער פּאַסיקסטערביישפּיל צו פאַרקערפּערן דעם חוש, דעם טעם פון אייביקייט וואָס איז אַנדערש געזאָגט, דער תמצית פון דער יידישקייט זאָל זי זיין פרום אָדער וועלטלעך, אָבער זי איז יידיש. דאָס פאַראייביקט אין זיך די ווידעראַנאַנדן פון דער וואָר.

ב. שלעווין

דאָס „אייגנס" אין „ווערטער און ווערטן"

אויף די ליטעראַרישע עסייען פון ל. דאָמאַנקעוויטש, אין בכבודיקן באַנד „ווערטער און ווערטן", דאַרף מען זיך ערנסט אָפּשטעלן און ערנסט פאַרטראַכטן.

פאַרטראַכטן זיך קודם, אַז אַלץ אין אונזער לעבן איז פאַרגענגלעך; אַז קנאה, שנאה, קריגערייען, ביטערניש, מעג עס אַלץ זיין ווי באַרעכטיקט, אָדער אומבאַרעכטיקט, בלייבט סוף כל סוף ווייט הינטער אונז. וואָס בלייבט יאָ? ס'בלייבט דאָס איינגעקריצטע וואָרט, דער געדאַנק, די מחשבה, די אויפגעפלאַמטע וויזיע אין אַ שטילער שעה, ווען מען איז מיט זיך אַליין — דאָס, וואָס אַ מענטש לאָזט נאָך זיך און וואָס נאָר זי איז זיין אייגנס. אין אַזאַ ליכט, זעט מיר אויס, אַז ל. דאָמאַנקעוויטש האָט אין פיל פון זיינע קורצע, געפּאַסטע, זייער צמצומדיקע עסייען אַנטפּלעקט קודם־כל זיין אייגענע געפילן־וועלט, זיין רייכן אינטעלעקטועלן באַגאַזש — אַ שטח צווישן דער בית־מדרש־באַנק און דער ברייטער קולטור־וועלט, צווישן טיף אָנגעזאַפּטער יהדות און וועלטלעכקייט. ער זאָגט עס, אגב, אליין זייער טרעפלעך אין זיין הקדמה צום בוך „ווערטער און ווערטן": „פאַר מיר אַליין איז קריטיק (ליטעראַטור) — פּרעטעקסט אַן אויסרייד דורך „יענעם" צו זאָגן אייגנס".

און זאָגן אייגנס איז אַ מדרגה. פון רעצענזיע ביז עסיי איז אַ היפּשער מהלך, כאָטש אויבנאויפיק איז די גרענעץ אָפּטמאָל זייער אַ דינע. דאָס בלייבנדיקע, דאָס ווערטיקע, מ'זאָל נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר קענען אַריינקוקן דערין, עפּעס לערנען דערפון — דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, אָט דאָס „אייגנס". ווייל דער אויפגעבלאָזענער שוים פון עפּיגאָנען, פון נאָכ־

ל. דאָמאַנקעוויטש

זאָגערס און נאָכמאַכערס, צעריננט. דער שטויב פון דער צייט לייגט זיך אומגעזען דערויף. מען פאַרגעסט זיי לייכט. און אָט דאָס „אייגנס" פון דאָמאַנקעוויטשן געפינען מיר אין דעם בוך, אין יעדן עסיי, טייל אַפילו זייער געלונגענע, זייער פאַרטיפטע. לויט מיר נאָך, איז עס די כסדרדיקע קאָנפראָנטאַציע פון דער אַלטער ייִדישער ספרים־חכמה מיט די היינטצייטיקע אידייען־געראַנגלען. מען מוז נישט דווקא אַלעמאָל מסכים זיין מיט די אויספירן פון מחבר, אָבער מען מוז דורך־ארץ האָבן פאַר זיין טיפן, אַלזייטיקן אַריינבליק, פאַר זיין טרעפלעכן, פרעציזן וואָרט, וואָס איז נישט צום פאַרבייטן מיט קיין שום אַנדערס. ער האָט זיך זיין מאַניער, זיין סיגנון, זיין צוגאַנג פון זוכן כסדר און אומעטום דעם המשך פון ייִדישער מחשבה, פון דער נישט־איבערגעריסענער „גאָלדענער קייט". דאָס מוז אויך נישט אַלעמאָל דווקא באַדייטן — נאַציאָנאַליזם, אין באַקאַנטן פאַרשריגענעם זינען.

אַמבעסטן דערפילן מיר עס אין זיין טרעפלעכן עסיי איבער דעם גרויסן פּראָזע־מייסטער י. אָפּאַטאָשו, וועלכער איז דאָך געווען דער ייִדישסטער פון אונזער דור שרייבער. דאָס איז געווען דער עיקר זייץ, י. אָפּאַטאָשו׳ס, קאָנצעפּציע, אַז אונזער ייִדישקייט הייבט זיך נישט אָן מיטן שמואל־בוך, מיט דער צאנה וראינה, נאָר וואָרצלט אין אַ סך דורות פריער; אַז מיר, אין אונזער דור, זענען לעגיטימער המשך פון ייִדישער גייסטיקייט. די אַזוי גערופענע העבראַעיסטן, אין פאַרביטערטן פּרוכטלאָזן קאַמף פון „יענע" יאָרן, האָבן עס געלייקנט; פּונקט ווי די אַזוי־גערופענע ייִדישיסטן זענען אַוועק צו אַנדערע עקסטרעמען. אָבערביידע האָט דאָס לעבן גופא טיילוויז אָפּגעפרעגט. ווי מיר זעען, איז ס׳לעבן שטאַרקער פון אידעאָלאָגישע באַהויפּטונגען. אפילו אינעם נייעם ישראל הייבט זיך עס שוין אָן צו מערקן. אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

המשך פון ייִדישע גייסטיקע ווערטן — דאָס דרינגט אַרויס פון כמעט אַלע אַרבעטן אין דעם בוך, וואָס גיט אַ צמצומדיקן קווערשניט איבערן שאַפן פון ייִדישע שרייבער אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר. אַז דאָס תוכיקע וועט בלייבן תוכיק, און דאָס צופעליקע, דאָס אַנגעווייעטע פון צייט־שטרייטן, וועט אָפּפאַלן, וועלן מיר אַלעמאָל געפינען דערין אָט דאָס „אייגנס" פון ל. דאָמאַנקעוויטש, און במילא דאָס „אייגנס" פון ייִדישער גייסטיקער שאַפונג.

מ. וואַלדמאַן

דער שרייבער און זיין שליחות
(צו דער צווייטער יאָרצייט פון לייזער דאָמאַנקעוויטש)

דאָס דערשיינען פון לייזער דאָמאַנקעוויטש אין דער יידישער ליטע־ראַטור איז געווען איבעראַשנדיק. ער איז תיכף דערזען געוואָרן ווי אַן ערנסטער עסייאיסט, וועמענס שרייבן איז שליחות. אַזוי איז געשען ווען ער האָט זיינע עסייען געדרוקט אין י. עפרויקינס „קיום" און האָט זיך מאַני־פעסטירט אין דער ריכטונג — תיכף נאָך דער מלחמה — פאַר באַנייטער יידישקייט. דאָס איז אוודאי בולט געקומען צום אויסדרוק ווען דאָמאַנקעוויטש האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ביכער.

שוין אין זיין „פון אַקטועלן און אייביקן" ליגט די שווערקייט אויפן אייביקן, וואָס איז אין דער פאַרוואָרצלונג; איז דער יסוד אויף וועלכן מיר בויען אונדזער המשכדיקע אַנטוויקלונג. דאָס איז די אויסשטראַלונג און די באַלייכטונג. עס מיינט נישט דאָס זעלבע. אויסשטראַלונג מיינט דאָ ווי אַ געשיכטלעכע דערפאַרונג, וואָס אירע גייסטיקע ווערטן גיבן אַ יסוד אונד־זער היינטיקייט. דער דאָזיקער יסוד גיט אויך אַ ריכטונג וואוהין מיר דאַר־פן צילן און קומען.

לייזער דאָמאַנקעוויטשעס דרך איז געגאַנגען אין דער דאָזיקער ריכ־טונג. באַהערשט פון אור־קוואַליקן, יידיש־גייסטיקן מקור, האָט ער געפונען דעם באַשייד, דעם אייגענעם פשט, פאַר דעם אַקטועלן, וואָס מוז קריגן אַ פאַרענטפער און אַ ריכטונג. דאָמאַנקעוויטש האָט אים געקריגן. זיין שע־פערישער גייסט האָט ליכטיקער אַרויסגעהויבן און באַלויכטן אַ סך פראָ־בלעמען, אָריגינעל פאַרטיפט.

ל. דאָמאַנקעוויטש

צוויי השפּעות טראָגט דאָמאַנקעוויטשעס שאַפן אין זיך — די אַלט־יידישע, פון רעליגיעז־שטייגערישן און ניי־יידישע פון וועלטלעך־נאַציאָנאַלן וועלט־באַנעם. ער האָט צוויי נערונגס־קוואַלן וועלכע האָבן אים געבראַכט צו אַ סינטעזע פון באַנייטער יידישקייט, באַזירט אויף דער טראַדיציע פון אַלע גייסטיקע יידישע ווערטן. און ביי אים איז טיף אונטערגעשטראָכן דאָס יידישע, ווי אַן עיקר — אי פון וואַנען צו שעפּן און אי מיט וואָס זיך צו נערן און שטאַרקן ביים פאָרמירן אַן אייגענעם דרך.

אין דערמאָנטן בוך „פון אַקטועלן און אייביקן" איז פאַראַן אַן עסיי וואָס איז געבויט אויף אַלטע אמתן, אָבער מיט אַ באַנייטן אויסטייטש. „דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אינעם יידישן וועלט־באַנעם" — אַזוי הייסט דער עסיי. גיט אונז דער פאַרטיפטער עסייאיסט אַ זייער אינטערעסאַנטע פאָרמולירונג, וועגן גורל־באַשטימונג פון יידישן פאָלק, וואָס האָט פריייוויליק אויף זיך גענומען די עולן און מצוות וועלכע האָבן אונדז דערפירט צו דעם באַזונדערן אָרט אין דער וועלט פון פעלקער. אַן אָרט וואָס איז געוואונען געוואָרן דורך אַ כסדר שטרעבנדיקער אידייע פון הומאַנעם אויפנעמען די דערשיינונגען פון לעבן און דורך דעם בויען דאָס אייגענע לעבן — מיטן געזעץ פון די עשרת הדברות.

דעם דאָזיקן עסיי הייבט דאָמאַנקעוויטש אָן מיט דער אַנטפּלעקערישער פאָרמולירונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון די צוויי השפּעות פון וועלכער דער שרייבער איז אַרויסגעוואַקסן און אין זיי אויסגעוואַקסן.

„צי גאָט האָט טאַקע געמאַכט פון די בני־ישראל זיין אויסדערוויילט פאָלק — שרייבט דאָמאַנקעוויטש — אין דעם האָבן מיר אַ רעכט מסופק צו זיין — עס וואָלט איבעריקנס געווען אַ קנאַפּער פאַרדינסט אַזאַ במתנה־דיקע בחירה. עס קאָן אָבער קיין ספק נישט זיין, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט באַלד אין סאַמע אָנהייב פון זיין אויפטריט אויף דער פעלקער־אַרענע אויסדערוויילט גאָט ווי אַ נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אידייע, ווי אַן אידעאישן און עטישן וועלט־באַנעם".

האָבן מיר אין דער דאָזיקער פאָרמולירונג אַ תוכיקן שטריך פון דאָמאַנקעוויטשעס אויפנעמען די וועלט דורך זיין יידישער פּריזמע. מיר זעען

דורך דעם אויך די אָנגעצייכנטע הויפּט־שטריכן פאַר דער יידישער שלי־חות וואָס האָט דאָס פאָלק פאָרמירט און געגעבן אַ גייסטיקן פּרצוף. אָבער די דאָזיקע שליחות פאַר זיך גופא, צו געפינען אַן „אידעאישן און עטישן וועלט־באַנעם" האָט דעם פאָלק געקאָסט טייער. דורך דורות באַצאָלט דער־פאַר אַ בלוט־אָפּצאָל, געוואָרן געפּייניקט מיט פּיין און נגישות.

אויף וויפל דער שרייבער האָט אויך אין זיין שאַפן באַשטימט דעם דרך פאַר זיך גופא — דאָס לייענען מיר אַרויס פון אַלע זיינע עסייען אָדער קריטישע אָפּהאַנדלונגען. ער איז באַלאָדן מיט יידישע פּראָבלעמען וועלכע זוכן אַ תיקון — אויף וועלכע ער באַמיט זיך געבן זיין תשובה. ער איז דער שטענדיקער לערנער און טייטשער, וועלכער איז אויך געבענטשט צו זיין דער געפינער. און געפינער מיינט — שעפערישער גייסט וואָס ברענגט דאָס ניי־אַנטפּלעקערישע דורך אַ נייעם באַשייד פון אַן אַלטן פּראָבלעם.

גראָד אַזוי ווי ער איז געווען דער פּאַרטיפּטער אַריינטייטשער אין פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אַזוי איז ער עס אויך געווען אין דער קריטיק איבער ליטעראַטור. און דאָ איז ער נישט געווען דער מיטגייער אויף אַן אָנגעצייכנטען דרך, דורך אַ צווייטן שרייבער, נאָר — אַליינגייער. ווייל געזוכט האָט ער אויף אַן אייגענעם וועג — אַן אייגע־נע אַנטפּלעקונג. אים האָט דאָס ווערק פון אַ שרייבער, אין רוב פאַלן, אינספּירירט, געברענגט צו אַליין־שעפערישקייט.

מיר קענען אין דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע קריטיקער־עסיי־איסטן, וואָס דער אָביעקט — דאָס ווערק אָדער שרייבער — איז פאַר זיי נאָר אַן אויסרייד. אַ פּרעטעקסט. ריכטיקער געזאָגט: אַ שעפערישער אַנ־רעג אַרויסצוברענגען אַן אייגענעם געדאַנק, אַנטפּלעקן אַן אייגענע וויזיע.

ווען דאַמאַנקעוויטש שרייבט איבער דער קריטיק פון יעקב גלאַט־שטיין, הערן מיר דאָרט אינטערעסאַנטע געדאַנקען, אי וועגן דעם שריי־בער און אי וועגן דעם מעטאָד פון זיין אויפנעמען און אַרויסברענגען אַן אייגענע וועלט. קומט דאַמאַנקעוויטש טאַקע צום אויספיר: „סוף־כל־סוף טוט דאָך דער מענטש נישט עפּעס אַנדערש מיט אַלע זיינע רייד און מח־שבות, ווי פאַרטייטשן זיך אַליין. און דורך וועמענס מויל ער זאָל נישט רעדן, רעדט ער אַלץ זיינע אייגענע רייד" (**אונדזער קורסיוו — מ. וו.**).

ל. דאָמאַנקעוויטש

דאָס איז אַ שליסל צו די אייגענע טירן. דאָס איז אַ באַלויכטונג פון אייגענעם וועג. איז דאָמאַנקעוויטש טאַקע, אינעם רוב פון זיינע עסייען, דער שרייבער וואָס לאָזט הערן זיין קול. לאָזט אונדז הערן אַ געדאַנק, אָפּטמאָל איבעראַשנדיק אין זיין דעפיניציע.

אין די עסייען פון אַן אַלגעמיין יידישן כאַראַקטער ברענגט אונדז יעדע עפּאָכע אַ נייעם באַשייד פאַר פאַרשידענע דערשיינונגען. אַנדערש און שווערער איז ווען מען קומט צו אַ שרייבער, וועלכער איז פון דער צייט שוין קאַנאָניזירט. האָט שוין זיין אָרט אויפן פּיעדעסטאַל. און דווקא דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן ביי דאָמאַנקעוויטשן נייע געדאַנקען. אָריינטייטשן און אויסטייטשן, וועלכע זענען דער רעזולטאַט פון אַן אייגענער באַטראַכטונג — אויף אַ נייער דערפאַרונג. אַזוי קען ער, למשל, אין דער דיסקוסיע פון יידיש און העברעאיש, טון אַזאַ אויפלייכטנדיקן זאָג אין איין זאַץ:

„העברעאיש האָבן מיר געהיטן. יידיש האָט אונדז געהיטן".

קלאָר און שאַרף און ווי טיף איבערצייגעוודיק.

און אַזוי וויטער אַריינקומענדיק אין דער געדאַנקען־וועלט פון שרייבער־דענקער, טייטשט ער פאַר אונדז „ביאַליקס וועג צום פאָלק, וואו ער קומט צו אַזאַ ליכטיקן געדאַנק:

"עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ שייכות צווישן הערצלען און פּרצן, אָבער ער איז יאָ מעגלעך מיט ביאַליקן אַלס פאַרבינדונג־שטריך. דאָס פאַר־בינדן מיר זיי אַלע דריי, ווייל עס איז שווער צו טראַכטן וועגן אַ באַנייטער יידישער מדינה אָן הערצלען, וועגן אַ באַנייט יידיש פאָלק — אָן ביאַליקן, וועגן אַ באַנייטן יידישן מענטש — אָן פּרצן".

דער פּוילישער ייד פון קרושניעוויץ, מיט דער השפּעה פון שעפּערישן לאָדזש, וואָס האָט זיך געוואָרעמט אין אַ וועלטלעכער חסידות, וואָס פּרץ האָט געהאַט זיין השפּעה דערויף — ער האָט דעם דאָזיקן דריי־בונד — אַ פאַראייניקונג — ריכטיק געזען און געמוזט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַזוי פאַרבינדן.

דער ייד פון אַ טיפערער יידישער טראַדיציע, פאַרוואָרצלט אין דער

גייסטיק־שעפערישער ספערע פון דער „גאָלדענער קייט”, ווי אַ סימבאָל פון אונדזער דורותדיקן יחוס, האָט מיט פולער קלאָרקייט זיך געשראָקן פאַר געוויסע שפּרונגען וואָס מען וויל מאַכן אין דעם יידישן המשך־גאַנג און שאַפן אַ חלל. ער האָט זיך געשראָקן אַז טייל רינגען אין דער קייט זאָלן חלילה נישט פעלן — און פאַרלוירן גיין, וואָס דעמאָלט הייבט זיך אָן די טראַגישע לייזיקייט. דערפאַר רעדט דאַמאַנקעוויטש אַזוי קלאָר אין דאָזיקן עסיי, וועגן „אַלט־ניי”, ווי אַ בריק, ווי אַ יסודותדיקע פאַרבינדונג פונעם עבר — אין אַלע תקופות — צו אַ שעפערישער באַנייאונג, אין די היינטיקע ווי אין די קומענדיקע טעג פון נאַציאָנאַלן זיין.

אַרומרעדן גענויער, באַהאַנדלען דאָס ווערק פון דאַמאַנקעוויטשן, דאַרף מען אָנקלאַפּן אין אַ ברייטער גאַמע פון פּראָבלעמען. ווייל אויך אין דער אָפּשאַצונג פון שרייבער ווערן ביי אים אַרויסגעהויבן פּראָבלעמען.

ווילן מיר נאָך דערמאָנען אין עסיי וואָס איז אַנגערעגט געוואָרן פון אַ באַזוך אין ישראל, ווען מיר זענען דאָרט געווען פאַרבעטן, אין האַרבסט 1947, זעקס שרייבער פון פּאַריז. אַן אָפּקלאַנג פון דאָזיקן באַזוך געפינען מיר אין דאַמאַנקעוויטשעס עסיי „טוביה און מנחם מענדל אין אַ נייעם גלגול”. און ווידער האָבן מיר דאָ אַ נייעם אָריינטייטש און אויסטייטש פון כאַראַקטער־געשטאַלטן אין דער יידישער סביבה און סימבאָלן אין דער יידישער ליטעראַטור. געשטאַלטן וועלכע האָבן אין אַן אַנדער ווירקלעכקייט געהאַט אַן אַנדער פונקציע און אַנדערע אויסשטראַלונג. אויב טוביה און מנחם־מענדל האָבן אין פרעמדער שכנהשאַפט געאַקערט רוי־ערד און געבויט שלעסער אין דער לופטן, וואָס אַ בייזע רעאַליטעט האָט געבערענגט צו ברוטאַלער צעשטערונג, הייבט דאַמאַנקעוויטש אַרויס די אומוואַנדלונג, די רעאַליטעט וועלכע גיט אָנשפּאַר.

לאָמיר לאָזן רעדן דעם מחבר אַליין:

„טוביה האָט געשאַפן דעם קיבוץ מיט זיין תמימות און מיט זיין צולייגן אַ האַנט ביז דער נס וועט קומען. מנחם־מענדל האָט דערשמעקט המצאה. ער בויט שטעט אויפן זאַמד. און אַ שווערע מלחמה גייט אָן צווישן אים און די זאַמדן פון מדבר, וואָס ווילן זיך נישט לאָזן פאַריאָגן. וואו נאָר אַ חלל צווישן צוויי מויערן, קומט ער, דער מדבר־זאַמד אָנצופליען, אָבער

ל. דאָמאַנקעוויטש

מנחם־מענדל פאַריאָגט אים, פאַרבויט אים מיט שטעט, מיט פאַרטן, מיט פאַבריקן. נאָר אַ מנחם־מענדל מיט דער נאַטירלעכער רגילות צו שאַפן אַ יש מאין איז דערצו מסוגל״.

פון יענער צייט ווען דער דאָזיקער עסיי איז געשריבן געוואָרן, האָט ישראל אַדורכגעמאַכט אַ ריזיקע אַנטוויקלונג, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט נישט־ווייניק נייע דערפאַרונגען. דערגרייכונגען און קריזיסן אויך. אָבער דער כאַראַקטער־שטריך פון ישראלדיקן מענטש צום פאַרמעסט פון באַנייאונג און פאַרוואָרצלונג, איז געבליבן דער יסוד פון דער נייערווירקלעכקייט.

אין די שווערע טעג פון יידישער ווירקלעכקייט, לערנען מיר ווידער אַ פרשה יידישקייט אין זיינע ווערק, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דור־רותדיקער דערפאַרונג פון אַ מאָדערנעם ייד — מיט אַ טיפער אמונה אין אייביקייטס־ווערטן פון יידישן גייסט און יידישער עקזיסטענץ.

מיכאל באָרוויטש

אויף די וועגן פון יידישן געדאַנק

(פראַגמענט)

די זאַמלונגען פון אַקטועלע זשורנאַל־אַרטיקלען האָבן שוין זייער טראַדיציע און — ליטעראַריש — שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ ספּעציפישן זשאַנער. די מחברים פלעגן בכיוון אַריינגעבן זייערע אַרבעטן אין בוך אין דער זעלבער אָרדענונג און אין דער זעלבער פאָרם, ווי זיי זענען געווען אָפּגעדרוקט צום ערשטן מאָל אויף די שפּאַלטן פון אַ צייטונג. עס פּאַסירט דעריבער, אַז דער טעקסט פון אַזאַ זאַמלונג אַנטהאַלט קלענערע, אָדער גרעסערע סתירות און סימנים פון דער זשורנאַליסטישער איילעניש, אָדער פון מאָמענטאַלע שטימונגען. דערפאַר אָבער שפּיגלט אָפּ אַזאַ בוך דאָס לויפיקע לעבן און דעם ריטם פון אַקטואַליטעט.

ל. דאָמאַנקעוויטשעס איינשטעלונג איז אַן אַנדערע: הגם פאַרבונדן מיט דער זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק פאַר זיין בוך איבערצואַרבעטן זיינע עסייען. דערגענצן זיי, פונאַנדערבויען, מאַכן פון זיי אַן אָפּקלייב. דער דאָזיקער אָפּקלייב איז אַ כאַראַקטעריסטישער: אין דער צייטונג באַריכטעט דאָמאַנקעוויטש כסדר וועגן די ניי־דערשינענע ביכער, אָבער אין זיין זאַמלונג וועט איר לחלוטין נישט געפינען אַרטיקלען, געווידמעט אויסשליסלעך אַ באַשטימטן בוך. אויסנאַמען? יאָ, עס איז אמת: פאָרמעל זענען זיי יאָ פאַראַן. אין יעדן פון די דאָזיקע פאַלן האַנדלט זיך אָבער וועגן עפּעס מער ווי בלויז וועגן אַ רעצענזיע. דאָמאַנקעוויטש גיט צ. ב. אַ באַריכט פון מאַרטין בובערס אַ בוך איבער „וועגן אין דער אוטאָ־פיע". אָבער דאָס דאָזיקע ווערק גיט אים אַ מעגלעכקייט צוצוואַרפן אַ

ציגל צו זיין אייגענעם געדאַנקען־בנין. דאָס זעלבע איז צו באַמערקן אין זיין אַרטיקל וועגן י. עפּרויקינס סטודיע א״ב: „אויפקום און אומקום פון יידישע שפּראַכן און דיאַלעקטן״. ער שטעלט זיך אָפּ אויף מ. ראַוויטשעס פּראָיעקט וועגן דער חתימה פון אַ נייעם תנ״ך, בכדי — שטיצנדיק זיך אויף ראַוויטשעס איניציאַטיוו — פאָרמולירן אייגענע מסקנות וועגן אַן אָפּקלייב בס״ף (בבל, ספרד, פּוילן). אין צוזאַמענהאַנג מיט אָפּאַטאָשוס „יידן־לעגענדע״ און „רבי עקיבא״ מאַכט ער אַן אויספיר וועגן דעם דאָזיקן שרייבערס „קינסטלערישע קאָנסטרוקציע פון היסטאָרישער יידישקייט״.
דער אַרטיקל וועגן שלום אש׳ס „משה״ איז אַ מין אַריינפיר צו אַ צווייטן עסיי, דאָס מאָל וועגן שלום אַש דעם „אמונהלאָג״ און בפרט וועגן די דרכים צו זיין קריסטלעך־מיסיאָנערישער איינשטעלונג; בכדי אויפצוקלערן דעם דאָזיקן וועג, פירט אַריין דאָמאַנקעוויטש אין זיין עסיי אַ בינטל זכרונות פון זיין אייגענער געבורטס־געגנט, און די זכרונות ווידער געבן אים אַ מעגלעכקייט צו דעפינירן די צוויי פאַרשידענע קוואַלן פון שלום אש׳ס אינספּיראַציע: פון איין זייט די לעבנדיקע ווירקלעכקייט און מצד השני די איזאָלירטע און דעריבער קונציקע פאַלש־פונאַנדערגעבויטע „פּראָבלע־מען״.

***

הגם ער איז קודם כל אַ ליטעראַטור־קריטיקער, עפנט דאָמאַנקעוויטש זיין בוך נישט מיט ליטעראַרישע אַרטיקלען, נאָר דווקא מיט „סאָציאַלע עסייען״. אַן אַנדער זאַך, אַז אויך דאָרט בלייבט ער הויפּטזעכלעך אַ ליטע־ראַט, וואָס ווערט צוגעצויגן אין דער ערשטער ריי דורך די קולטור־ענינים און דורך די פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן. ער שרייבט צום ביישפּיל וועגן דער פּאַראַדאָקסאַלער דערשיינונג, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די פּאַריזער „יעווּ־סעקן״. דאָס איז אַ פּאָליטישע פראַגע, אָבער אַן אויפקלערונג (און — אגב — זייער אַן אינטערעסאַנטע אויפקלערונג) פאַר דעם דאָזיקן פּראָבלעם גע־פינט דאָמאַנקעוויטש אין די פּסיכאָלאָגישע און אין די קולטור־פאַקטאָרן.

דער נאָמען „סאָציאַלע עסייען״ (געגעבן דער ערשטער אָפּטיילונג אין זיין זאַמלונג) איז איבעריקנס נישט אין גאַנצן געני. דאָס זענען גי־כער היסטאָריאָזאָפישע באַטראַכטונגען — אַ פּרווו צו דעפינירן די הויפּט־

שטריכן און די הויפּט־טענדענצן פֿון יידנטום, באַצייכנט אַלס אַ פּריוויליק אָנגענומער וועלט־באַנעם.

... דאָמאַנקעוויטשעס אויספֿיר' וועגן תנ״ך: עס איז נישט וויכטיק (זאָגט ער) צי די אַלע געשעענישן זענען פֿאָרגעקומען גענוי אַזוי ווי עס דערציילט דער תנ״ך. וויכטיק איז דאַקעגן דאָס, אַז די יידן האָבן געוואָלט גלויבן דעריין, און געבויט דערויף זייערע נאַציאָנאַלע מיטאָסן: — אין דער מיטאָלאָגיע — שטרייכט ער אונטער — דריקט זיך אויס די נשמה פֿון דעם פֿאָלק, זיינע אַספּיראַציעס, זיין ספּעציפֿישקייט. און דעריבער: נישט דער גלות איז גורם געווען די יידישע אַנדערשקייט, נאָר פֿאַרקערט — דווקא די יידישע אַנדערשקייט האָט פֿאַראורזאַכט דעם גלות. וואָלטן די יידן, ווי אַנדערע פֿעלקער, געווען אַזוי גרייט איבערנעמען דעם גלויבן פֿון די זיגער (אין געגעבענעם פֿאַל פֿון די רוימער), וואָלט דאַן דער גלות נישט אָנגעהאַלטן.

אַ היסטאָריקער און אַ סאָציאָלאָג וואָלטן מסתמא געהאַט זייערע באַוואָרענישן צו דעם דאָזיקן אויספֿיר. זיי וואָלטן געזאָגט: — עס איז טאַקע אמת, אַז אין דער מיטאָלאָגיע פֿון אַ פֿאָלק, דריקט זיך אויס זיין נשמה, אָבער — צוריקגעשמועסט — איז דאָך די מיטאָלאָגיע אַליין אַ רעזולטאַט פֿון פֿאָלקס־היסטאָרישע דערפֿאַרונגען.

... אַלס קריטיקער איז דאָמאַנקעוויטש לאָיאַל; ער באַריכטעט יעדעס מאָל וועגן דעם געגעבענעם בוך, פּרובירט צו פֿאַרשטיין און גיט איבער דעם מחברס געדאַנקען; עס באַקומט זיך אָבער אַן איינדרוק, אַז אין דער לעצטער אַנאַליז, איז פֿאַר אים נישט אַזוי וויכטיק צי דער געגעבענער מחבר האָט געהאַט אין זינען גענוי אַזאַ און נישט קיין אַנדערן אויסטייטש. וויכטיק איז, אַז עס לאָזט זיך אַזוי אויסטייטשן. און „אויסטייטשן" הייסט פֿאַר אים — אַריינגלידערן דאָס געגעבענע ווערק אין דעם אַלגעמיינעם, געשיכטלעכן שטראָם און דעפֿינירן זיין פֿונקציע.

ביאָגראַפישע שטריכן

לייזער דאָמאַנקעוויטש איז געבוירן געוואָרן דעם 10־טן אָקטאָבער 1896 אין קרושניעוויץ נעבן קוטנע, אין אַ חסידישער משפחה. געלערנט אין חדר און ישיבה ווי אויך וועלטלעכע לימודים ביי פּרוואַטע לערערס. אָנגעהויבן שרייבן אין העברעאיש, פֿאַרעפֿנטלעכט קינדער־לידער אין „החבר״ און „פּרחים״, אין ריגע און וואַרשע, אין 1916־1917. געדרוקט עסייען אין דער „הצפירה״, וואַרשע, 1924.

געוווינט האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש אין לאָדזש, אין אַ צייט ווען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט אין דאָזיקן וויכטיקן אינדוסטריע־צענטער זיך צעבליט אַ יידישע קולטור־אַקטיווקייט פֿון הויכער מדרגה. צי דאָס איז געווען אַרום יידישן טעאַטער, דעם „אררט״ פֿון משה בראָדערזאָן, צי אין דער סביבה פֿון דעם העברעאישן און יידישן פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן, אָדער אין ליטעראַרישן סאַלאָן, ביי זיין שוועסטער העלאַ צימערמאַן, דאָרט האָט לייזער דאָמאַנקעוויטש געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפֿן זיך מיט יידישע פּאָעטן, מיט אַרטיסטן און מאָלער, וועגן וועלכע ער שרייבט זיינע ערשטע עסייען; אשכולי — וועלכער פֿאַלט שפּעטער בעתן באַפֿרייאונגס־קריג אין ישראל, אין 1948 ; ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער און יוסף פּאַפּיערניקאָוו, שמעון דזשיגאַן, צי דער מיסטיקער־בטלן „הערשעלע זוהר״ אָדער גאָר יאנקל אַדלער, דער גרויסער קינסטלער, וועמענס ערשט בילד ווערט פֿאַרקויפֿט דורך דאָמאַנקעוויטשעס פֿאַרמיטלונג. . .

אין יאָר 1931 קומט לייזער דאָמאַנקעוויטש קיין פּאַריז מיט זיין פֿרוי באַשע. די ערשטע יאָרן זענען דאָ פֿאַר זיי זייער שווערע. ער ווערט אַ לערער פֿון העברעאיש, זי — אַ שניידערין. צוויי טעכטער ווערן געבוירן, די צווייטע — האַרט פֿאַר דער דייטשער אינוואַזיע. בעתן קריג ווערט די פֿאַמיליע צעשיידט. לייזער איז אַרעסטירט געוואָרן אין ליאָן און בלייבט עט־

נצח יידישקייט

לעכע חדשים אין תפיסה. צום גליק — אין דער אָפּטיילונג פאַר קרימינע־לע פאַרברעכער. אין 1944 געפינט זיך די משפחה צוריק אָפּ אין פּאַריז, ווו עס הויבט זיך אָן פאַר דאַמאַנקעוויטשן דער וויכטיקסטער און רייכסטער פּעריאָד אין זיין לעבן.

אַלס ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער־וואָרט", באַווייזט ער זיין טאַלאַנט אויך אַלס עסייאיסט און דורכדרינגלעכער ליטעראַטור־קריטי־קער. אין יאָר 1949 טרעט ער אַריין אין דער רעדאַקציע פון פּאַריזער „אונ־זער וואָרט", ווו ער פאַרעפנטלעכט טעגלעך אַרטיקלען, פעליעטאָנען, און אויך די וועכנטלעכע עסייען, געווידמעט אין גרעסטן טייל דער חסידישער און יהדות־טעמאַטיק, אין וועלכער ער באַווייזט גרויס בקיאות. ווען אין פּאַריז ווערט געשאַפן די אָפּטיילונג פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס", ווערט ער איינער פון די צוויי סעקרעטאַרן, צוזאַמען מיט יחיאל גיימאַן, ווי אויך מיטרעדאַקטאָר פון „קולטור־ידיעות" — פּאַריז 1949 — 1952. שפּעטער אויך מיטרעדאַקטאָר פון פּאַריזער אַלמאַנאַך, 1955. לאַנגע יאָרן געווען סעקרעטאַר פון דער יידיש־סעקציע ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס".

נאָכן רעדאַקטירן אַ ריי יאָרן די ליטעראַרישע ביילאַגע פון „אונזער וואָרט", ווערט ער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, פון 1955 ביז 1966. די פּאָליטישע אַרטיקלען זיינע פלעגט ער אונטערשרייבן מיטן פּסיידאָנים נחומי, נאָכן נאָמען פון זיין פאָטער נחום. דורך „אונזער וואָרט" האָט ל. דאָ־מאַנקעוויטש באַוויזן אָנצוקניפּן אַ דירעקטן, טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דער „יידישער גאַס" און צו געפינען אויך אַ סענטימענט־פאַרבינדונג מיט זיינע לייענער, פאַר וועלכע ער באַמיט זיך אַרויסצוהייבן יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָ־בלעמען און זיי אַרויפברענגען צו אַ העכערן ניוואָ פון טראַכטן. ס׳פלעגט טרעפן, נישט זעלטן, אַז לייענער האָבן אים פאַרהאַלטן אויף דער גאַס, כדי אים צו דאַנקען פאַר זיין לעצטן שבתדיקן פעליעטאָן.

ליטעראַרישע עסייען האָט ער פאַרעפנטלעכט אויך אין „די צוקונפט" און אין „די גאָלדענע קייט". אין בוכפאָרם זענען זיינע עסייען דערשינען אין 1950 — „פון אַקטועלן און אייביקן" און אין 1961 — „צעשאָטענע קערנער". אין יאָר 1965 איז אין תל־אביבער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג דערשינען

ל. דאַמאַנקעוויטש

זיין בוך „ווערטער און ווערטן" — אַן אָפּקלייב פון ליטעראַטור־קריטיק און עסייען וועגן סאָציאַלע און קולטור־פּראָבלעמען.

לאַנגע יאָרן איז ל. דאַמאַנקעוויטש געווען פאַרוואַלטונגס־ און פּרעזי־דיום־מיטגליד פון פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך.

⁂

אַ גרויסע צאָל פון דאַמאַנקעוויטשעס עסייען פון באַזונדערס הויכער ליטעראַרישער קוואַליטעט האָבן פאַרדינט אויף מער דויערהאַפטיקייט, ווי ס'איז געוויינלעך דער גורל פון צייטונגס־אַרטיקלען. האָט דער־יבער באַשע דאַמאַנקעוויטש, מיט אויסערגעוויינלעכער געטריישאַפט און איבערגעגעבנ־קייט, צונויפגעזאַמלט אָט די עסייען, וועלכע דערשיינען דאָ צווישן די בוך־טאָוולען. אויסגעקליבן זענען געוואָרן די טעקסטן, וועלכע רעפּרעזענטירן דאַמאַנקעוויטשעס פּילפּאַכיקן טאַלאַנט, באַווייזן זיין ערודיציע אין די גע־ביטן פון יהדות און חסידות, ווי אויך פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַ־טור. אַ דאַנק זיין ספּעציפישן סטיל און לייכטן הומאָר, איז זיין ליטעראַ־טור־קריטיק נישט באַשווערט דורך פּעדאַנטישקייט, נאָר זייענדיק צוטריט־לעך פאַר אַלע, שאַפט זי ביים לייענער אַן איינדרוק אַז ס'איז גאַנץ לייכט צו פאַרשטיין אַ ליטעראַריש ווערק אָדער אַ חסידישע ממרא.

אינהאלט

פוילן מיין אַמאָליקע היים — לאָדזש מיין שטאָט

1945 אין יידישן לעבן 1
לאָדזש מיין שטאָט 4
לאָדזש, אַן אויטאָביאָגראַפיש קאַפּיטל 7
ד״ר אהרן זאב אשכולי 12
הערשעלע זוהר 18
„סאָקראַטעס״ פון קאַליע־גאָרטן 22
ישראל ישעיה טרונק ז״ל 25
לאָדזש — איר אויפשטייג און אונטערגאַנג 29

ליטעראַטור — די רעליגיע פון היינטיקן ייד

חסידות און ליטעראַטור — „בלי־תקופה פון דער השכלה״ . 38
אויסגעפונענער לעצטער באַנד פון י. צינבערגס ווערק . . 50
צו וואָס אַ פרץ־יאָר איז מחויב 56
צו דער דערעפענונג פון שלום־עליכם־יאָר 59
ח. נ. ביאַליק און די השפעה אויף זיין דור 61
שמעון דובנאָווס 25־טער יאָרצייט 65
שלום אַש 70
אין דער מחיצה פון שלום אַש 75
נאָך וועגן שלום אַשן 79
אברהם רייזען דער פּראָזאַאיקער 82
„ד אָ ר ט ן״ 86
„משפּחה „אָרטשיק״ פון ד״ר שלמה ביקל 90
פון חורבין ביז חורבן 95

מרדכי חסיד'ס לידער 99
„דער קנעכט" — ראָמאַן פון יצחק באַשעוויס 102
הערץ גראָסבאַרד, דער פאַרטייטשער און אויסטייטשער . . 107

יידישע ימים־טובים — און יידישע קולטור

די ראָל פון די יידישע ימים־טובים אין אונזער חינוך
און אין אונזער קולטור 113
דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען 116
פסח 1963 120
ליל התקדש החג (צוויי דערמאָנונגען) 123
מתן־תורה — אַקט פון גייסטיקער באַפרייאונג 127
... כדי אייערע דורות זאָלן וויסן, אַז אין סוכות האָב איך
באַזעצט די בני־ישראל 130
אבן גבירול „כתר מלכות" 133
דער נביא־ווידערשפעניקער 137
ק ה ל ת 140
קהלתדיקע געדאַנקען 144
די מיסטעריע פון ישראל 150
ירושלים און אַטען 147
על הנסים ועל הגבורות 152
מגילת אסתר — אויפן פאָן פון תנ"ך און געשיכטע 156

אַלט־ און ניי־לאַנד

מדינת־ישראל — אַ בן־זקונים 161
מדינת־ישראל — א גייסטיקער צענטער 164
דאָס גייסטיקע פנים פון ישראל 167
דאָס אַלטע פאָלק און זיין באַנייט לאַנד 171
דער באַזונדערער גאַנג פון יידישן פאָלק צו זיין לאַנד . . . 175
אונזערע אויגן און הערצער צו ציון 179
אַ שפּאַציר איבער גליל און עמק־יזרעאל 183
תל־אביב — יפו — אַ צווילינג פון נישט גלייכן עלטער . . 187

טויט און לעבן אויף די וועגן פון סדום 194
אויבנאויפיקע אויספירן 198
אין די קולוואַרן פון ישראל 200
געקומען, געזען און באַזיגט געוואָרן 205
ישראל: אַלגעמיינע איינדרוקן און קאָנקלוזיעס 208
ווען מען האָט אין ישראל געפייערט דעם 18־טן יום־העצמאות 210
דוד בן־גוריון 213
דוד בן־גוריון געזען דורך זיין ביאָגראַף 217
שארית „בונד" אין ישראל 222
זאמלען פאַרשטויסענע יידן און באַהעפטן גרים — פראָפעסאָר
ישראל בן־זאב 224
דיאַלאָג צווישן די תפוצות און ישראל 228
דער באַדייט פון פייערן פורים 231

די גייסטיקע יניקה פון יידישן פאָלק

די איינזאַמלונג פון יידישקייט 237
פון ווידערשטאַנד אין געטאָ ביז צום באַשולדיקונגס־אַקט
אין ירושלים 241
„בארג־חורבן" 245
ביבל און בבל 249
תנ"ך־אילוסטראַציעס פון מאַרק שאַגאַל 253
דער רמב"ם און זיין באַדייט 258
אַ וואָרקער אייניקל דערציילט 262
מאַרטין בובער — רעליגיעזער און סאָציאַלער דענקער . . 267
אמת און טענדענץ אין דער געשיכטע 272
שטאָט און דאָרף 276
אַ שלינגער פון גאָטס וואָרט אין אַ תפיסה פון פראַנקרייך . 279

לייזער דאַמאַנקעוויטש אין זיין דור

ד"ר ל. זשיטליצקי — לייזער דאַמאַנקעוויטש אין זיינע
„ווערטער און ווערטן" 285

MAR 1 0 1983

ד״ר שלמה ביקל 291

מלך ראַוויטש 295

יעקב גלאַטשטיין 298

מענדל מאַן 304

משה גראָסמאַן — ווערטער מיט פליגל 306

יצחק יאַנאַסאָוויטש — לייזער דאָמאַנקעוויטש ז״ל 307

יחזקאל קאָרנהענדלער 312

א. דערטשאַנסקי 314

בנימין שלעווין — דאָס אייגנס פון „ווערטער און ווערטן״ . 317

משה וואַלדמאַן 319

מיכאַל באָרוויטש — אויף די וועגן פון יידישן געדאַנק . . . 325

ביאָגראַפישע שטריכן 328

4942-86-4